STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08041

EKSODUS

Leon Uris

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן יוריס

עקסאָדוס

(יציאת אייראָפּע)

ראָמאַן

יידיש: בר. לעוויטאַן

פאַרלאַג א. ערמוני ושות׳ תל־אביב, רח׳ ברנר 2

דאַנקזאָגונג

ביים זאַמלען מאַטעריאַלן פאַרן בוך „עקסאָדוס" האָב איך דורכגעמאַכט אַ שטרעקע פון אַן ערך 50 טויזנט מייל. די צאָל פון די טאָן־בענדער און אינטערוויוען, די וואָג פון די פאָרשונגס־ביכער און די מענגע פילם־אויפנאַמעס, ווי אויך די סומע פון אויסגעגעבענעם געלט — גיבן אומגעפער די זעלבע הויכע, איינדרוקספולע ציפערן.

אין משך פון צוויי יאָר האָבן הונדערטער מענטשן מיר געשאָנקען זייער צייט, ענערגיע און צוטרוי. איך האָב דערביי געהאַט אַ דאָפּלטן גליק: איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף אומפאַרגעסלעכער הילפס־גרייטקייט און גרעסטן צו־טרוי.

ליידער קאָן איך נישט, צוליב זייער גרויסער צאָל, דאַנקען דאָ יעדן איינעם פון די, וואָס האָבן מיר געהאָלפן. דאָס אויסרעכענען זייערע נעמען וואָלט געסטייעט פאַר אַ גאַנץ בוך.

עס וואָלט מיר אָבער געשיינט צו זיין אַן אומדאַנק־באַרקייט, ווען איך וואָלט נישט אונטערגעשטראָכן די באַ־מיאונגען פון צוויי מענטשן, אָן וועמענס הילף „עקסאָדוס" וואָלט נישט דערזען די ליכטיקע שיין.

איך האָף, אז איך שאַף נישט קיין געפערלעכן פּרע־צעדענס דורך דעם, וואָס איך דאַנק עפנטלעך מיין פאַר־לעגער מאַלקאָלם סטיואַרט. אַדאַנק זיין אומדערמידלעכער עקשנות איז דער געדאַנק וועגן שרייבן „עקסאָדוס" געוואָרן א רעאַלער פּראָיעקט.

איך דאַנק אויך פון טיפן האַרצן דעם הער אילן הרטוב פון ירושלים. ער האָט אָרגאַניזירט מיינע נסיעות, האָט מיך באַגלייט דורך גאַנץ ישראל און איך האָב א סך געלערנט פון זיין גרויסן וויסן וועגן דער טעמע.

דאָס בוך איז געווידמעט מיין טאָכטער קאַרען,
מיינע זין מאַרק און מיכאל —
און זייער מוטער.

דאָס רוב געשעענישן, וואָס ווערן געשילדערט אין „עקסאָדוס" זענען היסטאָריש אויטענטיש און גוט באַקאַנט. אַ סך סצענעס גרופּירן זיך ארום היסטאָרישע עפּיזאָדן.

קאַן זיין, אז עס זענען פאראַן לעבעדיקע מענטשן, וועלכע האָבן אנטייל גענומען אין ענלעכע פּאַסירונגען, וואָס ווערן געשילדערט אין בוך. עס איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אז אייניקע פון זיי קאָנען בטעות אידענטיפיצירט ווערן ווי העלדן פון דאָזיקן בוך.

איך וויל דעריבער אונטערשטרייכן, אז אלע העלדן פון „עקסאָדוס" זענען געשאַפן געוואָרן דורכן מחבר און מען דאַרף זיי אומבאַדינגט באַטראַכטן אַלס ריין פיקטיווע געשטאַלטן.

א יוצא מן הכלל זענען, פאַרשטייט זיך, די יעניקע פּערזענלעכקייטן, וואָס ווערן אָנגערופן מיט זייערע נעמען, ווי צ.ב. טשערטשיל, טרומאַן, פּירסאָן און די אַלע, וועמענס לעבן עס איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער באַזונדערער תקופה.

דאס ערשטע בוך

אויף יענער זייט ירדן

„עד אשר יניח ה׳ לאחיכם ככם,
וירשו גם הם את הארץ אשר ה׳
אלוהיכם נותן להם בעבר הירדן,
ושבתם איש לירושתו אשר נתתי לכם״
(דברים ג׳, כ׳)

„ביז וואַנען גאָט וועט באַרוען אייערע ברי־
דער אַזוי ווי אייך, און זיי אויך וועלן אַרבן
דאָס לאַנד וואָס יהוה אייער גאָט גיט זיי
אויף יענער זייט ירדן; דענסמאָל וועט איר
זיך אומקערן איטלעכער צו זיין אַרב, וואָס
איך האָב אייך געגעבן״.
(איבערזעצונג פון יהואש)

קאַפּיטל 1

נאָוועמבער 1946

ברוכים הבאים אין ציפּערן

דער עראָפּלאַן האָט זיך טרייסלענדיק שווער אַראָפּגעלאָזט, געלאַנדעט אויף דער טראַסע און זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ גרויסן שילד מיט אַן אויפשריפט: Welcome to Cyprus (ברוכים הבאים אין ציפּערן). מאַרק פאַרקער האָט אַרויסגעבליקט דורכן פענצטער און פון דערווייטנס האָט ער דערקענט דעם זעלטזאַם־אויסגעשניטענעם „פינף־פינגערדיקן שפּיץ" פונעם באַרג־קייט אויפן צפונדיקן ברעג פון דער ים־בוכטע. אַן ערך אין א שעה אַרום וועט ער אין אַן אויטאָ פאָרן דורכן דאָזיקן פּאַס קיין קירעניאַ.

ער איז אַריין אין קאָרידאָר, האָט אויסגעגליכן דעם קראַוואַט, אַראָפּגעלאָזט די אַרבל פון העמד און אָנגעטאָן דעם זשאַקעט. — „ברוכים הבאים אין ציפּערן, ברוכים הבאים אין ציפּערן..." ער איז געווען זיכער, אז די דאָזיקע ווערטער, וואָס זענען אים דורכגעלאָפן אין געדאַנק, שטאַמען פון שעקספּירס „אָטעללאָ", אָבער דער פולער ציטאַט איז פאַרשוונדן פון זיין זכרון.

— איר האָט וואָס צו דעקלאַרירן? — האָט דער צאָל־אינספּעקטאָר אים געפרעגט.

— צוויי פונט העראָין און אַ פּאָרנאָגראַפישן אַלבאָם — האָט מאַרק געענטפערט, אַרומקוקנדיק זיך צי קיטי איז נישטאָ.

אַלע אַמעריקאַנער האָבן ליב זיך צו וויצלען — האָט געטראַכט דער אינספּעקטאָר מאַכנדיק דעם צייכן, אַז פּאַרקער איז דורכגעגאַנגען די צאָל־קאָנטראָל. אַ סטויאַרדיסטין פון דער מלוכהשער טוריסטן־ביוראָ איז צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט:

— צי זענט איר מיסטער מאַרק פּאַרקער?

— איך אַנערקען מיין שולד...

— פרוי קיטי פרעמאָנט האָט טעלעפאָנירט. זי האָט גע־לאָזט וויסן, אַז זי קאָן לײדער נישט קומען צום פלי־פּלאַץ און זי האָט געבעטן איר זאָלט פאָרן גלייך קיין קירעניאַ, צום „דאָם־האָטעל". זי האָט דאָרטן באַשטעלט פאַר אייך אַ צימער.

— אַ דאַנק, מיין מלאך. ווו קאָן איך באַקומען אַ טעקסי קיין קירעניאַ?

— איך וועל באַזאָרגן פאַר אייך אַן אויטאָ, מיין הער, דאָס וועט לאַנג נישט דויערן.

— צי קאָן איך דאָ ערגעץ־ווו באַקומען אַ קאָפעאין־טראַנספוזיע?

— יאָ, מיין הער. דער קאַפע־באַר געפינט זיך דאָרטן, אין עק זאַל.

מאַרק האָט זיך אָנגעלענט אין טאָמבאַנק און געגעבן אַ קליינעם שלוק פון הייסן שוואַרצן קאַפע... „ברוכים הבאים אין ציפערן" — ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט דער־מאָנען ווי עס ווערט דאָרט געזאָגט ווייטער אין שעקספּירס „אָטעללאָ".

— זע נאַר! — האָט ער דערהערט נעבן זיך אַ ברילנדע שטימע. — איר זענט מיר שוין אין עראָפּלאַן פאַרגעקומען זייער קענטלעך. איר זענט מאַרק פאַרקער, נישט אמת? איך גיי אין געוועט, אַז איר דערקענט מיך נישט.

דערמאָן זיך פאָלגנדע פרטים — האָט מאַרק אַ טראַכט־געטאָן. דאָס איז געווען אין: רוים, פאַריז, לאָנדאָן, מאַדריד. און איצט די נעמען פון די לאָקאַלן: באַר — „כאָזע". שענק — „דזשעמס", קנייפּע — „זשאַק", און טראַקטיר — „דזשאָר". צו יענער צייט האָט מיך די צייטונג געשיקט איך זאָל צושטעלן באַריכטן וועגן: מלחמה, רעוואָלוציע, אומרוען. אין יענער נאַכט איז ביי מיר געווען: אַ בלאָנדע, ברוינע, רויט־האָריקע (אָדער אפשר איז דאָס געווען די זעלבע פּרוי מיט צוויי קעפּ).

דער מאַן איז געשטאַנען אַזוי נאָענט נעבן מאַרקן, אַז זיי האָבן זיך כמעט ווי באַרירט.

— איך בין דאָך דער זעלבער, וואָס האָט דאַן באַשטעלט מאַרטיני און זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּאָמעראַנצן־זאַפט — האָט דער מאַן אויסגעשריען מיטן גאַנצן כוח פון זיין שטימע, שיינענדיק פון באַגייסטערונג. — און איצט, צי דערקענט איר מיך?

מאַרק האָט שווער אָפּגעזיפצט, א זופּ־געטאָן עטוואָס קאַפע און זיך אָנגעגורט, וואַרטנדיק אויף אַ ווייטערדיקן אויסברוך.

— איך ווייס, אַז איר הערט די דאָזיקע מעשיות צען־דליקער מאָל — האָט דער מאַן ווייטער גערעדט. — פונ־דעסטוועגן וויל איך אייך זאָגן, אז איך האָב באמת הנאה פון אייערע אַרטיקלען. זאָגט מיר, וואָס טוט איר אין ציפּערן? — ער האָט א ווונק געטאָן מיט אַן אויג און שעלמיש א שטויס־געטאָן פאַרקערן צווישן די ריפּן. — איך גיי אין געוועט,

אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ קיצלדיקן ענין. פאַרוואָס זאָלן מיר אייגנטלעך נישט אויסטרינקען צוזאַמען אַ כוסה? איך וווין אין „פּאַלאַס־האָטעל״ אין ניקאָסיאַ. — ער האָט אַריינגעשטופּט מאַרקן אין האַנט אַ וויזיט־קאַרטע. — יאָ, חוץ דעם, האָב איך דאָ אייניקע פאַרבינדונגען, — האָט ער ווידער געגעבן צו מאַרקן אַ פילדייטיקן ווונק מיטן אויג.

— אַנטשולדיקט, מיסטער פּאַרקער, אייער אויטאָ איז שוין דאָ.

מאַרק האָט אָוועקגעשטעלט דאָס שעלעכל אויפן טאָמ־באַנק.

— עס פרייט מיך זייער אייך ווידער צו זען — האָט ער זיך אָפּגערופן צום מאַן און איז שנעל אַרויס. ביים אַרויסגאַנג האָט ער אַריינגעוואָרפן די וויזיט־קאַרטע אין מיסט־קאָרב.

די טעקסי איז אַרויסגעפאָרן פון עראָדראָם. מאַרק האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין ווייכן אָנלען און פאַרמאַכט אויף אַ ווײַלע די אויגן. ער איז געווען צופרידן. וואָס קיטי איז נישט געקומען צום פלי־פּלאַץ. זינט זייער לעצטער באַגעגעניש איז פאַרביי אַ סך צייט, און איצט איז געווען אַזויפיל צו ריידן, זיך אַזויפיל צו דערמאָנען. ער האָט געפילט ווי אַ ציטער גייט אים אַדורך דורכן לייב אויפן געדאַנק, אַז ער וועט זי בקרוב ווידער זען. קיטי — די שיינע, וווּנדערשיינע קיטי. ווען די טעקסי איז דורכגעפאָרן דעם טויער פון עראָדראָם איז מאַרק געזעסן אַ פאַרזונקענער אין זיינע געדאַנקען.

...קאַטעריגע פרעמאַנט. זי איז געווען פאַר אים ווי איינע פון די טיפּיש־אַמעריקאַנישע טראַדיציאָנעלע דערשיינונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן, פּונקט אַזוי ווי „דער מאַמעס עפּל־

קוכן״, הייסע וורשטלעך און די ברוקלינער קוישבאָל־מאַג־שאַפּט „די דאָדזשערס״. קיטי פּרעמאָנט איז געווען ביי אים ווי איינע פון די פּיל־באַקאַנטע, וואָס ווערן באַצייכנט מיטן נאָמען: „דאָס שכנותדיקע מיידל״. זי איז געווען ווי אַ שאַבלאָן פון אַלע אַנדערע מיידלעך אין איר עלטער. זי האָט געטראָגן אָפּשטייענדיקע צעפּלעך, דער פּנים איז געווען פול מיט זומער־שפּרענקלעך, און די ציינער זענען געווען איינגעקלעמט אין אַ מעטאַלענער קלאַמרע. און אין איינקלאַנג מיטן דאָזיקן שאַבלאָן איז אַ געוויסן טאָג פאַרשווונדן פון אירע ציינער די קלאַמרע און אויף אירע ליפּן האָט זיך באַוויזן שמינקע. דער סוועטער אויף איר ברוסט איז בולטער געוואָרן. דאָס „העסלעכע קאַטשקעלע״ ווי אין דעם קינדער־מעשהלע, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א „וווּנדערשיינעם שוואַן״. מאַרק האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין, ווען ער האָט זיך דער־מאָנט איר אויסזען — זי איז דעמאָלט געווען אַזוי שיין, פרייש און ריין.

...און טאָם פּרעמאָנט. טאָם פּרעמאָנט איז געווען אַ צווייטע אַמעריקאַנער טראַדיציאָנעלע „ספּעציאַליטעט״. טאָם איז געווען אַ הויכער, גוט־אויסזעענדיקער בחור מיט אַ יוגנט־לעכן געלעכטער, וועלכער איז געלאָפן הונדערט מעטער אין קנאַפּע צען סעקונדעס. אין קוישבאָל האָט ער געקאָנט אַריינטרעפן מיט דער פּילקע אין קויש פון צען מעטער ווייט. ער האָט ליב געהאַט צו טאַנצן און איז געווען מסוגל צוזאַ־מענצושטעלן מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ פאָרד־אויטאָ פון עלטסטן מאָדעל.

טאָם פּרעמאָנט איז געווען מאַרק פאַרקערס בעסטער חבר פון קינדווייז־אָן. — מיר האָבן זיך מסתמא געחברט פון זינט מיר זענען אָנטווינט געוואָרן — האָט מאַרק אַ טראַכט־געטאָן.

...טאָם און קיטי... עפּל־קוכן און אייז־קרעם... וווּרשטלעך מיט מושטאַרדע... דער טיפּיש־אַמעריקאַנישער מיטעלער מערב פֿון שטאַט אינדיאַנאַ. יאָ, טאָם און קיטי האָבן געפּאַסט איינער צום אַנדערן, ווי רעגן און פֿרילינג.

קיטי איז שטענדיק געווען אַ שטיל מיידל, צוריקגעצויגן אין זיך, מיט אַ לייכטן שימער פֿון טרויער אין בליק. אפֿשר האָט עס נאָר מאַרק אויפֿגעכאַפּט דעם דאָזיקן טרויער, ווייל פֿאַר אַלע באַקאַנטע פֿון איר סביבה האָט זי פֿאַרקערפּערט פֿריידיקע לעבנסלוסט. קיטי איז געווען אַן אויסערסט מוטיק מיידל. זי האָט שטענדיק געהאַלטן דעם רודער פֿון אויטאָ פֿעסט איןביידע הענט, האָט שטענדיק געפֿונען דאָס ריכטיקע וואָרט, האָט שטענדיק געטאָן וואָס מען דאַרף און האָט זיך שטענדיק פֿריינטלעך אינטערעסירט מיט אַנדערע. און דאָך האָט אין איר געשטעקט אַ באַהאַל־טענער טרויער. קיינער האָט דאָס נישט באַמערקט, אָבער מאַרק פֿאַרקער האָט עס געזען.

מאַרק פֿלעגט זיך אָפֿט וווּנדערן: וואָס ציט אים אַזוי צו איר? אפֿשר צוליב דעם, ווייל זי איז פֿאַר אים געווען אומדערגרייכבאַר. פּונקט ווי שאַמפּאַנער אין אייז — האָבן אירע בליקן און רייד געקאָנט פֿאַרשיכורן אַ מאַן. אַלנפֿאַלס, קיטי איז געווען טאָמס מיידל און מאַרקן איז נישט איבער־געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי נאָר אים מקנא צו זיין.

טאָם און מאַרק האָבן אויפֿן אוניווערסיטעט געוווינט צוזאַמען אין איין צימער. דאָס ערשטע יאָר פֿון די לימודים איז טאָם געווען זייער אומגליקלעך צוליב דעם, וואָס ער איז געווען ווייט פֿון קיטי. מאַרק געדענקט די לאַנגע שעהן בעת וועלכע ער האָט געמוזט אויסהערן טאָמס געקלאָג און אים טרייסטן. און אָט איז געקומען דער זומער. קיטי איז אַרויס־געפֿאָרן מיט אירע עלטערן קיין וויסקאָנסין. זי איז נאָך געווען

אַ שילערין פון מיטלשול און די עלטערן האָבן געוואָלט איינשטילן דאָס ליבע־פייער דורך צעטיילן דאָס פּאָרל. טאָם און מאַרק האָבן אַוועקגעוואַנדערט קיין אָקלאַהאָמאַ, כּדי דאָרטן צו אַרבעטן אויף די נאַפט־פעלדער.

ווען די לימודים האָבן זיך באַנייט איז דער ליבע־פלאַם אין טאָמס האַרץ שוין געווען באַדייטנד אָפּגעשוואַכט. דער צייט־אָפּשניט צווישן טאָמס און קיטיס בריוו איז געוואָרן לענגער און די ראַנדעוווען מיט די מיידלעך אויפן אוניווער־סיטעט־פּלאַץ זענען געוואָרן אָפטער. ס'האָט געשיינט, אַז די ליבע צווישן אוניווערסיטעט־העלד און ווייטן מיידל ווערט אַלץ מער און מער אויסגעלאָשן.

אין לעצטן לערן־יאָר איז קיטי כּמעט ווי פאַרשוווּנדן פון טאָמס האַרצן. ער האָט זייער מקפּיד־געווען אויף זיין קליידונג, ווי דאָס פּאַסט פאַרן לויף־מייסטער פון דער קוישבאָל־מאַנ־שאַפט. מאַרק דאַקעגן איז געווען באַשיידענער: ער האָט זיך געוואַרמט אין ליכט פון טאָמס רום, און בדרך־כּלל האָט ער באַקומען דעם נאָמען פון איינעם פון די ערגסטע סטודענטן אויפן זשורנאַליסטן־פאַקולטעט זינט דער אוניווערסיטעט עק־זיסטירט.

קיטי איז אָנגעקומען אויפן אוניווערסיטעט אַלס סטו־דענטין פון ערשטן יאָר.

און מיט איר קומען — האָט אַ שלאָג געטאָן דער בליץ!

מאַרק האָט געקאָנט זען קיטין טויזנט מאָל, דאָך פלעגט ער עס שטענדיק אָפּפילן אויפסניי, ווי ער וואָלט זי געזען דאָס ערשטע מאָל. אָבער דאַסמאָל האָט אויך טאָם זי געזען אין זעלבן ליכט. אַ חודש פאַרן סוף פון טאָמס לימודים זענען ביידע אין געהיים אַנטלאָפן. אין אַ פאָרד־אויטאָ פון אַן אַלטן מאָדעל, מיט פיר דאָלאַר און צען סענט אין קעשענע, זענען טאָם און קיטי, אין באַגלייטונג פון מאַרק און עללען,

אַריבער די גרענעץ פון שטאָט און אויפגעזוכט אַ פרידנס־ריכטער, וואָס האָט זיי פאַרשריבן אַלס מאַן און ווייב. דעם „האָניק־חודש״ האָבן זיי פאַרבראַכט אויפן הינטערשטן געזעס פון זעלבן אַלטן פאָרד־אויטאָ, וואָס איז צוריקוועגס געבליבן שטעקן אין בלאָטע אויף אַ זייטיק שטעגל בעת אַ שטורעמדיקן שלאָקס־רעגן. זיי זענען דורכגעווייקט געוואָרן אין אויטאָ, וואָס האָט גערונען ווי אַ זיפּ, און פאַרן דאָזיקן טיפּיש־אַמעריקאַנישן יונגן פּאָרל איז דאָס געווען ווי אַ סימן פון אַ מזלדיקן אָנהייב.

טאָם און קיטי האָבן געהאַלטן זייער הייראַט בסוד אַ גאַנץ יאָר, ביז טאָם האָט פאַרענדיקט זיינע לימודים. קיטי איז געבליבן אויפן אוניווערסיטעט, כדי צו פאַרענדיקן איר אויסבילדונג אַלס קראַנקן־שוועסטער. מאַרק איז שטענדיק געווען ביי דער מיינונג, אַז קיטי איז ווי געבוירן געוואָרן צו זיין אַ קראַנקן־פלעגערין.

טאָם האָט פאַרהערלעכט קיטין. ער איז פון שטענדיק געווען אַ שטיקל פּרא־אדם, שטאַרק איינגעגלויבט אין זיך. איצט אָבער איז ער געוואָרן מיושבדיקער און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טרייען מאַן. ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס קליינער באַאַמטער אין אַ זייער גרויסער אונטערנעמונג פאַר געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. זיי זענען אַרויסגעפאָרן קיין טשיקאַגאָ. קיטי האָט געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער אין אַ קינדער־שפּיטאָל. זייער אויפשטייג איז פאָרגעקומען לאַנג־זאַם, לויטן טיפּיש אַמעריקאַנישן סטיל. צוערשט — אַ גע־דונגענע וווינונג און דערנאָך אַ קליין הויז. אַ נייער אויטאָ, חודשלעכע ראַטעס, גרויסע האָפענונגען. קיטי האָט דערוואַרט דעם געבורט פון איר טאָכטער, סאַנדראַ.

דער פאָדעם פון מאַרקס מחשבות איז איבערגעריסן גע־

וואָרן ווען די טעקסי האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַמער צו פאָרן, אַריינקומענדיק אין די הינטערשטאָטישע קוואַרטאַלן פון ניקאָסיאַ, די הויפּט־שטאָט פון ציפּערן, וואָס שפּרייט זיך אויס אין פלאַכלאַנד צווישן די באַרג־קייטן פון צפון און דרום.

— איר רעדט ענגליש? — האָט פּאַרקער געפרעגט דעם שאָפער.

— יעס, סער!

— אויפן פלי־פּלאַץ געפינט זיך אַ שילד מיט דער אויפ־שריפט: „ברוכים הבאים אין ציפּערן". ווי גייט אייגנטלעך דער ציטאַט ווייטער?

— אויף וויפל איך ווייס — האָט דער שאָפער געענטפערט — באַמיען זיי זיך פּשוט צו זיין העפלעך לגבי די טוריסטן.

זיי זענען אַריינגעפאָרן אין ניקאָסיאַ. די גלייכקייט פון באָדן, די געלע הייזער מיט זייערע רויטע שינדל־דעכער, דער ים פון טייטלבוימער — דאָס אַלץ האָט דערמאָנט מאַרקן דמשק. די גאַס האָט געפירט לענג־אויס אַן אַלטן ווענעציאַ־נישן מויער, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ געשלאָסענער קרייז אַרום דער אַלט־שטאָט. מאַרק האָט געזען די טורעמס פוןביידע מעטשעטן, וואָס האָבן זיך געשטרעקט צום הימל פון טערקישן טייל אין דער אַלט־שטאָט. די טורעמס האָבן גע־הערט צו דער קירך פון דער הייליקער סאָפיע, די פּרעכטיקע קאַטעדראַלע פון די קרייץ־ריטער, וועלכע איז שפּעטער איבערגעבויט געוואָרן אויף אַ מוסולמענישן געבעט־הויז. פאָרנדיק לענג־אויס דעם מויער זענען זיי פאַרביי די ריזיקע באַפעסטיקונגען, וואָס האָבן די פאָרם פון שפּיציקע פיילן. פון זיין לעצטן באַזוך אין ציפּערן האָט מאַרק פאַרגעדענקט, אַז די צאָל פיילן, וואָס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט פון מויער, איז געווען עלף. ער האָט שוין געהאַט בדעה צו

פרעגן דעם שאָפער, פאַרוואָס גראָד עלף, אָבער ער האָט רעזיגנירט פון שטעלן אים אַזעלכע קשיות.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי זיך שוין געפונען מחוץ ניקאָסיאַ, פאַרזעצנדיק ווייטער זייער רייזע אויפן פלאַכ־לאַנד, אין דער ריכטונג פון צפון. זיי זענען דורכגעפאָרן דערפער, איינס ענלעך צום צווייטן, אַלע אָנגעפּיקעוועט מיט גרויע ליים־כאַטעס. אין יעדן דאָרף האָט זיך געפונען אַ ברונעם מיט אַן אויפשריפט, וואָס האָט געלאָזט אַלעמען וויסן, אַז דער ברונעם איז אויסגעגראָבן געוואָרן אַדאַנק דער גרויס־מוטיקייט פון זיין מאַיעסטעט, דעם ענגלישן קעניג. אויף די פאַרבלאָזע פעלדער האָבן די פויערים זיך באַשעפטיקט מיט אַראָפּנעמען די קאַרטאָפל־געראַטעניש, באַנוצנדיק זיך מיט די פּראַכטפולע ציפּרישע מויל־אייזלען.

די טעקסי האָט אָנגעהויבן שנעלער צו פאָרן און מאַרק האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין זיינע זכרונות.

...מאַרק און עללען האָבן חתונה געהאַט קורץ נאָך דער הייראַט פון טאָם און קיטי. דאָס איז געווען אַ פעלער גלייך פון אָנהייב. ביידע זענען געווען סימפּאַטישע מענטשן, אָבער זיי זענען נישט געווען קיין פּאָר. נאָר אַדאַנק דער פריינט־לעכער און שטילער קלוגשאַפט פון קיטי פרעמאַנט האָבן מאַרק און עללען ווייטער געלעבט צוזאַמען. זיי האָבן ביידע געקאָנט פאַר קיטין זיך אַראָפּריידן פון האַרצן און דורך קיטין האָט זייער בונד אויסערלעך אָנגעהאַלטן ווייטער, הגם פּאַקטיש האָט ער שוין לאַנג אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דאַן האָט אַלץ געפּלאַצט און זיי האָבן זיך געגעט. מאַרק איז געווען איבערגליקלעך, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער.

נאָכן גטן־זיך איז מאַרק אַוועקגעפאָרן אין די מזרח־שטאַטן וווּ ער האָט געטרישט איין אַרבעט נאָך דער צווייטער.

דער ערגסטער סטודענט פון זשורנאַליסטן־פּאַקולטעט האָט זיך פּאַרוואַנדלט אין ערגסטן זשורנאַליסט אויף דער וועלט. ער איז געוואָרן איינער פון יענע ציל־לאָזע מענטשן, מיט וועלכע עס איז פול די פּרעסע־וועלט. דערביי איז ער בשום אופן נישט געווען נאַריש אָדער טאַלאַנטלאָז. ער איז בלויז געווען אומפעיק צו געפינען זיין אָרט אין לעבן. מאַרק איז אין גרונט גענומען געווען אַ שעפערישער מענטש, אָבער די רוטין־אַרטיקע טעטיקייט פון א לאָקאַלן רעפּאָרטער האָט דערשטיקט אין אים דעם שעפערישן חוש. דערביי האָט ער נישט געהאַט דעם ווילן זיך צו פּאַרמעסטן אויף אַ לעבן פון אַ פרייען, שעפערישן שרייבער. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון דערפון, אַז ער פאַרמאָגט נישט די געהעריקע פעאיקייטן דערצו. און אַזוי איז ער געהאנגען צווישן הימל און ערד, פּילנדיק זיך אומגליקלעך.

יעדע וואָך פלעגט מאַרק באַקומען א בריוו פון טאָמען, אין וועלכן ער האָט מיט באַגייסטערונג איבערגעגעבן באַ־ריכטן, ווי אזוי ער „קלעטערט אַלץ העכער”. חוץ דעם האָט ער אין די דאָזיקע בריוו געשריבן ווי שטאַרק ער ליבט קיטין און סאַנדראַ, זייער טעכטערל.

מאַרק געדענקט אויך קיטיס בריוו. זי האָט אין זיי ניכטער אָפּגעשאַצט טאָמס באַגייסטערטע באַריכטן. זי פלעגט אים אויך מיטיילן געניי ווו עס געפינט זיך עללען, ביז זיין געוועזענע פרוי האָט געהייראַט צום צווייטן מאָל.

און אָט איז געקומען דאָס יאָר 1938 און פאַר מאַרק פאַרקערן האָט זיך געעפנט די וועלט. עס איז פריי געוואָרן אַ פּאָסטן אין ביוראָ פון „אַמעריקען ניוז סינדיקאַט” אין בערלין און מאַרק האָט זיך פלוצים פּאַרוואַנדלט פון אַ „זשורנאַליסט אַ לאַ־יוצלח” אין אַ בכבודיקן „אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט”.

אויף דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך מאַרק אַרויסגעשטעלט אַלס באַגאַבטער מענטש. דאָ האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן כאָטש טיילווייז זיין ווונטש וועגן שעפע־רישער אַרבעט, אַנטוויקלענדיק אַ סטיל, וואָס האָט אַרויס־געהויבן זיין אינדיווידואַליטעט — דעם סטיל פון מאַרק פּאַרקער, וואָס איז געווען אייגנטימלעך בלויז פאַר אים אַליין. ער איז וואָס אַן אמת נישט דערגאַנגען צו געניאַלקייט, ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ זייער וויכטיקן חוש, וואָס כאַראַק־טעריזירט יעדן ערשטקלאַסיקן אויסלענדישן קאָרעספּאָנ־דענט: די פעיקייט צו „דערשמעקן" אַ געשעעניש, נאָך איידער זי האָט פּאַסירט.

די וועלט האָט דאַן אויסגעזען ווי אַ פּלאַץ, אויף וועלכן עס שפּילט זיך אָפּ עפּעס אַ פּריילעכע אַוואַנטורע. מאַרק האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די ענינים פון אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע. ער איז דורכגעפאָרן די קאָנטינענטן אין דער לענג און אין דער ברייט. ער האָט געהאַט אַ באַ־שטימטע פּראָפעסיאָנעלע פונקציע, האָט געהאַט הנאה פון זיין אַרבעט און ער איז געווען אַן אָנגעלייגטער, קרעדיט־ווירדיקער גאַסט אין באַר — „כאַזע", שענק — „דזשיימס" און אין די קנייפּעס — „דזשאו" און „זשאַק". אויף די ליסטע פון די בלאָנדע, ברונעטע אָדער רויט־האָריקע קאַנדידאַטינס פאַרן קלוב פון זיינע „חודשלעכע באַקאַנטע" איז געווען אומ־אויסשעפּבאַר.

ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכן איז מאַרק אַרומגעלאָפן איבער גאַנץ אייראָפּע. גלייכצייטיק איז אים געווען אָנגענעם זיך צוריקצוקערן אויף אייניקע טעג קיין לאָנדאָן, ווו עס האָט אויף אים געוואַרט אַ הויפן בריוו פון טאַמען און קיטין.

אָנהייב 1942 האָט טאָם פרעמאָנט זיך פּרייוויליק מאָבי־ליזירט אין פלאָט. ער איז געפאַלן ביי גוואַדאַלקאַנאַל.

צוויי חדשים נאָך טאָמס טויט איז געשטאָרבן פון קינדער־ליימונג די קליינע סאַנדראַ.

מאַרק האָט גענומען אַ ספּעציעלן אורלויב און איז צוריק־געפאָרן אַהיים. ווען ער איז אָנגעקומען איז שוין קיטי פּרעמאַנט געווען פאַרשוואונדן. ער האָט זי געזוכט, אָן דער־פאָלג, ביז ער האָט זיך געמוזט ווידער צוריקקערן קיין אייראָפּע. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט פאַרשוואונדן פון ערד־קיילעך. אַ מאָדנער געפיל האָט באַהערשט מאַרקן: דער טרויער, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגעבליקט פון קיטיס אויגן, האָט געשיינט צו זיין אַ נבואה, וואָס איז מקויים געוואָרן.

גלייך נאָך סוף פון קריג האָט מאַרק באַגייט זיינע זוכונ־גען, אָבער איר שפּור איז נישט געווען אָפּצוגעפינען.

אין נאָוועמבער 1945 האָט די געזעלשאַפט „אַמעריקען ניוז סינדיקאַט" אים צוריקגערופן קיין אייראָפּע, כדי ער זאָל צושטעלן באַריכטן פון נירנבערגער פּראָצעס. צו יענער צייט איז שוין מאַרק געווען אַן אָנערקענטער פאַכמאַן און געהאַט דעם טיטל „ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט". ער איז געבליבן אין נירנבערג ביז די נאַצישע הויפּט־פאַרברעכער זענען אויפ־געהאנגען געוואָרן און ער האָט געשריבן א ריי פּרעכטיקע קאָרעספּאָנדענצן איבערן פּראָצעס. דאָס איז געווען מיט אייניקע חדשים צוריק.

איידער מאַרק איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל, וווּ עס האָט זיך פאַרגעזען דער אויסברוך פון א לאָקאַלן קריג, האָט „אַמעריקען ניוז סינדיקאַט" אים געגעבן אורלויב, אין וועלכן ער האָט זיך אַזוי שטאַרק גענויטיקט. כדי צו פאַרברענגען דעם אורלויב אַזוי ווי ער איז געווען געוווינט, האָט זיך מאַרק פאַרקערן איינגעגעבן צו „פאַנגען" אַ ליידנ־שאַפטלעך פראַנצויזיש מיידל, אַ באַאַמטין פון אונ"אַ, (אָרגאַ־ניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס), וועלכע ער האָט נאָך

געהאַט פריער באַגעגנט און וועלכע איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין די הילפס־אינסטיטוציעס פון דער אונ״אַ אין אַטען.

און דאַן האָט אַלץ פּאַסירט אַזוי פּלוצים. ער איז געזעסן אין אַמעריקאַנער באַר און זיך אונטערהאַלטן אין דער געזעל־שאַפט פון אַ גרופּע זשורנאַליסטן, ווי דאָס געשפּרעך איז אַרויפגעקומען אויף אַ געוויסער אַמעריקאַנישער קינדער־פלעגערין אין אַטען, וואָס טוט א וווּנדערבאַרע אַרבעט פאַר די גריכישע יתומים. איינער פון די זשורנאַליסטן איז פון דאָרטן גראָד צוריקגעקומען און האָט אָנגעשריבן אַ באַריכט וועגן יתומים־הויז.

דער נאָמען פון דער קינדער־פלעגערין איז געווען קיטי פרעמאָנט.

מאַרק איז גלייך צוגעטראָטן אויסצופאָרשן דעם ענין און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז קיטי געפינט זיך אויף אורלויב אין ציפּערן.

די טעקסי איז דורכגעפאָרן דאָס פלאַכלאַנד און האָט אָנגעהויבן אַרויפצוקלעטערן אויף אַ שמאָלן וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט צום דורכגאַנג פון די פּענטאַדאַקטילאָס־בערג. עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, ווען זיי זענען אָנגעקומען צום שפּיץ באַרג האָט מאַרק געבעטן דעם שאָפער ער זאָל זיך פאַרהאַלטן ביים זייט פון וועג.

עס איז שוין געווען כמעט פינצטער ווען זיי זענען אָנ־געקומען קיין קירעניאַ. די קליינע שטאָט איז באַשטאַנען פון בלויז ווייס־געקאַלכטע הייזער מיט רויטע דאַכלקעס. איבער דער שטאָט איז געלעגן דער שלאָס און פון פאָרנט האָט זיך אויסגעשפּרייט דער ים. קירעניאַ איז געווען אַזוי מאַלעריש, אַזוי אַלט־מאָדיש און ראָמאַנטיש, ווי קיין שום אַנדער אָרט.

זיי זענען פאַרבייגעפאָרן דעם מיניאַטור־אַרטיקן האַפן, ווו אין שוץ פון אַ ברייטן מאָלאָ, וואָס האָט מיט צוויי אָרעמס אַרומגענומען דעם ים פון רעכטס און פון לינקס, זענען געלעגן פישער־שיפלעך און קליינע יאַכטן. אויף איין זייט פון מאָלאָ האָט זיך געפונען דער פּאָרט־בריק און אויפן אַנדערן איז געשטאַנען אַן אַלטע פעסטונג — „דער שלאָס פון דער בתולה״.

קירעניאַ דינט שוין פון זייער לאַנג אַלס מקום־מקלט פאַר מאָלער און פענסיאָנירטע ענגלישע אָפיצירן. דאָס איז באמת איינס פון די רואיקסטע ערטער אויף דער וועלט.

נישט ווייט פון האַפן האָט זיך געפונען די געביידע פון „דאָם־האָטעל״. דער ריזיקער בנין האָט אויסגעזען אומפאַר־העלטנישמעסיק גרויס און ווי אַן אויסנאַם אין פאַרגלייך מיט די איבעריקע הייזער פון דער דאָזיקער פאַרשלאָפענער שטאָט. דאָך האָט זיך דער „דאָם־האָטעל״ פאַרוואַנדלט אין א צענטער פון דער בריטישער אימפּעריע. אומעטום אויף דער וועלט, ווו עס האָט געפלאַטערט דער „יוניאָן־דזשעק״ (די בריטישע מדינה־פאָן), איז דער האָטעל געווען באַקאַנט ווי אַ טרעף־פונקט פאַר ענגלענדער. ער איז געווען ענלעך צו א נעץ פון אויפנאָם־זאַלן, טאַראַסן און ווערענדעס, וואָס זענען געהאַנגען איבערן ים. אַ לאַנגע בריק, פון אַן ערך הונדערט מעטער, האָט פאַרבונדן דעם האָטעל מיט אַ קליינעם אינדזעלע, ניט ווייט פון ברעג, ווו די געסט האָבן זיך פאַרנומען מיט שווימען אָדער מיט אָפּברענען זיך אויף דער זון.

די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ האָטעל־ייִנגל איז אַרויס און גענומען דאָס געפעק. מאַרק האָט באַצאָלט דעם שאָפער און זיך אַרומגעקוקט. עס איז געווען חודש נאָוועמ־בער. עס איז נאָך אָבער געווען וואַרעם און קלאָר. וואָס פאַר

אַ וואונדערשיין אָרט פאַר אַ באַנייטן צוזאַמענטרעף מיט קיטי פרעמאָנט!

דער פאַרטיער האָט איבערגעגעבן מאַרקן אַ בריוו.

טייערער מאַרק!

איך האָב געמוזט בלייבן אין פאַמאַגוסטאַ ביז 9 אַזייגער. וועסט מיר מוחל־זיין??? איך קאָן זיך שוין קוים דערוואַרטן.

מיט ליבע

קיטי.

— איך וואָלט געוואָלט עטלעכע בלומען, אַ פלאַש וויסקי און אַ כלי מיט אייז — האָט מאַרק געזאָגט.

— מיסיס פרעמאָנט האָט שוין פאַר אַלץ געזאָרגט — האָט דערקלערט דער פאַרטיער איבערגעבנדיק דעם האָטעל־יינגל דעם שליסל פון צימער. — איר האָט צוויי צימערן איינס נעבן אַנדערן. מיט אַן אויסבליק צום ים.

מאַרק האָט באַמערקט אויפן פנים פון פאַרטיער אַ שמייכל. דאָס איז געווען דער זעלבער אָפּשטויסנדיקער שמייכל, וועלכן ער האָט געזען אין הונדערטער האָטעלן, בעת ער האָט דאָרטן געוויילט מיט הונדערטער פאַרשיידענע פרויען. ער האָט גע־האַט בדעה אויפצוקלערן דעם פאַרטיער, אַז דאָס מאָל האָט ער אַ טעות. ער האָט אָבער באַשלאָסן צו לאָזן טראַכטן דעם פאַרטיער וואָס ער וויל.

ער האָט אויפגעכאַפּט מיט די אויגן דעם טונקל־געוואַ־רענעם ים־פּייזאַזש און האָט זיך גענומען אויספּאַקן די וואַליזעס. דאַן האָט ער זיך געמאַכט אַ מישונג פון סאָדאַ און וויסקי. ער האָט אויסגעטרונקען די משקה ליגנדיק אין א וואַנע מיט פאַרעדיקן וואַסער.

זיבן אַזייגער... מען דאַרף וואַרטן נאָך צוויי שעה.

ער האָט געעפנט די טיר פון קיטיס צימער. אַן אָנגענעמער ריח האָט זיך געטראָגן פון אינעווייניק. איר באָד־אָנצוג און

אַ פּאָר פּריש־אויסגעוואַשענע זאָקן זענען געהאַנגען אויפן ראַנד פון דער וואַנע. אירע שיך זענען געשטאַנען נעבן בעט, אויפן טואַלעט־טישל זענען געשטאַנען קאָסמעטיקס. מאַרק האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין... אַפילו אין איר אָפּ־וועזנהייט איז דאָס ליידיקע צימער געווען אָנגעזאַפּט מיט דער אַטמאָספער פון אַ מענטשן, וואָס איז געווען אַנדערש ווי די איבעריקע.

ער איז צוריקגעגאַנגען אין זיין צימער און זיך אויס־געצויגן אויפן בעט. ווי אַזוי האָט זי זיך געענדערט אין משך פון די יאָרן? ווי אַזוי האָט געווירקט אויף איר דאָס טראַגישע אומגליק? קיטי, שיינע קיטי... — האָט ער גע־טראַכט. — איך בעט דיך, זיי ווי דו ביסט געווען פריער. עס איז איצט נאָוועמבער 1946. ווען האָט ער זי געזען דאָס לעצטע מאָל? אין 1938, קורץ פאַר דעם, ווי דער „אַמעריקען ניוז סינדיקאַט” האָט אים געשיקט קיין בערלין. מיט אַכט יאָר צוריק. קיטי איז אַלזאָ איצט 28 יאָר אַלט.

די אויפרעגונג און שפּאַנונג האָבן אים איבערוועלטיקט. די אויגן־לעפלעך האָבן זיך אים אָנגעהויבן קלעפּן און ער האָט איינגעדרימלט.

דאָס געוויש פון אייז־שטיקלעך אין אַ גלאָז — אַן אָנגענעמער קלאַנג פאַר די אויערן פון מאַרק פּאַרקער — האָט אים אויפגעוועקט פון טיפן שלאָף. ער האָט זיך אויס־געריבן די אויגן און אָנגעהויבן זוכן אַ סיגאַרעט.

— איר זענט געשלאָפן אַזוי שטאַרק, ווי מען וואָלט אייך איינגעשלעפּערט מיט אַ שלאָף־געטראַנק — האָט ער דערהערט אַ שטימע מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם ענגלישן אַקצענט. — איך האָב גאַנצע פינף מינוט געקלאַפּט. דער האָטעל־באָי האָט מיך ענדלעך אַריינגעלאָזט צו אייך. איך

האָף, אַז איר האָט גאָרנישט קעגן דעם, וואָס איך האָב זיך געמאַכט אַליין אַ גלאָז וויסקי.

דאָס איז געווען די שטימע פון מאַיאָר פרעד קאָלדוועל, פון בריטישן מיליטער. מאַרק האָט אַ גענעץ געטאָן, אויסגעצויגן די הענט אין אַ זייט, כדי זיך אַביסל אויסצוטשוכען און א קוק געטאָן אויפן זייגער. עס איז געווען 15 מינוט נאָך אַכט.

— וואָס, צום טייוול, טוט איר אין ציפערן? — האָט מאַרק געפרעגט.

— דאָס זעלבע האָב איך אייך געוואָלט פרעגן.

מאַרק האָט פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און אָנגעקוקט דעם מאַיאָר קאָלדוועל. ער האָט נישט ליב געהאַט דעם דאָזיקן מאַיאָר, אָבער ער האָט אים אויך נישט געהאַסט. „איך קאָן אים פשוט נישט פאַרטראָגן" — דאָס איז דער פּאַסיקסטער באַגריף. צוויי מאָל האָבן זיי זיך שוין געהאַט פריער געטראָפן. קאָלדוועל איז זיינער צייט געווען דער אַדיוטאַנט פון קאָלאָנעל, און שפּעטער גענעראַל, ברוס סאַטערלענד, א וייער פּעאיקער פראָנט־אָפיציר אין דער בריטישער אַרמיי. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי זיך באַגעגנט בעתן קריג אין האָלאַנד. אין איינעם פון זיינע באַריכטן האָט מאַרק אָנגעוויזן אויף אַ טאַקטישן פעלער, וואָס די ענגלענדער זענען באַגאַנגען. צוליבן דאָזיקן פעלער איז פאַרניכטעט געוואָרן א גאַנצער פּאָלק זעלנער. דאָס צווייטע מאָל האָבן זיי זיך באַגעגנט אין נירנבערג, אויפן פּראָצעס קעגן די היטלערישע הויפּט־מלחמה־פאַרברעכער, וועגן וועלכן מאַרק האָט צוגעשטעלט באַריכטן פאַרן „אַמעריקן ניוז סינדיקאַט".

פאַרן סוף פון קריג זענען די מיליטערישע אָפּטיילונגען פון ברוס סאַטערלענד אַריין די ערשטע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בערגען־בעלזען. סאַטערלענד און קאָלדוועל זענען

געקומען קיין נירנבערג, כדי אויפצוטרעטן אַלס עדות פאַרן טריבונאַל.

מאַרק איז אַריינגעגאַנגען אין באַד־צימער און זיך אָפּגעוואַשן דאָס געזיכט מיט אייז־קאַלטן וואַסער. זוכנדיק אַ האַנטוך האָט ער געפרעגט:

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך, פרעדי?

— דאָס געהיים־דינסט האָט היינט נאָכמיטיק געקלונגען אין אונדזער הויפּט־שטאַב און מיטגעטיילט וועגן אייער אָנקום. מיר האָבן נישט קיין אָפיציעלע באַשטעטיקונג וועגן דעם, צו וואָס איר זענט אַהער געקומען.

— באמת, איר זענט אַ באַנדע מיסטעריאָזע ממזרים. עס טוט מיר לייד, פרעדי, אָבער איך מוז אייך אַנטוישן. איך פאָר קיין ארץ־ישראל און דאָ געפין איך זיך בלויז אויף אורלויב.

— מיין באַזוך איז נישט קיין אָפיציעלער, פאַרקער — האָט געזאָגט קאַלדוועל. — איך וויל אייך בלויז אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם, אַז מיר זענען זייער עמפּינדלעך אויפן געדאַנק וועגן אונדזערע באַציאונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

— איר האָט אַ גוטן זכרון — האָט זיך אָפּגערופן מאַרק און זיך אָנגעהויבן אָנצוטאָן.

קאַלדוועל האָט צוגעגרייט פאַר פאַרקערן אַ וויסקי. מאַרק האָט געוואָרפן זייטיקע בליקן אויפן דאָזיקן ענגלישן אָפיציר און ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס דער דאָזיקער מענטש דענערווירט אים אַזוי שטאַרק. אפשר איז דאָס געווען צוליב דער אַראָגאַנץ, וואָס האָט אים כאַראַקטעריזירט אַלס טיפּישן עקזעמפּלאַר פון דער משונהדיקער ראַסע „קאָלאָניאַליסטן". קאַלדוועל איז געווען אַן אָפּשטויסנדיקער, לאַנג־וויילינקער און שטאַרק באַגרענעצטער מענטש. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען א דזשענטלמענישע שפּיל אין טעניס,

אַנגעטאָן אין אַ ווייסן אַנצוג... נאָך אַ שאַרפן דזשין מיט זאָפּט.

דאָס וואָס מאַרקן האָט באַאומרואיקט איז געווען פרעד קאָלדוועלס געוויסן, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס פעלן פון אַ געוויסן. גערעכטיקייט אָדער אומגערעכטיקייט האָט ביי אים געהאַט אַ זין נאָר דאַן, ווען דאָס האָט זיך געשטיצט אויפן מיליטערישן רעגולאַמין אָדער אויף אַ באַפעל.

— צי ווילט איר אפשר אויסבאַהאַלטן עפּעס אַ שמוציק שטיקל אַרבעט, וואָס איר טוט דאָ אָפּ אויף ציפערן? האָט מאַרק געפרעגט.

— זייט נישט קיין נודניק, פּאַרקער. מיר זענען די באַ־לעבאַטים פון אינדזל און מיר ווילן וויסן וואָס איר זוכט דאָ.

— איר ווייסט... דאָס איז אַ כאַראַקטער־שטריך, וואָס געפעלט מיר ביי די ענגלענדער. אַ האָלענדער וואָלט מיר גע־זאָגט: „גיי צום טייוול!", אָבער איר זאָגט שטענדיק: „זייט אַזוי גוט און גייט צו אַלדי רוחות!" איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט: איך בין אויף אורלויב. איך דאַרף זיך דאָ טרעפן מיט אַן אַלטן באַקאַנטן.

— ווער איז דאָס?

— אַ מיידל מיטן נאָמען קיטי פּרעמאָנט.

— קיטי, די קראַנקן־שוועסטער. אַ שיינע פרוי. זי מאַכט אַן איינדרוק. איך האָב זי באַגעגנט מיט עטלעכע טעג צוריק אין הויז פון גובערנאַטאָר.

פרעדי קאָלדוועל האָט דערזען, אַז די פאַרבינדונגס־טיר צו קיטיס צימער איז האַלב אָפן און ער האָט מיט פאַר־וואונדערונג אַ הייב־געטאָן די ברעמען.

— גייט און שווענקט אויס אייער דרעקיקן מויל אין וואַנע־צימער — האָט מאַרק געזאָגט. — איך קען זי שוין 25 יאָר.

— דאָס הייסט, אַז אַלץ איז אויף „הונדערט פּראָצענט", ווי איר, אַמעריקאַנער, האָבן עס ליב צו זאָגן...

— אַזוי איז עס. און דעריבער באַקומט אייער באַזוך איצט אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. זייט אַלזאָ אַזוי גוט און טראָגט זיך אָפּ.

פרעדי קאַלדוועל האָט אַ שמייכל געטאָן, אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז און פּאַרוקט דאָס שפּאַציר־שטעקעלע אונטערן אָרעם.

— פרעדי קאַלדוועל — האָט מאַרק געזאָגט — איך וואָלט אייך געוואָלט זען אַ צווייטן מאָל ערשט דאַן, ווען דאָס דאָזיקע שמייכעלע וועט פאַרשווינדן פון אייער פּנים.

— וועגן וואָס, צום טייוול, רעדט איר אייגנטלעך?

— עס איז דאָס יאָר 1946, מאַיאָר. אַ סך מענטשן האָבן געליטן וועגן די צילן פון דער לעצטער מלחמה און זיי האָבן געגלויבט אין אירע לאָזונגען. אייער זייגער גייט גע־האַלטן. איר וועט אומעטום פאַרשפּילן... צוערשט וועט עס זיין אין אינדיע, דערנאָך אין אַפריקע און דאַן אין מיטעלן מזרח. איך וועל קומען זען ווי איר פאַרשפּילט אייער מאַנדאַט אין ארץ־ישראל. מען וועט אייך אפילו אַרויסשטויסן פון טועץ און עבר־הירדן. די זון פאַרגייט איבער דער אימפּעריע, פרעד... וואָס וועט טאָן אייער פרוי, ווען זי וועט נישט האָבן מער קיין פערציק קליינע נעגערלעך, כדי זיי צו באַפעלן מיט אַ בייטש אין דער האַנט?

— איך האָב געלייענט אייערע קאָרעספּאָנדענצן פון נירנבערגער פּראָצעס, פּאַרקער. איר האָט די שרעקלעכע אַמעריקאַנער טענדענץ צו דראַמאַטיזירן געשעענישן. חוץ דעם, טייערער חבר, האָב איך נישט קיין פרוי.

— איר זענט זייער העפלעך.

— געדענקט, פּאַרקער, איר זענט דאָ בלויז אויף אורלויב.

פאַרגעסט דאָס נישט. איך וועל איבערגעבן דעם גענעראַל סאַטערלענד אַ גרוס פון אייך. זייט געזונט.

מאַרק האָט זיך צעשמייכלט און אַ צוק־געטאָן מיט די אַקסלען. און דאַן איז אים ווידער געקומען אויפן געדאַנק דער שילד מיטן אויפשריפט „ברוכים הבאים אין ציפערן — וויליאַם שעקספיר״. דער פולער ציטאַט ביי שעקספירן הייסט: „ברוכים הבאים דאָ אין ציפערן — ציגן און מאַלפעס!״

קאַפּיטל 2

אין דער זעלבער צייט ווען מאַרק האָט געוואַרט אויף דער באַגעגעניש מיט קיטי פרעמאַנט, האָבן אין אַן אַנדער אָרט פון ציפּערן געוואַרט צוויי מענטשן אויף א באַגעגעניש פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. זיי האָבן זיך געפונען אין אַ וואַלד, פערציק מייל ווייט פון קירעניא, צפונדיק פון דער פּאָרט־שטאָט פאַמאַגוסטאַ.

די שטערן אויפן הימל זענען געווען פאַרשטעלט דורך געדיכטע וואָלקנס. עס איז געווען שטיקנדיק הייס.ביידע מענטשן זענען געשטאַנען שטילערהייט אויף זייער אָרט און האָבן מיט א שטאַרן בליק באַקוקט דורך דער טונקל־קייט די בוכטע, וואָס האָט זיך געפונען צופוסנס פון בערגל אויף אַ מרחק פון אַ האַלבן מייל.

זיי זענען געשטאַנען אין אַן אומבאַוווינטן און פאַרלאָזענעם הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויבן אויפן בערגל אינמיטן אַ וואַלד פון סאָסנעס, עאוקאַליפּטוס־ביימער און אַקאַציעס. עס איז געווען טונקל און שטיל און מען האָט גאָרנישט געהערט אַרום, חוץ דאָס שאָרכן פון א לייכטן ווינטל און דעם שטילן, אומרעגלמעסיקן אָטעם פון ביידע מענער.

איינער פון זיי איז געווען אַ גריך, אַ געבוירענער אין ציפּערן, דער וואַלד־אויפזעער. ער האָט אויסגעזען זייער נערוועז.

דער אַנדערער האָט אויסגעזען ענלעך צו אַ סטאַטוע. ער האָט אפילו אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעריסן זיין בליק פון ים. דאָס איז געווען דוד בן־עמי.

די וואָלקנס האָבן אָנגעהויבן שיטערער צו ווערן. אַ

שוואַך ליכט איז געפֿאַלן אויפֿן שטילן וואַסער פֿון דער בוכטע, אויפֿן וואַלד, אויפֿן ווייסן הויז און אויפֿן פּנים פֿון דוד בן־עמי, וועלכער איז געשטאַנען נעבן פֿענצטער. ער איז געווען נישט קיין הויכער. ער האָט אָבער געהאַט אַ שלאַנקע און צאַרטע פֿיגור. אַ מאַן פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר. אַפֿילו אין דאָזיקן שוואַכן ליכט האָט מען פֿון זיין שמאָלן, איידעלן געזיכט מיט די טיף־ליגנדיקע אויגן געקאָנט אָראָפּלייענען, אַז ער איז אַ גייסט־מענטש, אַ ווּיסנשאַפֿטלער.

דער הימל האָט זיך ווידער פֿאַרצויגן מיט וואָלקנס און דער ליכט־שיין האָט גענומען בלאָנדזשען איבער די חרובֿע רעשטלעך פֿון מאַרמאָרנע זיילן און סטאַטועס, וואָס האָבן אין אַ ברייטן אומקרייז באַדעקט דעם באָדן אַרום ווייסן הויז.

חורבות. רעשטלעך פֿון דער אַמאָליקער גרויסער שטאָט סאַלאַמיס, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין אַ תּקופֿה, וועגן וועלכער מען האָט נאָך אַזוי ווייניק געשריבן. די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן דורכן קריגס־העלד טעאוקער, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פֿון טראָיאַנישן קריג. זי איז פֿאַרניכטעט געוואָרן בעת אַן ערד־ציטערניש. מען האָט זי אויפֿגעבויט אויפֿסניי, אָבער זי איז ווידער חרובֿ געוואָרן פֿון די אַראַבישע שווערדן, אונטער דער פֿאָן פֿון איסלאַם. מער איז זי שוין נישט אויפֿגעקומען. דאָס ליכט האָט געשימערט אויף די רואינען פֿון טויזנטער זיילן, וואָס האָבן באַדעקט דעם אַרומיקן געביט, דאָרטן ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען אַ גרויסער גריכישער פֿאָרום.

ווידער זענען די וואָלקנס אויפֿן הימל געדיכטער געוואָרן און ווידער איז טונקל געוואָרן.

— ער האָט שוין פֿון לאַנג דאָ געדאַרפֿט זיין —האָט

דער גריכישער וואַלד־אויפזעער נערוועז אַרויסגעפּליסטערט.

— שאַ, איך הער א גערויש — האָט געזאָגט דוד בן־עמי.

א לייכט גערויש פון א מאָטאָר־שיפל האָט זיך דערהערט פון דערווייטנס אויפן ים. דוד בן־עמי האָט אויפגעהויבן א לאָרנעטע צו די אויגן. דאָס גערויש פון מאָטאָר איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

אַ פּראָזשעקטאָר האָט אַרויסגעלאָזט א ליכט־שטראַל איבערן וואַסער צום ווייסן הויז אויפן בערגל. דאַן האָט דאָס ליכט אַ בליץ געטאָן אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל.

דוד בן־עמי און דער וואַלד־אויפזעער זענען האַסטיק אַרויסגעלאָפן פון ווייסן הויז און זיך שנעל געלאָזט באַרג־אַראָפּ דורכן געקנויל פון די קוסטעס און ברוך־שטיינער צום ים־ברעג. בן־עמי האָט צוריקגעענטפערט מיט סיגנאַלן פון זיין טאַשן־לעמפּל.

דאָס גערויש פון מאָטאָר האָט זיך איינגעשטילט.

אַ מענטשן־געשטאַלט האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער טונקלקייט, איז אַריבער דעם באָרט פון שיפל און אָנגע־הויבן שווימען צום ברעג. בן־עמי האָט אָנגעצילט זיין לייכטן מאשין־געווער, אָבסערווירנדיק גלייכצייטיק די גאַנצע לענג פון ברעג, כדי פעסטצושטעלן צי עס געפינט זיך נישט אין דער נאָענט אַן ענגלישער פּאַטרול. די געשטאַלט האָט אויפגעטויכט פון ים און דער מאַן האָט זיך געלאָזט גיין צופוס אין וואַסער.

— דוד! — האָט זיך אָפּגערופן אַ שטימע פון וואַסער.

— אַרי! — האָט דוד געענטפערט. — קום דאָ, שנעלער.

ווען יענער איז אָנגעקומען צום ברעג האָבן זיך אַלע דריי געלאָזט אין געלויף פאַרביי דאָס ווייסע הויז און האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אַ זייטיקן שטעג. דאָרטן האָט

אויף זיי געוואַרט אַ טעקסי, וואָס איז געווען פֿאַרשטעקט אין די קוסטעס. בן־עמי האָט געדאַנקט דעם ציפּערישן וואַלד־וועכטער אוןביידע, ער מיטן מאַן פֿון שיפּל, זענען אָפּגע־פֿאָרן קיין פֿאַמאַגוסטאַ.

— מיינע סיגאַרעטן זענען דורכגעווייקט געוואָרן — האָט געזאָגט אַרי.

דוד בן־עמי האָט אים געגעבן אַ פּעקל סיגאַרעטן. אויף אַן אויגנבליק האָט דאָס פֿלעמל פֿון דער צינד־מאַשינקע באַלויכטן דאָס געזיכט פֿון מאַן, וואָס האָט געהייסן אַרי. ער איז געווען גרויס און שטאַרק, אין פֿולשטענדיקן קעגנזאַץ צום קליין־געוויקסיקן בן־עמי. ער האָט געהאַט אַ שיין געזיכט, אָבער דער אויסדרוק פֿון זיינע אויגן איז געווען קאַלט און האַרט.

דאָס איז געווען אַרי בן־כנען, וועלכער איז געשטאַנען בראש פֿון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע „מוסד עליה ב׳״.

חשובע יידיש-לייענער!

מיטן אַרויסגעבן אין יידיש דאָס בוך „עקסאָדוס״ (יציאת איירָאָפּע) פון לעאָן יוריס, האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צוטריטלעך צו מאַכן פאַר די ברייטסטע קרייזן יידיש־לייענער אין ישראל און אויף דער וועלט, די נייעסטע שאַפונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור.

כדי יעדער איינער זאָל האָבן די מעגלעכקייט זיך איינ־צושאַפן די ליטעראַרישע פערל פון דער יידישער און אַלגע־מיינער שאַפונג, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די ווערק אין וועכנטלעכע העפטן צו א ביליקן פאָלקס־פרייז.

זאַמלט און היט־אָפּ די גאַנצקייט פון די העפטן, וועלכע איר וועט קאָנען שפּעטער איינבינדן אין א בוך, וואָס וועט אָן ספק באַרייכערן און באַשיינען אייער ביבליאָטעק.

לייענט דעם המשך פון „עקסאָדוס״ אין העפט **נומער 2** וואָס דערשיינט קומענדיקע וואָך.

קאַפּיטל 3

מאַרק פּאַרקער האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ער האָט געעפנט. — פאַר אים איז געשטאַנען קאַטערינע פּרע־מאָנט. זי איז געווען נאָך שענער, ווי ער האָט זי געדענקט. זיי זענען לאַנג געשטאַנען שטילשווייגנד און זיך אָנגעקוקט. ער האָט באַטראַכט איר געזיכט, אירע אויגן. זי איז געוואָרן אַ סך ווייבלעכער און סובטעלער. פון איר סימפּאַטיש פּנים האָט אַראָפּגעשיינט דער אויסדרוק פון מיטגעפיל פאַר אַנדערע, וואָס אַנטשטייט נאָר דאַן, ווען אַ מענטש גייט דורך דעם שמעלץ־טאָפּ פון ליידן.

— איך וואָלט דיר געדאַרפט אַראָפּנעמען דעם קאָפּ דערפאַר, וואָס דו האָסט נישט געענטפערט אויף מיינע בריוו — האָט מאַרק געזאָגט.

— מאַרק... — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

זיי זענען געפאַלן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס און זענען געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט. אין דער ערשטער שעה האָבן זיי ווייניק גערעדט צווישן זיך. זיי האָבן זיך נאָר אָנגעקוקט און געשמייכלט. פון צייט צו צייט האָבן

זיי זיך געגעבן די הענט און זיך געקושט מיט ליבע אויף די באַקן.

ביים עסן איז דאָס געשפּרעך געפירט געוואָרן אַ ביסל לעבהאַפטער. דער עיקר האָבן זיי גערעדט וועגן מאַרקס אַוואַנטורעס אַלס אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט. מאַרק האָט באַמערקט, אַז קיטי מיידט אויס מיט אַ כוונה צו ריידן וועגן אַלץ, וואָס איז נוגע איר אייגענער פּערזאָן.

ענדלעך האָט מען דערלאַנגט קעז צום דעסער. מאַרק האָט אויסגעטרונקען דאָס לעצטע גלאָז ביר און ווידער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שטילקייט צווישן זיי. עס איז געווען דייטלעך צו זען, ווי קיטי ווערט נערוועז אונטער מאַרקס פּרעגנדיקע בליקן.

— קום — האָט ער געזאָגט — לאָמיר גיין אַ ביסל שפּאַצירן אין האַפן.

— איך וועל נעמען מיט זיך מיין מאַנטל — האָט זי געזאָגט.

שווייגנדיק זענען זיי געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן לענג־אויס דעם פּאָרט־בריק און דעם מאָלאָ, ביז זיי זענען אָנגעקומען צום לייכט־טורעם, וואָס איז געשטאַנען ביים שמאָלן אריינפאָר. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט וואָלקנס און אין האַפן האָט מען געזען בלויז די אומדייט־לעכע קאָנטורן פון די קליינע שיפלעך. זיי האָבן זיך צוגע־קוקט ווי דער לייכט־טורעם וואַרפט זיין ליכט אויפן ים און ווייזט אַ שלעפּ־שיף דעם וועג צום פּאָרט. אַ לייכט ווינטל האָט צעשויבערט קיטיס בלאָנדע האָר. זי האָט זיך נאָך פעסטער איינגעטוליעט אין איר מאַנטל. מאַרק האָט פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטיינערנעם באַריער. עס איז געווען טויט־שטיל.

— איך האָב דיר פאַרשאַפט אַ סך צער מיט מיין קומען

אַהער — האָט ער געזאָגט. — מאָרגן פאַר איך אָפּ.

— ניין, — האָט זי זיך אָפּגערופן. — איך וויל נישט דו זאָלסט אַוועקפאָרן.

זי האָט נישט אָפּגעריסן איר בליק פון ים.

— עס איז מיר פשוט שווער דיר צו דערציילן ווי איך האָב זיך געפילט ווען איך האָב באַקומען דיין טעלעגראַמע — האָט זי געזאָגט. — אַ סך זאַכן, וועלכע איך האָב מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו באַגראָבן, זענען ווידער לעבעדיק געוואָרן. דערביי האָב איך גוט געוווּסט, אַז אַ געוויסן טאָג וועט קומען דער מאָמענט... אין אַ געוויסן זין האָב איך מורא געהאַט דערפאַר... אָבער פון דער אַנדערער זייט בין איך שטאַרק צופרידן, וואָס דער מאָמענט איז געקומען.

— עס זענען שוין פאַרביי פיר יאָר, זינט טאָם איז געפאַלן. ווערסטו זיך קיינמאָל נישט אָפּטרייסלען פון דעם?

— איך ווייס — האָט זי שטיל געזאָגט. — דער גורל פון פרויען איז שוין אַזאַ, אַז זיי פאַרלירן זייערע מענער אין מלחמות. איך האָב טאָמעס באַוויינט. מיר האָבן זיך זייער שטאַרק געליבט, אָבער איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל לעבן ווייטער. איך ווייס אפילו נישט, ווי אַזוי ער איז געשטאָרבן.

— קיין סך וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו דערציילן — האָט געזאָגט מאַרק. — טאָם איז געווען אין דער קריגס־מאַרינע און צוזאַמען מיט צען טויזנט אַנדערע זעלנער פון ים־פלאָט איז ער אַרויס איינגעמען דעם ברעג. ער איז געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל און איז געשטאָרבן. קיין שום העלדנטאַט, קיין שום קריגס־אויסצייכענונג... ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין צייט צו זאָגן: „גיב איבער אַ גרוס קיטין און זאָג איר, אַז איך האָב זי ליב”. ער איז

פראָסט־פּשוט געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל און איז געשטאָרבן... דאָס איז אַלץ.

זי איז בלאַס געוואָרן. מאַרק האָט פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און דערלאַנגט קיטין.

— פאַרוואָס איז אָבער סאַנדראַ געשטאָרבן? — האָט זי געפרעגט. —פאַרוואָס איז אויך אויף מיין קינד נגזר־געוואָרן צו שטאַרבן.

— איך בין נישט גאָט. אויף דעם קאָן איך קיין ענטפער נישט געבן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מאַרקן, אָנגעלענט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און שווער אָפּגעזיפצט:

— איך גלויב, אַז ס'איז נישטאָ מער קיין אַנטרינונג פאַר מיר אויף דער וועלט.

— פאַרוואָס דערציילסטו מיר נישט וועגן דעם? — האָט מאַרק שטיל געפרעגט.

— איך קאָן נישט...

— מיר שיינט, אַז ס'איז געקומען די צייט זאָלסט מיר דערציילן.

קיטי האָט עטלעכע מאָל זיך באַמיט עפּעס צו זאָגן, אָבער פון איר מויל האָט זיך אַרויסבאַקומען בלויז אַ שטילער געשטאַמל. צו טיף זענען די יאָרן פון שרעק געווען פאַרשלאָסן אין איר. זי האָט אַ שליידער געטאָן דעם סיגאַרעט אין וואַסער און האָט אָנגעקוקט מאַרקן. ער איז געווען גערעכט. ער איז געווען דער איינציקער מענטש אויף דער וועלט, וועמען זי האָט געקאָנט אַנטפּלעקן דעם סוד.

— ווען איך האָב באַקומען די טעלעגראַמע וועגן טאָמען — האָט זי אָנגעהויבן — איז מיר באַפאַלן אַ שרעקלעכע מורא. איך האָב אים אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. און דאַן... בלויז צוויי חדשים שפּעטער איז סאַנדראַ

געשטאָרבן פון קינדער־ליימונג. איך... איך געדענק בישט קיין סך. מיינע עלטערן האָבן מיך גענומען קיין ווערמאָנט און אריינגעגעבן אין אַן אַנשטאַלט.

— איז אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע?

— ניין... אַזוי הייסט עס ביי די אָרעמעלייט... מיין אַנשטאַלט האָט געהייסן — אָפּרו־הויז פאַר נערוון־ליידנדע. איך ווייס נישט, וויפל חדשים איך בין דאָרטן געווען. איך קאָן זיך מער נישט דערמאָנען וועגן אַלץ. איך האָב זיך געפונען טאָג און נאַכט ווי אין אַ געדיכטן נעפּל. מען רופט עס מרה־שחורה.

קיטיס שטימע איז פלוצים געוואָרן רואיק און פעסט. די טיר פון איר נשמה האָט זיך אויפגעפּראַלט און די ביז־איצט פאַרשטיקטע ליידן האָבן זיך אַרויסגעריסן אין דרויסן.

— אַ געוויסן טאָג האָט זיך אויפגעהויבן דער שלייער, וואָס האָט איינגעהילט מיין זכרון און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז טאַם און סאַנדראַ זענען טויט. עס האָט מיר אַרומגעכאַפּט אַ ווייטיק. יעדע סעקונדע און יעדע מינוט פון טאָג האָב איך געטראַכט נאָר וועגן זיי. יעדן מאָל, ווען איך האָב געהערט עמעצן זינגען, אָדער לאַכן, האָב איך שטענדיק געזען אַ קינד פאַר די אויגן. יעדער אָטעם־צוג האָט מיר וויי־געטאָן. איך האָב תפילה געטאָן... איך האָב תפילה געטאָן, מאַרק, אַז דער נעפּל זאָל מיך ווידער באַדעקן. יאָ, איך האָב מתפּלל־געווען, אַז איך זאָל אַראָפּ פון זינען, כדי איך זאָל זיך נישט דאַרפן מער דערמאָנען. — זי איז אויפגעשטאַנען פון אָרט. טרערן זענען געפלאָסן איבער אירע באַקן. — איך בין אַנטלאָפן קיין ניו־יאָרק — האָט זי ווייטער גערעדט. — איך האָב מיך באַמיט זיך צו פאַרלירן אין דער מאַסע. איך האָב געוווינט אין אַ קליין צימערל. אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט זענען געווען: פיר

ווענט, אַ שטול, אַ טיש און אַ עלעקטריש לעמפל. — ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ קורצן איראָנישן געלעכטער. — פון דער אַנדער זייט פענצטער איז דאָרטן אַפילו געווען אַ שילד מיט נעאָן־ליכט. אַ שאַבלאָן, נישט אמת? איך האָב זיך שעה'ן לאַנג אַרומגעשלעפט איבער די גאַסן אָן אַ ציל, ביז די פנימער פון די פאַרבייגייער זענען פאַרבלאַסט געוואָרן אין מיינע אויגן. אָדער איך פלעג גאַנצע טעג אָפּזיצן אין צימער און אַרויסקוקן דורכן פענצטער. טאָם... סאַנדראַ... טאָם... סאַנדראַ... דער געדאַנק וועגן זיי האָט מיך נישט פאַרלאָזט אַפילו אויף קיין איין אויגנבליק.

קיטי האָט דערפילט מאַרקס הענט אויף אירע אַקסלען. אַנטקעגן זיי, האָט אַ פישער־שיפל זיך דערנענטערט צום אריינפאָר אין פאָרט. זי האָט צוגעטוליעט איר באַק צו מאַרקס האַנט, און ווייטער געפליסטערט ווי צו זיך אליין:

— אַ געוויסע נאַכט האָב איך זיך אָנגעשיכורט. ווייסט דאָך... איך קאָן טרינקען... צופעליק האָב איך געטראָפן אַ יונגן בחור אין אַ גרינעם מונדיר, אַזאַ ווי טאָם האָט געטראָגן. ער איז געווען איינזאַם. אַ פעסטער און הויך־געוואַקסענער... ווי טאָם. מיר האָבן געטרונקען צוזאַמען... איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין אַ ביליקן, שמוציקן האָטעל־צימער... איך האָב אַפילו קיין אַנונג נישט געהאַט ווו דאָס איז געווען. איך בין נאָך געווען האַלב־שיכור. איך בין צוגעגאַנגען צום שפיגל און זיך אָנגעקוקט. איך בין געווען נאַקעט. דער בחור איז אויך געווען נאַקעט... אויסגעצויגן אין דער ברייט אויפן בעט.

— איך בעט דיך, קיטי...

— שוין גוט, מאַרק... לאָז מיר דערציילן ביזן סוף. איך בין דאָרטן געשטאַנען און זיך אָנגעקוקט אין שפיגל...

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט. איך בין געפאַלן ביזן נידעריקסטן פונקט פון מיין לעבן. בידע־ריקער איז שוין געווען אוממעגלעך. דער בחור איז געלעגן טויט־שיכור... מאָדנע... איך געדענק אפילו נישט זיין נאָמען. איך האָב געקוקט אויף זיינע ראַזיר־מעסערלעך אין באָד־צימער און אויף דער גאַז־רער, וואָס האָט זיך געצויגן פון סופיט... אַ מינוט אָדער אַ שעה, איך געדענק שוין נישט ווי לאַנג, — בין איך שפּעטער געשטאַנען און אַרויסגעקוקט פון אַ צען־שטאָקיקער הויך צום טראָטואַר. מיין לעבנס־וועג האָט זיך געענדיקט, אָבער עס האָט מיר געפעלט דער מוט, כדי צו מאַכן אַ סוף. און דאַן, מאַרק, האָט פּאַסירט אַן אויסטערלישע זאַך. איך האָב זיך פּלוצים אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז איך וועל ווייטער לעבן, אויך אָן טאָמען און אָן סאַנדראַ. מיט איינמאָל איז דער ווייטיק פאַרשוווּנדן.

— קיטי, מיין טייערע, איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט דיך געפינען און דיר העלפן.

— איך ווייס. איך האָב אָבער געהאַלטן, אַז קודם־כל מוז איך זיך העלפן מיט מיינע אייגענע כוחות. איך האָב זיך צוריקגעקערט צו מיין אַרבעט אַלס קינדער־פלעגערין און זיך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיטן גאַנצן לייב און לעבן. ווען די מלחמה אין אייראָפּע האָט זיך געענדיקט, האָב איך איבערגענומען די לייטונג פון דאָזיקן גריכישן יתומים־הויז... אַ פּאָסטן, אויף וועלכן דער אַרבעטס־טאָג דויערט פיר און צוואַנציק שעה. דאָס איז געווען געבוי דאָס, אין וואָס איך האָב זיך גענויטיקט. אַרבעטן — ביזן פאַרלירן די כוחות. מאַרק... איך האָב אָנגעהויבן שרייבן צו דיר צענדליקער בריוו. איך האָב זיך אָבער שטאַרק געשראָקן

פאַרן דאָזיקן מאָמענט. איצט בין איך צופרידן, זייער צופרידן, וואָס דער דאָזיקער מאָמענט איז שוין פאַרביי.

— אויך איך בין צופרידן, וואָס איך האָב דיך אָפּגעפונען —האָט געזאָגט מאַרק.

זי האָט זיך אויסגעדרייט און אים אָנגעקוקט.

„...דאָס אַלזאָ איז געווען די געשיכטע פון קיטי פרעמאָנט...". מאַרק האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און זיי זענען אַוועק צוריק, לענגאויס דעם מאָלאָ. פון „דאָס־האָטעל" האָבן זיך צו זיי דערטראָגן קלאַנגען פון מוזיק.

קאַפּיטל 4

גענעראַל ברוס סאַטערלענד, דער מיליטערישער קאָמענ־דאַנט פון ציפּערן, איז געזעסן ביי אַ גרויסן שרייב־טיש אין זיין הויז אויף היפּאָקראַטעס־גאַס, אין פאַמאַגוסטאַ, אַן ערך 40 מייל פון קירעניאַ. ווען נישט אַ פּאָר קליינע סימנים — דאָס פּעטע בויך און עטוואָס גרויע האָר ביי די שלייפן, וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אַז ער איז שוין אַלט פינף און פופציק יאָר. זיין גלייכע און שטייפע האַלטונג האָט אָבער פאַראַטן, אַז ער איז אַ מיליטער־מאַן. עס האָט זיך דערהערט אַ פעסטער קלאַפּ אין טיר און אין צימער איז אריינגעקומען זיין אַדיוטאַנט, מאַיאָר פרעד קאָלדוועל.

— גוטן־אָוונט, קאָלדוועל. איר זענט שוין צוריקגעקומען פון קירעניאַ? זעצט זיך.

סאַטערלענד האָט אַוועקגעשאַרט די פּאַפּירן אין אַ זייט. האָט אויסגעגליכן די אַקסלען און אַוועקגעלייגט די ברילן אויפן שרייב־טיש. דאַן האָט ער פון לולקע־שטענדער זיך אויסגעקליבן אַ פייקע און זי אָנגעשטופּט מיט טאַבאַק. קאָלדוועל האָט געדאַנקט דעם גענעראַל פאַרן סיגאַרעט, וואָס ער האָט פון אים באַקומען און ביידע האָבן שנעל אָנגעפילט דאָס צימער מיט קנוילן רויך. דער גענעראַל האָט אַ קוועטש געטאָן אויף אַ גלעקל און אין צימער איז דערשינען אַ גריכישער באַדינער.

— צוויי גלעזער דזשין מיט סאָדאַ, ביטע.

סאַטערלענד האָט זיך אויפגעשטעלט פון שטול און גע־
מאַכט אַ טראָט פאָרויס. ער האָט געטראָגן אַ טונקל־רויטן
סאַמעטענעם זשאַקעט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אַוועק־
געזעצט אין אַ לעדערנעם פאָטעל, נעבן הויכן ביכער־רעגאַל,
וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע וואַנט.

— איר האָט געטראָפן מאַרק פאַרקערן?

— יעס, סער.

— וואָס איז אייער מיינונג?

קאַלדוועל האָט אַ צוק־געטאָן מיט די אַקסלען.

— אין פלוג־גענומען קאָנען מיר אים נישט פאָרוואַרפן
קיין שום זאַך. ער געפינט זיך דאָ אויפן וועג קיין ארץ־
ישראל... כדי זיך דאָ צו טרעפן מיט דער אַמעריקאַנער
קינדער־פליגערין קאַטערינע פרעמאַנט.

— פרעמאַנט? אָ, יעס, דאָס איז די זעלבע רייצנדע
פרוי, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין הויז פון גובערנאַטאָר.

— דעריבער זאָג איך טאַקע, סער, אַז אויבנאויפיק זעט
אַלץ אויס אַזוי אומשולדיק... און דאָך, פאַרקער איז אַ
רעפּאָרטער און איך קאָן נישט פאַרגעסן די צרות, וואָס ער
האָט אונדז פאַרשאַפט אין האָלאַנד.

— נו, נו, — האָט סאַטערלענד זיך אָפּגערופן. — מיר
האָבן אַלע געמאַכט פעלערן בעתן קריג. בלויז דורך אַ
צופאַל האָט ער אונדז דערשנאַפּט ביי אַ טעות. צום גליק
האָבן מיר געוווּנען די מלחמה און איך גלויב נישט, אַז
עס זענען נאָך פאַראַן היינט צו־טאָג כאָטש אַ צען מענטשן,
וואָס זאָלן געדענקען יענע געשיכטע.

דער גריכישער באַדינער האָט אַריינגעבראַכט די
געטראַנקען.

„לחיים!“

סאַטערלענד האָט אויסגעטרונקען זיין גלאָז מיט איין

זופּ און זיך אָפּגעווישט די גרויסע וואָנסן. אָבער פּרעד־קאָלדוועל איז ווייזט אויס נישט געווען צופרידן.

— סער — האָט ער עקשנותדיק ווידער אָנגעהויבן צו טענהן — צי האַלט איר נישט, אַז עס וואָלט געווען אַ סך בעסער ווען אַ פּאָר געהיים־אַגענטן זאָלן האַלטן אויג, אין פאַל ווען פּאַרקער וועט ווערן צו נייגעריק און אָנהויבן שנאַפּן אַרום זיך?

— הערט בעסער וואָס איך זאָג אייך. לאָזט אים צורו. עס איז גענוג צו זאָגן אַ זשורנאַליסט: „ניין", און דו ביסט שוין אויסגעשטעלט אויף יעדנס צאָרן. קאָרעס־פּאָנדענצן וועגן פּליטים אינטערעסירן שוין היינט נישט קיינעם און איך גלויב נישט, אַז ער איז געקומען אַהער זיך אינטערעסירן מיט די היגע פּליטים־לאַגערן. מיר דאַרפן דעריבער נישט וועקן זיין נייגעריקייט דורך דעם, וואָס מיר וועלן אים וואָס עס איז פאַרבאָטן. לויט מיין מיינונג איז דאָס בכלל געווען אַ פעלער פון אייער זייט, וואָס איר האָט זיך היינט מיט אים געטראָפן.

— אָבער, גענעראַל... נאָך די צרות, וואָס ער האָט אונז פאַרשאַפט אין האָלאַנד...

— נעמט דאָס שאַך־ברעטל, פּרעדי!

אינעם אופן, ווי סאַטערלענד האָט אַקצענטירט דאָס וואָרט „פּרעדי", האָט קאָלדוועל פאַרשטאַנען, אַז די דיסקוסיע איז ענדגילטיק פאַרענדיקט. ער האָט אַן אומצו־פרידענער עפּעס אַ ברום־געטאָן און ביידע האָבן אָנגעהויבן אויסצושטעלן די פיגורן אויפן שאַך־ברעט. זיי האָבן אָנגע־הויבן די פּאַרטיע, אָבער סאַטערלענד האָט דייטלעך געזען, אַז זיין אַדיוטאַנט האָט נישט דעם קאָפּ צום שפּיל. ער האָט אָפּגעלייגט די פּייקע אין אַ זייט און זיך אָנגעלענט אין פאָטעל.

— קאַלדוועל, איך האָב זיך באַמיט אייך אויפצוקלערן, אַז מיר האָבן דאָ נישט אויפגעשטעלט קיין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די פּליטים אין די לאַגערן ביי קאַראַאָלאָס וועלן געהאַלטן ווערן אין ציפּערן אַזוי לאַנג, ביז די טפּשים אין לאָנדאָן וועלן באַשליסן, וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן מיטן ארץ־ישראלדיקן מאַנדאַט.

— אָבער די דאָזיקע יידן ווערן צו חוצפּהדיק — האָט קאָלדוועל געזאָגט אַ קנייטש־טוענדיק דעם שטערן, — און איך וואָלט באמת געוועזן פאַר אַ ביסל דיסציפּלין אין אלטן, גוטן סטיל...

— ניין, פרעדי. נישט אין דאָזיקן פאַל. די דאָזיקע מענטשן זענען נישט קיין פאַרברעכער און זיי האָבן אויף זייער זייט די סימפּאַטיע פון דער גאַנצער וועלט. אונזער אויפגאַבע איז צו זאָרגן פאַר דעם, עס זאָלן נישט אויסברעכן קיין מהומות, אָדער עס זאָל נישט פּאַסירן קיין שום אַנדער זאַך, וואָס וואָלט געקאָנט דינען אַלס פּראָפּאַגאַנדע קעגן אונז, פאַרשטאַנען?

קאָלדוועל האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן. אין קעגנטייל. ער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז דער גענעראַל דאַרף זיך אַ ביסל שטרענגער באַגיין מיט די פּליטים. אָבער קיין שום מענטש באַזיגט נישט קיין גענעראַל אין אַ וויכוח, סיידן אַ גענעראַל, וואָס איז העכער אין ראַנג. איבעריקנס איז דער גאַנצער ענין אַזוי פאַרפלאָנטערט... קאָלדוועל האָט אַ רוק געטאָן אויפן שאַך־ברעט אַ בויער פאָרויס.

— איצט איז אייער גאַנג, סער — האָט ער געזאָגט.

קאָלדוועל האָט אויפגעהויבן זיין בליק פון שאַך־ברעט און אַ קוק־געטאָן אויפן גענעראַל.

סאַטערלענד איז געזעסן פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען און עס האָט געשיינט, אַז ער האָט לגמרי פאַרגעסן וועגן דער אָנוועזנהייט פון אַדיוטאַנט. דאָס האָט לעצטנס זייער אָפט פּאַסירט.

— עס איז אייער גאַנג, סער — האָט קאָלדוועל איבערגעחזרט.

סאַטערלענד האָט אויסגעזען צו זיין פאַרזאָרגט. געבען אַן אומגליקלעכער מענטש — האָט קאָלדוועל אַ טראַכט־געטאָן. דער גענעראַל איז כמעט דרייסיק יאָר געווען פאַרהייראַט מיט נעדי סאַטערלענד. אַ געוויסן טאָג האָט זי אים פּלוצים פאַרלאָזן און איז אַנטלאָפן קיין פאַריז מיט אַ געליבטן, וואָס איז געווען יינגער פון איר מיט צען יאָר. דאָס איז געווען אַ סקאַנדאַל, וואָס האָט אין משך פון לאַנגע חדשים אויפגעברויזט די געמיטער אין די אַרמיי־קרייזן. סאַטערלענד האָט נאָך אַלץ געליטן צוליב דעם. פאַרן גענעראַל, וואָס איז תמיד געווען אַן אויפריכטיקער און קאָרעקטער מענטש, איז דאָס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ. סאַטערלענדס בלאָס געזיכט איז באַדעקט געוואָרן מיט קנייטשן און אויף זיין נאָז האָבן זיך באַוויזן קליינע רויטע אָדערלעך. אין דאָזיקן מאָמענט האָט ער באמת אויסגעזען ווי פינף און פופציק יאָר, אויב נישט נאָך מער.

ברוס סאַטערלענד האָט אָבער נישט געטראַכט וועגן זיין אַנטלאָפענער פרוי נעדי, ווי קאָלדוועל האָט געמיינט. זיינע מחשבות זענען געווען ביים פּליטים־לאַגער אין קאַראַאַלאָס.

— איר דאַרפט מאַכן אַ גאַנג, סער.

כן יאבדו כל אויביך, ישראל... אַזוי וועלן פאַרטיליקט ווערן אַלע דיינע פיינט, ישראל — האָט סאַטערלענד געמורמלט.

— איר האָט עפּעס געזאָגט, סער?

קאַפּיטל 5

מאַרק און קיטי האָבן שווער אָטעמענדיק זיך צוריקגע־קערט צו זייער טישל.

— ווייסט ווען איך האָב דאָס לעצטע מאָל געטאַנצט סאַמבאַ? — האָט זי געפרעגט.

— פאַר אַזאַ אַלטע מויד ווי דו ביסט, טאַנצסטו גאָרנישט אַזוי שלעכט.

מאַרק האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל. ביי אַלע טישלעך זענען געזעסן ענגלישע אָפיצירן, אין כאַקי־אוניפאָרמען פון דער אַרמיי אָדער אין ווייסע זשאַקעטן פון דער מאַרינע. זיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט די געשפּרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן אַרום אים, סיי אין אַן אינטעליגענטן און סיי אין אַ פּאַלקסטימלעכן ענגלישן אַקצענט. מאַרק האָט זייער ליב געהאַט די דאָזיקע לאָקאַלן. דער קעלנער האָט געבראַכט פרישע געטראַנקען און זיי האָבן ווידער געטרונקען לחיים.

— פאַר דיר קיטי, וו דו וועסט זיך נאָר נישט געפינען — האָט מאַרק געזאָגט. — אגב, מאַדאַם, וו האָט איר בדעה צו גיין פון דאַנען?

קיטי האָט אַ צוק־געטאָן מיט די אַקסלען:

— דעם אמת געזאָגט, ווייס איך אליין נישט, מאַרק. מיין אַרבעט אין סאַלאָניקי האָט זיך פאַרענדיקט און איך הויב שוין אָן צו ווערן אומרואיק. איך האָב אַ טוץ פאָרשלאָגן מצד דער אונ״אָ צו אַרבעטן אין פאַרשידענע ערטער פון איירָאָפּע.

— יאָ, דאָס איז געווען אַ ווונדערבאַרע מלחמה — האָט מאַרק מיט איראָניע געזאָגט — אומעטום זענען געבליבן מאַסן יתומים.

— זיי ערנסט — האָט קיטי זיך אָפּגערופן. — נעכטן האָב איך באַקומען אַ גוטן פאָרשלאַג צו בלייבן אַרבעטן דאָ, אין ציפּערן.

— אין ציפּערן?

— אין דער סביבה פון פאַמאַגוסטאַ געפינען זיך אייניקע פּליטים־לאַגערן. אַ געוויסע אַמעריקאַנער פרוי האָט זיך צו מיר געווענדעט אין דאָזיקן ענין. עס שיינט, אַז די לאַגערן זענען איבערפולט און זיי האָבן בדעה אויפצושטעלן נייע לאַגערן אויפן שאָסיי קיין לאַרנאַקאַ. זי האָט מיך געבעטן איך זאָל דאָרטן איבערנעמען די לייטונג פון די קינדער־אָפּטיילונגען.

מאַרקס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט.

— דאָס איז טאַקע די סיבה, צוליב וועלכער איך האָב נישט געקאָנט קומען דיך באַגעגענען אויפן עראָדראָם. איך בין געפאָרן קיין פאַמאַגוסטאַ, כדי זיך צו טרעפן מיט דער דאָזיקער אַמעריקאַנערין.

— און וואָס האָסטו איר געזאָגט.

— איך האָב איר געזאָגט: ניין. די איינוווינער פון די לאַגערן זענען יידן. איך גלויב וואָס אַן אמת, אַז יידישע קינדער זענען די זעלבע קינדער ווי אַלע אַנדערע, אָבער איך וויל בעסער מיט זיי נישט האָבן צו טאָן. עס זעט אויס, אַז אַרום די דאָזיקע לאַגערן גייט אָן אַ פּאָליטישע שפּיל. איבעריקנס געפינען זיי זיך אויך נישט אונטערן שוץ פון אונ״אָ.

מאַרק האָט אַ פאַרטראַכטער געשוויגן. קיטי האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און דאַן האָט זי אַ פּיר־געטאָן מיטן פינגער פאַר זיין נאָז.

— מאַך נישט אַזאַ ערנסטן פּנים... —האָט זי זיך אָפּגערופן. — צי ווילסטו וויסן וואָס איז געווען די צווייטע

סיבה, צוליב וועלכער איך האָב נישט געקאָנט קומען אויפן פלי־פּלאַץ?

— פירסט זיך אויף, ווי דו וואָלסט געווען אַ ביסל בגילופין.

— איך הויב זיך אָן באמת צו פילן, ווי איך וואָלט געווען באַרוישט. אַלזאָ, מיסטער פּאַרקער, איך בין געווען אין פּאַמאַגוסטאַ, כדי זיך צו געזעגענען מיט מיין פריינד. קאָנסט דאָך מיך... איין געליבטער שווימט־אָפּ מיט אַ שיף און אַ צווייטער קומט אָן מיט אַן עראָפּלאַן.

— אויב דו האָסט שוין אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם... טאָ זאָג מיר כאָטש ווער איז דאָס דער פּאַרשוין מיט וועמען דו ביסט געקומען קיין ציפּערן?

— ווילסט באמת וויסן?

— יאָ. דאָס איז קאָלאָנעל האָווארד הילינגס, פון בריטישן מיליטער.

— צי זענט איר שוין ווייט פאַרפאָרן אין אייער באַקאַנטשאַפט?

— צו אלדי רוחות, ניין. ער איז געווען אַזוי קאָרעקט, אַז עס האָט מיך אַזש געאיבלט.

— און פון וואַנען קענסטו אים?

— ער איז געווען דער שעף פון דער בריטישער מיליטערישער מיסיע אין סאַלאָניקי. ווען איך האָב איבער־גענומען די לייטונג פון יתומים־הויז, האָבן מיר גאָרנישט געהאַט... בעטן, רפואות, שפייז, קאָלדרעס... קיין איין זאַך נישט. קורץ, איך האָב זיך געווענדעט צו אים און ער האָט אָנגעהויבן צו פירן פאַר מיר אַ פּאַפּיר־קריג מיט די אָפיציעלע אַמטן. אַזוי אַרום זענען מיר געוואָרן אייביקע פריינט. ער איז באמת אַ גוטער מענטש.

— דערציייל ווייטער. די זאַך הויבט מיר אָן צו אינטערעסירן.

— מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אים בדעה אַריבערצופירן קיין ארץ־ישראל. פאַר דעם האָט מען אים געגעבן אורלויב. ער האָט מיך דאַן געבעטן, איך זאָל דאָ פאַרברענגען צוזאַמען מיט אים זיין אורלויב. דו ווייסט, איך האָב געאַרבעט אַזוי שווער, אַז איך האָב לגמרי פאַרגעסן, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין אורלויב די לעצטע אַכצן חדשים. קורץ, איצט האָט מען אָפּגערופן זיין אורלויב און היינט האָט ער זיך געמוזט צושטעלן אין פאַמאַגוסטאַ, כדי אָפּצושווימען דעם זעלבן טאָג קיין ארץ־ישראל.

— צי זענען פאַראַן אויסזיכטן, אַז דו זאָלסט אין דער צוקונפט ווערן פרוי הילינגס?

קיטי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— איך האָב אים גערן. ער האָט ספּעציעל געמאַכט מיט מיר אַזאַ ווייטע רייזע קיין ציפּערן, כדי צו געפינען די פּאַסיקע סביבה, וווּ ער זאָל מיך קאָנען שטעלן די פראַגע, צי איך וויל ווערן זיין פרוי.

— נו, און וואָס?

— איך האָב ליב געהאַט טאָמען און איך וועל קיינמאָל נישט האָבן דאָס זעלבע געפיל פאַר אַ צווייטן מאַן.

— ביסט אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט, קיטי. דאָס איז אַ גוטער עלטער זיך ענדלעך אָפּצורוען.

— איך באַקלאָג זיך נישט. איך האָב געפונען דאָס, וואָס באַפרידיקט מיך. מאַרק, אויך דו פאָרסט קיין ארץ־ישראל. אַ סך אָפּיצירן פאָרן פון דאַנען אָפּ קיין ארץ־ישראל.

— עס דאַרף אויסברעכן אַ מלחמה, קיטי.

— אַ מלחמה? פאַרוואָס? איך פאַרשטיי נישט.

— צוליב פאַרשידענע טעמים. אַ סך מענטשן אויף דער וועלט האָבן באַשלאָסן צו לעבן זעלבשטענדיק. קאָלאָניעס גייען אַרויס פון דער מאָדע אין אונזער צייט. די ענגלענדער דאָ, רייטן אויף אַ טויטן פערד. אָט דאָס איז דער סאָלדאַט פון דער נייער אימפּעריע — האָט מאַרק אויסגערופן, אַרויסנעמענדיק פון קעשענע אַ דאָלאַר־באַנקנאָט. — אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, האָבן מיר געלאָזט אין גאַנג מיליאָנען פון די דאָזיקע זעלנער. עס איז די שטאַרקסטע אַרמיי, וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט און וועלכע דעראָבערט די וועלט אָן בלוט־פאַרגיסונג... אָבער ארץ־ישראל... דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער ענין. קיטי, דאָס איז אַן ענין, וואָס וואַרפט אָן כמעט אַ פחד. עס האָבן זיך געפונען מענטשן וואָס האָבן באַשלאָסן אויפצולעבן אַ נאַציע, וועלכע איז שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר טויט. אַזאַ זאַך האָט נאָך נישט פּאַסירט זינט די וועלט עקזיסטירט. נאָכמער, איך בין איבערצייגט, אַז דאָס וועט זיך זיי איינגעבן. דאָס זענען די יידן, וועלכע דו קענסט נישט פאַרטראָגן.

— איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך האָב פיינט יידן — האָט קיטי פעסט צוריקגעענטפערט.

— איך וויל נישט מיט דיר שטרייטן. אָבער פאַרטראַכט זיך אַביסל בעסער, מיין טייערע... צי האָסטו נישט געהערט אָדער געזען דאָ אין ציפערן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן באַטראַכט ווערן, לאָמיר זאָגן, אַלס אויפפאַלנדיק אָדער נישט נאָרמאַל?

— אפשר בלויז די פּליטים־לאַגערן — האָט זי נאָכטראַכנדיק געענטפערט. — איך ווייס, אַז זיי זענען

איבערפולט און געפינען זיך אין אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד. פאַרוואָס פרעגסטו?

— איך ווייס נישט. איך האָב אָבער דאָס געפיל, אַז דאָ, אין ציפערן, קומט עפעס פאָר, און לויט מיין מיינונג — אַ גאַנץ וויכטיקע זאַך.

— פאַרוואָס זאָגסטו נישט, אַז דו ביסט איינפאַך נייגע־ריק ווי אַ זשורנאַליסט?

— ניין, דאָ שטעקט עפעס מער. צי קענסטו דעם מאַיאָר פרעד קאָלדוועל? ער איז דער אַדיוטאַנט פון גענעראַל סאַטערלענד.

— אַ שרעקלעכער נודניק. איך האָב אים באַגעגנט ביים גובערנאַטאָר.

— איידער דו ביסט געקומען האָט ער מיך באַזוכט אין האָטעל־צימער. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז צען מינוט נאָך מיין אָנקום זאָל דער אַדיוטאַנט פון גענעראַל זיך פאַרנעמען מיט מיר, צוליב עפעס אַ נאַרישקייט? קיטי, איך זאָג דיר, אַז די ענגלענדער זענען נערוועז און באַהאַלטן עפעס אויס. איך ווייס נישט גענוי אין וואָס עס גייט, אָבער איך קאָן זיך וועטן, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט די פּליטים־לאַגערן. וואָס איז דיין מיינונג?... אפשר וואָלסטו געקאָנט אַרבעטן פאַר מיר אַ פּאָר וואָכן אין די דאָזיקע לאַגערן?

— נאַטירלעך, מאַרק. אויב דאָס איז וויכטיק פאַר דיר.

— זאָל דאָס גיין צו אַלדי רוחות — האָט מאַרק אויסגע־שריען און אָוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפן טיש. — מיר זענען ביידע יונג און אויף אורלויב. ביסט גערעכט, קיטי... איך בין נייגעריק פון באַרוף. טראַכט נישט מער וועגן דעם. לאָמיר בעסער גיין טאַנצן.

קאַפּיטל 6

אויף דער אַרסינאַס־גאַס אין פאַמאַגוסטאַ, קעגנאיבער דעם אַלטן שטאָט־מויער, האָט זיך געפונען דאָס גרויסע און פּרעכטיקע הויז פון אַ ציפּרישן גריך מיטן נאָמען מאַנדריאַ. ער איז געווען דער אייגנטימער פון דער „ציפּריש־מיטללענדישער שיף־געזעלשאַפט”. חוץ דעם האָבן צו אים געהערט כמעט אַלע טעקסיס אויפן אינדזל. אין איינעם פון די צימערן פון דאָזיקן הויז האָבן מאַנדריאַ און דוד בן־עמי געוואַרט מיט אומגעדולד, ביז ארי בן־כנען וועט זיך אָפּוואַשן און טוישן די בגדים, וואָס זענען דורכגעווייקט געוואָרן אין וואַסער, בעת ער איז געשווומען צום ברעג.

פאַרביידן איז געווען קלאָר, אַז דאָס קומען פון ארי בן־כנען קיין ציפּערן איז פאַרבונדן מיט אַ באַזונדערס וויכ־טיקער שליחות פון „מוסד עליה ב”. זינט לאַנגע יאָרן האָבן די ענגלענדער געפירט אַ פּאָליטיק פון אומעגלעך מאַכן, אָדער מינדעסטנס שטאַרק באַגרענעצן די עליה קיין ארץ־ישראל. ביים דורכפירן די דאָזיקע פּאָליטיק האָט מען זיך באַנוצט מיטן קעניגלעכן ים־פלאָט. „מוסד עליה ב” איז געווען אַ יידישע אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו העלפן אריינשמוגלען די יידן אין לאַנד. אָבער יעדעס מאָל, ווען דעם בריטישן פלאָט איז געלונגען צו פאַרהאַלטן איינע פון די „מוסד”־שיפן, וואָס האָט זיך באַמיט דורכצוברעכן די בלאָקאַדע, זענען די אומלעגאַלע עולים אָפּגעפירט געוואָרן אין די לאַ־גערן אין ציפּערן.

ארי בן־כנען, וועלכער האָט אינצווישנצייט זיך איבער־געטאָן, איז אַריינגעקומען אין צימער און האָט פריינטלעך

אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ צו מאַנדריא און דוד בן־עמי. בן־כנען איז געווען אַ קרעפּטיק־געבויטער מאן פון איבער אַ מעטער אַכציק די הויך. ער און בן־עמי זענען זינט אַ לענגערער צייט געווען גוטע חברים, אָבער אין אָנוועזנהייט פון מאנדריא, דעם ציפּרישן גריך, וועלכער איז נישט געווען קיין מיטגליד פון זייער אָרגאַניזאַציע, נאָר האָט בלויז מיט זיי סימפּאַטיזירט, — האָבן זיי נישט ארויסגעוויזן זייער אינטימע פריינטשאַפט.

ארי האָט פאַרויכערט א סיגאַרעט און איז גלייך צו־געטראָטן צום ענין.

— דער הויפּט־שטאַב האָט מיך געשיקט אַהער, כדי צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן־אַנטלויף פון די לאַגערן. די סיבות זענען קלאָר פאַר יעדן אייגעם פון אונדז. וואָס איז דיין מיינונג, דוד?

דער ירושלימער יוגנטלעכער מיטן שמאָלן געזיכט האָט גענומען שפּרייזן אַ פאַרטראַכטער איבערן צימער. ער איז געשיקט געוואָרן קיין ציפּערן נאָך מיט אייניקע חדשים צוריק דורך פּלמ״ח. ער, און צענדליקער אַנדערע פּלמ״ח־חברים האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין די לאַגערן, אָן דעם וויסן פון די בריטן, און האָבן דאָרטן אָרגאַניזירט שולן, שפּיטאָלן און בתי־כנסת, האָבן אויפגעשטעלט סאַניטאַרע איינריכטונגען און אפילו א לייכט־אינדוסטריע. די אומלעגאַלע עולים, וואָס זענען צוריקגעקערט געוואָרן פון ארץ־ישראל קיין ציפּערן, זענען געווען פאַרצווייפלטע מענטשן, און דאָס דערשיינען פון יונגע ארץ־ישראלים, וועלכע האָבן געהערט צו דער יידישער אונטערערדישער אַרמיי, האָט ביי די פאַרהאַלטענע געוועקט נייע האָפענונגען און האָט געשטאַרקט זייער גייסט. דוד בן־עמי האָט צוזאַמען מיט די אַנדערע פּלמ״ח־חברים געשולט מיליטעריש עטלעכע טויזנט

מענער און פרויען פון די מעפּילים, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט שטעקנס, אַנשטאָט ביקסן, און מיט שטיינער, אַנשטאָט גראַנאַטן. דער 22־יאָריקער דוד בן־עמי איז געווען דער פּלמ״ח־קאָמאַנדיר אין ציפערן. די ענגלענדער האָבן וואָס אַן אמת געוווסט, אַז אין די לאַגערן האָבן זיך אריינגעשלייכט ארץ־ישראלים, אָבער זיי האָבן זיך נישט געמאַכט וויסנדיק וועגן דעם. זיי האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו היטן די לאַגערן פון דרויסן און זענען נישט געווען פאַראינטערעסירט אריינצוגיין אינעווייניק, ווו די איינוווינער פלעגן זיי אויפנעמען מיט ברענענדיקער שנאה.

— וויפל מענטשן האָסטו בדעה ארויסצושמוגלען? — האָט דוד געפרעגט.

— אַן ערך דריי הונדערט.

דוד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— מיר האָבן אויסגעגראָבן עטלעכע אונטערערדישע טונעלן, אָבער זיי פירן צום ים. האָסט היינט אין אָוונט אַליין זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז די שטראָמען פון דער בוכטע זענען זייער געפערלעכע און מען מוז זיין אַ גוטער שווימער, כדי זיי איבערצוווינדן. עס איז פאַראַן אַ צווייטע מעגלעכקייט: מיר קאָנען אריינגיין אין לאַגער און ארויסגיין פון דאָרטן דורך די פּלעצער, אויף וועלכע מען וואַרפט אַרויס די הויפנס מיסט. די דאָזיקע ערטער ווערן נישט אַזוי שטרענג אָפּגעהיט, אָבער טראָץ דעם וועלן מיר נישט קאָנען ארויספירן דורך דאָרטן אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן. די דריטע מעגלעכקייט: ענגלישע מיליטערישע אוניפאָרמען און געפעלשטע פּעסער... אָבער אויך אויפן דאָזיקן אופן קאָן מען אריינפירן אָדער אַרויספירן בלויז געציילטע מענטשן. די פערטע און לעצטע מעגלעכקייט: מיר קאָנען איינפּאַקן אייניקע פון אונדזערע חברים אין קאַסטנס און זיי

אַרויסשיקן צום פּאָרט. הער מאַנדריאַ איז דער אייגנטימער פון דער שיפס־געזעלשאַפט און זיינע פּאָרט־אַרבעטער וועלן גוט אָפּהיטן די דאָזיקע קאַסטנס. אין איצטיקן מאָמענט, אַרי, זע איך נישט קיין אַנדער וועג, ווי אַזוי דורכצופירן אַ מאַסן־אַנטלויפונג.

— אַ וועג וועט זיך געפינען — האָט געזאָגט בן־כנען מיט אַ טאָן פון זיכערקייט. — אויף יעדן פאַל האָבן מיר בלויז עטלעכע וואָכן צייט אויף דורכצופירן דאָס שטיקל אַרבעט.

מאַנדריאַ, דער גריך, האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, האָט אָפּגעזיפצט און פּונקט ווי דוד, האָט ער אויך אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ:

— מיסטער בן־כנען, איר זענט היינט געקומען שווי־מענדיק צום ברעג. און איצט לייגט איר אונדז פאָר אַן אומעגלעכע זאַך, דערצו נאָך אין משך פון צוויי וואָכן. מיין האַרץ זאָגט — מאַנדריאַ האָט דערביי אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן האַרצן — אַז דאָס וועט געלינגען, אָבער מיין קאָפּ זאָגט — מאַנדריאַ האָט זיך דערביי אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פינגער אין שטערן — אַז דאָס איז אומעגלעך.

ער האָט פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן און אָנגעהויבן שפּאַנען נערוועז איבערן צימער.

— גלויבט מיר, מיסטער בן־כנען — האָט ער ווייטער גערעדט, מאַכנדיק מיט דער האַנט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט געצייכנט אַ קרייז אין דער לופטן. — די מענטשן פון פלמ״ח און „מוסד״ קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף די גריכן אין ציפּערן. זיי וועלן זיך איינשטעלן פאַר אייך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. אונדזער האַרץ איז מיט אייך! פאַרגעסט אָבער נישט — ציפּערן איז אַן אינדזל, וואָס איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט וואַסער און די ענגלענדער זענען

נישט קיין טפשים און שלאָפן נישט. איך, מאנדריא, בין גרייט אַלץ צו טאָן פאַר אייך, אָבער איך גלויב נישט אַז עס וועט זיך איינגעבן אַרויסצופירן מיט איין מאָל דריי הונדערט מענטשן פון די לאַגערן אין קאַראַאַלאָס. די לאַגערן זענען ארומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט אויף אַ הויך פון דריי מעטער און די וואַך־פּאָסטנס שטייען מיט געווער אין האַנט... מיט געלאָדענע ביקסן.

ארי בן־כנען איז אויפגעשטאַנען און זיך אויסגעצויגן אין זיין פולער הויך. ער האָט זיך אפילו נישט צוגעהערט צו די פאַטעטישע רייד פון מאנדריא.

— איך דאַרף האָבן אויף מאָרגן אַן ענגלישע אוניפאָרם, אַ פּאַספּאָרט און אַ שאָפער. — האָט ער געזאָגט. — איר, מיסטער מאנדריא, קאָנט שוין אָנהויבן זוכן אַ שיף. אַן ערך פון צוויי אָדער דריי הונדערט טאָן. דוד, מיר וועלן אויך דאַרפן געפינען אַ פאַכמאַן, וואָס זאָל מאַכן געפעלשטע פּאַספּאָרטן.

— אין יונגנט־בלאָק געפינט זיך אַ בחור וועגן וועלכן מען זאָגט, אַז ער איז אַן אָמתער קינסטלער אין דעם פאַך. ער וויל אָבער נישט אַרבעטן. די אַנדערע זענען פשוטע פאַרטאַטשעס.

— איך וועל מאָרגן קומען קיין קאַראַאַלאָס און וועל רעדן מיטן דאָזיקן יאָט. איך האָב אַלץ־איינס בדעה צו באַזוכן דעם לאַגער.

מאנדריא איז געווען באַגייסטערט פון דעם וואָס ער האָט געהערט. דער דאָזיקער ארי בן־כנען איז באמת א מענטש פון טאַט! געפינט אַ שיף! געפינט אַ פּאַספּאָרטן־פעלשער! געפינט מיר אַ מונדיר און אַ שאָפער! זינט די מענטשן פון פּלמ״ח און „מוסד״ זענען געקומען אין ציפּערן איז דאָס לעבן דאָ באמת געוואָרן שפּאַנענדיק. מאנ־

דריא האָט מיט גרויס חשק אָנטיילגענומען אין „שפּיל" קעגן די ענגלענדער. ער האָט אָנגעכאַפּט בן־כנענס האַנט און זי גענומען שאָקלען.

— מיר, די מענטשן פון ציפּערן, שטייען אויף אייער זייט — האָט ער אויסגערופן. — אייער קאַמף איז אונדזער קאַמף!

בן־כנען האָט אים גלייכגילטיק אָנגעקוקט.

— הער מאַנדריאַ — האָט ער געזאָגט. — פאַר אייער צייט און באמיאונגען, באַצאָלט מען אייך ווי עס געהער צו זיין.

מאנדריא איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. אין צימער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ טויטע שטילקייט.

— צי גלויבט איר?... צי מיינט איר דאָס ערנסט, מיין הער, אַז איך, מאַנדריאַ, טו עס פאַר געלט? צי האַלט איר, אַז איך וועל פאַר געלט ריזיקירן מיט צען יאָר תפיסה אָדער פאַרטריבן צו ווערן פון מיין היימלאַנד? זינט איך האָב אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן מיט אייערע מענטשן פון פלמ״ח, האָב איך שוין אויסגעגעבן פון מיין אייגענער קעשענע איבער פינף טויזנט פונט.

— איך האַלט — האָט דוד שנעל זיך אריינגעמישט אין געשפּרעך, — אַז דו דאַרפסט זיך אַנטשולדיקן פאַרן הער מאַנדריא. ער אַליין, זיינע שאָפערן און זיינע פאָרט־אַרבעטער ריזיקירן זייער אַ סך. אָן דער הילף פון גריכישן פאָלק וואָלטן מיר דאָ גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן.

מאנדריא האָט זיך אַ דערשלאָגענער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול. מען האָט געזען, אַז ער פילט זיך טיף באַליידיקט.

— יאָ, בן־כנען — האָט ער זיך אָנגערופן. — מיר באַ־וואונדערן אייך, ווייל מיר האַלטן, אַז אויב אייך וועט געלינ־גען צו פאַרטרייבן די ענגלענדער פון פּאַלעסטינע, וועט

אונדז אפשר אויך געלינגען אַ געוויסן טאָג צו טאָן דאָס זעלבע אין ציפּערן.

— זייט מוחל, הער מאַנדריאַ, — האָט ארי געזאָגט. — וויזט אויס, אַז מיינע נערוון זענען אַ ביסל צערייצט. ארי בן־כנען האָט עס געזאָגט ריין מעכאַניש, בלויז כדי צו באַרואיקן דעם גריך.

אַ שאַרפער געהויל פון סירענעס, וואָס האָט זיך דערהערט פון דרויסן, האָט איבערגעריסן זייער געשפרעך. מאַנדריא האָט געעפנט די טיר צום באַלקאָן און איז צוזאַמען מיט דודן אַרויס אין דרויסן. אַרי בן־כנען איז זיי נאָכגעגאַנגען און געבליבן שטיין הינטער זיי. זיי האָבן דערזען ווי פון פאָרט קומט אָן אַ קאַראַוואַן פון לאַסט־אויטאָס באַגלייט דורך באַוואָפנטע זעלנער אין דזשיפּן. פאָרויס איז געפאָרן אַ פאַנצער־אויטאָ מיט מאַשין־געווער. זיי האָבן אָנגעציילט פינף און צוואנציק אויטאָס, וועלכע זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט מעפּילים. דאָס זענען געווען די אומלעגאַלע עולים פון דער שיף „פּתח־תקוה", וואָס האָט געמאכט א פרווו דורכצוברעכן די ענגלישע בלאָקאַדע אויפן וועג פון איטאַליע קיין ארץ־ישראל. די שיף „פּתח־תקוה" איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַן ענגלישער צעשטערער־שיף און איז אָפּגעפירט געוואָרן קיין חיפה. פון דאָרטן זענען די מעפּילים גלייך אָפּגעפירט געוואָרן קיין ציפּערן.

דאָס געהויל פון די סירענעס האָט זיך פאַרשטאַרקט, ווען דער קאַראַוואַן איז פאַרבייגעפאָרן דעם באַלקאָן פון מאַנדריאַס הויז. די דריי מענער זענען געשטאַנען און נאָכגעקוקט די פאַרבייפאָרנדיקע אויטאָס, זיי האָבן געזען דעם עלנד פון די מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און האָבן זיך געפונען ביים ראַנד פון זייערע כוחות.

די סירענעס האָבן נישט אויפגעהערט צו פּייפן. דער קאַראַוואַן האָט ביים טויער פון אַלטן שטאָט־מויער זיך פאַרנומען אויפן וועג קיין סאַלאַמיס, צו די לאַגערן אין קאַראַאָלאָס. די אויטאָס זענען פאַרשווונדן פון זייערע אויגן, אָבער דאָס געהויל פון די סירענעס, האָט נאָך לאַנג צע־שניטן די לופט.

דוד בן־עמי איז געשטאַנען מיט געביילטע פויסטן. די ציין זענען ביי אים געווען קראַמפּהאַפּט צוזאַמענגעביסן און אויף זיין פּנים האָט זיך געמאָלן אַן אויסדרוק פון אָנ־מעכטיקן כעס. מאַנדריא איז געשטאַנען און געוויינט. בלויז ארי בן־כנען איז רואיק געשטאַנען און נישט ארויסגעוויזן קיין שום צייכן פון אויפרעגונג. זיי זענען אַריין צוריק אין צימער.

— איך ווייס, אַז איר דאַרפט זיכער ארומריידן אַ סך ענינים — האָט מאַנדריא שלוכצנדיק געזאָגט — איך האָף, הער בן־כנען, אַז עס וועט אייך זיין באַקוועם אין אייער צימער. אַן אוניפאָרם, דאָקומענטן און אַ טעקסי, וועל איך ביז מאָרגן פרי צוגרייטן פאַר אייך. אַ גוטע נאַכט.

ווי נאָר דוד און ארי זענען געבליבן אַליין אין צימער, האָבן זיי זיך געוואָרפן אין די אָרעמס.

אַרי בן־כנען האָט אַ הייב־געטאָן דודן אין דער הויך, ווי ער וואָלט געווען אַ קליין קינד, און אים צוריק אַראָפּ־געלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן איינער מיטן אַנדערן און יעדע ווײַלע פלעגן זיי זיך אַרומכאַפּן פאַר פרייד.

— וואָס מאַכט ירדנה? — האָט דוד אומגעדולדיק גע־פרעגט. — ציי האָסטו זי געזען פאַר דיין אָפּפאָר? ציי האָט זי דיר עפּעס געגעבן פאַר מיר?

ארי האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קינביין און געמאַכט

אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט.

— וואַרט נאָר... לאָמיר זיך דערמאָנען...

— אַרי, מאַך נישט קיין קונצן. איך האָב שוין עטלע־כע חדשים נישט באַקומען פון איר קיין בריוו.

ארי האָט אָפּגעזיפּצט און אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ קאָנווערט. דוד האָט אַ כאַפּ־געטאָן דעם בריוו פון זיין האַנט.

— איך האָב געהאַלטן דעם בריוו אין אַ גומי־בייטל — האָט אַרי געזאָגט. — ווען איך בין געשווומען אין אָוונט צום ברעג, האָב איך געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך: אז דו וועסט מיר זיכער אָפּרייסן דעם קאָפּ, אויב איך וועל דיר ברענגען אַ דורכגענעצטן בריוו...

דוד האָט אָבער נישט געהערט, וואָס ארי זאָגט. ביים טונקעלן ליכט האָט ער געהאַלטן דעם בריוו האַרט פאַר די אויגן און אויפמערקזאַם געלייענט די ווערטער פון מיידל, וואָס האָט געבענקט צו איר געליבטן בחור. דאַן האָט ער לאַנגזאַם צוזאַמענגעלייגט דאָס בויגעלע פּאַפּיר און זאָרג־פעליק עס אַריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע, כדי שפּעטער צו לייענען דעם בריוו נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ווייסנדיק אַז עס וועלן פאַרבייגיין לאַנגע חדשים, ביז ער וועט באַ־קומען אַ צווייטן בריוו.

— וואָס מאַכט זי? — האָט דוד געפרעגט.

— איך פאַרשטיי נישט, אייגנטלעך, וואָס מיין שוועס־טער זעט אין דיר — האָט אַרי זיך אָפּגערופן. — ירדנה? זי איז ווייטער די זעלבע. ווילד, שיין און פאַרליבט אין דיר.

— און מיינע עלטערן? מיינע ברידער? און די גאַנ־צע חברה פון פלמ״ח? וואָס הערט זיך ביי זיי?

— שאַ, וואָס פליסטו אַזוי? איך בלייב דאָך דאָ מיט דיר אַ שטיקל צייט. נישט אַלע שאלות מיט איינמאָל.

דוד האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון קעשענע און

ווידער אָנגעהויבן צו לייענען. דאַן זענען זיי צוגעגאַנגען צום באַלקאָן און אַרויסגעקוקט דורך דער טיר צום אַלטן שטאָט־מויער, אויף דער אַנדערער זייט גאַס.

— וואָס הערט זיך ביי אונדז אין דער היים ? — האָט דוד שטיל געפרעגט.

— ביי אונדז ? ווי שטענדיק. מען שיסט און מען וואַרפט באָמבעס. פונקט אַזוי, ווי מיט יאָרן צוריק. דער מצב האָט זיך נישט געענדערט. יעדן יאָר דערנענטערן מיר זיך צו אַ קריזיס, און מיר מיינען, אַז דאָס איז שוין דער סוף. אָבער דאַן קומט אַ צווייטער קריזיס, וואָס איז נאָך געפער־לעכער, ווי דער פריערדיקער. אַזוי זעט עס אויס ביי אונדז אין דער היים. אָבער דאָסמאָל, וועט שוין דערגיין צו אַ מלחמה.

ארי האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דודס אַקסל.

— מיר שטאָלצירן מיט דער אַרבעט, וואָס דו האָסט געטאָן צווישן די מעפּילים אין קאַראַאָלאָס, דוד !

— איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט. איך האָב זיך באַמיט אויסצושולן זעלנער מיט בעזים־שטעקענער. פאַר די דאָזיקע מענטשן איז ארץ־ישראל ווייט אויף מי־ליאָנען מייל. זיי האָפן שוין אפילו נישט. ארי... איך וואָלט דיך געוואָלט בעטן זאָלסט זיך באַציען מיט מער צוטרוי צו מאַנדריאַ. ער איז באמת אונדזערער אַ פריינט.

— איך קאָן עס נישט פאַרטראָגן, דוד, ווען מענטשן מיינען, אַז זיי דאַרפן אונדז באַשיצן.

— יאָ, אָבער אָן אים און אָן דער הילף פון די גריכן, וועלן מיר דאָ גאָרנישט קאָנען אויפטאָן.

— זאָלסט זיך נישט פאַרלאָזן אויף די מאַנדריאַס, דוד. אַזעלכע ווי ער זענען פאַראַן אַ סך אויף דער וועלט. זיי וויינען מיט קראָקאָדיל־טרערן איבער דעם, וואָס מיליאָנען

יידן זענען פֿאַרשניטן געוואָרן, אָבער ווען עס וועט קומען די דעצידירנדיקע שלאַכט, וועלן מיר בלייבן אַליין. מאָג־דריאַ וועט אונדז אָפּנאַרן, פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע. זיי וועלן אונדז פֿאַראַטן און פֿאַרקויפֿן, ווי דאָס איז פֿון שטענ־דיק געווען. מיר האָבן נישט קיין אַנדערע פֿריינט, ווי חוץ אונדזערע אייגענע ברידער. געדענק וועגן דעם.

— דו האָסט אַ טעות — האָט דוד אַנטשלאָסן דער־קלערט.

— דוד, דוד, דוד! איך בין שוין אַזוי פֿיל יאָרן אַ פּלמ״חניק און אַ מיטגליד פֿון „מוסד״, אַז איך געדענק שוין אַליין נישט ווי לאַנג. דו ביסט נאָך יונג. דאָס איז דיין ערשטע גרויסע אויפֿגאַבע. זאָלסט נישט דערלויבן, אַז די געפֿילן זאָלן באַהערשן דיין פֿאַרשטאַנד.

— און איך וויל דווקא, אַז די געפֿילן זאָלן באַהערשן מיין פֿאַרשטאַנד — האָט דוד געענטפֿערט. — מיינע אינ־געווייִדן ברענען יעדעס מאָל, ווען איך זע עפּעס אַזוינס, ווי דעם נאָר־וואָס פֿאַרבייגעפֿאָרענעם אויטאָ־קאַראַוואַן. אונ־דזערע ברידער ווערן איינגעשפּאַרט ווי חיות אין אַ שטייג!

— מיר באַמיִען זיך אויף פֿאַרשידענע אופֿנים — האָט ארי געזאָגט. — מיר דאַרפֿן אָבער האָבן אַ קלאָרן קאָפּ. אָפּטמאָל זענען מיר מצליח און אָפּטמאָל פֿאַלן מיר דורך. אָבער שטענדיק מוזן מיר אַרבעטן מיט ישוב־הדעת.

פֿון דערווייטנס האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דער פֿייף פֿון די סירענעס. דוד האָט פֿאַרויכערט אַ סיגאַרעט און גע־קוקט פֿאַר זיך מיט אַ פֿאַרטראַכטן בליק.

— איך וועל קיינמאָל נישט אויפֿהערן צו גלויבן — האָט ער זיך אָפּגערופֿן מיט א פֿייערלעכן טאָן —אז איך העלף אריינשרייבן א ניי קאפּיטל אין דער געשיכטע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פֿיר טויזנט יאָר צוריק.

דאָן האָט ער זיך אויסגעדרייט און אָנגעקוקט זיין חבר.

— ארי, נעם צום ביישפּיל דאָס אָרט, ווו דו ביסט היינט אין אָונט אַרויפגעגאַנגען אויפן ברעג. אַמאָל איז דאָרטן געשטאַנען די שטאָט סאלאמיס. אין דער דאָזיקער שטאָט זענען די יידן אויפגעשטאַנען קעגן די רוימער, נאָך איידער עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא. נישט ווייט פון לאַגער געפינט זיך אַ בריק. מען רופט זי „די יידן־בריק״. זי הייסט שוין אַזוי זינט צוויי טויזנט יאָר. איך מוז שטענדיק טראַכטן וועגן דעם, ארי. געבוירן אויפן זעלבן אָרט, ווו מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָבן מיר געקעמפט קעגן דער רוימישער אימפּעריע, קעמפן מיר היינט קעגן דער בריטישער אימפּעריע.

אַרי בן־כנען, וועלכער איז געווען העכער פון דודן מיט אַ קאָפּ, האָט אַרונטערגעקוקט צום ייגערן חבר ווי אַ פאָטער, וואָס נעמט אויף מילד די איבערגעטריבענע באַגייסטערונג פון זיין זון.

— דערצייל די געשיכטע ווייטער — האָט אַרי געזאָגט: נאָכן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא זענען די רוימישע לע־גיאָנען צוריקגעקומען אין אונדזער לאַנד, האָבן איינגענו־מען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער און פאַרשניטן די גאַנ־צע באַפעלקערונג. בעת דער אַנטשיידענער שלאַכט ביי ביתר האָט דאָס בלוט פון די פרויען און קינדער זיך פאַר־אייניקט אין איין גרויסן רויטן שטראָם, וואָס איז געפלאָסן מיילן־ווייט. פון רבי עקיבא האָט מען לעבעדיקערהייט אָפּ־געשונדן די הויט און בר־כוכבא איז פאַרשלעפּט געוואָרן קיין רוים, ווו מען האָט אים געוואָרפן פאַר די לייבן. אָדער אפשר איז דאָס געווען בר־גיורא, וועלכער איז בעת אַן אַנדער אויפשטאַנד אומגעקומען אין אַ רוימישן לייבן־גרוב? מעגלעך, אַז איך פאַרטויש דאָ די יוצרות. באמת, דער תנ״ך

און אונדזער געשיכטע זענען פול מיט וווּנדערבאַרע דער־ציילונגען און נסים. אָבער אונדזער הייַנט, — איז נישט קיין נס, נאָר אַ ווירקלעכקייט. מיר האָבן נישט קיין יהושע בן־נון, וואָס זאָל באַפוילן די זון זי זאָל בלייבן שטיין און זאָל אייַנוואַרפן מויערן מיט דער הילף פון שופרות. די בריטישע טאַנקען וועלן נישט בלייבן שטעקן אין בלאָטע, ווי די וועגענער פון די כנענים און דער ים וועט נישט פאַרטרינקען דעם ענגלישן פלאָט, פונקט אַזוי ווי דער ים־סוף האָט פאַרטרונקען פרעהס אַרמיי. די צייַט פון נסים איז פאַרבייַ, דוד!

— ניין, זי איז נישט פאַרבייַ — האָט דוד עקזאַלטירט אויסגערופן. — דער פאַקט גופא פון אונדזער עקזיסטענץ איז אַ נס! מיר האָבן איבערגעלעבט די רוימער, די גריכן און אפילו היטלערן. מיר האָבן איבערגעלעבט יעדן שונא, וואָס האָט אונדז געוואָלט פאַרניכטן און מיר וועלן אויך איבערלעבן די בריטישע אימפּעריע. דאָס איז אַ נס, ארי.

ארי האָט אים ליבלעך אָנגעקוקט און געזאָגט:

— לאָמיר בעסער איצט גיין כאַפּן אַ דרעמל...

קאַפּיטל 7

— איר דאַרפט מאַכן אַ צוג, סער — האָט פרעד קאָלד־וועל זיך ווידער אָפּגערופן.

— יאָ, יאָ, אנטשולדיקט מיך — האָט סאַטערלענד גע־זאָגט און אָנגעהויבן באַטראַכטן די שטעלונג פון די פיגורן אויפן שאַך־ברעט. ער האָט אַ רוק־געטאָן א בויער פאָרויס. קאָלדוועל האָט געמאַכט אַ צוג מיטן פערד און סאַטערלענד האָט זיך פאַרטיידיקט, ענטפערנדיק אויך מיט אַ גאַנג פון פערד.

— צום טייוול! — האָט דער גענעראַל בייז אַ געשריי געטאָן, באַמערקנדיק, אַז דאָס פייער פון זיין פייקע האָט זיך אויסגעלאָשן. ער האָט זי צוריק אָנגעצונדן און זיך פאַרצויגן מיט רויך.

פלוצים האָבן זייביידע דערהערט דאָס געהויל פון די סירענעס און ביידע האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט. סאַ־טערלענד האָט אַ בליק געטאָן אויפן זייגער, וואָס איז גע־האָנגען אויף דער וואַנט.

— די פליטים פון „פתח־תקוה" קומען...

— „פתח־תקוה", „שערי־ציון", „הארץ המובטחת", „מגן דוד",— האָט זיך קאָלדוועל אָפּגערופן מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכעלע. — איך מוז מודה־זיין, אַז זיי קרוינען זייערע שיפן, וואָס ווילן דורכברעכן די בלאָקאַדע, מיט פילבאַרביקע נעמען.

סאַטערלענד האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן. ער האָט זיך באַמיט צו געפינען אַ פּאַסיקן גאַנג, אָבער דער פּייף פון די סירענעס האָט אים אָן אויפהער געגרילצט אין די אויערן. ער האָט מיט אַ שטאַרן בליק געקוקט אויף די עלפאַנט־ביינענע פיגורן, ער האָט אָבער פאַר די אויגן געזען לאַסט־אויטאָס, מענטשן מיט איבערגעשראָקענע פנימער, מאַשין־געווער און פאַנצער־וואָגנס.

— אנטשולדיקט מיך, קאָלדוועל, איך וועל זיך גיין לייגן.

— צי פילט איר זיך נישט געזונט, סער?

— ניין, אַ גוטע נאַכט.

דער גענעראַל איז שנעל ארויס, האָט פאַרמאַכט הינ־טער זיך די טיר פון שלאָף־צימער און אויפגעקנעפּלט דעם זשאַקעט. אים האָט זיך געדוכט, אַז די סירענעס הוילן אומנאַטירלעך הויך. ער האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער, כדי נישט צו הערן דאָס פייפן, אָבער דער אומדערטרעגלעכער קלאַנג האָט נישט אויפגעהערט צו רוישן אין זיינע אויערן.

ברוס סאַטערלענד איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל און אַ פאַרווונדערטער, זיך אַליין געפרעגט: וואָס איז מיט מיר געשען? מיט אים — אַ סאַטערלענד פון די גוט־באַזיצער „סאַטערלענד־בערגלעך", אַ רינג אין דער קייט פון רומ־פולע מיליטערישע קאַריערעס, וואָס ציט זיך פון דור צו דור, ווי לאַנג ענגלאַנד עקזיסטירט.

לעצטנס קומט אָבער פאַר אין ציפערן עטוואָס אַזוינס, וואָס צערייסט זיינע נערוון אויף שטיקער. ער איז געשטאַ־נען פאַרן שפּיגל, אַריינגעקוקט אין זיינע צעשוואָלענע אויגן און זיך געוואָלט דערמאָנען, ווען אייגנטלעך האָט זיך דאָס אַלץ אָנגעהויבן.

סאַטערלענד — אַ מענטש, וואָס איז ווירדיק פאַר יעדער

געזעלשאַפט — ווערט געזאָגט אין יאָר־בוך פון דער אייטאָן־שולע. — א זייער ארנטלעכער בחור. א זון פון א גוטער משפחה. דערצויגן, ווי געהעריק.

אַ מיליטערישע קאַריערע? זייער אַ ריכטיקער אויס־וואַל, טייערער ברוס. מיר, די סאַטערלענדס, האָבן זינט דורות געדינט אין דער ארמיי. דאָס איז אן אמתע פאמיליע־טראדיציע...

גליקלעך געהייראַט. נעדי עשטאָן, די טאָכטער פון קאָלאָ־נעל עשטאָן, איז געווען א גוטער שידוך. זי שטאמט פון א גוטער היים, די דאָזיקע נעדי עשטאָן... זייער צוגעפאסט אלס הויז־באלעבאסטע. זי קען אלע מענטשן, וועלכע מען דארף קענען. זי וועט זיין א גרויסע הילף פאר דיין קאר־יערע — האָט מען אים געזאָגט. איר פאַסט זייער גוט אייגער פארן אנדערן: די עשטאָנס און די סאטערלענדס.

ווו איז אלזא געלעגן דער פעלער? — האָט סאטערלענד זיך געוואונדערט. נעדי האָט אים געבוירן צוויי וואונדערבארע קינדער. אלבערט איז געווען אן אמתער סאטערלענד, א קאַפּיטאַן אין זעלבן פאָלק, ווו זיין פאָטער האָט אַמאָל געדינט. די טאכטער, מארטא, האָט גליקלעך געהייראט.

ברוס סאטערלענד האָט געעפנט דעם אלמער, ארויס־גענומען פון דאָרטן א פיזשאמע און זי אנגעטאָן. ער האָט זיך א גלעט געטאן איבערן פעטס, וואָס האָט זיך אנגעזאמלט ביי די לענדן. גארנישט אזוי שלעכט פאר א מאן פון פינף און פופציק יאר — האָט ער א טראכט געטאָן. ער איז נאָך אַלץ געווען אין אַ גוטער פיזישער קאָנדיציע.

אין פארגלייך מיט די לאנגזאמע און לאנג־דויערנדיקע אוואנסן אין פרידנס־צייט, האָט סאטערלענד געמאכט בעת דער מלחמה א שנעלע קאריערע. ער האָט געדינט אין אינדיע, האָנג־קאָנג, סינגאַפּור און אין מיטעלן מזרח. אָבער ערשט

בעתן קריג האָט זיך ארויסגעוויזן פון וואָס פאר א ליים ער איז געקנאָטן. ער האָט זיך ארויסגעשטעלט אלס זייער פעאיקער אינפאנטעריע־קאָמאַנדיר. ביים סוף פון קריג איז ער שוין געווען גענעראַל.

סאטערלענד האָט אויסגעטאן די שיך, זיך לאנגזאם אראפגעלאזט אין א טיפן פאטעל, און טונקעלער געמאכט דאָס ליכט. די מחשבות האָבן אים אריבערגעטראגן צו דער פארגאנגענהייט.

נעדי איז תמיד געווען אַ גוטע פרוי און גוטע מוטער. אויסערגעוויינלעך גאַסטפריינטלעך צו מענטשן. זי איז געווען דאָס ריכטיקע ווייב פאַר אַן אָפיציר אין די ענגלישע קאָלאָ־ניעס. דער מזל האָט אים צוגעשפילט. ווען אַלזאָ איז פארגעקומען דער ריס צווישן זיי? יא, ער דערמאנט זיך גענוי. דאָס איז געווען אין סינגאַפור, מיט אַ סך יאָרן צוריק.

ער איז געווען אין ראַנג פון אַ מאַיאָר, ווען ער האָט באַגעגנט מאַרינאַ, אַן אייראָפעיש־אַזיאַטיש מישלינג מיט אַ פנים פון איילבירט־קאליר. די דאָזיקע פרוי איז ווי געבוירן געווארן נאָר פאר ליבע. יעדער מאן טראגט טיף אין האַרצן פאַרבאָרגן דאָס בילד פון אַזאַ מאַרינאַ, אָבער זיין מארינא איז געווען פון בלוט און פלייש, געלעכטער און געוויין, פייער אוןליידנשאַפט. זיך געפינען צוזאמען מיט איר האָט באדייט דאָס זעלבע, וואָס זיצן אויף א ווולקאן ערב אן אויסברוך. ער איז משוגע־געווארן פאר איר. זי האָט אים פשוט אראפגעפירט פון זינען. ער פלעגט איר מאכן ווילדע אייפערזוכט־סצענעס, אבער גלייך דערנאָך פלעגט ער שטיין פאר איר אויף די קני און מיט טרערן אין די אויגן בעטן זי זאל אים מוחל־זיין. מארינא... מארינא...

מאַרינאַ... מיט אירע טונקעלע אויגן און פעך־שוואַרצע האָר, האָט זי געקאָנט מאַכן מיט אים וואָס זי האָט נאָר געוואָלט. אים פייניקן און פאַרשאַפן גליק. מיט איר האָט ער איבערגעלעבט אַזאַ פרייד וועגן וועלכער ער האָט פריער אַפילו קיין אַנונג נישט געהאַט. ברוס סאָטערלענד האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן זייערע ווונדערבאַרע צו־זאַמענטרעפן...

זיינע הענט פלעגן גלעטן אירע האָר און נישט קאָנענדיק אָפּרייסן זיין בליק פון אירע בלוט־רויטע ליפּן פלעגט ער דערביי שעפּטשען: איך האָט דיך ליב, דו צויג... איך האָב דיך ליב...

— אויך איך האָב דיך ליב, ברוס — פלעגט מאַרינאַ צוריק ענטפערן שטילערהייט.

...ברוס סאָטערלאַנד האָט זיך דערמאָנט דעם אויסדרוק פון טיפער באַליידיקונג אויפן פּנים פון זיין פרוי, ווען זי האָט אים אָפן דערקלערט, אַז זי ווייסט וועגן אַלץ.

— איך וועל נישט אויסבאַהאַלטן, אַז דאָס האָט מיך טיף געטראָפן — האָט געזאָגט בעדי, וועלכע איז געווען צו שטאָלץ, כּדי אויסצוברעכן אין אַ געוויין. — איך בין אָבער גרייט מוחל צו זיין און פאַרגעסן. מיר מוזן סוף כּל סוף טראַכטן וועגן די קינדער, וועגן דיין קאַריערע און וועגן אונדזערע משפּחות. איך וועל זיך באַמיען מיט דיר ווייטער צו לעבן, ברוס, אָבער דו מוסט מיר שווערן, אַז מער וועסטו זיך שוין מיט דער דאָזיקער פרוי נישט טרעפן. וועסט אויך בעטן מען זאָל דיך אַריבערפירן פון סינגאַפּור אין אַן אַנדער אָרט.

— די דאָזיקע פרוי, די דאָזיקע פרוי — האָט ברוס איבערגעחזרט אין געדאַנק זוין ווייבס ווערטער, — די

דאָזיקע פרוי איז מיין געליבטע, זי האָט מיר געגעבן דאָס, וואָס נישט דו, און נישט טויזנטער נעדיס, וואָלטן מיר געקאָנט געבן.

— איך וויל שוין איצט הערן דיין תשובה, ברוס — איז נעדי נישט אפגעטראָטן.

א תשובה? וואָס פאר א תשובה קאָן דאָ זיין? מוותר־זיין אויף דער קאריערע צוליב עפעס א מישלינג? באדעקן מיט שאנדע דעם נאָמען סאטערלענד?

— איך וועל זיך שוין מער נישט טרעפן מיט איר, נעדי — האָט ברוס סאטערלענד געענטפערט.

ברוס סאטערלענד האָט מער נישט געזען זיין געליבטע, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראכטן וועגן איר. אפשר האָט זיך טאקע פון דעם אנגעהויבן די גאנצע פרשה?

דער פייף פון די סירענעס איז שטילער געוואָרן. דער אויטאָ־קאָנוואָי מוז שוין זיין נישט ווייט פון קאַראַאָלאָס — האָט סאטערלענד געטראכט. באלד וועלן די סירענעס אייב־געשטילט ווערן און ער וועט זיך קאָנען לייגן שלאָפן. ער האָט געטראכט וועגן דעם, אז אין פיר אָדער פינף יאָר ארום וועט ער שוין אוועקגיין אויף פענסיע. זיין גוט אין די „סאטערלענד־בערגלעך" איז געוואָרן צו גרויס פאר אים אליין. ער וועט אפשר וווינען אין א ווילע, אויפן דאָרף. מען וועט שוין באלד דארפן א טראכט געבן וועגן איינשאפן זיך אַ פּאָר יאַגד־הינט, וועגן באַשטעלן אַ רויזן־קאַטאַלאָג און וועגן דערגענצן די ביבליאָטעק. מען דאַרף זיך אויך באטראכטן אין וועלכן לאָנדאָנער קלוב צו ווערן א מיטגליד. אלבערט, מארטא און די אייניקלעך וועלן זיין פאר אים א טרייסט, ווען ער וועט שוין זיין אויף פענסיע... און אפשר... אפשר וועט ער זיך אויך צוקלייבן עפעס א געליבטע?

ברוס סאטערלענד האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אז נאָך א דרייסיק־יאָריקער הייראט וועט ער אוועקגיין אין פענסיע אָן זיין געוועזענער פרוי, נעדי. אין משך פון אַלע יאָרן איז זי געווען אזוי שטיל, אריסטאָקראטיש און צוריק־געצויגן. פול מיט טאקט האָט זי געשוויגן וועגן זיין ליבעס־אַפערע מיט קאַרינאַ. און מיט איינמאָל, נאָכדעם ווי זי האָט אַ גאַנץ לעבן זיך אויפגעפירט אַזוי קאָרעקט, איז אין איר אויסגעבראָכן א העליש פייער און זי האָט זיך געוואָרפן ראטעווען דאָס לעצטע ביסל יאָרן, וואָס זענען איר פארבליבן אלס פרוי. זי איז אנטלאָפן קיין פאריז מיט עפעס א באָהעמיע־מענטש, וואָס איז געווען יינגער פון איר מיט צען יאָר. אלע האָבן געהאט מיטלייד מיט ברוס סאטער־לענדן. אין דער אמתן אָבער האָט עס אים נישט געארט. ער האָט שוין זינט לאנגע יאָרן נישט געהאט קיין שום געפיל פאר זיין פרוי. אויב זי מיינט, אז זי דאַרף זיך אויסשומעווען, זאָל זי עס טאָן. אפשר וועט ער זי שפעטער צוריקנעמען, אָדער אפשר וועט ער בעסער זיך צוקלייבן אַ געליבטע ?...

דאָס געהויל פון די סירענעס האָט זיך איינגעשטילט. אין צימער האָט זיך אראָפגעלאָזט א טויטע שטילקייט. בלויז פון דער ווייטנס האָט זיך דערטראָגן א שוואך גערויש פון די ים־כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אנגעשטויסן אין ברעג. ברוס סאטערלענד האָט געעפנט דאָס פענצטער און האָט טיף ארייגעאטעמט די קילע, פרישע נאוועמבער־לופט. ער איז אריין אין באד־צימער, האָט ארויסגענומען פון מויל א פראָטעזע מיט פיר קינסטלעכע ציינער, האָט זי אויסגעריי־ניקט און ארייגעלייגט אין א גלאז וואסער.

— עס איז באמת אַ חרפה וואָס איך האָב פאַרלאָרן די דאָזיקע פיר ציינער — האָט ער געטראַכט. דאָס האָט ער

זיי פארלוירן ביי א רוגבי־שפיל. ער האָט באַטאַפּט די איבעריקע ציינער און מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט, אַז זיי זענען נאָך אַלע גוט.

דאַן האָט ער אויפגעעפנט דאָס אַפּטייק־שאַכטעלע, באַקוקט די פלעשלעך, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ דאָפּלטע פּאָרציע פון אַ שלאָף־מיטל, און עס צעלאָזן אין וואַסער. ער האָט לעצטנס שטאַרק געליטן פון שלאָפלאָזיקייט.

דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן האַסטיק צו קלאַפּן ווען ער האָט אויסגעטרונקען דעם שלאָף־געטראַנק.

ער האָט געוווּסט, אַז אים שטייט פאָר ווידער איבערצולעבן אַ קאָשמאַרפולע נאַכט. פאַרצווייפלט האָט ער זיך באַמיט זיך צו באַפרייען פון די געדאַנקען, וואָס זענען אויפגעקומען אין זיין מוח. ער האָט זיך פאַרוקט אונטערן קאָלדרע, האָפנדיק שנעל איינצושלאָפן, אָבער אין קאָפּ האָבן זיך אים שוין אָנגעהויבן צו דרייען בילדער, פון וועלכע ער האָט נישט געקאָנט פטור־ווערן...

...בערגען־בעלזען... בערגען־בעלזען... בערגען־בעלזען...

נירנבערג... נירנבערג... נירנבערג...

— קומט אהער צום עדות־שטענדער און זאָגט ווי איר הייסט...

— ברוס סאָטערלענד... בריגאַדע־גענעראַל, קאָמאַנדיר...

— עדות, שילדערט פאַרן געריכט מיט פּשוטע ווערטער...

— דעם 15־טן אַפּריל, צען מינוט נאָך פינף אַזייגער אין אָוונט, זענען מיינע זעלנער אריין אין בערגען־בעלזען...

— שילדערט דאָס, וואָס איר האָט געזען...

— דער לאַגער נומער איינס איז געווען אַן אָפּגעצוים־טער פלאַץ פון אַן ערך זעקס הונדערט מעטער די ברייט און אַן ערך דריי הונדערט מעטער די לענג. אויפן דאָזיקן

פלאץ זענען געווען צוזאמענגעפרעסט אכציק טויזנט מענטשן, דאָס רוב, יידן פון פוילן און אונגארן...

— שילדערט מיט פשוטע ווערטער...

דאָס עסן פארן לאגער נומער איינס איז באשטאנען פון צען טויזנט לאַבנס ברויט אַ וואָך...

— צי קאָנט איר דערציילן פארן געריכט...

— יא, דאָס זענען געווען מכשירים איינצוקוועטשן מענלעכע געשלעכטס־גלידער... עס זענען געווען פינגער־שרויפן, מיט וועלכע מען האָט געפייניקט די ארעסטירטע...

— שילדערט פארן געריכט...

— לויט דער ציילונג, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט, זענען אין לאגער נומער איינס געווען דרייסיק טויזנט טויטע. קרוב פופצן טויזנט טויטע האָבן זיך ארומגעוואַל־גערט איבערן שטח. אכט און צוואנציק טויזנט פרויען און צוועלף טויזנט מענער זענען איבערגעבליבן ביים לעבן.

— שילדערט!...

— מיר האָבן געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונ־גען, אבער די לעבנגעבליבענע זענען געווען אזוי אויס־געשעפּט פון הונגער און קראנקייטן, אז אין איי‌ניקע טעג אַרום נאָך אונדזער אָנקום זענען געשטאָרבן ווייטערדיקע דרייצן טויזנט פערזאָן.

— שילדערט!...

— דער מצב, וועלכן מיר האָבן געטראָפן אין לאגער, איז געווען א שוידערלעכער. די לעבעדיקע האָבן געגעסן דאָס פליייש פון די טויטע...

קורץ נאָכדעם, ווי ברוס סאטערלענד האָט פארענדיקט זיין עדות־זאָגן אויפן נירנבערגער פראָצעס קעגן די מלחמה־פאַרברעכער, האָט ער באַקומען אַ דרינגנדיקן רוף תיכף צו קומען קיין לאָנדאָן. גערופן האָט אים אַן אַלטער, גוטער

פריינט פון קריגס־מיניסטעריום, גענעראַל סער קלאַרענס טעוואַר־בראַון. סאַטערלענד האָט געוווּסט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכן ענין.

אויף צומאָרגנס איז ער אָפּגעפלויגן קיין לאָנדאָן און זיך תיכף צוגעשטעלט אין דער ריזיקער, העסלעכער גע־ביידע אויפן ראָג פון די גאַסן ווייטהאָל און „גרעיט סקאָט־לאַנד יאַרד", וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס בריטישע קריגס־מיניסטעריום.

— ברוס! ברוס! קום אַריין, קום אַריין! — האָט גענעראַל טעוואַר־בראַון אויסגעשריען. — איך בין זייער צופרידן, וואָס איך זע דיך. איך האָב נאָכגעפאָלגט דיין עדות־זאָגן אויפן נירנבערגער פּראָצעס... אַ פּאַסקודנער ענין...

— איך בין צופרידן, וואָס דאָס איז שוין פאַרביי — האָט סאַטערלענד געזאָגט.

— עס טוט מיר לייד צוליב דיין איבערלעבונג מיט נעדי... צי קאָן איך עפּעס טאָן פאַר דיר אין דאָזיקן ענין?

סאַטערלענד האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ.

— ברוס, איך האָב דיך געבעטן קומען, ווייל איך האָב פאַר דיר זייער אַ דעליקאַטע אויפגאַבע. איך מוז רעקאָ־מענדירן עמעצן אויף אַ געוויסער נאָמינאַציע און איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט עס זיין.

— איך הער דיך, סער קלאַרענס.

— ברוס, די יידן, וואָס אַנטלויפן פון אייראָפּע האָבן אונדז געשטעלט אין זייער אַ שווערער לאַגע. זיי פאַרפלייצן פשוט פּאַלעסטינע. אָפּן גערעדט, זענען די אַראַבער זייער באַאומרואיקט צוליב דער גרויסער צאָל פון די איינוואַנ־דערער, וואָס קומען אַריין אין מאַנדאַט־געביט. מיר האָבן באַשלאָסן אויפצושטעלן אין ציפערן אינטערנירונגס־לאַגערן פאַר די דאָזיקע מענטשן, אַלנפאַלס בלויז אַלס צייטווייליק

מאָסמיטל, ביז די רעגירונג וועט באַשליסן וואָס צו טאָן מיטן פּאַלעסטינע־מאַנדאַט.

— איך פאַרשטיי, — האָט סאַטערלענד שטיל געזאָגט.

— דער גאַנצער ענין איז זייער אַ דעליקאַטער — האָט גענעראַל טעוואָר־בראַון ווייטער גערעדט. — עס מוז געהאַנדלט ווערן מיט אַ סך טאַקט. קיינער וויל נישט רייטן אויף די פּלייצעס פון אָט דער מאַסע אומגליקלעכע פּליטים. דערביי מוז מען אויך נעמען אין אַכט דעם פאַקט, וואָס אין געוויסע הויכע רעגירונגס־קרייזן, באַזונדערס אין אַמע־ריקע און פראַנקרייך, באַציט מען זיך צו זיי מיט גרויס סימ־פּאַטיע... אין ציפערן מוז אַלץ געטאָן ווערן שטילערהייט... מיר ווילן, אַז עס זאָל גאָרנישט געשען וואָס קאָן אויפרודערן די עפנטלעכע מיינונג.

סאַטערלענד איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויס־געקוקט אויף דער טעמזע און אויף די גרויסע אויטאָבוסן וואָס זענען געפאָרן איבער דער וואַטערלאָ־בריק.

— איך האַלט, אַז די דאָזיקע אידעע איז פון גרונט־אויס אַ פאַלשע — האָט ער זיך אָפּגערופן.

— נישט דו, און נישט איך, באַשטימען, ברוס. די רע־גירונג גיט אַרויס פאַראָרדענונגען און מיר פירן זיי בלויז אויס.

סאַטערלענד האָט נישט אָפּגעריסן זיין בליק פון פענצ־טער.

— איך האָב געזען די דאָזיקע מענטשן אין בערגען־בעלזען. וואַרשיינלעך זענען עס די זעלבע, וואָס ווילן איצט אַריינקומען קיין ארץ־ישראל. אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר האָבן מיר געבראָכן איין צוזאָג נאָכן אַנדערן, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן.

— הער נאָר אויס, ברוס — האָט טעוואָר־בראַון גע־

זאָגט. — מיר האָבןביידע די זעלבע מיינונג וועגן דעם, אָבער מיר זענען אַ מינדערהייט. מיר האָבן געדינט צוזאַמען אין מיטעלן מזרח. לאָמיך דיר עפּעס דערציילן. בעתן קריג בין איך געזעסן דאָ, ביים דאָזיקן טיש, און געלייענט איין באַריכט נאָכן צווייטן וועגן פּאַראַט פון די אַראַבער. דער שעף פון מצרישן גענעראַל־שטאַב האָט פאַרקויפט צו די דייטשן קריגס־געהיימענישן. קאַיר האָט זיך יום־טובדיק אויס־געפּוצט, כדי אויפצונעמען דעם גענעראַל ראָמעל אַלס באַ־פרייער. די איראַקער זענען אַריבער צו די דייטשן, די סיריער זענען אַריבער צו די דייטשן, דער ירושלימער גרויס־מופטי איז געוואָרן אַ נאַצישער אַגענט. איך וואָלט אַזוי געקאָנט דערציילן לאַנגע שעהן. דו מוזט אָבער נעמען דאָס פּראָבלעם אַזוי, ווי די רעגירונג זעט עס. מיר קאָנען נישט ריזיקירן מיט אונדזער פּרעסטיזש און איינפלוס אין גאַנצן מיטעלן מזרח צוליב אַ פּאָר טויזנט יידן.

— דאָס איז אונדזער גרעסטער טראַגישער טעות — האָט סאַטערלענד געזאָגט, אָפּזיפצנדיק. — אַזוי צי אַזוי וועלן מיר פאַרלירן דעם מיטעלן מזרח.

— דאַרפסט זיך נישט דענערווירן, ברוס...

— סוף־כל־סוף עקזיסטירט דאָך אַזאַ זאַך, ווי רעכט און אומרעכט — האָט סאַטערלענד אויסגערופן.

גענעראַל סער קלאַרענס טעוואָר־בראַון האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ און זיך איראָניש צעשמייכלט.

— איך האָב אין מיין לעבן זייער ווייניק געלערנט, ברוס — האָט ער געזאָגט —אָבער איין זאַך האָב איך יאָ באַגריפן. די אויסערן־פּאָליטיק פון יעדער מדינה איז נישט באַזירט אויף רעכט אָדער אומרעכט. רעכט און אומרעכט? נישט דו און נישט איך דאַרפן זיך פאַרטראַכטן וויפל עס איז פאַראַן אין דאָזיקן ענין רעכט אָדער אומרעכט. דאָס

איינציקע קעניגרייך, וואָס פירט זיך לויט די געזעצן פון גערעכטיקייט און יושר איז דאָס הימלישע קעניגרייך. די ערדישע קעניגרייכן ווערן געפירט אויף נאָפּט, און די אַראַבער האָבן דעם דאָזיקן נאָפּט.

ברוס סאָטערלענד האָט אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן און דאַן זיך אָפּגערופן:

— בלויז דאָס הימלישע קעניגרייך פירט זיך לויט די געזעצן פון גערעכטיקייט און יושר, — האָט ער איבער־געחזרט דעם גענעראַלס רייד, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — די ערדישע קעניגרײַכן ווערן געפירט אויף נאָפּט... האָסט באמת עטוואָס געלערנט, סער קלאַרענס. עס שיינט, אַז אין די דאָזיקע ווערטער געפינט זיך דער גאַנצער זין פון אונדזער לעבן. מיר אַלע — מענטשן, פונקט אַזוי ווי פעל־קער, — לעבן נאָר מיט דעם, וואָס אונדז איז נויטיק, און נישט מיטן אמת.

טעוואַר־בראַון האָט זיך צוגערוקט אַ ביסל נאָענטער.

— ערגעץ־ווו, אין זיין וועלט־פּלאַן, האָט גאָט פאָרויס־געזען פאַר אונדז די שווערע אויפגאַבע צו טראָגן די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַן אימפּעריע — האָט ער שטי־לערהייט געזאָגט.

— און מיר טאָרן דעריבער נישט שטעלן קיין קשיות — האָט סאָטערלענד צוריקגעענטפערט נאָך שטילער. — איך קאָן אָבער נישט פאַרגעסן די שקלאַפן־מערק אין סאַוד־אַראַביע, די סצענע, ווען מען האָט אָפּגעהאַקט אַ מענטשן די האַנט, אַלס שטראָף פאַר גניבה, און איך קאָן בשום אופן אויך נישט פאַרגעסן די יידן פון בערגען־בעלזען.

— עס איז נישט זייער גוט צו זיין אַ סאָלדאַט און האָבן אַ געוויסן. איך וועל דיך נישט צווינגען אָנצונעמען דעם פּאָסטן, וואָס איך לייג דיר פאָר אין ציפערן.

— איך וועל אים אָננעמען, זיכער וועל איך אים אָנ־נעמען, אָבער זאָג מיר, פאַרוואָס האָסטו אויסגעקליבן דווקא מיך?

— דאָס רוב פון אונדזערע מענטשן זענען פּראָ־אַראַ־ביש בלויז צוליב דעם, וואָס אונדזער טראַדיציע איז אַ פּראָ־אַראַבישע. זעלנער האָבן נישט קיין אַנדער ברירה, ווי צו רעאַליזירן די אָפיציעלע פּאָליטיק. איך וואָלט נישט גע־וואָלט שיקן קיין ציפּערן אַ מענטש, וואָס קאָן אַרויסרופן צו זיך שנאה מצד די פּליטים. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן אויפגאַבע, וואָס פאָדערט פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל.

סאַטערלענד האָט זיך אויפגעשטעלט פון שטול און געזאָגט:

— אָפּטמאַל טראַכט איך, אַז ס׳איז נישט קיין קלענערע קללה געבוירן צו ווערן אַן ענגלענדער, ווי צו זיין אַ ייד...

סאַטערלענד האָט איבערגענומען די קאָמאַנדשאַפט אין ציפּערן, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער זיך געשראָקן. ער האָט זיך אָפּטמאַל אַליין געפרעגט, צי גענעראַל טעוואַר־בראַון ווייסט, אַז ער איז אַ האַלבער ייד.

דער דאַזיקער באַשלוס, דער שרעקלעכער באַשלוס, וואָס ער האָט אָנגענומען מיט פיל יאָרן צוריק, האָט אים איצט פאַרפאָלגט און גענומען נקמה פון אים. סאַטערלענד האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט שפּעטער געפונען אַ טרייסט אין דער ביבל. דאָס זענען געווען יענע פוסטע יאָרן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט נעדי, דער פיינלעכער פאַר־לוסט פון האַלב־אַזיאַטישן מיידל, וואָס ער האָט געליבט, — דאָס אַלץ האָט אים געטריבן צו זוכן אינערלעכע רו. ווי וווּנדערבאַר דאָס איז געווען פאַר אים אַלס סאָלדאַט צו לייענען וועגן די גרויסע קריגס־טאַטן פון יהושע בן־

נון, גדעון אָדער יואב! און די פּרעכטיקע פרויען רות, אסתר, שרה... און... דבורה. די יידישע זשאַן ד׳אַרק, די באַפרייערין פון איר פאָלק. ער געדענקט נאָך ביז איצט דעם ציטער, וואָס איז אים דורכגעגאַנגען איבערן לייב ביים לייענען די ווערטער: „עורי, עורי, דבורה... עורי, עורי...״, וואַך אויף, וואַך אויף, דבורה...

דבורה! אַזוי האָט געהייסן זיין מוטער.

דבורה דייוויס איז געווען אַ שיינע און אויסערגע־וויינלעכע פרוי. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס הערלד סאַטערלענד האָט זיך אין איר אַזוי שטאַרק פאַר־ליבט. די סאַטערלענד־פאַמיליע איז געווען גרויסמוטיק און טאָלעראַנט, ווען זייער זון הערלד איז אויסגעזעסן פופצן פאָרשטעלונגען פון שעקספּירס פּיעסע „די צוימונג פון די ווידערשפּעניקע״, בלויז כדי צו קוקן אויף דער שיינער אַקטריסע דבורה דייוויס. זיי האָבן גוטמוטיק געשמייכלט ווען ער האָט אויסגעגעבן מער געלט, ווי זיי האָבן אים צוגעטיילט, אויף מתנות און בלומען פאַר דער שוישפּילע־רין. די עלטערן האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ קינדערישע שפּיל און זיי זענען געווען זיכער, אַז ער וועט זיך סוף־כל־סוף אויסניכטערן...

הערלד האָט אָבער נישט געקאָנט זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ די אַקטריסע און די פאַמיליע האָט אויפגעהערט צו זיין טאָלעראַנט. זיינע עלטערן האָבן אַרויסגעשיקט צו דבורה דייוויס אַ שטרענגע אויפפאָדערונג זי זאָל תיכף אַראָפּקומען אין גוט־באַזיץ פון די סאַטערלענדס, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען אַהין. דאַן איז הערלדס פאָטער, סער עדגאַר, אַליין אַראָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן, כדי צו זען די אויסטערלישע פרוי, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו

קומען אין די „סאָטערלענד־בערגלעך". דבורה איז געווען נישט נאָר שיין, נאָר אויך קלוג און שאַרפזיניק. זי האָט פאַרכישופט דעם סער עדגאַר און אים געוווּנען אויף איר זייט.

סער עדגאַר האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין זון איז אַ בר־מזל. נאָך אַלעמען איז דאָס שוין געווען אַ פאַמיליע־טראַדיציע פון די סאָטערלענדס זיך צו פאַרליבן אין אַק־טריסעס. אַ סך שוישפּילערינס זענען געוואָרן גראַנד־דאַמען אין דער לאַנגער געשיכטע פון דער דאָזיקער פאַמיליע.

דבורה דייוויס איז געווען אַ יידישע טאָכטער און דאָס האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ זייער פּילבאַר פּראָבלעם. אָבער דבורה דייוויס האָט מסכים געווען זיך צו טויפן אין דער אַנגליקאַנישער קירכע און די פּרשה פון איר יידישקייט איז מיט דעם אָפּגעשלאָסן געוואָרן.

הערלאַד און דבורה האָבן געהאַט דריי קינדער: די בת־יחידה מערי; דעם שטימונגספולן און אומפאַראַנט־וואָרטלעכן אַדאַם, און — ברוס. ברוס איז געווען דער בכור און דבורהס ליבלינג. אויך דאָס יינגל האָט פאַרגע־טערט זיין מוטער. אָבער ווי נאָענט זיי זענען נישט געווען, האָט זי אים קיינמאָל נישט דערציילט וועגן איר יוגנט און אירע עלטערן. ער האָט בלויז געוווּסט, אַז אין איר יוגנט איז זי געווען אַ זייער אָרעם מיידל און איז אַנטלאָפן פון דער היים, כדי צו ווערן אַן אַקטריסע.

די יאָרן זענען געגאַנגען. ברוס האָט אויסגעקליבן אַ מיליטערישע קאַריערע און האָט חתונה־געהאַט מיט נעדי עשטאָן. זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער — אַלבערט און מאַרטאַ. אינצווישן איז הערלאַד סאָטערלענד געשטאָרבן און דבורה איז געוואָרן אַלץ עלטער און עלטער.

ברוס געדענקט זייער גוט דעם טאָג, ווען דאָס איז געשען. צוזאַמען מיט נעדי און די קינדער איז ער געקומען אין „סאַטערלענד־בערגלעך״ אויף אַ לאַנגן וויזיט. ווען ברוס פלעגט קומען אהיים, פלעגט ער שטענדיק געפינען די מוטער ביי די רויזן אָדער אין ווינטער־גאָרטן, אָדער ערגעץ־ווו אין הויז, ווו זי פלעגט נאָכקוקן די באַלעבאַטישקייט, שטענדיק צעשמייכלט, גליקלעך און מונטער. אָבער אין יענעם טאָג, ווען ער איז געקומען צופאָרן מיט זיין אויטאָ, איז זי נישט אַרויס, כדי אים צו באַגריסן, און מען האָט זי אין ערגעץ־נישט געקאָנט געפינען. צום סוף האָט ער זי אַנטדעקט אין איר סאַלאָן, ווו זי איז געזעסן אין דער פינצטער. דאָס אַלץ איז געווען אַזוי נישט ענלעך צו איר ביז־איצטיקער אויפפירונג, אַז ער האָט זיך דערשראָקן. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך ווי אַ סטאַטוע און ס׳האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט פאַרגעסן וועגן גאַנצן אַרום.

ברוס האָט איר געגעבן אַ דעליקאַטן קוש אויף דער באַק און אַנידערגעקניט פאַר איר.

— צי פילסטו זיך נישט גוט, מוטער? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און שטיל אַרויסגעפליסטערט:

— היינט איז יום־כיפור...

די דאָזיקע פאַר ווערטער האָבן אים אויפגעטרייסלט ביז די סאַמע טיפעניש פון זיין נשמה.

ברוס האָט איבערגערעדט מיט נעדי און זיין שוועסטער מערי וועגן מצב פון דער מוטער. זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז זינט דעם פאָטערס טויט איז די מוטער געוואָרן צופיל אַליין, און אַז דאָס סאַטערלענד־הויז איז צו גרויס פאַר איר. די בעסטע זאַך וואָלט געווען זי זאָל זיך אַריינ־

ציען אין אַ וווינונג אין לאָנדאָן, ווו זי וועט קאָנען זיין נאָענטער צו איר טאָכטער מערי.

דבורה איז געוואָרן אַלץ עלטער, אָבער פאַר די קינ־דער איז עס געווען שווער איינצוזען, ווייל אין זייערע אויגן איז זי נאָך אַלץ געווען אַזוי שיין ווי אין זייערע קינדער־יאָרן.

ברוס און נעדי זענען אָפּגעפאָרן אין מיטעלן מזרח. מערי האָט געשריבן דערפרייענדיקע בריוו, אין וועלכע זי האָט מיטגעטיילט, אַז די מוטער פילט זיך גוט. אויך דבורה האָט אין אירע בריוו דערציילט, אַז זי איז גליקלעך, וואָס זי געפינט זיך אין לאָנדאָן, נאָענט צו מעריס פאַמי־ליע. אָבער ווען ברוס האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן האָט ער געפונען גאָר אַן אַנדערן מצב.

די מוטער איז אַלט געווען זיבעציק יאָר און זי האָט אָנגעהויבן ליידן פון עלטער־שוואַכקייט. זי האָט זיך אויפ־געפירט זייער מאָדנע און מען האָט געזען, אַז זי ווערט עובר־בטל. זי האָט נישט געדענקט קיין שום זאַך, וואָס האָט פּאַסירט ערשט מיט א טאָג פריער, דאַקעגן האָט זי געקאָנט גענוי דערציילן וועגן זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט פופציק יאָר צוריק. מערי איז געווען אויסער זיך, ווייל דבורה האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט די קינדער וועגן איר פאַרגאַנגענהייט. צומערסטן אָבער איז זי געווען באַאומרואיקט צוליב דעם, וואָס די מוטער פלעגט אָפּט פאַרשווינדן פון שטוב. דערפאַר איז מערי געווען צופרידן, וואָס ברוס האָט זיך צוריקגעקערט. ער איז דאָך געווען דער בכור און ליבלינג פון דער מוטער.

אַ געוויסן טאָג איז ברוס נאָכגעגאַנגען זיין מוטער אויף איינעם פון אירע מיסטעריעזע שפּאַצירן און ער האָט

געזען ווי זי גייט אַריין אין אַ בית־הכנסת אויף ווייטשעפּל, אין דער יידישער געגנט פון לאָנדאָן.

ער האָט אַלץ גוט איבערגעטראַכט און באַשלאָסן צו לאָזן די מוטער צורו. זי איז דאָך שוין געוועז אַזוי אַלט! ער איז געווען איבערצייגט, אַז מען דאַרף איר נישט דער־מאָנען וועגן זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט פופציק יאָר צוריק. עס האָט אים געשיינט, אַז דאָס בעסטע איז אַרי־בערצוגיין מיט שטילשווייגן איבער אירע איצטיקע מעשים.

אין עלטער פון פינף און זיבעציק יאָר איז דבורה סאָטערלענד געלעגן אויפן טויטן־בעט. ברוס איז געקומען קיין לאָנדאָן באַזוכן. די זקנה האָט אַ שמייכל געטאָן, ווען זי האָט דערזען איר זון זיצנדיק אויפן ראַנד פון בעט.

— דו ביסט אַ קאָלאָנעל־לייטענאַנט... זעסט אויס אַזוי יונג... ברוס, מיין זון. קיין סך איז מיר שוין נישט געבליבן צום לעבן... בלויז עטלעכע שעה...

— זיי שטיל, מוטער. וועסט שנעל צוריק געזונט ווערן.

— ניין... איך וויל דיר עפּעס דערציילן... איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט ווערן דיין פּאָטערס פרוי... איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט ווערן די באַלעבאָסטע פון די „סאָ־טערלענד־בערגלעך"... איך האָב אָבער אָפּגעטאָן אַ שרעק־לעכע זאַך, ברוס. איך האָב פאַרלייקנט מיין פאָלק... איצט וויל איך זיין צוזאַמען מיט זיי, ברוס... ברוס, זאָג מיר צו, אַז מען וועט מיך באַגראָבן נעבן מיין פאָטער און מוטער...

— איך זאָג דיר צו, מוטער.

— מיין פאָטער, דיין זיידע... דו האָסט אים קיינמאָל נישט געקענט. ווען איך בין געווען... ווען איך בין געווען אַ קליין מיידעלע, פלעגט ער מיך האַלטן אויף זיין שויס

און זאָגן: „עורי, עורי, דבורה!״ וואַך אויף, וואַך אויף, דבורה!...

דאָס זענען געווען דבורה סאַטערלענדס לעצטע ווערטער.

ברוס סאַטערלענד איז אַ לאַנגע צייט געזעסן ביים טויטן קערפּער פון זיין מוטער, אַ באַטריבטער פון צער. אָבער ביסלעכווייז איז די באַטריבונג פאַרביי און אין אים איז אויפגעקומען אַ נאַגנדיקער צווייפל, וועלכן ער האָט נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיין מוח. מוז ער דען מקיים זיין דעם צוזאָג, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געגעבן זיין גוססדיקער מוטער? אַ צוזאָג, וואָס ער האָט געמוזט געבן? צי וועט עס הייסן, אַז ער האָט געבראָכן דעם ערן־קאָדעקס, לויט וועלכן ער האָט זיך שטענדיק געפירט? צי איז דען נישט ריכטיק, אַז דבורה סאַטערלענד איז אין די לעצטע יאָרן געווען כמעט עובר־בטל? זי איז קיינמאָל נישט געווען קיין יידיש קינד ביים לעבן, טאָ פאַרוואָס זאָל זי עס זיין ביי איר טויט? דבורה איז געווען אַ סאַטערלענד, און דאָס איז אַלץ...

וואָס פאַר אַ שרעקלעכער סקאַנדאַל עס וועט אויסברעכן, ווען ער וועט זי מקבר־זיין אויף עפּעס אַ פאַרלאָזענעם בית־עלמין אין אָרעמען יידישן קוואַרטאַל פון לאָנדאָן! די מוטער איז טויט, אָבער עס לעבן נעדי, זייער זון אַלבערט און די טאָכטער מאַרטאַ, די משפחות פון זיין שוועסטער מערי און ברודער אַדאַם. מען מוז טראַכטן וועגן די לעבעדיקע.

ווען ער האָט געגעבן זיין טויטער מוטער דעם לעצטן קוש און איז אַרויס פון צימער, האָט ער שוין געהאַט אָנגענומען דעם באַשלוס.

דבורה איז באַגראָבן געוואָרן אין זייער פאַמיליע־גוט „סאַטערלענד־בערגלעך״.

די סירענעס!

די סירענעס פון אויטאָ־קאָנוואָי מיט די יידישע פּליטים. די סירענעס האָבן געהוילט אַלץ העכער און העכער, זיי האָבן שיעור נישט צעריסן זיינע אויערן.

בערגען־בעלזען... מאַרינאַ... נעדי... אויטאָס מיט קראַטן... די לאַגערן אין קאַראַאַלאָס... איך זאָג דיר צו, מוטער... איך זאָג דיר צו...

אַ שרעקלעכער דונער האָט אַ טרייסל געטאָן דאָס הויז ביזן פונדאַמענט. אויפן ים איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם און די ריזיקע כוואַליעס האָבן פאַרגאָסן דעם ברעג, דערנענטערנדיק זיך אַזש ביז צום שטוב. סאַטערלענד האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער, וואַקלענדיק זיך ווי אַ שכורער. אַ פאַרגליווערטער איז ער געבליבן שטיין ביים פענצטער. עס האָט געדונערט און געבליצט. די כוואַליעס זענען געוואָרן אַלץ העכער און העכער...

גאָט! גאָט! גאָט!

— גענעראַל סאַטערלענד! גענעראַל סאַטערלענד! שטייט אויף! שטייט אויף, סער! וואָס איז מיט אייך? — האָט געשריען דער גריכישער באַדינער, קלאַפּנדיק שטאַרק אין טיר.

סאַטערלענד האָט געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער מיט אַ ווילדן בליק. ער איז געווען באַגאָסן מיט שווייס. דאָס האַרץ האָט אים האַסטיק געקלאַפּט

און ער האָט שווער געאָטעמט. ער האָט אַריינגעלאָזט דעם באַדינער און אים געהייסן תיכף ברענגען אַ גלאָז בראַנדי.

ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. די נאַכט איז געווען אַ שטילע און דער ים איז געווען רואיק. די כוואַליעס האָבן מילד זיך אָנגעשלאָגן אין ברעג.

— שוין אַלץ אין אָרדענונג — האָט סאַטערלענד געזאָגט צו זיין באַדינער, נאָכן אויסטרינקען די משקה — איך פיל זיך שוין גוט.

— צי זענט איר זיכער אין דעם, סער? — האָט געפרעגט דער באַדינער.

— יאָ.

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט.

ברוס סאַטערלענד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ שטול און איינגעגראָבן דאָס פּנים אין די הענט. ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, שעפּטשענדיק אָן אויפהער:

— מיין מוטער אין הימל... מיין מוטער אין הימל...

קאַפּיטל 8

גענעראַל ברוס סאַטערלענד איז געשלאָפֿן מיטן אויס־מאַטערנדיקן שלאָף פֿון אַ פֿאַרשאָלטענעם מענטש.

מאַנדריאַ, דער ציפּרישער גריך, האָט זיך געוואָרפֿן אויף זיין געלעגער מיט אַן אומרואיקן, אָבער דערמונטערנדיקן שלאָף.

מאַרק פּאַרקער איז געשלאָפֿן דעם געזונטן שלאָף פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט פֿאַרענדיקט דורכפֿירן אַ מיסיע.

קיטי פֿרעמאַנט איז שוין זינט לאַנגע יאָרן נישט געשלאָפֿן מיט אַזאַ רואיקייט אויף דער נשמה, ווי דאָס מאָל.

דוד בן־עמי איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן ערשט נאָכדעם, ווען ער האָט אַזויפֿיל מאָל איבערגעלייענט ירדנהס בריוו, ביז ער האָט אים שוין געקענט אויף אויסנווייניק.

בלויז ארי בן־כנען איז נישט געשלאָפֿן.

אויף אַזאַ לוקסוס וועט ער זיך אפשר קאָנען דערלויבן אַן אַנדערש מאָל, אָבער נישט איצט. עס איז דאָ אַ סך צו לערנען און די צייט איז קורץ. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געגריבלט אין מאַפּעס, דאָקומענטן און באַריכטן, באַקענענדיק זיך מיט אַלע איינצלהייטן וואָס האָבן אַ שייכות מיט ציפּערן, מיט די ענגלישע מיליטערישע אָפּעראַציעס און מיט זיינע פֿאָלקס־ברידער, וואָס האָבן זיך דאָ געפֿונען אין די לאַגערן. ער האָט שטודירט די מאַטעריאַלן, נישט

אַרויסלאָזנדיק פון האַנט דאָס סיגאַרעטל אָדער דאָס שעלעכל קאַפע. ער איז אָבער געווען אינערלעך רואיק און זיכער.

די ענגלענדער פלעגן אָפט טענהן, אַז אין די ענינים פון אינפאָרמאַציע זענען די יידן פון ארץ־ישראל נישט אָפּ־געשטאַנען פון קיין שום אַנדער פאָלק. דערביי האָבן די יידן נאָך געהאַט דעם פאָרצוג, וואָס יעדער ייד, אין יעדן לאַנד אויף דער וועלט, האָט געקאָנט דערטיילן שוץ און דינען אַלס פּאָטענציעלער אינפאָרמאַציע־מקור פאַר די אַגענטן פון „מוסד עליה ב׳".

מיטן שפּראָץ אויף טאָג האָט ארי אויפגעוועקט דודן און נאָכן איבערכאַפּן א לייכטן פרישטיק זענען זיי אָפּגע־פאָרן מיט איינער פון מאַנדריאַס טעקסיס צום לאַגער אין קאַראַאָלאָס.

דער לאַגער, מיט זיינע באַזונדערע אָפּטיילונגען, האָט זיך געצויגן מייַלן־ווייט אויפן שטח, וואָס האָט זיך גע־גרענעצט מיט דער בוכטע, אויפן האַלבן וועג צווישן פאַ־מאַגוסטאַ און די חורבות פון סאַלאַמיס. הינטער די לאַגערן האָבן זיך געפונען די מיסט־הויפנס, וואָס האָבן געדינט אַלס פאַרבינדונגס־פונקט צווישן די פליטים מיט די ציפּרישע איינוווינער. די ענגלענדער האָבן נישט מקפיד־געווען שטאַרק ביים באַוואַכן די דאָזיקע ערטער, ווייל די רייניקונגס־גרופּן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן אַרויספירן דעם לאַגער־מיסט, זענען באַשטאַנען פון „פאַרטרויאונגס־מענטשן". דאָס זענען געווען פאַרברעכער, וועמען מען האָט געגעבן ספּע־ציעלע פּריווילעגיעס פאַר גוטער אויפפירונג.

די דאָזיקע מיסט־בערגלעך האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ האַנדלס־צענטער. דאָרטן איז צווישן די פליטים און די ציפּרישע איינוווינער אַנגעגאַנגען א מסחר מיט לעדערוואַרג און קונסט־אויסאַרבעטונגען, וואָס זענען אויסגעפּאַרטיקט

געוואָרן אין די לאַגערן און פלעגן אויסגעטוישט ווערן אויף ברויט און קליידער. דוד האָט געפירט אַרי בן־כּנען איבער די מיסט־הויפנס, נעבן וועלכע עס איז שוין אָנגעגאַנגען דער פרימאָרגנדיקער האַנדל צווישן די יידן און גריכן. פון דאָרטן זענען זיי ביידע אריין אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון לאַגער.

אַרי איז געשטאַנען און אָבסערווירט דעם צוים פון שטעכל־דראָט, וואָס האָט זיך געצויגן מייַלן־ווייט. כאָטש עס איז נאָך געווען חודש נאָוועמבער, איז דאָ געווען שטיקנדיק הייס צוליבן שטענדיקן געווירבל פון שטויב און שמוץ. לענג־אויס דער בוכטע האָבן זיך אויסגעשפּרייט אַן אַ שיעור געצעלטן, וואָס זענען געשטאַנען אונטער אַקאַציע־ביימלעך מיט נידעריק־אַראָפּהענגענדיקע צווייגן. אַלע לאַגער־אָפּטיילונגען זענען געווען אָפּגעשלאָסן איינע פון דער אַנדערער מיט הויכע פאַרצוימונגען פון שטעכל־דראָט און אין די עקן זענען געווען אויפגעשטעלט אָבסערוואַציע־טורעמס אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען זעלנער, באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווער.

אין יעדער אָפּטיילונג, וואָס זיי האָבן באַזוכט, האָבן זיי געזען דאָס זעלבע בילד: געצעלטן איבערפולטע מיט אויפגערעגטע, אומגליקלעכע מענטשן, וואָס זענען כמעט אַלע געווען אָנגעטאָן אין צונויפגעשטוקעוועטע קורצע הויזן. די העמדער, וואָס זיי האָבן געטראָגן, זענען געווען פונעם שטאָף וואָס האָט פריער געדינט אַלס אונטערשלאַק פאַר די לייוונטענע געצעלטן. אַרי בן־כּנען האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן דעם בליק פון זייערע פּנימער, וואָס זענען געווען פול מיט פאַרדאַכט, שנאה און אַפּאַטיע.

דאַקעגן אָבער, פלעגן אים אויפנעמען מיט פריידיקע אויסרופן יונגע ייִנגלעך און מיידלעך.

דאָס זענען געווען די פּלמ״ח־חברים, וואָס זענען אַריינ־געשמוגלט געוואָרן אַהין די לאַגערן, כדי זיי זאָלן זיך פאַר־נעמען מיט די פּליטים. זיי האָבן אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן וועגן דער היים און ארי האָט געמוזט יעדן מאָל צוזאָגן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום, וועט ער אָפּהאַלטן אַ ספּעציעלע פּלמ״ח־פאַרזאַמלונג אויף וועלכער ער וועט פאַר אַלע צו־זאַמען איבערגעבן נייעס וועגן די לעצטע געשעענישן.

יעדער אָנפירער פון אַ פּלמ״ח־גרופּע האָט אַרומגעפירט ארי׳ן איבער זיין אָפּטיילונג און געגעבן אויפקלערונגען אויף אַריס פראַגן.

ארי בן־כנען האָט אָבער נישט געשטעלט קיין סך פראַגן. זיינע אויגן האָבן געמאָסטן די מיילן־לאַנגע דראָט־פאַרצוימונגען זוכנדיק אַ דורכגאַנג, דורך וועלכן ער זאָל קאָנען אַרויסשמוגלען פון די לאַגערן דריי הונדערט מענטשן.

אין אַ סך לאַגער־אָפּטיילונגען זענען די פּליטים גרו־פּירט געוואָרן לויט די לענדער פון וועלכע זיי האָבן גע־שטאַמט. עס זענען געווען אָפּטיילונגען פון פּוילישע, פראַנ־צויזישע און טשעכישע יידן. עס זענען געווען אָפּטיילונגען פון פרומע יידן און אָפּטיילונגען אין וועלכע עס האָבן זיך גרופּירט פּליטים פון דער זעלבער פּאָליטישער איבערצייַ־גונג. דאָס רוב פון די אָפּטיילונגען איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן פּשוט איבערגעלעבט די מלחמה און זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע קען־צייכנס, חוץ די, וואָס זיי זענען געווען יידן און געוואָלט עולה־זיין קיין ארץ־ישראל. אָבער אַלע פּליטים פון לאַגער זענען געווען פאַר־בונדן צווישן זיך דורך איין און דעם זעלבן ציל.

דוד האָט אָנגעוויזן אַרין צו אַ הילצערנער בריק, וואָס איז געווען אַריבערגעוואָרפן איבער די הויכע שטעכל־

דראָט־פאַרצוימונגען און האָט פאַרבונדןביידע הויפּט־אָפּטיילונגען פון לאַגער. אויף דער בריק האָט זיך געפונען אַ שילד מיט דער אויפשריפט: „**ברוכים הבאים אין בערגען־בעלזן**״.

— די דאָזיקע בריק איז אַ ביטערע איראָניע פון גורל — האָט זיך דוד אָפּגערופן מיט כעס. — פונקט אַזאַ בריק האָט זיך געפונען אין לאָדזשער געטאָ.

דוד האָט זיך נאָך מער אויפגעקאָכט. ער האָט געשאָטן פעך און שוועבל אויף די ענגלענדער צוליב די אומענטש־לעכע באַדינגונגען אין לאַגער, צוליב דעם וואָס די דייט־טשע קריגס־געפאַנגענע אין ציפּערן האָבן מער פרייהייט ווי די פליטים, צוליבן מאַנגל אין שפּייז און מעדיקאַמענטן און צוליבן אומגערעכטן האַלטן די פליטים אין לאַגערן בכלל. ארי בן־כנען האָט זיך נישט צוגעהערט צו דודס אויפגע־רעגטע רייד. ער איז געווען מער פאַרנומען מיטן שטודירן די סביבה און ער האָט זיך באַמיט צו פאַרגעדענקען יעדן פּרט אין דער סטרוקטור פון שטח. צום סוף האָט ער געבעטן דודן אים צו ווייזן די אונטערערדישע טונעלן.

דוד האָט אַוועקגעפירט ארין צו אַן אָפּטיילונג נישט ווייט פון דער ים־בוכטע אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען בלויז פרומע יידן. נעבן דער אָפּצוימונג פון שטעכל־דראָט האָבן זיך געפונען די קלאָזעטן. אויפן ערשטן קלאָזעט איז געהאַנגען אַ שילד מיט דער אויפשריפט „בעווינגראַד״.

ער האָט אויפגעקלערט ארין, אַז דער פינפטער און זעקסטער בית־שימוש, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן בלויז כדי אָפּצונאַרן די וואַך. די לעכער אונטער די זיץ־פּלעצער האָבן געפירט צו קאַנאַלן, וואָס האָבן זיך געצויגן אונטערן שטעכל־דראָט דירעקט צו דער ים־בוכטע.

ארי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דורך די דאָזיקע לעכער קאָן מען ארויספירן נאָר איינצלנע מענטשן — האָט ער געזאָגט. — פאר אַ מאַסן־אַנטלויף טויגן זיי נישט.

ביים פאַרענדיקן די אינספעקציע, האָט דוד געפרעגט.

— וואָס איז אַלזאָ דיין מיינונג?

— מיין מיינונג איז — האָט ארי געענטפערט — אַז בעווין איז דאָ נישט באַזונדערס פאָפולער. צי איז דאָ פאַראַן נאָך עפּעס וואָס צו זען?

— די קינדער־אָפּטיילונג האָב איך איבערגעלאָזט אויף צולעצט — האָט דוד געענטפערט. — דאָרטן געפינט זיך דער הויפּט־שטאָב פון פלמ״ח.

אַריינקומענדיק אין דער קינדער־אָפּטיילונג האָט ווידער איינער פון די פלמ״ח־חברים זיך אַ וואָרף־געטאָן צו ארי בן־כנען און אים פעסט צוגעדריקט צו זיך. דער דאָזיקער פלמ״ח־חבר, יואב ירקוני, איז געווען זיינס אַן אַלטער, גוטער פריינט. ארי האָט פאַר פרייד אים אַזש אויפגעהויבן אין דער לופטן, אים אַראָפּגעלאָזט און ווידעראַמאָל ארומגענומען, האַלדזנדיק אים און דריקנדיק צום האַרצן.

יואב ירקוני איז געווען אַ טונקל־הויטיקער מאַראָקאַנער ייִד. כמעט אַ העלפט פון זיין פּנים איז געווען באַדעקט מיט גרויסע וואָנסן און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן שטענדיק געפינקלט.

ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל אַלס קינד און אים האָבן פאַרבונדן מיט אַרין אַ סך געמיינזאַמע איבערלעבונגען. טראָצדעם, וואָס ער איז אַלט געווען בלויז עטלעכע און צוואנציק יאָר, האָט ער שוין געהערט צו די אַקטיווסטע טוער אין „מוסד עליה ב״ און איז געווען אויסערגעוויינלעך גוט אינפאָרמירט וועגן מצב אין די אַראַבישע לענדער.

גלייך ווי ירקוני האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין

„מוסד" האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט אַלס איינער פון די מוטיקסטע און געוואַגטסטע אַקטיוויסטן. ער איז געווען באַקאַנט פון זיין אויפטו, וואָס האָט דערמעגלעכט די יידן אין ארץ־ישראל צו פאַרפלאַנצן אייגענע טייטל־ביימער. די אַראַבער האָבן בשום אופן נישט געוואָלט פאַרקויפן די יידן טייטל־פלאַנצן. אָבער ירקוני האָט באַוויזן ארויסצושמוגלען פון איראַק הונדערטער יונגע ביימעלעך און זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל.

דוד בן־עמי האָט איבערגעגעבן די אָנפירונג איבער דער קינדער־אָפּטיילונג ירקונין, ווייל דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער פונקט אין די לאַגערן פון קאַראַאָלאָס.

יואב ירקוני האָט אַרומגעפירט ארין איבער דער אָפּ־טיילונג, וואָס איז געווען פול מיט יתומים, פון קלענסטן עלטער ביז זיבעצן־יאָריקע יוגנטלעכע. דאָס רוב פון זיי האָט בעת דער וועלט־מלחמה זיך געפונען אין קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן און האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין לעבן מחוץ די גרענעצן פון שטעכל־דראָט. אָבער, אין קעגנ־זאַץ צו די אַנדערע אָפּטיילונגען פון לאַגער, זענען דאָרטן אויפגעשטעלט געוואָרן פעסטע געביידעס אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ שולע, אַן עס־צימער, אַ שפּיטאָל, קליינע וווינונגען און אַ גרויסער שפּיל־פּלאַץ. אין פאַר־גלייך מיט די איבעריקע אָפּטיילונגען פון לאַגער האָט דאָ געברויזט מיט לעבן. דאָרטן זענען געווען באַשעפטיקט קראַנקן־שוועסטערס, דאָקטוירים, לערער און סאָציאַלע אַר־בעטער, וואָס זענען געקומען פון דרויסן און וועלכע האָבן באַקומען געצאָלט פון די געלט־סומען, וואָס זענען געשיקט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער יידן.

צוליב דער שטענדיקער באַוועגונג פון די דרויסנדיקע אַרבעטער, איז די קינדער־אָפּטיילונג געווען די צום ווייי־

ניקסטן באַוואַכטע אין לאַגער פון קאַראַאַלאָס. דוד און יואב האָבן דאָס אויסגענוצט און דאָרטן איינגעשטעלט דעם הויפּט־שטאַב פון פלמ״ח.

ביינאַכט האָט זיך דער שפּיל־פּלאַץ פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטערישן איבונגס־לאַגער פאַר די אינטערנירטע. די קלאַסן־צימערן זענען געוואָרן שולונגס־צענטערן, ווו מען האָט געלערנט פּסיכאָלאָגיע פון די אַראַבער, געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל, טאַקטיק, דעם צוזאַמענשטעל פון פאַרשיי־דענע געווערן און הונדערטער אַנדערע ענינים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט מיליטערישער אויסבילדונג. יעדער אינטערנירטער, וואָס איז אויסגעבילדעט געוואָרן דורך דעם פלמ״ח, האָט געמוזט דורכגיין אַ שווערן עקזאַמען.

דער עקזאַמען איז באַשטאַנען אין פעסטשטעלן, צי דער מעפּיל וועט וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען אין פאַל, ווען ער וועט געכאַפּט ווערן דורך די ענגלענדער ביים אָנקומען אין לאַנד. דער עקזאַמינירטער פלעגט דאַרפן ענטפערן אויף צענדליקער פראַגן וועגן דער געאָגראַפיע און געשיכטע פון ארץ־ישראל, כדי צו „איבערצייגן" די ענגלענדער, אַז ער געפינט זיך שוין יאָרן־לאַנג אין ארץ־ישראל, און איז נישט קיין אומלעגאַלער עולה. ווען דער „קאַנדידאַט" פלעגט פאַרענדיקן זיין לערע מיט דערפאָלג, פלעגט פלמ״ח אים העלפן אַנטלויפן פון לאַגער, דאָס רוב דורך די אונטער־ערדישע קאַנאַלן, ביז צום ווייסן הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפן בערגל אין סאַלאַמיס. פון דאָרטן פלעגט מען אים אַריבערשמוגלען קיין ארץ־ישראל. אויף דעמדאָזיקן וועג זענען הונדערטער פליטים געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל, אין קליינע גרופן צו צוויי־דריי מענטשן.

די ענגלישע געהיים־פּאָליציי האָט מיט דער צייט דער־שנאַפּט, אַז עפּעס קומט פאָר אין דער קינדער־אָפּטיילונג,

אָבער זי האָט נישט געוווּסט געגוי וואָס. זי האָט דאַן געגנ־מען אַריינשיקן אין לאַגער שפּיאָנען, אונטער דער מאַסקע פון לערער אָדער סאָציאַלע אַרבעטער, אָבער דאָס לעבן אין געטאָ און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט אויסגע־לערנט די קינדער צו האַלטן דאָס מויל און די שפּיאָנען פלעגן גלייך דעמאַסקירט ווערן.

ארי האָט פאַרענדיקט זיין אינספּעקציע פון דער קינ־דער־אָפּטיילונג אין שול־בנין. אין איינעם פון די שול־צימערן האָט זיך פאַקטיש געפונען דער שטאַב פון פּלמ״ה. אין לערערס שרייב־טיש איז געווען אינסטאַלירט אַ געהיי־מער ראַדיאָ־אַפּאַראַט, דורך וועלכן מען האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל. אונטער די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע איז געלעגן אויסבאַהאַלטן געווער, וואָס האָט געדינט צו מיליטערישער אויסבילדונג. אין דאָזיקן צימער האָט מען אויך געפעלשט פאַרשידענע דאָקומענטן און פּאַספּאָרטן.

ארי האָט באַקוקט די פאַרשיידענע ארבעטס־מכשירים מיט וועלכע מען האָט געפעלשט די דאָקומענטן און ער האָט אַן אומצופרידענער אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ.

— דאָס זענען מכשירים פאַר פּאַרטאַטשעס — האָט ער זיך אָפּגערופן — איך בין נישט צופרידן פון דיין ארבעט, יואב.

ירקוני האָט אַלס ענטפער בלויז א צוק־געטאָן מיט די אַקסלען.

—אין די נאָענטסטע וואָכן — האָט ארי ווייטער געזאָגט — וועלן מיר דאַרפן האָבן אַ גוטן ספּעציאַליסט. דוד, דו האָסט מיר פריער געזאָגט, אַז אין לאַגער געפינט זיך אַזאַ איינער.

— ריכטיק, דאָס איז אַ ייִנגל פֿון פּוילן. ער הייסט דב לאַנדאו, אָבער ער זאָגט זיך אָפּ מיטצואַרבעטן.

— שוין וואָכן־לאַנג ווי מיר באַמיִען זיך אים איבער־צורעדן — האָט יואב צוגעגעבן.

— לאָזט מיך אַליין כאַפּן מיט אים אַ שמועס — האָט אַרי געזאָגט.

ארי האָט געבעטן ביידן צווואַרטן און אליין איז ער אַריין אין געצעלט, וווּ ס'האָט זיך געפֿונען דב לאַנדאָו. ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ בלאָנד בחורל, אַ ביסל צו קליין פֿאַר זיין עלטער, וועלכער האָט אָנגעקוקט מיט פֿאַרדאַכט דעם נישט־געבעטענעם גאַסט.

אַרין איז גוט באַקאַנט געווען דער דאָזיקער בליק און די דאָזיקע אויגן, וואָס זענען פֿול געווען מיט האַס. דעם זעלבן אויסדרוק האָט ארי געזען ביי אַ סך מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם גרויל פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

— דו הייסט דב לאַנדאָו — האָט ארי געזאָגט, קוקנדיק דעם בחורל גלייך אין די אויגן. — דו ביסט אַלט 17 יאָר און שטאַמסט פֿון פּוילן. דו ביסט געזעסן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און ביסט אַ ספּעציאַליסט צו פֿעלשן דאָקומענטן. איך הייס ארי בן־כנען. איך קום פֿון ארץ־ישראל און בין אַ חבר פֿון „מוסד עליה ב״.

דאָס ייִנגל האָט אָנשטאָט אַן ענטפֿער מיט פֿאַראַכטונג אַ שפּיי־געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

— הער אויס, דב. איך האָב נישט בדעה דיך עפּעס צו בעטן אָדער צו סטראַשען... איך וויל דיר פּשוט פאָרלייגן אַ געשעפט... לאָמיר זאָגן — אַן אָפּמאַך פון קעגנזייטיקער הילף.

— איך וויל אייך עפּעס זאָגן, בן־כנען — האָט דב לאַנ־דאו אַרויסגעצישעט מיט כעס. — אייער חברה איז נישט בעסער פון די דייטשן אָדער פון די ענגלענדער. די איינ־ציקע סיבה, פאַרוואָס איר ווילט אַזוי שטאַרק אונדז אַריבער־ברענגען קיין ארץ־ישראל איז, ווייל איר האָט מורא פאַר די אַראַבער. טאָ לאָמיר זאָגן — זיכער וועל איך זיין אין ארץ־ישראל, אָבער ווען איך וועל קומען אַהין, וועל איך צושטיין צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט מיר דערלויבן צו הרגענען.

אַריס פּנים האָט זיך נישט געענדערט, הערנדיק די גיפטיקע ווערטער פון דאָזיקן בחור.

— בסדר — האָט זיך אַרי אָפּגערופן. — איך זע, אַז מיר פאַרשטייען זיך זייער גוט. דיר געפעלן נישט מיינע מאָטיוון צוליב וועלכע איך וויל דו זאָלסט קומען קיין ארץ־ישראל, און מיר געפעלן נישט דיינע מאָטיוון, צוליב וועלכע דו ווילסט עולה־זיין. אָבער אין איין פּונקט זענען מיר דאָך איינִיק: דיין אָרט איז אין ארץ־ישראל, און נישט דאָ, אין לאַגער.

דאַס ייִנגל האָט מיט חשד אָנגעקוקט אַרי בן־כנען. —

ער איז עפּעס גאָרנישט ווי די איבעריקע — האָט ער גע־טראַכט.

— לאָמיר גיין אַ טראָט ווייטער — האָט אַרי ווידער געזאָגט. — דורכדעם, וואָס דו זיצסט דאָ, אויפן הינטן, מיט פאַרלייגטע הענט, וועסטו קיין ארץ־ישראל נישט אָנ־קומען. איך לייג דיר אַלזאָ פאָר: דו העלפסט מיר און איך העלף דיר. דאָס וואָס דו וועסט טאָן זייענדיק אין לאַנד, איז דיין זאַך.

דב לאַנדאַו איז געבליבן געפּלעפּט.

— עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס איך דאַרף האָבן געפעלשטע פּאַספּאָרטן — האָט אַרי ווייטער גערעדט. — אין די קומענדיקע וואָכן וועל איך דאַרפן האָבן הונדערטער אַזעלכע פּאַספּאָרטן און די יאַטן, וואָס אַרבעטן דערביי, זענען אפילו נישט פעיק צו פעלשן דעם אייגענעם אונטער־שריפט. איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט פאַר מיר ארבעטן.

די שנעלע און דירעקטע טאַקטיק פון ארי בן־כנען האָט דאָס בחורל פולשטענדיק צעטומלט. ער האָט פּרובירט געווינען צייט, כדי זיך איבערצוצייגן, צי מען וויל אים נישט אַריינציִען אין אַ פּאַסטקע.

— איך וועל זיך באַטראַכטן — האָט דב לאַנדאַו שטיל געזאָגט.

— זיכער, באַטראַכט זיך. האָסט דרייסיק סעקונדעס צייט.

— און וואָס וועט איר טאָן, אויב איך וועל זיך אָפּזאָגן? איר וועט מיך צווינגען מיט כוח?

— איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט, דב. מיר נויטיקן זיך איינער אין אַנדערן. לאָמיר ריידן קלאָר. אויב דו וועסט נישט אָננעמען די דאָזיקע אַרבעט, וועל איך פּערזענלעך זאָרגן דערפאַר, אַז דו זאָלסט זיין דער לעצטער, וואָס וועט

פאַרלאָזן דעם דאָזיקן לאַגער. און היות פאַר דיר געפינען זיך פינף און דרייסיק טויזנט מאַן, וועסטו, ווען דו וועסט שוין ענדלעך יאָ קומען קיין ארץ־ישראל, זיין צו אַלט און שוואַך, כדי צו קאָנען וואַרפן באָמבעס. איבעריקנס — דיינע דרייסיק סעקונדעס זענען פאַרביי.

— פון וואַנען בין איך זיכער, אַז איך קאָן האָבן צו אייך צוטרוי?

— ווייל איך האָב עס דיר געזאָגט.

אַ שוואַכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן ייִנגלס פנים און ער האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ אַלס צייכן, אַז ער נעמט אָן די אַרבעט.

— בסדר. וואָס דו וועסט דאַרפן טאָן, וועלן דיר זאָגן דוד בן־עמי אָדער יואב ירקוני. איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מאַכן פוילע שטיק. אויב דו וועסט האָבן ספּעציעלע פראַגן, זאָלסטו זיך ווענדן צו מיר.. איך וויל, אַז דו זאָלסט אין אַ האַלבער שעה אַרום קומען אין פלמ״ח־שטאַב און אָנקוקן דעם „וואַרשטאַט״. וואָס פאַרא מאַטער־יאַלן דו וועסט דאַרפן האָבן, זאָג דודן.

אַרי האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס פון געצעלט. אין דרויסן האָבן אויף אים געוואַרט דוד און יואב.

— אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט ער זיך שטעלן צו דער אַרבעט — האָט אַרי זיך אָפּגערופן.

דוד און יואב זענען אַזש אונטערגעשפּרונגען פון דער־שטוינונג.

— ווי אַזוי איז דאָס דיר געלונגען? — האָבן זיי ביידע אויסגעשריען.

— מיט דער הילף פון קינדער־פּסיכאָלאָגיע — האָט ארי געענטפערט. — און איצט פאָר איך צוריק קיין פאַמאַ־גוסטאַ. איך וויל אייך ביידן זען היינט ביינאַכט אין מאַנדריאַס

הויז. ברענגט אויך מיט זאב גלבוע. איר דאַרפט מיך נישט באַגלייטן, איך קען דעם וועג אַליין.

דוד און יואב האָבן כמעט ווי מיט פאַרערונג נאָכגעקוקט זייער פריינד, דעם וווּנדערבאַרן ארי בן־כנען, וועלכער איז אַריבערגעגאַנגען דעם שפּיל־פּלאַץ און האָט זיך פון זיי דערווייטערט אין דער ריכטונג פון די מיסט־הויפנס.

דעם זעלבן אָוונט האָט מאַנדריאַ, צוזאַמען מיט דוד בן־עמי, יואב ירקוני און זאב גלבוע, געוואַרט אויף ארי בן־כנען. זאב גלבוע, אויך אַ חבר פון פלמ״ח, איז געווען אַ ברייטפּלייציקער פויער פון גליל. פּונקט אַזוי ווי ירקוני, האָט אויך זאב גלבוע געטראָגן אַ פּאָר גרויסע וואָנסן און טראָץ זיין יונגן עלטער, איז ער געווען איינער פון די בעסטע פלמ״ח־זעלנער אין לאַגער פון קאַראַאָלאָס. לויט דודס אויפטראָג האָט זאב גלבוע אָנגעפירט מיט דער מיליטערישער אויסבילדונג פון די מעפּילים. אַ דאַנק זיין התלהבות, און מיט דער הילף פון צופעליק־געפונענעם וואָפן, איז אים געלונגען אויסצולערנען די פּליטים כמעט אַלץ, וואָס מען האָט זיך געקאָנט אויסלערנען אָן אמתן געווער. בעזים־שטעקענער האָבן געדינט אַלס ביקסן, שטיינער האָבן אימיטירט גראַנאַטן און די אייזן־שטאַנגען פון די בעטן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַגנעטן. ער האָט געלערנט די פּליטים ווי אַזוי צו קעמפן פון דער נאָענט מיטן שונא אויף פויסטן און מיט שטעקנס. דער עיקר אָבער איז אים געלונגען איינצופלאַנצן אַ קאַמפּס־גייסט אין די הערצער פון די מוטלאָזע פּליטים.

עס איז געוואָרן שפּעט און מאַנדריאַ האָט אָנגעהויבן נערוועז צו שפּרייזן הין און צוריק איבערן צימער.

— איך ווייס נאָר איין זאַך — האָט ער געהאַלטן אין

איין טענהן. — היינט נאָך מיטיק האָב איך געשטעלט צו זיין דיספּאָזיציע אַ טעקסי מיט אַ שאָפער.

— באַרואיקט זיך, הער מאַנדריאַ — האָט דוד זיך אָפּגערופן — עס קאָן אַמאָל פּאַסירן, אַז אַרי זאָל זיך צוריקקערן ערשט אין דריי טעג אַרום. ער אַרבעט אויף אַן אָריגינעלן אופן און מיר זענען שוין צו דעם צוגעוווינט.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. די פיר מענער האָבן זיך אויסגעזעצט באַקוועם אין פאָטעלן און נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַרי בן־כנען. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן צו דרימלען און אַזוי זענען זיי אַלע געשמאַק איינגעשלאָפן זיצנדיק אין די פאָטעלן.

פינף פאַרטאָג איז אַרי אַריין אין צימער. ער איז געווען אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער רייזע איבערן אינדזל. זינט ער איז געקומען אין ציפּערן האָט ער נאָך כמעט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך אויסצושלאָפן ווי געהעריק. זאב גלבוע האָט אים דערזען דער ערשטער און ווי דער שטייגער פון אַלטע פּלמ״ח־חברים האָבן זיי זיך ביידע אַרומגעכאַפּט, באַגריסנדיק זיך מיט פריידיקע אויסרופן. ארי בן־כנען האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט, נישט אַנטשולדיקנדיק זיך אפילו פאַר דער אַכט־שעהדיקער פאַרשפּעטיקונג.

— הער מאַנדריאַ, צי האָט איר שוין די שיף פאַר אונז ?

מאַנדריאַ איז געבליבן זיצן ווי אַן לשון. אַ פאַרוווּנ־דערטער האָט ער זיך אַזש אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין שטערן.

— הער בן־כנען — האָט ער זיך אָפּגערופן. — איר האָט געלאַנדעט אויפן ברעג פון ציפּערן מיט אַן ערך דרייסיק שעה צוריק און איר האָט מיך געבעטן איך זאָל

געפינען פאַר אייך אַ שיף. איך בין נישט קיין שיף־בויער, מיין הער. מיין פירמע, די „מיטללענדיש־ציפּרישע שיפס־געזעלשאַפט" האָט ביוראָען אין פאַמאַגוסטאַ, לאַרנאַקאַ, קירעניאַ, לימאַסאָל און פאַפאָס. קיין אַנדערע פּאָרטן זענען אין ציפּערן נישטאָ. אַלע מיינע ביוראָען זוכן פאַר אייך אַ שיף. אויב אין ציפּערן וועט זיך בכלל געפינען אַזאַ זאַך, ווי אַ שיף, וועלן מיר אייך זיכער מעלדן וועגן דעם, הער בן־כנען.

אַרי בן־כנען האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף מאַנדריאָס איראָנישע ווערטער און ער האָט זיך געווענדעט צו זיינע חברים.

— זאב, איך בין זיכער, אַז דוד האָט דיר שוין איבערגעגעבן, וואָס מיר האָבן בדעה צו טאָן.

דער פויער פון גליל האָט אַלס ענטפער בלויז אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— פון איצט אָן אַרבעט איר אַלע דריי בלויז פאַר מיר. זוכט זיך אויס פאַרטרעטער, וואָס זאָלן קאָנען איבערנעמען אייער אַרבעט אין קאַראַאָלאָס. יואב, וויפל געזונטע יונגטלעכע אין עלטער צווישן צען און זיבעצן יאָר געפינען זיך אין דיין אָפּטיילונג?

— איך מיין, אַז אַן ערך פון זעקס ביז זיבן הונדערט.

— זאב, קלייב אויס פון זיי די דריי הונדערט געזונטסטע און מאַך דורך מיט זיי אַ ספּעציעלן פיזישן טרעגינג.

זאב האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט שוין אָנהויבן צו טאָגן — האָט אַרי געזאָגט זיך אויפשטעלנדיק פון זיין אָרט. — איך וועל דאַרפן אַ טעקסי, הער מאַנדריאַ. איך מוז באַזוכן נאָך אייניקע ערטער. איך גלויב, אַז דער שאָפער, וועלכער האָט מיך נעכטן געפירט, איז זיכער מיד.

— איך אַליין וועל אייך פירן — האָט מאַנדריאַ זיך אָפּגערופן.

— זייער גוט. מיר וועלן אַרויספאָרן ווי נאָר עס וועט ווערן ליכטיק. און איצט, אַנטשולדיקט מיך. איך דאַרף נאָך דורכקוקן אייניקע פּאַפּירן ביי זיך אין צימער.

אַרי איז אַרויס אַזוי פּלוצלונג, ווי ער איז אַריינגעקומען. ווי נאָר ער האָט זיי פאַרלאָזן, האָבן אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו ריידן.

— הייסט עס — האָט זאב זיך אָפּגערופן — אַז די דריי הונדערט קינדער וועלן עס זיין די, וואָס דאַרפן אַנטלויפן?

— אַזוי זעט עס אויס — האָט מאַנדריאַ, דער ציפּרישער גריך, געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ער איז עפּעס אַ מאָדנער מענטש. ער דערוואַרט ניסים... און דערציילן, דערציילט ער גאָרנישט...

— פאַרקערט — האָט דוד זיך אָפּגערופן — ער גלויבט דווקא נישט אין קיין ניסים. דערפאַר אַרבעט ער אַזוי שווער. מיר דוכט זיך, אַז דאָ איז פאַראַן עפּעס מער, ווי אַרי דערציילט. איך האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס אַנטלויפן פון די דריי הונדערט קינדער, וועט זיין נאָר אַ טייל פון פּלאַן, וואָס אַרי האָט פאַרטראַכט.

יואב ירקוני האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געזאָגט:

— מיר אַלע קענען אַרי בן־כנען גענוג לאַנג, כדי צו וויסן, אַז מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. ווען עס וועט האַלטן דערביי, וועלן מיר זיך שוין דערוויסן אין וואָס עס גייט.

צומאָרגנס דעם גאַנצן טאָג האָט מאַנדריאַ אַרומגעפירט אַרין איבער גאַנץ ציפּערן. עס האָט געשיינט, ווי זיי

װאָלטן געפֿאָרן לגמרי אָן אַ שום ציל. לענגאױס דעם מזרחדיקן אײנגוס זענען זײ פֿאַרבײגעפֿאָרן די שטעט סאַלאַמיס און פֿאַמאַגוסטאַ, ביז צום באַרג־שפּיץ גרעקאָ. אין פֿאַמאַגוסטאַ איז אַרי אױסגעשטיגן און געמאַכט אַ שפּאַציר לענגאױס דעם אַלטן שטאָט־מױער. ער האָט דער־בײ געװײַ דורכשטודירט דעם שטח פֿון פּאָרט.

אין משך פֿון דער גאַנצער רײזע האָט אַרי זיך כמעט נישט אָפּגערופֿן צו מאַנדריאַן מיט קײן אײן װאָרט. מאַנדריאַ האָט געמײנט, אַז דער ארץ־ישׂראלי, װאָס איז געזעסן נעבן אים, איז דער קאַלטבלוטיקסטער מענטש, װאָס ער האָט װען עס איז געזען אין זײַן לעבן. אַ ביסל האָט עס אים געאַרט, װאָס אַרי בן־כנען איז געזעסן נעבן אים און געשװיגן, אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט האָט ער באַװוּנ־דערט אַרין פֿאַר זײַן אַבסאָלוטער קאָנצענטראַציע אַרום דעם ענין, װאָס האָט אים אינטערעסירט. עס איז קײן ספק נישט — האָט דער גריך געטראַכט — אַז דער דאָזיקער בן־כנען גיט זיך אָפּ זײַן אידעע מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה, הגם אױבנאױפֿיק װײַזט ער נישט אַרױס קײן שום שפּור פֿון נאָרמאַלע מענטשלעכע עמאָציעס.

פֿון באַרג־שפּיץ גרעקאָ זענען זײ אַװעקגעפֿאָרן לענג־אױס דער דרומדיקער בוכטע און דערנאָך צו די פֿעלזיקע בערג, װו די אָרטיקע האָטעלן האָבן שױן צוגעגרײט די אײַנריכטונגען פֿאַרן װינטער־סעזאָן. בן־כנען האָט משמעות געפֿונען אין די דאָזיקע פּלעצער עפּעס אַזױנס, װאָס אים האָט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, אָבער אױך דאָס איז אױף אים נישט געװען צו דערקענען. מאַנדריאַ איז שױן געװען פֿולשטענדיק דערשעפּט, װען זײ זענען אין מיטן דער נאַכט אָנגעקומען קײן פֿאַמאַגוסטאַ. אַרי אָבער, האָט תּיכף דורכ־געפֿירט אַ פֿרישע באַראַטונג מיט זאבן, דודן און יואבן

און ערשט נאָך דעם האָט ער זיך אויפסניי אַוועקגעזעצט איבער זיינע פּאַפּירן אַרבעטנדיק איבער זיי ביז פּאַרטאָג.

אויפן פערטן טאָג נאָך בן־כנענס אָנקום אין ציפּערן, האָט מאַנדריאַ דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון זיין ביוראָ אין לאַרנאַקאַ, אין וועלכער מען האָט אים מיטגעטיילט, אַז פון טערקיי איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַ פּאַסיקע שיף, וואָס מען קאָן קויפן. אַרי איז גלייך אָפּגעפאָרן מיט מאַנ־דריאַ קיין קאַראַאָלאָס און פון דאָרטן זענען זיי צוזאַמען מיט דודן און יואבן אַוועקגעפאָרן קיין לאַרנאַקאַ.

זאב גלבוע איז מיט זיי נישט מיטגעפאָרן, ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיטן אויסקלייבן די דריי הונדערט קינדער, פאַר וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט ספּעציעלע איבונגס־קורסן.

מאַנדריאַ האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט דעם, וואָס אים איז געלונגען שנעל צו געפינען אַ שיף. ער האָט געוואָרט, אַז אַרי בן־כנען זאָל עפּעס זאָגן, אָבער די טעקסי־פּאַסאַזשירן האָבן געשוויגן. ערשט אויפן האַלבן וועג צווישן פאַמאַגוסטאַ און לאַרנאַקאַ איז אַרי פּלוצים אויפמערקזאַם געוואָרן אויף אַ גרופּע מענטשן אין מיטן פעלד, לינקס פון שאָסיי. ער האָט געבעטן מאַנדריאַ אָפּצושטעלן דעם אויטאָ און אַליין איז ער אַרויס אַ קוק־טאָן, וואָס די מענטשן טוען דאָרטן. ווען ער האָט זיך דערנעענטערט האָט ער דערזען, אַז אויף יענעם אָרט גייט אָן אַ פיבערהאַפטע בוי־אַרבעט.

— די ענגלענדער בויען נייע לאַגערן — האָט דוד זיך אָפּגערופן — ווייל די לאַגערן אין קאַראַאָלאָס זענען איבערפולט.

— פאַרוואָס האָט מען מיר וועגן דעם נישט דער־ציילט? — האָט אַרי אויסגעשריען מיט כעס.

— האָסט וועגן דעם נישט געפרעגט — האָט געענט־פערט יואב ירקוני.

— עס ווייזט אויס, אַז אין א צוויי וואָכן אַרום — האָט דוד זיך אָפּגערופן — וועלן זיי אָנהויבן אַריבערצו־פירן אַהער אַ טייל מעפּילים פון קאַראַאַלאָס.

אַרי איז צוריק אריין אין טעקסי און זיי האָבן פאַר־געזעצט די רייזע. יואב ירקוני איז געווען איבערצייגט, אַז אַרי האָט אין שייכות מיט די דאָזיקע נייע לאַגערן, אָנגעהויבן עפּעס צו פּלאַנירן. יואב ירקוני האָט אָנגעקוקט זיין חבר און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער הערט, ווי אינטענסיוו עס אַרבעטן די געדאַנקען אין אַרי בן־כנענס מוח.

דער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן אין די שמאָלע, קרומע געסלעך פון לאַרנאַקאַ און איז אַרויס אויפן שאָסיי, וואָס האָט זיך געפונען ביים ים־ברעג. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן נעבן אַ שענק, איבער וועלכן עס איז געהאָנגען אַ שילד „אונטער די פיר לאָמטערנעס”. אינעווייניק האָט אויף זיי געוואַרט אַ טערק מיטן נאָמען אַרמאַטאָו, דער אייגנטימער פון דער שיף. אַרי איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז מען זאָל תיכף גיין באַקוקן די שיף און מוותר־זיין אויף דער טראַ־דיציע פון אויסטרינקען פריער אַ כוס משקה איידער מען קומט דורך וועגן פרייז.

דער טערק האָט זיי אָוועקגעפירט צום מאָלאָ, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן מער ווי אַ האַלבן מייל אין ים־אַריין. דער טערק האָט זיי פאַרזיכערט, אַז די שיף, וועלכע זיי וועלן באַלד דערזען, איז באמת אַ קעניגין פון ים. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פיל פישער־שיפלעך, באַרקעס און זעגל־שיפלעך, אָבער ערשט כמעט ביים סוף פון מאָלאָ זענען זיי שטיין געבליבן און דערזען פאַר זיך אַן אַלטערטימלעכע

לאַסט־שיף, אויף וועמענס אָפּגעריבענעם הילצערנעם קאָרפּוס האָט מען נאָך געקאָנט פון די אָפּבלאַקירטע אותיות איבערלייענען דעם נאָמען „אַפּראָדיטע״.

— איז זי נישט שיין ? — האָט אַרמאַטאַו אויסגעשריען, שיינענדיק פאַר באַגייסטערונג. ווען ער האָט אָבער דערזען ווי פיר פּאָר אויגן באַקוקן קאַלט און קריטיש די האַלב־חרובע שיף, האָט ער שוין אַ ביסל שטילער אויסגערופן :

— פאַרשטייט זיך, אַז זי איז נישט קיין לוקסוס־יאַכט.

אַריס פּראַקטישע אויגן האָבן אָפּגעשאַצט די „אַפּראָ־דיטע״ אויף פינף און פערציק מעטער די לענג און פון אַן אומפאַנג פון אַן ערך צוויי הונדערט טאָן. לויטן אופן פון בוי און אויסזען האָט זי געמוזט אַלט זיין אַ יאָר פינף און פערציק.

— זאָג נאָר, ווער איז דאָס אייגנטלעך געווען „אַפּראָ־דיטע״ ? — האָט יואב ירקוני געפרעגט, אַ ווונק־טוענדיק מיט די אויגן.

— אַפּראָדיטע איז געווען די געטין פון ליבע. זי איז אויפגעשטיגן פון די ים־כוואַליעס, טאַקע נישט ווייט פון דאַנען. דאָס איז געווען מיט אַן ערך פינף טויזנט יאָר צוריק — האָט דוד געזאָגט.

— אויב אַזוי, האָט דאָס אַלטע מיידל שוין פאַרענדיקט איר קאַריערע — האָט ירקוני זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

דער טערק האָט אַראָפּגעשלונגען די שלינע און האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, הערנדיק די איראָנישע שטעכ־ווערטלעך אויפן אַדרעס פון זיין שיף.

— הערט זיך איין, אַרמאַטאַו — האָט בן־כנען זיך אָפּגערופן — מיך אינטערעסירט נאָר איין זאַך. פון דאַנען ביז ארץ־ישראל איז צוויי הונדערט מייל. די שיף מוז אַהין דערגיין. וועט זי עס קאָנען אָדער נישט ?

דער טערק האָט אַ וואָרף־געטאָן ביידע הענט אין דער לופטן.

— איך שווער ביים כבוד פון מיין מוטער — האָט ער זיך אָפּגערופן — אַז איך האָב אויף דער דאָזיקער שיף דורכגעמאַכט דריי הונדערט רייזעס צווישן ציפּערן און טערקיי. הער מאַנדריאַ קאָן עס באַשטעטיקן. ער ווייסט וועגן דעם.

— יאָ, דאָס שטימט — האָט מאַנדריאַ געזאָגט — די שיף איז אַן אַלטע, אָבער מען קאָן זיך אויף איר פאַרלאָזן.

— הער אַרמאַטאַו, נעמט מיינע צוויי חברים אויפן דעק און ווייזט זיי די מאָטאָרן. — האָט אַרי געזאָגט.

ווען די דריי זענען אַראָפּ אין דער שיף, האָט מאַנדריאַ זיך געווענדעט צו אַרין און געזאָגט:

— אַרמאַטאַו איז וואָס אַן אמת אַ טערק, אָבער מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן.

— וואָס פאַר אַ שנעלקייט קאָן מען ארויסקוועטשן פון דער דאָזיקער שיף? — האָט אַרי געפרעגט.

— איך מיין, אַז אַ פינף קנופּן, ווען אַ שטאַרקער ווינט שטופּט זי פון הינטן. די „אַפראָדיטע" איילט זיך בטבע נישט — האָט מאַנדריאַ געענטפערט.

זיי זענען אַרויף אויפן דעק פון שיף און האָבן זי באַטראַכט פון אַלע זייטן. זי איז געווען האַלב־פאַרפוילט און עס האָט זי אפילו נישט געלוינט צו רעמאָנטירן. אָבער טראָץ אירע פעלערן, האָט זי אויסגעזען צו זיין זייער מאַסיוו. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז די שיף ווייס זיך ווי אומצוגיין מיטן ים און אַז זי האָט שוין באַזיגט נישט איין קאַמף מיט די כוואַליעס.

נאָך אַ האַלבער שעה האָבן דוד און יואב פאַרענדיקט זייער אינספּעקציע.

— די דאָזיקע שיף זעט אויס ווי אַ מפּיל־קינד — האָט דוד זיך אָפּגערופן — אָבער איך בין איבערצייגט, אַז זי וועט דורכמאַכן איר וועג בשלום.

— צי וועלן מיר קאָנען אַרויפנעמען אויף איר דריי הונדערט מענטשן? — האָט אַרי געפרעגט.

דוד האָט זיך אַ רייב־געטאָן ביים קינבאַק.

— איך ווייס? אפשר...

אַרי האָט זיך געווענדעט צו מאַנדריאַן:

— מיר וועלן האָבן אַ סך אַרבעט, כדי צוצוגרייטן די שיף צו איר נסיעה. עס איז קלאָר, אַז מיר וועלן זיך דאַרפן גוט היטן, כדי נישט צוציען די אויפמערקזאַמקייט.

מאַנדריאַ האָט אַ שמייכל געטאָן. פון זיין פּנים האָט אַראָפּגעשיינט אַ צופרידנקייט.

— איר האָט זיך שוין געקאָנט איבערצייגן, אַז איך האָב גוטע פאַרבינדונגען. עס איז נאָר אַ פראַגע פון „פאַר־גיטיקונג" פאַר די געהעריקע מענטשן. איר מעגט דאַן זיין פולשטענדיק זיכער, אַז זיי וועלן גאָרנישט זען, גאָרנישט הערן און אוודאי נישט מסרן.

— דוד, שיק היינט ביינאַכט אַ ראַדיאָ־דעפּעשע קיין ארץ־ישראל. זאָג זיי, אַז מיר דאַרפן האָבן אַ שיף־קאַפּיטאַן און צוויי מאַטראָסן — האָט אַרי באַפוילן.

— צי האַלסטו, אַז אַ מאַנשאַפט פון דריי פּערזאָן וועט זיין גענוג?

— איך גלויב, אַז ס'איז די צייט איר זאָלט עס וויסן. איר ביידע און זאב קערן זיך אום מיט מיר צוריק קיין ארץ־ישראל מיט דער דאָזיקער פאַרשטונקענער פראַכט־שיף. מיר וועלן פאַרטרעטן די איבעריקע מאַנשאַפט־מיט־גלידער. יואב, דיך האָט שטענדיק געצויגן צו דערוואַקסענע פרויען, איז איצט האָסטו אַזאַ איינע. איך לייג אַרויף אויף

דיר די אויפגאַבע צו פאַריכטן די שיף און צו זאָרגן פאַר דער אַפּראָוויזאַציע.

אַרי האָט זיך דאַן געווענדעט צום טערק אַרמאַטאַו, וועלכער איז געשטאַנען אַ צעמישטער, הערנדיק אַריס באַפעלן.

— דו קאָנסט שוין רואיק אָפּאָטעמען, אַרמאַטאַו — האָט ארי געזאָגט צום טערק — עס איז דיר געלונגען אונדז צו פאַרקויפן דאָס פאַרזעעניש, אָבער נישט פאַרן פרייז, וואָס דו פאַרלאַנגסט. לאָמיר אַריינגיין אין די „פיר לאַמטערנעס" און פאַרענדיקן דעם ענין.

אַרי איז אַראָפּגעשפרונגען פון שיף אויפן מאָלאָ און אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו מאַנדריאַן.

— דוד — האָט ארי ווייטער געזאָגט — דו און יואב וועלן שוין אַליין געפינען דעם וועג קיין פאַמאַגוסטאַ. הער מאנדריא וועט מיך אָפפירן קיין קירעניאַ, נאָך דעם ווי מיר וועלן פאַרענדיקן דעם עסק.

— קירעניאַ? — האָט מאַנדריא אויסגעשריען אַ צע־מישטער — דער דאָזיקער מענטש ווערט דאָך קיינמאָל נישט מיד. קירעניאַ ליגט דאָך פון אַנדער זייט אינדזל.

— צי איז דיין אויטאָ קאַליע־געוואָרן? — האָט ארי געפרעגט.

— ניין... ניין... מיר וועלן פאָרן קיין קירעניאַ.

ארי האָט זיך געלאָזט גיין לענגאויס דעם מאָלאָ... מאַנדריאַ און דער טערק זענען אים נאָכגעגאַנגען.

— ארי — האָט דוד אויסגעשריען — וואָס פאַר אַ נאָמען זאָלן מיר געבן דער זקנה?

— דו ביזט דאָך דער פאָעט — האָט ארי אים צוריק־געענטפערט — געפין עפּעס אַ פּאַסיקן נאָמען פאַר איר.

יואב און דוד האָבן נאָכגעקוקט די דריי מענטשן, ביז

זיי זענען פאַרשווונדן געוואָרן הינטערן מאָלאָ. פּלוצים האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער און זיך אַרומגעכאַפּט.

— ארי איז יענער חברהמאַן — האָט יואב געזאָגט — האָסט געהערט אויף וואָס פּאַר אַן אופן ער האָט אונז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיר קערן זיך אום צוריק אהיים?

— קענסט דאָך אַרין — האָט דוד געענטפערט — ער לאַכט זיך אויס פון סענטימענטן.

זיי האָבן טיף אָפּגעזיפצט און אויף אַ ווײַלע זענען ביידנס געדאַנקען געווען אין ארץ־ישראל. דאַן האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן צו אָבסערווירן די „אַפראָדיטע", וועלכע האָט באמת אויסגעזען ווי אַ פאַרלאָזענע זקנה.

זיי האָבן שפּאַצירט איבערן דעק פון דער שיף און נאָכאַמאָל באַטראַכט איר אַלטן גוף.

— איך האָב פאַר איר אַ צוגעפּאַסטן נאָמען — האָט יואב זיך אָפּגערופן — פאַרוואָס זאָלן מיר זי נישט רופן מיטן נאָמען „בעווין"?

— איך האָב אַ בעסערן נאָמען — האָט דוד זיך אָפּגערופן — פון איצט אָן וועט די שיף הייסן „עקסאָדוס" — יציאת אייראָפּע.

קאַפּיטל 9

מאַרק האָט פאַרקערעוועט זיין געדונגענעם אויטאָ און געבליבן שטיין אין אַ זייט פון שאָסיי. ער האָט זיך גע־פונען הויך אין די בערג, וואָס האָבן זיך געצויגן דירעקט הינטער קירעניאַ. פאַר זיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ריזיקער, צעהאַקטער פעלז־מאַסיוו, אויף וועמענס שפּיץ עס זענען נאָך פאַרבליבן די רעשטלעך פון דער פעסטונג „סענט הילאַריאָן". דאָס זענען געווען חורבות פון אַן אַל־טערטימלעכן שלאָס, געבויט אין גאָטישן סטיל.

מאַרק האָט געהאַלטן קיטין ביי דער האַנט און זי גע־פירט איבערן פעלד צום באַרג־שפּיץ. זיי זענען אַרויפגע־קראָכן אויפן דאַך פון דער פעסטונג און באַקוקט דעם חרוב־געוואָרענעם שלאָס־הויף. פון דאָרטן זענען זיי אַריי־בער אין די געוועזענע ברייטע קעניגלעכע זאַלן און סאַ־לאָנען. אַ גאַנצע שעה האָט געדויערט, ביז מאַרק און קיטי זענען דערגאַנגען צום העכסטן שפּיץ פון באַרג. איצט זענען זיי געשטאַנען באַגאָסענע מיט שווייס און פאַרמאַ־טערט, אָבער באַצויבערט פון דעם אָנבליק, וואָס האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט. פאַר זייערע פיס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ נאַקעטער באַרג־אָפּריס, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ טיף פון ניין הונדערט מעטער ביז צו קירעניאַ. אויפן האָ־ריזאָנט האָבן זיי געזען אַ שמאָלן פּאַס פון טערקישן ברעג. פון רעכט און לינקס האָבן זיך געצויגן געדיכטע וועלדער,

הינטער וועלכע עס זענען טעראַסן־אַרטיק געלעגן ווייַנ־גערטנער און הייזער. פון אונטן האָבן געשימערט צו זיי די זילבער־פאַרביקע בלעטער פון די איילבירט־בוימער, וועלכע האָבן זיך לייכט געשאָקלט אויפן ווינט.

מאַרק האָט געקוקט אויף קיטין, וועלכע איז געשטאַנען ווי אַ סילועט אויפן פאָן פון הימל, איבער וועלכן עס האָט פאַרבייגעשוועבט אַ וואָלקנדל.

— ווי שיין זי איז — האָט מאַרק געטראַכט. — קיטי פרעמאַנט איז די איינציקע פרוי אויף דער וועלט, וועלכע איז אַנדערש ווי אַלע איבעריקע, וואָס ער האָט געקענט. זי האָט אין אים נישט אַרויסגערופן קיין באַגער צו האָבן מיט איר ליבעס־באַציאונגען. עס זענען געווען ווייניק זאַכן אויף דער וועלט, וועלכע מאַרק פאַרקער האָט געשעצט, אָבער דעם כבוד פון קיטי פרעמאַנט, האָט ער נישט גע־וואָלט אָנרירן. נאָך מער: זי איז געווען די איינציקע פרוי אין וועמענס געזעלשאַפט ער האָט זיך גוט געפילט. מיט איר האָט ער געקאָנט זיין אויפריכטיק. ער האָט זיך נישט געדאַרפט באַמיען צו מאַכן אויף איר אַן איינדרוק און נישט געדאַרפט זיין פרעטענסיאָנעל. זיי זענען געווען אויפריכטיק איינער צום אַנדערן.

מאַרק און קיטי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גרויסן פעלז־בלאָק און מיט באַוווּנדערונג באַטראַכט די שיינע פּאַנאָראַמע, וועלכע האָט זיי אַרומגערינגלט.

— איך גלויב — האָט מאַרק זיך ענדלעך אָפּגערופן — אַז דאָס איז דער שענסטער אויסבליק אויף דער וועלט.

קיטי האָט בלויז אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ.

דאָס זענען געווען פאַר זיי וווּנדער־באַרע טעג. עס האָט געשיינט, אַז זינט מאַרק איז געקומען, איז קיטי פרעמאַנט געוואָרן אַן אַנדער מענטש. זי האָט אויף איר אייגענעם

ביישפּיל געזען די היילנדע ווירקונג פון אַראָפּריידן זיך פון האַרצן.

— איך האָב זיך דערמאָנט אַ שרעקלעכע זאַך — האָט קיטי געזאָגט. — איך טראַכט וועגן דעם ווי גליקלעך איך בין, וואָס מען האָט דעם דאָזיקן קאַלאָנעל האָוואַרד הילינגס אַוועקגעשיקט קיין פּאַלעסטינע און איך געפין זיך דאָ איצט מיט דיר. ווי לאַנג קאָנסטו דאָ בלייבן, מאַרק?

— אייניקע וואָכן.

— איך וויל, אַז מיר זאָלן זיך שוין מער נישט צע־שיידן אויף אַזוי לאַנג.

— צי ווייסטו, אַז אַלע אין „דאָם־האָטעל״ זענען זיכער, אַז מיר האָבן צווישן זיך באַציאונגען?

— אויסגעצייכנט! — האָט אויסגעשריען קיטי — היינט אין אָונט וועל איך אויף מיין טיר אויפהענגען אַ שילד מיט גרויסע רויטע בוכשטאַבן: איך בין משוגע פאַרליבט אין מאַרק פּאַרקער.

מער ווי אַ שעה זענען זיי נאָך געזעסן אויפן שפּיץ באַרג און דאַן האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן כדי צו קומען אין שטאָט, נאָך איידער עס ווערט טונקל.

אין דער זעלבער צייט, ווען מאַרק און קיטי זענען אַריין אין האָטעל, איז מאַנדריאַ אַריינגעפאָרן קיין פאַמאַ־גוסטאַ און זיך פאַרהאַלטן ביים פּאָרט. ער איז אַרויס פון אויטאָ צוזאַמען מיט אַרין אוןביידע זענען אַוועק צום „טורעם פון דער בתולה״, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג פון ים. זיי זענען אַריין אינעווייניק און אַרויפגעקלעטערט אויבן, פון וואַנען זיי האָבן קלאָר געקאָנט זען דעם גאַנצן שטח.

— צי גלויבט איר, אַז מיר וועלן קאָנען אַריינפירן „אַפראָדיטע" דאָ אין פּאָרט? — האָט אַרי געפרעגט.

— אַריינצופירן די שיף אינעווייניק וועט נישט זיין שווער — האָט מאַנדריאַ געענטפערט — אָבער דאָס פּראָבלעם וועט זיין ווי אַזוי די שיף אויסצודרייען און זי אַרויספירן צוריק.

ביידע זענען שווייגנדיק אַראָפּ פון טורעם און זיך צוריק אריינגעזעצט אין אויטאָ.

— איר קאָנט זיך צוריקקערן אַליין קיין פאַמאַגוסטאַ — האָט ארי געזאָגט צו מאַנדריאַן. — איך דאַרף זיך טרעפן מיט עמעצן אין „דאָם־האָטעל" און איך ווייס נישט ווי לאַנג עס וועט דויערן. איך וועל קומען קיין פאַמאַגוסטאַ שפּעטער.

ביי אַן אַנדערן וואָלט זיך מאַנדריאַ זיכער באַליידיקט. ער איז דאָך נישט קיין טעקסי־שאָפער, וועלכן מען שיקט אָפּ נאָכן פאַרענדיקן די נסיעה, אָבער ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו בן־כנענס אופן פון אַרויסגעבן באַפעלן.

— מאַנדריאַ — איר האָט מיר אַ סך געהאָלפן. איך דאַנק אייך, — האָט בן־כנען געזאָגט.

דער גריך איז אַזש איבעראַשט געוואָרן פון בן־כנענס העפלעכקייט. ער האָט נאָך ביז־איצט נישט געזען ביי אים אַזאַ פריינטלעכקייט. אַ צעשטראַלטער פון פרייד איז ער אָפּגעפאָרן קיין פאַמאַגוסטאַ.

אין עס־צימער פון „דאָם־האָטעל" האָבן די קלאַנגען פון אַ צאַרט־געשפילטן שטראַוס־וואַלצער זיך אויסגעמישט מיט דעם געמורמל פון ענגלישע זאַצן, מיטן קלאַפּן פון די גלעזער און דעם שטילן גערויש פונעם ים. מאַרק האָט אַ זופּ־געטאָן פון זיין קאַפע, זיך אָפּגעווישט די ליפּן מיט

אַ סערוועטקע און אין זעלבן מאָמענט דערזען איבער קיטיס אַקסל, ווי איך זאָל אין אַריינגעקומען אַ הויך־געוואַקסענער מאַן. מאַרק האָט באַמערקט ווי דער אריינגעקומענער האָט זיך צוגעבויגן צום קעלנערס אויער און אים עפּעס געזאָגט. דער קעלנער האָט אים דאַן אָנגעוויזן אויפן טיש, ווו מאַרק איז געזעסן. ווען דער מאַן האָט זיך גענומען דערנענטערן האָט מאַרק דערקענט אין דעם הויכן, זיין אַלטן באַקאַנטן ארי בן־כנען. ווייזט אויס, אַז מאַרק איז פון דער באַגעגעניש געוואָרן זייער איבעראַשט, ווייל קיטי פּרעמאָנט האָט זיך אָפּגערופן:

— וואָס מאַכסטו אַזאַ פּנים, ווי דו וואָלסט דערזען אַ גייסט?

— אַזוי איז עס טאַקע, און באַלד וועט ער צוקומען צו אונז. דוכט זיך, אַז עס שטייט אונז פאָר צו פאַרברענגען אַן אינטערעסאַנטן אָוונט.

קיטי האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען ארי בן־כנען, שטייענדיק ביי זייער טיש ווי אַ ריז.

— עס פרייט מיך, וואָס איר דערקענט מיך נאָך, פאַרקער — האָט ארי זיך אָפּגערופן צווענצנדיק זיך נישט געבעטענערהייט. — און איר זענט, פאַרשטיי איך, מיסיס קאַטערינע פּרעמאָנט.

אַריס און קיטיס בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און אַ לענגערע ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. די הפסקה וואָס איז אַנטשטאַנען האָט זיי אַלעמען אריינגעפירט אין אַ פאַרלעגנהייט, ביז ארי האָט ענדלעך גענומען זיך אומקוקן נאָך אַ קעלנער און אים צוגערופן צום טיש. ער האָט באַשטעלט אַ פּאָר סענדוויטשן.

— זייט באַקאַנט — האָט מאַרק פאַרקער זיך אָפּגערופן —

דאָס איז אַרי בן־כנען, מיינער אַ גוטער באַקאַנטער. איך זע, אַז איר קענט מיסיס פרעמאָנט.

— ארי בן־כנען — האָט קיטי געזאָגט — וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנער נאָמען?

— דאָס איז אַ העברעאישער נאָמען, מיסיס פרעמאָנט, און ער באַדייט: אַ לייב, דער זון פון כנען.

— דאָס איז עפּעס אַ קאָמפּליצירטער נאָמען.

— פּאַרקערט, העברעאיש איז זייער אַ לאָגישע שפּראַך.

— טאַקע, באמת? אויף מיר מאַכט זי נישט אַזאַ איינדרוק —האָט קיטי געענטפערט מיט אַ לייכטער איראָניע.

מאַרק האָט זיי ביידן אָבסערווירט פון אַ זייט. זיי האָבן זיך נאָר־וואָס באַגעגנט און שוין איז צווישן זיי אָנגעגאַנגען אַ ווערטער־אויסטויש, אַ וואָרט־שפּיל, וואָס ער אַליין פלעגט אַזוי אָפט באַנוצן. וואַרשיינלעך האָט בן־כנען אָנגערירט ביי קיטין אַן אָנגענעמע אָדער אפשר אַן אומאָנגענעמע סטרונע — האָט מאַרק אַ טראַכט געטאָן — ווייל קיטי הויבט אָן צו ווייזן אירע נעגל.

— עס איז אייגנטלעך מאָדנע, וואָס העברעאיש מאַכט נישט אויף אייך דעם איינדרוק פון אַ לאָגישער שפּראַך — האָט ארי געזאָגט. — גאָט האָט געהאַלטן די שפּראַך פאַר אַזוי לאָגיש, אַז ער האָט געלאָזן שרייבן דעם תנ״ך אין דערדאָזיקער שפּראַך.

קיטי האָט זיך צעלאַכט און אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ. אין דעם מאָמענט האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבן צו שפּילן אַ לאַנגזאַמען פאָקסטראָט.

— איר טאַנצט, מיסיס פרעמאָנט? — האָט ארי געפרעגט.

מאַרק פּאַרקער האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין שטול און זיך צוגעקוקט ווי אַזוי ארי בן־כנען האָט צוגעפירט קיטי צום טאַנץ־פּאַרקעט, ווי ער האָט זי גענומען אין זיינע

אַרעמס און מיט לייכטער עלעגאַנץ אַנגעהויבן מיט איר צו טאַנצן.

אין דער רגע איז מאַרקן נישט געפעלן געוואָרן דער פונק, וואָס האָט אויפגעשיינט אין קיטיס אויגן בעת די צוויי האָבן זיך באַגעגנט. עס איז אים שווער געווען צו באַטראַכטן קיטין אַלס געוויינלעכע פרוי, וועלכע האָט ליב זיך אריינצור־לאָזן אין אַ לייכטן פלירט. זיי האָבן פאַרבייגעטאַנצט האַרט נעבן זיין טיש און מאַרק האָט באַמערקט, ווי קיטיס געזיכט האָט זיך זעלטזאַם געענדערט, פונקט ווי זי וואָלט געווען באַרוישט. — דאָס איז גאָרנישט אין איר טבע — האָט מאַרק אַ טראַכט־געטאָן.

מאַרק פאַרקער האָט אָבער וועגן זיי לאַנג נישט געטראַכט. אויפן געדאַנק איז אים געקומען זיין אייגענער ענין. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון געפיל, וואָס האָט אים באַהערשט, זינט ער האָט געלאַנדעט אין ציפערן. ערגעץ־ווו אין זיין באַוווסטזיין איז ער געווען איבערצייגט, אַז עפּעס דאַרף דאָ פאַרקומען. און איצט, מיט בן־כנענס דערשיינען איז דאָס געפיל געוואָרן נאָך שטאַרקער. ער האָט גוט געקענט דעמדאָזיקן מאַן פון ארץ־ישראל און געוווסט, אַז ער איז איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון „מוסד עליה ב׳״. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז בן־כנען וויל עפּעס, ווייל ער איז גאָרנישט צופעליק געקומען צו אים. — און וואָס איז מיט קיטין? — האָט מאַרק ווייטער געטראַכט. — צי האָט ארי בן־כנען געוווסט וועגן איר, ווייל זי איז געזעסן צוזאַמען מיט אים ביי איין טיש, אָדער עס איז דאָ פאַראַן אַן אַנדער סיבה?

קיטי איז געווען אַ געגנוג הויכע פרוי. אָבער אין בן־כנענס אָרעמס האָט זי זיך געפילט קליין און הילפלאָז. עס

איז איר באַפאַלן אַ מערקווירדיק געפיל. דאָס פלוצימדיקע דערשיינען פון דעמדאָזיקן אַטלעטיש־געבויטן, שיינעם מאַן, האָט אַוועקגערויבט ביי איר די רו און איצט, געפינענדיק זיך אין די אָרעמס פון דאָזיקן מענטשן, מיט וועמען זי האָט זיך באַקענט ערשט מיט אַ פּאָר מינוט צוריק, — האָט זי צוריקגעפונען איר זיכערקייט. דאָס איז געווען אַן אָנגענעם געפיל, וואָס זי האָט שוין זינט לאַנגע יאָרן נישט געהאַט.

דער טאַנץ האָט זיך געענדיקט און ביידע זענען צוריקגעקומען צום טיש, וווּ פּאַרקער איז געזעסן.

— איך האָב געמיינט, אַז ביי אייך, אין ארץ־ישראל, ווערט געטאַנצט נאָר אַ „האָרא״ — האָט מאַרק זיך אָפּגערופן.

— ווייזט אויס, אַז איך בין צופיל געקומען אין קאָנטאַקט מיט אייער קולטור — האָט ארי צוריקגעענטפערט.

דער קעלנער האָט אין דעם מאָמענט צוגעטראָגן די באַשטעלטע סענדוויטשן און ארי, אַ הונגעריקער, האָט גענומען עסן.

מאַרק האָט געדולדיק געוואַרט, ביז ארי בן־כנען וועט אים אַליין זאָגן וועגן דער סיבה פון זיין באַזוך. ער האָט פּאָרזיכטיק געוואָרפן אַ בליק אויף קיטין. עס האָט געשיינט, אַז זי האָט זיך גענומען צוריק אין די הענט, הגם זי האָט זייטיק געקוקט אויף אָרי, ווי זי וואָלט זיך געגרייט אָפּצושלאָגן אַן אַטאַקע.

ארי האָט פאַרענדיקט זיין עסן און ווי אגב־אורחא געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט מיט אייך ביידן כאַפּן אַ שמועס וועגן אַ געוויסן ענין.

— דאָ? — האָט מאַרק אויסגערופן אַ פאַרוואונדערטער — אין צענטער פון דער בריטישער אַרמיי?

ארי האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך געווענדעט צו קיטי.

— פאַרקער האָט נאָך זיכער נישט געהאַט קיין געלעגנ־הייט אייך צו דערציילן, מיסיס פרעמאָנט, אַז אין געוויסע קרייזן ווערט מיין אַרבעט באַטראַכט אַלס „אונטערגראָבעריש". זייער אָפט גיבן אונדז די ענגלענדער אָפּ אפילו דעם צווייפלהאַפטן כבוד, באַצייכנענדיק אונדז מיטן נאָמען „אונטערגרונט־באַוועגונג". איינער פון די ערשטע כללים, וועלכע איך באַמי זיך איינצופלאַנצן אין באַוווסטזיין פון אַ נייעם חבר פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, איז די סכנה פון א געהיימען צוזאַמענטרעף אין מיטן דער נאַכט. לויט מיין מיינונג איז גאָרנישט פאַראַן קיין בעסער אָרט אַרומצורעדן דעם ענין, ווי דאָ, אין רעסטאָראַן פון „דאָם־האָטעל".

— פונדעסטוועגן וואָלט איך פאָרגעלייגט אַרויפצוגיין אין מיין צימער — האָט פאַרקער זיך אָפּגערופן.

ווי נאָר די טיר פון פאַרקערס צימער האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיי, איז ארי בן־כנען גלייך צוגעטראָטן צום ענין.

— פאַרקער — האָט ארי זיך אָפּגערופן — איר און איך זענען איצט אין דער לאַגע צו טאָן אַ טובה איינער דעם אַנדערן.

— לאָמיר הערן.

— איר זענט אינפאָרמירט וועגן די פליטים־לאַגערן אין קאַראַאָלאָס?

מאַרק און קיטי האָבן אַ שאָקל־געטאָן מיט די קעפּ.

— איך האָב נאָר־וואָס פאַרענדיקט דאָס אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, אַדאַנק וועלכן דריי הונדערט יוגנטלעכע וועלן קאָנען אַנטלויפן פון די אינטערנירונגס־לאַגערן. מיר ווילן די יוגנטלעכע ברענגען אַהער און זיי אויפלאָדן אויף אַ שיף, וואָס געפינט זיך אין האַפן פון קירעניאַ.

— זינט יאָרן שמוגלט איר שוין עולים קיין פּאַלעסטינע — האָט מאַרק זיך אָפּגערופן. — דאָס איז שוין מער נישט קיין סענסאַציע, הער בן־כנען.

— עס וועט דערבײַ יאָ זיין אַ סענסאַציע, אויב איר וועט מיר דערצו העלפן. איר געדענקט דעם טומל אין דער עפנטלעכקייט אַרום דער אומלעגאַלער פּליטים־שיף „הארץ המובטחת״ ?

— זיכער געדענק איך.

— די ענגלענדער האָט דער טומל לגמרי נישט געשמעקט און זייער האַנדלונג האָט געהאַט אַ נעגאַטיוון אָפּקלאַנג אויף דער וועלט. מיר האַלטן, אַז אויב אונדז וועט זיך איינגעבן צו אינסצעניזירן אַ נייעם אינצידענט, וואָס זאָל ווידער אויפרודערן די וועלט, וועט אונדז געלינגען אַ סוף צו מאַכן מיט דער בריטישער איינוואַנדערונגס־פּאָליטיק קיין ארץ־ישראל.

— איך האָב ליידער נישט גוט פאַרשטאַנען — האָט מאַרק זיך אָפּגערופן. — לאָמיר אָננעמען, אַז אייך וועט געלינגען דורכצופירן אַ מאַסן־אַנטלויף פון די לאַגערן אין קאַראַאָלאָס. ווי אַזוי וועט איר זיי אָבער אַריבערפירן קיין ארץ־ישראל ? און אויב אייך וועט שוין געלינגען זיי צו ברענגען קיין ארץ־ישראל, ווו איז דאָ די סענסאַציע פאַר די צייטונגען ?

— אין דעם גייט עס טאַקע — האָט ארי רואיק געזאָגט — זיי וועלן בלויז אַרויפגיין אויף דער שיף אין קירעניאַ. איך האָב גאָרנישט בדעה דורכצוברעכן די ענגלישע בלאָקאַדע, כדי זיי אָפּצופירן קיין ארץ־ישראל.

מאַרק האָט זיך אַ בייג־געטאָן פאָרויס. ווייזט אויס, אַז היגטער בן־כנענס פּלאַן שטעקט עפּעס מער, ווי עס האָט אויסגעזען אויפן ערשטן בליק און די זאַך האָט אים אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן.

—לאָמיר אָננעמען — האָט ארי ווייטער געזאָגט — אַז מיר וועט געלינגען אַרויסצושמוגלען די דריי הונדערט יתומים פון קאַראַאָלאָס און זיי אַרויפברענגען אויף דער שיף אין קירעניאַ. לאָמיר ווייטער אָננעמען, אַז די ענגלענדער וועלן אַנטדעקן דאָס אַנטלויפן פון די קינדער און וועלן נישט דערלאָזן די שיף אַרויסצושווימען פון פּאָרט. לאָמיר אויך אָננעמען, אַז איר האָט שוין פריער אָן אָנגעשריבענעם באַריכט וועגן דער גאַנצער געשיכטע, וועלכע ליגט אין אייער רעדאַקציע־אָפּטיילונג אין פּאַריז אָדער אין ניו־יאָרק, און אין מאָמענט, ווען די קינדער וועלן זיך געפינען אויפן וועג צו דער שיף, ברענגט די פּרעסע אייער באַריכט אויף דער ערשטער זייט מיט גרויסע הויפּט־קעפּ.

מאַרק פאַרקער האָט אַזש אַ פייף־געטאָן אויסהערנדיק בן־כנענס רייד. ווי דאָס רוב אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן איז ער געווען סימפּאַטיש איינגעשטעלט לגבי די ליידנדע פּליטים. דאָ שטייט אים פאָר צו באַקומען אַ גוטן מאַטעריאַל פאַר אַ צייטונג־סענסאַציע און דערביי וועט בן־כנען האָבן די פּראָפּאַגאַנדע אין וועלכער ער נויטיקט זיך. אָבער וועט די געשיכטע טאַקע זיין באמת אַזאַ סענסאַציע, אַז אים זאָל זיך לוינען אין איר אריינצומישן?

מאַרק האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו באַראַטן מיט עמיצן וועגן דאָזיקן ענין און ער האָט געמוזט אליין באַשליסן וואָס צו טאָן. בן־כּנען האָט געלאָקט זיין זשורנאַליסטישן נייגיר, אָבער גלייכצייטיק האָט מאַרק פּאַרקער מורא־געהאַט צו שטעלן ווייטערדיקע פראַגן, כּדי עס זאָל נישט הייסן, אַז ער איז מסכּים אָנטיילצונעמען אין דער דאָזיקער געשיכטע. מאַרק האָט אָנגעקוקט קיטין וועמען דער גאַנצער ענין האָט אויסגעזען אומפאַרשטענדלעך.

— ווי אַזוי אייגנטלעך וועט איר קאָנען אַרויסשמוגלען דריי הונדערט קינדער פון די לאַגערן אין קאַראַאָלאָס, און זיי ברענגען קיין קירעניא? — האָט מאַרק ענדלעך זיך אָפּגערופן.

— הייסט עס, אַלזאָ, אַז איר זענט גרייט מיטצואַרבעטן מיט מיר? — האָט אַרי בן־כּנען אויפגעכאַפּט מאַרקס פראַגע.

— דאָס הייסט, אַז איך וויל וויסן מער פּרטים — האָט מאַרק צוריקגעענטפערט — אָבער דאָס פאַרפליכטעט מיך צו גאָרנישט. איך קאָן אייך נאָר פאַרזיכערן, אַז אויב איך וועל זיך אָפּזאָגן, וועט אַלץ, וואָס מיר האָבן גערעדט אין דאָזיקן צימער, פאַרבלייבן אַ סוד. איך גיב אייך אויף דעם מיין ערן־וואָרט.

— דאָס איז פאַר מיר גענוג — האָט אַרי בן־כּנען געזאָגט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בופעט און פונקט נאָך פונקט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיין פּלאַן. מאַרק, האָט אויסהערנדיק אים, געקנייטשט אַ פאַרטראַכטער דעם שטערן. דער פּלאַן איז געווען אַ דרייסטער, אַ מוטיקער, אפילו אַ פאַנטאַסטישער, אָבער גלייכצייטיק איז ער אויף

אַ דערשטוינלעכן אופן געווען זייער פשוט. וואָס שייך מאַרקן, האָט ער געדאַרפט אָנשרייבן אַ באַריכט און אים אַרויסשמוגלען פון ציפּערן צו דער פּאַריזער אָדער ניו־יאָר־קער אָפּטיילונג פון דעם „אַמעריקען ניוס־סינדיקאַט". לויט אַ געהיימען פּאַראָל, האָט דער דאָזיקער באַריכט געזאָלט פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער פּרעסע גענוי אין זעלבן מאָמענט, ווען עס וועט זיך אָנהויבן דאָס אַנטלויפן פון די לאַגערן.

מאַרק האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט איבער דעם, וואָס ער האָט געהערט פון ארי בן־כנען. ער האָט פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און אָנגעהויבן צו שפּרייזן הין און צוריק איבערן צימער, שטעלנדיק איין פראַגע נאָך דער אַנדערער. ארי בן־כנען האָט אָבער אַלץ פאַרויסגעזען און קלאָר געענטפערט אויף די געשטעלטע פראַגן. יאָ, — האָט מאַרק געטראַכט — דאָס קאָן זיין אַ סענסאַציאָנעלע געשיכטע. גלייכצייטיק האָט ער זיך באַמיט אָפּצושאַצן וועלכע אויסזיכטן אויף דערפאָלג עס האָט דער דאָזיקער דרייסטער פּלאַן. די אויסזיכטן זענען אין בעסטן פאַל געווען העלפט אויף העלפט. מאַרק פּאַרקער האָט דערביי גענומען אין אַכט, אַז ארי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך קלוגער מענטש, וועלכער האָט גוט געקענט די מענטאַליטעט פון די ענגלענדער אין ציפּערן. מאַרק האָט אויך געוווּסט, אַז ארי בן־כנען האָט מיטאַרבעטער, וואָס זענען פעאיק צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן פאַנטאַסטישן פּלאַן.

— איך שטיי צו — האָט מאַרק קורץ געזאָגט.

— עס פרייט מיך זייער— האָט ארי געענטפערט — איך האָב גלייך געוווּסט, אַז איר וועט זיך איבערצייגן אין די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס אייך שטייען פאָר.

ארי האָט זיך אויסגעדרייט צו קיטי און געזאָגט:

— מיסיס פרעמאָנט, מיט אַן ערך אַ וואָך צוריק האָט מען אייך געפרעגט, צי איר זענט גרייט צו אַרבעטן ביי די קינדער אין די לאַגערן. צי האט איר זיך שוין איבערלייגט?

— יאָ. איך האָב באַשלאָסן די דאָזיקע אַרבעט נישט אָנצונעמען.

— אפשר וועט איר זיך נאָך אַמאָל באַטראַכטן? לאָמיר זאָגן, כדי צו העלפן פאַרקערן.

— וואָס ווילט איר אייגנטלעך פון קיטי פרעמאָנט? — האָט מאַרק געפרעגט.

— אַלע לערער, פלעגערינס און אינסטרוקטאָרן, וואָס קומען פון דרויסן אין לאַגער, זענען יידן — האָט ארי געזאָגט. מיר גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז די ענגלענדער פאַרדעכטיקן די דאָזיקע מענטשן.

— אין וואָס פאַרדעכטיקט מען זיי?

— אין צוזאַמענאַרבעט מיט אונזער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. איר אָבער, מיסיס פרעמאָנט, זענט אַ קריסטין. מיר האַלטן, אַז אַ מענטש פון אייער אָפּשטאַם און רעליגיע וועט זיך קאָנען פריי באַוועגן אין לאַגער.

— מיט אַנדערע ווערטער — האָט מאַרק געזאָגט — איר ווילט אויסנוצן קיטי פרעמאָנט אַלס שליח?

— מער אָדער ווייניקער איז דאָס אַזוי. מיר פּראָדוצירן אין לאַגער אַ גרעסערע צאָל געפעלשטע פּאַספּאָרטן, וואָס מיר דאַרפן אַרויספירן אין דרויסן.

— איך האַלט פאַר נויטיק אייך מיטצוטיילן — האָט מאַרק זיך אָפּגערופן — אַז די ענגלענדער האָבן אויף מיר אַן אויג. ווי נאָר איך בין דאָ אָנגעקומען, האָב איך געהאַט אַ באַזוך פון גענעראַל סאַטערלענדס אַדיוטאַנט. איך גלויב נישט וואָס אַן אמת, אַז איך וועל האָבן וועלכע עס איז

שווערריקייטן, אָבער ווען קיטי וועט אָנהויבן אַרבעטן איצט אין לאַגער פון קאַראַאַלאָס, וועלן די ענגלענדער זיכער מיינען, אַז זי איז דאָרטן אַוועק אַרבעטן פאַר מיר.

— איך מיין, אַז די זאַך איז פונקט פאַרקערט — האָט ארי בן־כנען געענטפערט. — די ענגלענדער וועט גאָרנישט איינפאַלן, אַז איר האָט געשיקט קיטין צו אַרבעטן פאַר אייך, אין די לאַגערן.

— אפשר זענט איר גערעכט.

— נאַטירלעך בין איך גערעכט — האָט ארי געזאָגט. — לאָמיר אָננעמען, אַז עס איז געשען דאָס ערגסטע. מען האָט געפונען ביי מיסיס פרעמאָנט געפעלשטע פּאַספּאָרטן. וואָס קאָן מען איר טאָן דערפאַר? העכסטנס וועלן די ענגלענדער זיין דערשטוינט, און דאַן וואָלט מען זי נאָר אריינגעזעצט אין אַן עראָפּלאַן און אַרויסגעשיקט פון ציפּערן.

— איין מאָמענט — האָט קיטי זיך אפגערופן —איך האָב די גאַנצע צייט געהערט ווי אירביידע פאַרהאַנדלט וועגן מיר. איך באַדויער זייער, וואָס איך האָב געמוזט אויסהערן דאָס אַלץ, וואָס איר האָט גערעדט. איך דערקלער אייך אָבער מיסטער בן־כנען, אַז איך וועל אין קאַראַאַלאָס נישט אַרבעטן און איך וויל גאָרנישט האָבן צו טאָן מיט אייער פּלאַן.

ארי האָט אַ וואָרף־געטאָן אַ פרעגנדיקן בליק אויף מאַרק פּאַרקערן, אָבער יענער האָט בלויז אַ צוק־געטאָן מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— זי איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש.

— איך האָב געמיינט, אַז איר זענט פּאַרקערס אַ פריינט — האָט ארי געזאָגט צו קיטין.

— איך בין עס טאַקע — האָט קיטי געענטפערט —

און איך פאַרשטיי אויך, אז די זאַך אינטערעסירט אים זייער שטאַרק.

— און איך פאַרשטיי נישט, מיסיס פרעמאַנט, פאַרוואָס אייך אינטערעסירט די זאַך אַזוי ווייניק — האָט ארי געזאָגט. — עס איז איצט סוף 1946. אין עטלעכע חדשים אַרום ווערט צוויי יאָר זינט די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. דאָך זיצן נאָך אַלץ מענטשן הינטער שטעכל־דראָט, ביי שווידערלעכע באַדינגונגען. אין קאַראַאָלאָס זיצן קינדער, וואָס ווייסן איבערהויפט נישט, אַז עס איז פאַראַן אַ וועלט מחוץ דעם שטעכל־דראָט. אויב אונדז וועט נישט געלינגען אַרויפצוצווינגען אַן ענדערונג אין דער ענגלישער פּאָליטיק, וועלן די דאָזיקע אָרעמע קינדער זיך געפינען אַ גאַנץ לעבן הינטער פאַרצוימונגען.

— אין דעם גייט עס טאַקע — האָט קיטי אויסגערופן. — אַלץ וואָס עס האָט אַ שייכות מיט קאַראַאָלאָס, איז ענג פאַרבונדן מיט פּאָליטיק. איך בין זיכער, אַז די ענגלענדער האָבן זייערע סיבות פאַר זייער פּאָליטיק און איך האָב נישט קיין חשק זיך צו שטעלן אויף וועלכן עס איז צד.

— מיסיס פרעמאַנט — האָט ארי געזאָגט — איך בין געווען קאַפּיטאַן אין דער בריטישער אַרמיי און איך האָב באַקומען אַ מעדאַל פאַר העלדישקייט. איך וויל דערביי באַנוצן אַן אַלטע פראַזע: אייניקע פון מיינע בעסטע פריינט, זענען ענגלענדער. עס זענען פאַראַן ביי אונדז צענדליקער ענגלישע אָפיצירן און סאָלדאַטן, וואָס זענען לגמרי נישט מסכים מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין ארץ־ישראל. זיי העלפן אונדז אין אונדזער טעטיקייט. דאָס איז נישט קיין פראַגע פון פּאָליטיק, נאָר אַ פראַגע פון מענטשלעכקייט.

— איך צווייפל אין אייער אויפריכטיקייט — האָט קיטי געענטפערט. — אָבער אַפילו ווען נישט, אַניעך ווי קאָנט איר ריזיקירן מיטן לעבן פון דריי הונדערט קינדער.

— דאָס רוב מענטשן האָט אַ ציל אין לעבן — האָט ארי געזאָגט — אָבער דאָס לעבן אין קאַראַאַלאָס האָט נישט קיין צוועק. דער קאַמף פאַר פרייהייט איז אַ לעבנס־ציל. אין אייראָפּע זיצן אַ פערטל מיליאָן יידן, וואָס ווילן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. יעדער פון זיי, ווען ער וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט, וואָלט געוועזן צופרידן זיך אַרויפצו־באַקומען אויף דער שיף אין קירעניאַ.

— איר זענט זייער אַ קלוגער מענטש, מיסטער בן־כנען — האָט קיטי געזאָגט — איך בין נישט דערוואקסן, כדי צו פירן מיט אייך אַ דיסקוסיע. איר האָט אויף יעדער זאַך אַ ענטפער.

— איך האָב געהערט, אַז איר זענט אַ קראַנקן־שוועסטער — האָט בן־כנען איראָניש געזאָגט.

— די וועלט איז פול מיט מענטשן, וואָס ליידן, עס זענען פאַראַן טויזנטער אַנדערע ערטער, וווּ מען נויטיקט זיך אין מיין אַרבעט, פונקט אַזוי ווי אין קאַראַאַלאָס.

— פאַרוואָס זאָלט איר נישט אַמאָל קומען אין לאַגער, זיך צוקוקן צום דאָרטיקן לעבן פון דער נאָענט, און ערשט דאַן מיר זאָגן, וואָס איר טראַכט וועגן דעם.

— איר וועט מיך נישט איבערכיטרעווען, און איך וועל זיך נישט לאָזן פון אייך פּראָוואָצירן — האָט קיטי פרעמאַנט זיך אָפּגערופן. — איך האָב אין אַמעריקע געאַרבעט אַלס נאַכט־שוועסטער אין אַ סטאַציע פאַר אומגליקס־פאַלן. איר קאָנט מיר גאָרנישט ווייזן אין קאַראַאַלאָס עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב שוין נישט געזען.

אַ לענגערע ווײַלע איז אין צימער געווען שטיל. צום

סוף האָט אַרי בן־כנען טיף אָפּגעאָטעמט און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך.

— אַ שאָד, באמת אַ שאָד. פאַרקער, איך וועל זיך מיט אייך טרעפן אין עטלעכע טעג אַרום.

דאָס זאָגנדיק האָט זיך אַרי בן־כנען געלאָזט צו דער טיר.

— מיסטער בן־כנען — האָט קיטי זיך אָפּגערופן — צי זענט איר גאַנץ זיכער, אַז איך וועל אייך נישט אויסגעבן אין די הענט פון אונדזערע געמיינזאַמע פריינט?

אַרי האָט זיך צוריקגעקערט און צוקומענדיק צו קיטין, האָט ער טיף אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. אין דאָזיקן מאָמענט איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פאַלש וואָרט. אַרי בן־כנען האָט זיך קורץ און איראָניש פאַנאַנדערגעלאַכט.

— איר האָט מסתמא געוואָלט, אַלס פרוי, האָבן דאָס לעצטע וואָרט — האָט אַרי געזאָגט. — אין אַלגעמיין האָב איך נאָך קיינמאָל קיין טעות נישט געהאַט, ביים אָפּשאַצן מענטשן. איך קאָן מיך פשוט אויף דעם נישט דערלויבן. אָבער ספּעציעל סימפּאַטיזיר איך מיט די אַמעריקאַנער. אַמעריקאַנער האָבן אַ געוויסן. מיטן מאָמענט ווען אייך אייער געוויסן וועט זיך אַ ריר־טאָן, וועט איר מיך קאָנען געפינען ביי מיסטער מאַנדריאַ. עס וועט זיין פאַר מיר אַ גרויסע פרייד, אייך צו קאָנען אַרומפירן איבער די לאַגערן אין קאַראַאָלאָס.

— איר זענט זייער זעלבסטזיכער, נישט אמת?

— אין דאָזיקן מאָמענט בין איך זעלבסטזיכערער, ווי איר זענט עס — האָט אַרי בן־כנען געזאָגט און געזעגענענדיק זיך האָט ער שנעל פאַרלאָזן דאָס צימער.

קיטי פרעמאָנט איז ערשט אין עטלעכע שעה אַרום

געקומען צו זיך פון דער איבעראַשונג, וואָס זי האָט איבערגעלעבט צוליב בן־כנענס באַזוך. זי האָט אַראָפּגע־וואָרפן די שיך פון די פיס און זיך אויסגעצויגן אויפן בעט.

— באמת — האָט זי זיך אָפּגערופן צו פּאַרקערן. — ביסט געווען גערעכט זאָגנדיק, אַז מיר וועלן פאַרברענגען אַן אינטערעסאַנטן אָוונט.

— איך האַלט, אַז דו האָסט געהאַנדלט זייער קלוג, אַרויסדרייענדיק זיך פון גאַנצן ענין — האָט פּאַרקער געזאָגט.

— און דו?

— דאָס איז פאַר מיר אַ טאָג אַרבעט. ביי געוויסע אומשטענדן קאָן דאָס אָבער ווערן אַ גרויסע זאַך.

— און ווען דו וואָלסט זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן?

— דאַן וואָלטן זיי אַראָפּגעבראַכט אַן אַנדערן קאָרעס־פּאָנדענט פון איראָפּע. צו זייער דיספּאָזיציע שטייען אַ סך מיטלען און וועגן. איך האָב זיך בלויז צופעליק געפונען אויפן אָרט.

— זאָג מיר, מאַרק — האָט קיטי געפרעגט אַ פאַרטראַכטע. — צי האָב איך זיך פאַרהאַלטן זייער נאַריש?

— איך מיין, אַז דו האָסט זיך נישט פאַרהאַלטן נאַרישער ווי אַנדערע פרויען, וועלכע וואָלטן אין דער זעלבער סיטואַציע געהאַנדלט פּונקט אַזוי ווי דו.

— ער איז אַ וווּנדערבאַרער מענטש. פון וואַנען קענסטו אים?

— צום ערשטן מאָל האָב איך אים געטראָפן אין בערלין, אַנהויב 1939. איך האָב דאַן גראָד איבערגענומען דעם פּאָסטן אין „אַמעריקען ניוס־סינדיקאַט“. ער איז געקומען קיין בערלין אין אויפטראָג פון „מוסד עליה ב״“, כדי אַרויסצופירן וואָס מער יידן פון דייטשלאַנד, איידער דער

קריג וועט אויסברעכן. ער איז דאַן אַלט געווען אָנהויב די צוואַנציקער. שפּעטער האָב איך אים ווידער געטראָפן אין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען בעת דער מלחמה. ער האָט דאָרט געדינט אין דער בריטישער אַרמיי און האָט געהאַט אויסצופירן געהיימע אויפגאַבן. אין וואָס געווען איז עס האָט זיך געהאַנדלט, ווייס איך נישט. נאָך דער מלחמה האָט ער אויפגעטויכט אין פאַרשיידענע ערטער פון אייראָפּע, כדי איינצוקויפן געווער און צו שמוגלען אומלעגאַלע איינוואַנדערער קיין ארץ־ישראל.

— צי גלויבסטו ערנסט, אַז דער דאָזיקער אַבסאָלוט־פאַנטאַסטישער פּלאַן, האָט שאַנסן אויף דערפאָלג?

— ער איז זייער אַ קלוגער חברהמאַן.

— יאָ, איך מוז מודה־זיין — האָט קיטי געזאָגט. — דער דאָזיקער בן־כנען איז אנדערש ווי אַלע יידן וואָס איך האָב ביז איצט געקענט. דו ווייסט וואָס איך מיין. ווען מיר טראַכטן וועגן יידן, שטעלן מיר זיך נישט פאָר קיין מענטשן מיט אַזעלכע פעאיקייטן ווי ער האָט. מען טראַכט נישט וועגן זיי ווי וועגן אַטלעטן, דרייסטע קעמפער, און דאָס גלייכן.

— דו האָסט אַ מאָדנע פאָרשטעלונג וועגן יידן, קיטי — האָט מארק זיך אָפּגערופן, — דו טראַכסט נאָך אַלץ וועגן זיי לויט די באַגריפן פון שטאַט אינדיאַנאַ, ווי עס זינגט זיך אין לידל: „דאָס קליינע יידישע ייִנגל מאָורי, גייט חתונה האָבן מיטן קליינעם יידישן מיידל סיידי״...

— לאָז צורו, מאַרק! איך האָב גענוג לאַנג געאַרבעט מיט יידישע דאָקטוירים, כדי צו וויסן, אַז יידן זענען אַראָגאַנט און אַגרעסיוו. זיי האַלטן זיך פאַר העכערע מענטשן און קוקן אויף אונדז פון אויבן אַראָפּ.

— צי ליידסטו נישט אַמאָל פון אַ מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס ?

— איך וואָלט מיט דיר מסכים־געווען, ווען מיר וואָלטן דאָ גערעדט וועגן דייטשן.

— וואָס ווילסטו אייגנטלעך דערמיט זאָגן, קיטי, אַז מיר זענען צדיקים ?

— איך וויל נאָר זאָגן, אַז קיין אַמעריקאַנער ייד וואָלט זיך נישט געוואָלט טוישן מיט אַ נעגער, אַ מעקסיקאַנער אָדער אַן אינדיאַנער.

— און איך זאָג דיר, אַז מען דאַרף נישט אָנווענדן קיין לינטש, ווען מען וויל עמעצן פּייניקן. דער מצב פון די אַמעריקאַנער יידן איז פאַרשטענדלעך אַ גוטער, אָבער צוליב דעם, וואָס עס געפינען זיך נאָך אַ סך מענטשן, וועלכע דענקען אַזוי ווי דו, ווי אויך צוליב דעם, וואָס זינט צוויי טויזנט יאָר זענען די יידן געווען דער שעיר לעזאזל, האָבן זיי זיך געשטאַלטיקט אַזוי, און נישט אַנדערש. פאַרוואָס דיסקוטירסטו נישט וועגן דעם מיט ארי בן־כנען ? עס שיינט, אַז ער ווייסט ווי אַזוי מיט דיר זיך אומצוגיין.

קיטי איז ווילד פון כעס אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אָבער אין זעלבן מאָמענט האָבן זיי ביידע אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. מאַרק און קיטי האָבן נישט געקאָנט זיין בייז איינער אויף דעם אַנדערן.

— זאָג מיר, וואָס באַדייט עס אייגנטלעך „מוסד עליה ב״ ?

— ווען אַ ייד פאָרט קיין ארץ־ישראל, רעדט מען וועגן אים ווי וועגן אַן „עולה״. דאָס וואָרט באַדייט אויפשטייג. דער אות א׳ איז דער ערשטער אות פון העברעאישן אלף־בית. עליה א׳ — איז געווען די לעגאַלע עליה. — דאַקעגן עליה ב׳ — איז די אומלעגאַלע עליה.

פון דעם איז געדרונגען, אַז „מוסד עליה ב״ באַדייט: די אָרגאַניזאַציע פון דער אומלעגאַלער עליה.

— באמת, — האָט קיטי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. — העברעאיש איז ווירקלעך אַ לאָגישע שפּראַך.

אין משך פון די צוויי טעג נאָך ארי בן־כנענס באַזוך, האָט קיטי זיך אַרומגעדרייט ווי אַ צעטומלטע. זי האָט זיך נישט געוואָלט מודה־זיין פאַר זיך אַליין, אַז זי וואָלט ווידער אַמאָל געוואָלט זען דעם ריז פון ארץ־ישראל. מאַרק האָט גוט געקענט קיטין און ער האָט געזען וואָס מיט איר קומט פאָר. ער האָט אָבער געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ארי בן־כנען וואָלט איבערהויפּט נישט עקזיסטירט.

קיטי פּרעמאָנט האָט אַליין נישט געוווּסט גענוי, פאַרוואָס זי איז אַזוי אומרואיק. זי האָט בלויז פעסטגע־שטעלט דעם פאַקט, אַז ארי בן־כנענס באַזוך האָט געמאַכט אויף איר אַ שטאַרקן רושם. צי איז דאָס געווען צוליבן „אַמעריקאַנער געוויסן״ וועגן וועלכן בן־כנען האָט גערעדט, אָדער אפשר צוליב איר אומקאָנטראָלירטן אַנטיסעמיטישן אויסברוך? זי האָט נישט געקאָנט געבן אויף דעם קיין קלאָרן ענטפער.

ווי אגב־אורחא, אָדער אפשר גאַנץ באַוווּסטזיניק האָט קיטי געפרעגט מאַרקן ווען ער וועט ווידער זען ארי בן־כנען. אַ צווייטן מאָל האָט זי זיך געמאַכט אַ וויץ, אַז זי וואָלט געווען זייער צופרידן צו פאָרן מיט מאַרקן קיין פאַמאַגוסטאַ, כדי צו מאַכן אַ שפּאַציר איבערן שטאָט. דאַן איז זי ווידער בייז געוואָרן אויף זיך אַליין און האָט באַשלאָסן איבערהויפּט נישט צו טראַכטן מער וועגן ארי בן־כנען.

אויפן דריטן אָוונט האָט מאַרק געהערט דורך דער

פאַרבינדונגס־טיר צווישן זייערעביידנס צימערן, ווי קיטי גייט אַרום אַ נערוועזע אין איר צימער. צום סוף האָט זיך קיטי אָוועקגעזעצט אין אַ ווייכן פאָטעל און פאַרויכערט אַ סיגאַרעט. זי האָט באַשלאָסן נאָך אַמאָל, קלאָר און פאַר־נונפטיק איבערצוטראַכטן די גאַנצע זאַך. עפּעס אין איר האָט זיך קעגנגעשטעלט אריינגעשלעפּט צו ווערן קעגן איר ווילן אין דער זעלטזאַם־פרעמדער וועלט פון ארי בן־כנען.

איר גאַנץ לעבן איז זי געווען פאַרנונפטיק און פּראַקטיש. „קיטי איז זייער א פארשטענדיק מיידל״ — פלעגט מען וועגן איר זאָגן.

ווען זי האָט זיך פאַרליבט אין טאָם פרעמאָנט און באַשלאָסן אים צו דערוואַרבן, האָט זי געהאַנדלט לויט אַ געניטן, גוט־צוגעטראַכטן פּלאַן. אויך איר פאַמיליע־לעבן און די הויז־ווירטשאַפט האָט זי געפירט פּראַקטיש און אויס־גערעכנט. זי האָט אויסגעפּלאַנירט צו געבוירן דאָס קינד אין פרילינג — וואָס אויך דאָס איז געווען אַ פאַרנונפטיקער שריט. פון שטענדיק אָן פלעגט זי זיך היטן נישט באַאיינפלוסט צו ווערן פון אַ מאָמענטאַלן אימפּולס, נאָר פלעגט שטענדיק האַנדלען לויט אַ פאָרויס־אָנגענומענעם באַשלוס.

זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אייגנטלעך האָט מיט איר פּאַסירט אין די לעצטע צוויי טעג. פּלוצים איז פון ערגעץ דערשינען עפּעס אַן אויסשטער־לישער מענטש און דערציילט אַ נאָך מער אויסשטערלישע געשיכטע. זי האָט געזען פאַר זיך דעם אַנטשלאָסענעם, אָבער גלייכצייטיק שיינעם פּנים פון ארי בן־כנען און זיינע דורכדרינגלעכע אויגן, וואָס האָבן שפּאָטיש־שמייכלענדיק געקוקט אויף איר, פּונקט ווי זיי וואָלטן געלייענט אירע געדאַנקען. זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם, וואָס זי האָט געפילט, בעת זי האָט מיט אים געטאַנצט.

די גאַנצע זאַך האָט איר אויסגעזען ווי עפּעס נישט לאָגיש. קיטי פלעגט זיך תמיד פילן אומבאַקוועם אין דער געזעלשאַפט פון יידן. זי האָט זיך אפילו וועגן דעם מודה־געווען פאַר מאַרקן. טאָ ווי אַזוי קומט עס, וואָס דאָס דאָזיקע געפיל ווערט איצט ביי איר נאָך שטאַרקער?

צום סוף האָט קיטי איינגעזען, אַז זי וועט פון דעם דאָזיקן אומרואיקן געפיל נישט פּטור ווערן, ביז זי וועט ווידער נישט זען ארי בן־כנען און באַקוקן די לאַגערן אין קאַראַאָלאָס. זי האָט אַלזאָ באַשלאָסן, אַז דער בעסטער וועג זיך אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ אירע מאָדנע געדאַנקען, וועט זיין זיך ווידער צו טרעפן מיט ארי בן־כנען און דערמיט זיך אַליין איבערצייגן, אַז עס ציט זי נישט צו אים עפּעס אַ מיסטישע קראַפט, נאָר זי איז פשוט אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין שטאַרקן פּערזענלעכן איינפלוס, וועלכער וועט שנעל פאַרשווינדן, ווען זי וועט אים ווידער זען.

מאַרק איז נישט געווען איבעראַשט, ווען קיטי האָט אים אויפצומאַרגנס ביים פרישטיק געבעטן, אַז ער זאָל זיך פאַרשטענדיקן מיט בן־כנען און זיך אָפּריידן מיט אים, ווען זי קאָן באַזוכן די לאַגערן אין קאַראַאָלאָס.

— טייערע, — האָט מאַרק זיך אָפּגערופן — איך בין געווען זייער צופרידן פון דיין נעכטיקן באַשלוס, איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז דו זאָלסט ביי אים בלייבן.

— איך פאַרשטיי אַליין נישט, פאַרוואָס איך טו עס — האָט קיטי געענטפערט.

— דער דאָזיקער בן־כנען האָט געוווסט, אַז ער וועט דיך אריינבאַקומען. זיי נישט אַזאַ נאַר. אויב דו וועסט פאָרן קיין קאַראַאָלאָס, וועסטו זיך שוין נישט קאָנען צוריקציען. הער אויס, קיטי איך אַליין צי זיך צוריק פון גאַנצן עסק. לאָמיר פאַרלאָזן ציפערן, שוין, די מינוט.

קיטי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נאָר דערפֿאַר, וואָס דו ביסט בייגעריק, ווערסטו אומפּאַרזיכטיק, קיטי. ביסט דאָך שטענדיק געווען אַזאַ קלוג מיידל. וואָס איז אייגנטלעך מיט דיר געשען?

— דאָס וועט קלינגען קאָמיש אין מיין מויל, נישט אמת מאַרק, אָבער איך האָב דאָס געפּיל, אַז איך ווער דערצו געטריבן דורך עפּעס אַן אומנאַטירלעכן כוח. אָבער דאָס מעגסטו מיר גלויבן, איך וויל פאָרן קיין קאַראַקאַס, כדי אַ סוף צו מאַכן מיט דער גאַנצער געשיכטע און נישט כדי עפּעס אָנצוהויבן.

מאַרק האָט פאַרשטאַנען, אַז קיטי איז שוין געפּאַנגען אין אַריס נעץ, כאָטש זי אַליין האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דאָס איז נישט אַזוי. אים איז געבליבן נאָר צו האָפן, אַז דאָס, וואָס עס שטייט איר פאָר, זאָל זי נישט טרעפן צו שווער.

קאַפּיטל 10

קיטי האָט דערלאַנגט איר דורכגאַנגס־דערלויבעניש דעם ענגלישן וועכטערביים טויער און איז אריין אין קאַראַאַלאָס־לאַגער ביי דער אָפּטיילונג 57, וואָס האָט זיך געפונען צום באַענטסטן צו דער קינדער־אָפּטיילונג.

— צי זענט איר מיסיס פרעמאָנט?

קיטי האָט זיך אויסגעדרייט, אַ שאָקל־געטאָן מיט קאָפּ און דערזען פאַר זיך דאָס שמייכלענדיקע געזיכט פון אַ יונגן בחור, וואָס האָט אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט. — דער יונגערמאַן איז אַ סך איידעלער און פריינטלעכער, ווי בן־כנען —האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

— איך בין דוד בן־עמי — האָט ער געזאָגט. — אַרי האָט מיך געבעטן איך זאָל אייך באַגעגענען. ער קומט שוין צוגיין.

— זאָגט מיר, וואָס באַדייט עס בן־עמי? לעצטנס האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט העברעאישע נעמען.

ער האָט איר אויפגעקלערט דעם באַדייט פון נאָמען בן־עמי און צום סוף האָט ער זיך אָפּגערופן:

— מיר האָפן, אַז איר וועט אונדז העלפן אין דער „אָפּעראַציע גדעון".

— אָפּעראַציע גדעון? — האָט קיטי אַ דערשטוינטע געפרעגט.

— יאָ, מיטן דאָזיקן נאָמען באַצייכן איך אַריס פּלאַן.

צי געדענקט איר דעם תנ"ך, ספר שופטים? גדעון איז געווען געצוווּנגען אויסצוקלייבן אַ גרופּע זעלנער, כּדי מלחמה צו האַלטן מיט די לייט פון מדין. ער האָט אויסגעקליבן דריי הונדערט. אויך מיר האָבן אויסגעקליבן דריי הונדערט, כּדי מיט זיי אַרויסצוגיין קעגן די ענגלענדער. מעגלעך, אַז איך טרייב אַ ביסל איבער. נישט אומזיסט טענהט אַרי, אַז איך בין צו סענטימענטאַל.

קיטי האָט זיך צוגעגרייט צו אַ שווערן קאַמף, אָבער איצט איז זי געשטאַנען אַן אַנטוואָפנטע דורכן דאָזיקן מילדן יונגנמאַן. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אַ לייכט און קאַלט ווינטל האָט אויפגעהויבן אַ זייל פון שטויב. קיטי האָט אָנגעטאָן איר מאַנטל. פון דער אַנדער זייט אָפּטיילונג האָט זי דערזען די הויכע געשטאַלט פון אַרי בן־כנען, וועלכער האָט זיך דערנענטערט צו איר. זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און זיך באַמיט צו באַקעמפן דאָס זעלבע אויפבראַיזנדע געפיל, וואָס זי האָט איבערגעלעבט בעת זי האָט אים דערזען צום ערשטן מאָל.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן זיי און אַלע האָבן זיך שטיל באַגריסט. קיטיס בליק איז געווען קאַלט, ווי זי וואָלט אים געוואָלט לאָזן וויסן אָן ווערטער, אַז זי איז געקומען אָננעמען זיין אַרויספאָדערונג און אַז זי האָט נישט בדעה צו פאַרשפּילן דעם פאַרמעסט מיט אים.

די אָפּטיילונג 57 איז דאָס רוב באַשטאַנען פון אַלטע, פרומע לייט. קיטי, אַרי און דוד זענען פּאַמעלעך פאַרביי־געגאַנגען די צוויי רייען געצעלטן, וואָס זענען געווען פול מיט אָפּגעלאָזענע, צעשויבערטע מענטשן. בן־עמי האָט אויפגעקלערט, אַז צוליב מאַנגל אין וואַסער, קאָן מען זיך אין לאַגער פאַקטיש נישט אַרומוואַשן ווי געהעריק. אויך די דערנערונג איז נישט גענוגנד. די פּליטים האָבן אויסגעזען

צו זיין אָפּגעשוואַכט. פון זייערע פּנימער האָט אַראָפּגעקוקט אָדער פאַרביטערונג אָדער אַפּאַטיע, אָבער אַלעמענס געזיכטער האָבן אויסגעזען פּונקט ווי דער טויט וואָלט זיך נאָך זיי געיאָגט.

אַ קורצע ווײַלע זענען זיי געבליבן שטיין ביי אַן אָפּענעם אַרייַנגאַנג אין א געצעלט, אין וועלכן א זקן איז געזעסן און געשניצט עפּעס אין האָלץ. ער האָט אויפגעהויבן דעם קעגנשטאַנד, כדי קיטי זאָל אים זען. דאָס זענען געווען צוויי הענט, אויסגעשטרעקט ווי צו אַ תּפילה און צוזאַמענגעבונדן מיט שטעכל־דראָט. אַרי בן־כנען האָט אויפמערקזאַם אָבסערווירט קיטין, כדי צו זען וואָס פאַר אַן אייַנדרוק דאָס וועט אויף איר מאַכן.

אין געצעלט איז געווען שמוציק און ענג. קיטי האָט זיך אָבער געהאַט צוגעגרייט צו עפּעס ערגערס.

גלייכצייטיק האָט זי אָנגעהויבן צו פילן, אַז אַרי בן־כנען האָט שוין מער נישט איבער איר קיין מיסטעריעזע שליטה.

זיי האָבן זיך ווידער אָפּגעשטעלט, כדי אַרייַנצוקוקן אין אַ גרויסן געצעלט, וואָס מען האָט געניצט אַלס בית־כנסת. איבערן אַרייַנגאַנג איז געווען אויסגעמאָלט אַ מנורה. אַלטע לייט זענען דאָרטן געשטאַנען און געדאַוונט שאָקלנדיק זיך. פאַר קיטין איז דאָס געווען אַן אַנדער וועלט. אירע בליקן האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אַן אַלטן מאַן, וואָס איז געווען באַזונדערס אָפּגעריסן און שמוציק, וועלכער האָט אָבער געוויינט ווי אַ קליין קינד מיט אַ יאָמערלעכן קול.

דוד האָט אָנגענומען קיטין פאַר דער האַנט און זי אַרויסגעפירט פון געצעלט.

— דאָס איז זייער אַן אַלטער מאַן — האָט ער געזאָגט — ער רעדט מיט גאָט און זאָגט אים, אַז ער איז אַ גאַנץ לעבן געווען פרום, מקיים־געווען אַלע מצוות און מכבד־געווען

די תורה. ער בעט גאָט, ער זאָל אים העלפן אין זכות פון זיינע מעשים־טובים.

די אַלע זקנים דאָ — האָט ארי זיך אָפּגערופן — קאָנען נישט באַגרייפן, אַז נאָר איין און איינציקער משיח איז זיי בכוח צו העלפן — דאָס איז א ביקס מיט א באַגנעט.

קיטי האָט אָנגעקוקט ארין. — דער דאָזיקער מאַן האָט איז זיך עפּעס אוממענטשלעכעס — האָט זי אַ טראַכט־געטאָן. אַרי בן־כנען האָט משמעות געפילט קיטיס ווידערווילן צו זיינע רייד, ער האָט זי אָנגענומען ביים אָרעם און געזאָגט:

— צי ווייסט איר וואָס דאָס איז אַ „זאָנדערקאָמאַנדאָ״?

— ארי איך בעט דיך... — האָט דוד זיך אָפּגערופן.

— דאָס איז אַ גרופּע מענטשן, וואָס זענען געצוווּנגען געוואָרן דורך די דייטשן צו אַרבעטן ביי די אויוונס פון די קרעמאטאָריעס. איך וועל אייך גערן ווייזן אן אלטן מאן וואָס געפינט זיך ביי אונדז. דער דאָזיקער אַלטער מאַן האָט פון אַן אויוון אין בוכענוואַלד אַרויסגענומען די ביינער פון זיינע פאַרברענטע אייניקלעך און זיי אָפּגעפירט אויף אַ מיסט־וועגעלע. זאָגט מיר, מיסיס פרעמאנט, צי האָט איר אלס שוועסטער אין אייער שפּיטאָל אין טשיקאגאָ געזען עפּעס בעסערס?

קיטי האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי די אינגעווייד דרייען זיך איר איבער. אָבער דאַן איז איר באַפאַלן אַ ווילדער כעס. אזש טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן.

— צי האַלט איר באמת, אַז יעדער מיטל איז פאַר אייך הייליק, כדי צו דערגרייכן אייער ציל און מיך אריינציען אין אייער אַרבעט?

— פאַר מיר איז יעדער מיטל הייליק, כדי אייך קלאָר צו מאַכן, ווי פאַרצווייפלט אונדזער מצב איז.

אַ רגע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט שטיל און מיט פֿיינטלעכע בליקן. ענדלעך האָט זיך ארי אָפּגערופֿן:

— צי ווילט איר זען די קינדער־אָפּטיילונג, אָדער נישט?

— לאָמיר דאָס אָפּפּטרן — האָט קיטי געענטפֿערט.

זאַלבעדריט זענען זיי אַריבער די בריק, וואָס האָט זיך געצויגן איבערן שטעכל־דראָט צו דער קינדער־אָפּטיילונג, ווו עס האָבן זיך געפֿונען די אומגליקלעכע קרבנות פֿון קריג. זיי זענען פֿאַרבייגעגאַנגען לאַנגע רייען פֿון בעטן אין וועלכע עס זענען געלעגן לונגען־קראַנקע. זיי האָבן געזען אַנדערע אָפּטיילונגען אין שפּיטאָל, ווו עס האָבן זיך געפֿונען קינדער מיט אויסגעקרימטע גלידער, באַדעקטע מיט געשווירן, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט היילן, און קינדער מיט פּנימער פֿון געלזוכט־קאָליר. זיי זענען פֿאַרבייגעגאַנגען אַן אָפּגעשלאָסענע אָפּטיילונג אין וועלכער עס האָבן זיך געפֿונען יוגנטלעכע מיט אויסגעהוילטע, טויטע בליקן פֿון גייסטיק־קראַנקע.

זיי זענען פֿאַרבייגעגאַנגען געצעלטן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען יוגנטלעכע, וואָס וואָלטן אין אַ נאָרמאַלער צייט פֿאַרענדיקט זייערע לימודים אין די שולן אָדער זייערע שטודיום אין די אוניווערסיטעטן. אָנשטאָט דעם, זענען עס געווען יונגעלייט אָן טאַטע־מאַמע, אָן אַ פֿאָטערלאַנד און אָן אַ היים. זייער בילדונג האָבן זיי דורכגעמאַכט אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיי זענען דאָ איצט געלעגן אין די ביידלעך מיט אָפּראַזירטע קעפּ, אָנגעטאָן אין שמוציקע שמאַטעס. אויף זייערע פּנימער האָט זיך געמאָלט אַן אויסדרוק פֿון שווינדער. אין די נעכט פֿלעגן זיי זיך אויפֿכאַפּן מיט אַנגסטפֿולע געשרייען. דאָס זענען געווען קינדער און יוגנטלעכע, וואָס זענען לעבן

געבליבן בלויז אַ דאַנק זייערע קונציקע איינפאַלן.

ווען זיי האָבן פאַרענדיקט די אינספּעקציע האָט זיך קיטי אָפּגערופן:

— איר האָט דאָ אַן אויסגעצייכנטן מעדיצינישן פּערסאָנאַל. די קינדער־אָפּטיילונג באַקומט משמעות פון דעם בעסטן.

— דאָס האָבן מיר נישט צו פאַרדאַנקען די ענגלענדער — האָט אַרי זיך אָפּגערופן — דאָס זענען אַלץ מתנות פון אונדזערע אייגענע ברידער.

— מיך אַרט נישט, אויב דאָס איז אפילו געקומען ווי מן פון הימל — האָט קיטי געזאָגט — איך בין געקומען אַהער, ווייל מיין „אַמעריקאַנער געוויסן" האָט מיך דערצו געשטופּן. איך האָב אַלץ געזען און מיין געוויסן איז באַפרידיקט. און איצט וויל איך גיין.

— מיסיס פרעמאָנט... — האָט דוד בן־עמי אויסגערופן.

— דוד! דיסקוטיר נישט מיר איר — האָט אַרי אים אָפּגעהאַלטן — עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס פילן, אַז בלויז קוקן אויף אונדז איז אָפּשטויסנדיק. ווייז דער מיסיס פרעמאָנט ווי אַזוי אַרויסצוגיין.

דוד און קיטי האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, פאַרביי אַ גאַס מיט געצעלטן. קיטי האָט זיך אויסגעדרייט און באַמערקט, ווי אַרי קוקט איר נאָך. זי האָט געוואָלט אַרויסגיין פון דאַנען וואָס שנעלער. זי האָט זיך געוואָלט אומקערן צו מאַרק פאַרקערן און פאַרגעסן אין דער גאַנצער אומאנגענעמער פּרשה.

פון אַ געצעלט האָט זיך צו איר דערטראָגן אַ הויך געלעכטער. דאָס איז געווען אַ געלעכטער פון גליקלעכע קינדער, און האָט זיך לגמרי נישט אריינגעפּאַסט אין דער אַטמאָספער פון לאַגער. קיטי האָט אַ נייגעריקע זיך אָפּגע־

שטעלט פאַרן געצעלט און זיך צוגעהערט. אַ מיידל האָט פאַרגעלייענט אַ געשיכטע. די שטימע איז געווען אַ וונדערבאַרע.

— דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעך מיידל — האָט דוד זיך אָפּגערופן. — זי ארבעט דאָ אלס קינדער־דערציערין און איז פשוט פאַנטאַסטיש אין איר אומגאַנג מיט די קינדערלעך.

ווידער אַמאָל האָבן די קינדער אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

קיטי איז אריין אין געצעלט. דאָס מיידל איז געזעסן אויף אַ הילצערנעם קעסטל, מיטן רוקן צום אריינגאַנג, אריבערגעבויגן איבער אַ נאַפט־לאָמפּ. אַרום איר זענען געזעסן אַ צוואַנציק קינדער, וואָס האָבן מיט איבעראַשונג אַנגעקוקט קיטין, ווען זי איז אַריינגעקומען.

דאָס מיידל האָט איבערגעריסן דאָס לייענען, זיך אויסגע־דרייט און האָט באַגריסט די אריינגעקומענע. דער פלאַם אין נאַפט־לעמפל האָט אַ ציטער געטאָן פון ווינטל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורכן אָפענעם אריינגאַנג און געוואָרפן אַ טאַנצנדיקן שאָטן פון די קינדער אויף די ווענט פון געצעלט.

קיטי און דאָס מיידל זענען שטיין געבליבן פנים־אל־פנים. קיטי האָט ברייט צעעפנט די אויגן און איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון געצעלט. זי האָט באַוויזן נאָך אַמאָל אַ בליק צו טאָן צום מיידל און האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט. ענדלעך האָט זי זיך שטיל אָפּגערופן:

— איך וויל זען דאָס מיידל... אליין...

אַרי בן־כנען, וועלכער איז אינצווישנצייט אָנגעקומען צום געצעלט, האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ צו דודן און זיך אָפּגערופן:

— ברענג דאָס מיידל אין דער שול־געביידע. מיר וואַרטן דאָרטן.

ארי האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ אין שול־צימער און פאַרמאַכט די טיר. קיטי האָט געשוויגן. איר פּנים איז געווען בלאַס פאַר אויפרעגונג.

— דאָס מיידל דערמאָנט אייך אין עמעצן? — האָט אַרי געפרעגט.

קיטי האָט נישט געענטפערט.

ארי איז צו צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. ער האָט געזען ווי דוד מיטן מיידל דערנעענטערן זיך צו דער געביידע. ער האָט ווידער אַ קוק־געטאָן אויף קיטין און איז אַרויס פון צימער.

ווען קיטי איז געבליבן אליין האָט זי זיך אָנגעהויבן צו מאַכן פאַרווורפן: דאָס איז אַ משוגעת. צו וואָס ביך איך אַהער געקומען? זי האָט זיך געצווונגען צו זיין רואיק, כדי צו קאָנען זיך טרעפן מיטן מיידל און אויסהאַלטן איר בליק.

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און דאָס מיידל איז לאַנגזאַם אריינגעקומען אין צימער. קיטי איז געזעסן געשפּאַנט און באַטראַכט דאָס פּנים פון מיידל. מיט אַלע כוחות האָט זי זיך באַמיט צו באַהערשן, כדי נישט צוצופאַלן צו איר און זי צודריקן צו זיך.

דאָס מיידל האָט געקוקט אויף קיטין אַ דערשטוינטע. זי האָט ווייזט־אויס פאַרשטאַנען, וואָס אין קיטין קומט פאָר און איר בליק איז געווען פול מיט רחמנות.

— מיין נאָמען איז קאַטערינע פרעמאָנט. דו רעדסט ענגליש.

— יאָ.

וואָס פאַר אַ רייצנד קינד דאָס איז געווען! אירע אויגן

האָבן געפינקלט און אַ צעשטראַלטע פון פרייד האָט זי אויסגעשטרעקט צו קיטין אַ האַנט.

קיטי האָט באַרירט דעם מיידלס באַקן אָבער זי האָט גלייך צוריקגעכאַפּט איר האַנט.

— איך... איך בין אַ קינדער־פלעגערין... איך האָב זיך געוואָלט טרעפן מיט דיר... ווי הייסטו?

— מיין נאָמען איז קאַרען. קאַרען האַנסען־קלעמענט.

קיטי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פעלד־בעטל און געבעטן דאָס מיידל זיך צו זעצן נעבן איר.

— ווי אַלט ביסטו?

— איך בין זעכצן יאָר, מיסיס פרעמאַנט.

— איך בעט דיך, רוף מיך קיטי.

— גוט קיטי.

— איך האָב געהערט, אז דו ארבעטסט דאָ ביי קינדער.

דאָס מיידל האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ.

— דאָס איז זייער שיין... איך... וועל אפשר אויך קומען אַהער אַרבעטן... און... איך וויל אַלץ וויסן וועגן דיר... וועסטו מיר דערציילן?

קאַרען האָט געשמייכלט. קיטי איז איר געפעלן געוואָרן און דאָס דאָזיקע יונגע מיידל האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז קיטי וויל — אַז זי בויטיקט זיך אפילו, מען זאָל זי ליב האָבן.

— איך שטאַם פון דייטשלאַנד — האָט קאַרען געזאָגט — פון קעלן... אָבער דאָס איז געווען מיט אַ צייט צוריק...

קאַפּיטל 11

קעלן, דייטשלאַנד, 1938.

דאָס לעבן איז וווּנדערשיין, ווען דו ביסט אַ זיבן־יאָריק קינד און דיין פאָטער איז דער באַרימטער פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענס, און עס איז די צייט פון קאַרנאַוואַל אין קעלן. אַ סך זאַכן זענען אַזוי אַנדערש אין דער קאַרנאַוואַל־צייט, אָבער דאָס וואָס איז ספּעציעל אַנדערש — איז צו גיין שפּאַצירן מיטן פאָטער. מען קאָן שפּאַצירן אונטער די לינדן־בוימער, ביי די ברעגן פון ריין, אָדער אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, וואָס פאַרמאָגט די פּרעכטיקסטע שטייגן מיט מאַלפּעס פון דער גאַנצער וועלט. מען קאָן פאַרבייגיין די גרויסע קאַטעדראַלע און קוקן אויף די הויכע טורעמס, וואָס שניידן זיך אריין אין הימל. צום בעסטן אָבער איז צו גיין שפּאַצירן אין שטאָטישן וואַלד, גאַנץ פרי, מיטן פאָטער און מיט מאַקסימיליאַנען. מאַקסימיליאַן איז דער שענסטער הונט אין גאַנץ קעלן, הגם ער זעט אויס אביסל קאָמיש. פאַרשטייט זיך, אַז אין זאָאָלאָגישן גאָרטן לאָזט מען אים נישט אריין.

טיילמאָל נעמט מען אויך מיט אויפן שפּאַציר האַנסן, אָבער דער קליינער ברודערל איז נאָר אַן אָנשיקעניש.

ווען מען איז אַזאַ קליין מיידל האָט מען אויך ליב די מאַמען און מען וויל, אַז זי זאָל מיטגיין מיט דיר און מיטן טאַטן און האַנסן און מאַקסימיליאַנען אויפן שפּאַציר. די מאַמע איז אָבער שוואַנגער און זי פילט זיך נישט מיט

אַלעמען. עס וואָלט געווען גוט, ווען דאָס נייע קינד זאָל זיין אַ שוועסטער, ווייל מער ווי איין ברודער קאָן אַ מיידל נישט פאַרטראָגן.

אין אַ זונטיקדיקן טאָג זעצן זיך אַלע אַריין אין אויטאָ, חוץ דעם אָרעמען מאַקסימיליאַן, וועלכער מוז בלייבן היטן די וווינונג.

דער פאָטער פירט דעם אויטאָ לענגאויס דעם טייך ריין צו דער באָבע, וואָס וווינט אין באָן. אַ היבש ביסל מומעס און פעטערס און שוועסטערקינדער קומען זיך דאָרט צונויף יעדן זונטיק. די באָבע האָט אָפּגעבאַקן אפשר אַ הונדערט קיכלעך, אָדער נאָך מער. באַלד וועט קומען דער זומער און מיר וועלן מאַכן אַ וווּנדערבאַרע רייזע צום צפון־ים, אָדער דורכן שוואַרצוואַלד, אָדער קיין באַדען־באַדען, וווּ מען וווינט אין פּאַרק־האָטעל.

פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט איז זייער אַ באַרימטער מענטש. אין אוניווערסיטעט נעמט יעדער איינער אַראָפּ דעם הוט פאַר אים, שמייכלט און פאַרנויגט זיך, זאָגנדיק: גוט־מאָרגן, הער פּראָפעסאָר.

אין די אָוונטן קומען אַ סך אַנדערע פּראָפעסאָרן מיט זייערע פרויען, און טיילמאָל אויך אַ פופצן אָדער צוואַנציק סטודענטן אויף אַ באַזוך צו אונדז אין שטוב. אין טאַטנס צימער איז דאַן פול. זיי זיצן דאָרטן ביז שפּעט אין דער נאכט, טרינקען ביר און דיסקוטירן. איידער דער מאַמעס בויך האָט אָנגעהויבן צו ווערן גרויס האָט זי אויך ליב געהאַט צו טאַנצן און צו פאַרברענגען מיט די געסט.

צום שענסטן זענען אָבער געווען די אָוונטן ווען קיין געסט זענען נישט געקומען און ווען דער פאָטער איז נישט געווען באַשעפטיקט אָדער נישט געמוזט גיין האַלטן קיין לעקציע. די גאַנצע פאַמיליע איז דאַן געזעסן ביים קאַמין.

עס איז געווען אַזוי גוט צו זיצן אויפן טאַטנס שויס און קוקן אויף די פלאַמען, פילן דעם רויך פון זיין לולקע און הערן זיין טיפע שטימע, בעת ער האָט פאַרגעלייענט אַ פאַנטאַסטיש מעשהלע.

אין יענע יאָרן, פון 1937 ביז 1938, האָבן פּאַסירט אַ סך אויסטערלישע זאַכן, וואָס מען האָט קוים געקאָנט פאַרשטיין. מענטשן זענען געוואָרן איבערגעשראָקן און אָנגעהויבן צו ריידן איינער צום אַנדערן נאָר שעפּטשנדיק... באַזונדערס אין אוניווערסיטעט... אָבער דאָס אַלץ איז אַזוי אומוויכטיק, ווען עס קומט די קאַרנאַוואַל־צייט.

פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט האָט געהאַט זייער אַ סך וועגן וואָס צו טראַכטן. ווען מען לעבט אין אַ צייט, אין וועלכער עס הערשט אַזאַ משוגעת, מוז מען האָבן אַ קלאָרן קאָפּ. פּראָפעסאָר קלעמענט איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז אַ וויסנשאַפטלער קאָן פאָרויסזען די אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, פונקט ווי מען קאָן פאָרויסזען דעם ריטם פון צופלוס און אָפּפלוס אין ים. עס זענען געווען כוואַליעס פון אויפברויז און שנאה, עס זענען אויך געווען כוואַליעס פון פולשטענדיקער משוגעת. די דאָזיקע כוואַליעס האָבן דערגרייכט אַ הויך־פונקט און זענען דאַן ווידער פאַרשוווּנדן. אויפן דאָזיקן שטורמישן ים האָבן געלעבט אַלע מענטשן, חוץ איינצלנע יחידים, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַ אינדזל, צו וועלכן דער פאַרניכטנדער שטראָם פון לעבן האָט נישט דערגרייכט. דער אוניווערסיטעט — האָט פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט געמיינט אין זיין נאַיוויקייט — איז אַזאַ סאָרט אָפּגעזונדערטער אינדזל.

אַמאָל, אין מיטלאַלטער, איז שוין געווען אַזאַ כוואַליע פון שנאה און אומוויסנהייט, ווען די קרייץ־ריטער האָבן געמאָרדעט יידן. אָבער עס איז שוין אַוועק די צייט, ווען מען

האָט די ייִדן געהאַלטן פֿאַר שולדיק אין אַרויסרופֿן מגיפֿות און אין פֿאַרסמען קריסטלעכע ברונעמער. נאָך דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין די צייטן פֿון אויפֿקלערונג, האָבן די קריסטן אַליין צעבראָכן די מויערן פֿון געטאָ. און אין דער נייער ערע זענען די ייִדן געוועזן אומצערייסבאַר פֿאַרבונדן מיטן רום און גרויסקייט פֿון דייטשלאַנד. די ייִדן האָבן אונטערגעאָרדנט זייערע אייגענע פּראָבלעמען צו די גרעסערע פּראָבלעמען פֿון דער מענטשהייט און זיך אַסימילירט. און וויפֿל גרויסע מענטשן זיי האָבן אַרויסגעבראַכט! היינע און ראָטשילד, קאַרל מאַרקס און מענדעלסאָן און פֿרויד. די ליסטע פֿון די דאָזיקע מענטשן איז זייער אַ לאַנגע. אָט די מענטשן, פּונקט ווי יאָהאַן קלעמענט זענען קודם־כּל און שטענדיק געוועזן דייטשן.

דער אַנטיסעמיטיזם — אַזוי האָט געהאַלטן פּראָפֿעסאָר יאָהאַן קלעמענט — האָט זיך געצויגן ווי אַ רויטער פֿאָדעם דורך דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. ער איז געוועזן אַ טייל פֿון לעבן, כּמעט אַ וויסנשאַפֿטלעכער אמת. בלויז די מאָס און דער אינהאַלט זענען געוועזן פֿאַרשיידנאַרטיק. ער האָט געפֿילט, אַז ער איז אין אַ בעסערער לאַגע ווי די ייִדן פֿון מזרח־אייראָפּע, אָדער די יעניקע, וואָס לעבן אין האַלב־באַרבאַרישע אומשטענדן אין אַפֿריקע. די ייִדן־פּאָגראָמען, ווי צום בײַשפּיל פֿון פֿראַנקפֿורט, האָבן געהערט צו אַ לאַנג־פֿאַרגאַנגענער עפּאָכע.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דייטשלאַנד איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך אַ נייער כוואַליע פֿון אַנטיסעמיטיזם, אָבער אים וועט זי נישט דערגרייכן. ער וועט אויך נישט אויפֿהערן צו גלייבן, אַז די דייטשן, מיט אַזאַ גרויסער קולטורעלער ירושה, וועלן סוף־כּל־סוף זיך באַפֿרייען פֿון

די דאָזיקע עלעמענטן, וואָס האָבן צייטווייליק פאַרכאַפּט די הערשאַפט אין לאַנד.

פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט האָט גענוי אָבסערווירט די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. צווערשט האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט ווילדע העץ־רייד און קלעפּ. דאַן זענען געקומען געדרוקטע באַשולדיקונגען און אינסינואַציעס. דערנאָך איז געקומען דער באָיקאָט אויף יידישע געשעפטן און סוחרים. שפּעטער — עפנטלעכע באַליידיקונגען... יידן זענען געשלאָגן געוואָרן אויף די גאַסן און מען האָט זיי געריסן פאַר די בערד. דאַן איז געקומען דער נאַכט־טעראָר פון די ברוינע העמדלעך און שפּעטער די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. געשטאַפּאָ, עס־עס, עס־דע, קריפּאָ, רייכס־זיכערהייטס־הויפּט־אַמט. יעדע פאַמיליע אין דייטשלאַנד איז אַרונטער־געפאַלן דער אויפזיכט פון די נאַציס. אַ טיראַנישע פויסט האָט אַלץ אַרומגעכאַפּט, ביז דער לעצטער ווידערשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן און איז אָפּגעשטאָרבן.

און דאָך האָט פּראָפעסאָר קלעמענט, ווי דאָס רוב יידן אין דייטשלאַנד, ווייטער געגלויבט, אַז נישט אים מיינט מען עס. זיין זיידע האָט איינגעשטעלט אַ טראַדיציע אין אוניווערסיטעט. דאָס איז געווען יאָהאַן קלעמענטס אַן אינדזל און מקום־מקלט... ער האָט זיך פולשטענדיק אידענ־טיפיצירט אַלס אַ דייטש...

דעם דאָזיקן זונטיק וועט מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן. די גאַנצע משפּחה האָט זיך פאַרזאַמלט אין דער באָבעס הויז אין באָן. אפילו דער אָנקל אינגאָ איז געקומען אַזש פון בערלין. די קינדער האָט מען אַרויסגעשיקט זיך שפּילן אין דרויסן און די טיר צום סאַלאָן איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן. אויפן צוריקוועגס אַהיים קיין קעלן, האָבן טאַטע־מאַמע נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט. דערוואַקסענע מענטשן

פירן זיך אָפּטמאָל אויף ווי קינדער. ווי נאָר מען איז צוריקגעקומען האָט מען מיך און מיין ברודער געשיקט זיך לייגן שלאָפן... אָבער די דאָזיקע געהיימע שמועסן זענען פאָרגעקומען אַלץ אָפטער און ווען מען איז געשטאַנען ביי דער טיר און געעפנט בלויז אַ שפּאַרע, האָסטו אַלץ געקאָנט הערן. די מאַמע איז געווען שרעקלעך צערודערט. דער פאָטער איז ווי שטענדיק געווען רואיק.

— ליבער יאָהאַן, מיר מוזן עפּעס טאָן. דאָס מאָל וועט עס אונדז נישט אויסמיידן. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב מורא אַרויסצוגיין מיט די קינדער אויף דער גאַס.

— קאָן זיין, אַז דו טראַכסט אַזוי צוליב דיין שוואַנגערשאַפט... דו זעסט אַלץ אין שוואַרצע פאַרבן.

— שוין פינף יאָר, אַז דו האַלסט אין איין זאָגן, אַז עס וועט ווערן בעסער. אָבער עס ווערט נישט בעסער.

— ווי לאַנג איך בין אין אוניווערסיטעט, זענען מיר זיכער.

— אום גאָטעס ווילן, יאָהאַן... ווי לאַנג ווילסטו זיך אַליין אָפּנאַרן? מיר האָבן מער נישט קיין פּריינט. די סטודענטן קומען מער נישט צו אונדז. יעדער איינער איז איבערגעשראָקן אויף אַזויפיל, אַז ער האָט אפילו מורא צו ריידן מיט אונדז.

פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט האָט פאַרויכערט אַ לולקע און טיף אָפּגעזיפצט. מיין מוטער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיינע פיס און אַרויפגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין שויס.

— איך באַמי זיך צו זיין אַזוי מוטיק און פאַרנונפטיק ווי דו —האָט געזאָגט מיין מוטער.

— איך בין אין דאָזיקן הויז געבוירן געוואָרן — האָט דער פאָטער געענטפערט — מיין גאַנץ לעבן, אַלץ צו וואָס

איך האָב געשטורעבט, אַלע זאַכן וואָס מיין האַרץ האָט ליב, געפינען זיך אין די דאָזיקע צימערן. מיין איינציקער ווונטש איז, אַז אונדזער זון האַנס, זאָל אַ געוויסן טאָג דאָס אַלץ ליב־האָבן, אַזוי ווי איך האָב עס געליבט. אָפטמאָל פרעג איך זיך אַליין, צי האָב איך ריכטיק געהאַנדלט לגבי דיר און די קינדער. אָבער עטוואָס אין מיר לאָזט מיך נישט אַנטלויפן פון דאַנען. נאָר נאָך אַ קליינע ווײַלע, מרים... דאָס וועט אַלץ פאַרבײַגיין.

19 נאָוועמבער, 1938.
200 סינאַגאָגעס זענען פאַרברענט געוואָרן!
טויזנטער ייִדישע וווינונגען זענען דעמאָלירט געוואָרן!
אַכט טויזנט ייִדישע געשעפטן זענען צעראַבירט געוואָרן!
50 ייִדן דערמאָרדעט!
3000 ייִדן שווער צעשלאָגן!
20 טויזנט ייִדן אַרעסטירט!

פון הײַנט אָן און ווײַטער קאָן קיין שום ייִד נישט געהערן צום שטאַנד פון באַלמעלאָכעס און סוחרים!

פון הײַנט אָן און ווײַטער, האָט קיין שום ייִדיש קינד נישט קיין רעכט צו באַזוכן אַן עפנטלעכע שולע!

פון הײַנט אָן און ווײַטער האָט קיין שום ייִדיש קינד נישט דאָס רעכט אַרײַנצוגיין אין אַן עפנטלעכן גאָרטן אָדער שפּיל־פּלאַץ.

אויף די דײַטשע ייִדן ווערט אַרויפגעלייגט אַ קאָנ־טריבוציע פון אַ מיליאָן רײַכסמאַרק!

פון הײַנט אָן און ווײַטער מוזן די ייִדן אָנטאָן אַ געלן אָפּצייכן מיט אַ מגן־דוד אויפן אָרעם!

עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין, אַז דער דאָזיקער מצב קאָן נאָך ווערן ערגער, אָבער די כוואַליע איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער און צום סוף האָט זי אויך דערגרייכט דאָס אינדזל פון פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט. ווען די קליינע קאָרען איז אַ געוויסן טאָג געקומען צו לויפן אַהיים, מיט אַ פאַרבלוטיקט געזיכט. אין אירע אויערן האָט נאָך אַלץ אָפּגעהילכט דאָס געשריי: יודע! יודע! יודע!

ווען אַ מענטש האָט אַזאַ טיף פאַרוואָרצלטע, אומדער־שיטערלעכע איבערצייגונג, ווי דאָס האָט געהאַט פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט, איז די דערשיטערונג און צעשטערונג פון דער דאָזיקער איבערצייגונג געגליכן צו אַ שוידערלעכער קאַטאַסטראָפע. נישט בלויז וואָס ער, יאָהאַן קלעמענט, האָט זיך אַנטוישט, ער האָט נאָך דערצו איינגעשטעלט דאָס לעבן פון זיין משפּחה. אַ פאַרצווייפלטער האָט ער געזוכט אַן אויסוועג און זוכנדיק אַ הילף איז ער אַוועקגעפאָרן אין הויפּט־שטאָב פון געסטאַפּאָ אין בערלין. צוריקקומענדיק פון בערלין האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין אַרבעטס־צימער אויף צוויי טעג און צוויי נעכט. אויפן שרייבטיש איז פאַר אים געלעגן אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס מען האָט אים אַריינגערוקט אין די הענט, בעת ער איז געווען אין געסטאַפּאָ. דאָס פּאַפּיר האָט געהאַט דעם כוח פון אַ כישוף. ער האָט נאָר געדאַרפט אַריינשרייבן זיין נאָמען און דאַן וואָלט ער מער נישט געדאַרפט מורא האָבן פאַר זיין אייגענער צוקונפט און פאַר דער צוקונפט פון זיין פאַמיליע. דאָס איז געווען אַ דאָקומענט, וואָס האָט אים געשאָנקען דאָס לעבן. ער האָט דעם דאָזיקן דאָקומענט געלייענט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט יעדעס וואָרט שוין געקענט אויף אויסנווייניק...

...אויפן גרונט פון די אויבן־אָנגעגעבענע נאָכפאָרשונגען און אויפן סמך פון די אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן, בין איך,

יאָהאַן קלעמענט, אַבסאָלוט איבערציַיגט, אַז די פאַקטן וועגן מיַין געבורט אַנטשפּרעכן נישט דעם אמת. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין ייִד, איך בין אַן אַריער און...

שריַיב דאָס אונטער! שריַיב דאָס אונטער! טויזנט מאָל האָט ער שוין גענומען די פעדער אין האַנט, כדי אונטערצושריַיבן דעם דאָקומענט. עס איז נישט געווען די צייט זיך צו שפּילן אין ערלעכקייט. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין ייִד — טאָ פאַרוואָס זאָל ער דאָס נישט אונטערשריַיבן? וואָס קאָן דאָס פאַר אים באַדיַיטן.

די געסטאַפּאָ האָט מיט דער פולסטער קלאָרקייט דערקלערט דעם פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט, אַז ער האָט בלויז איין ברירה: אויב ער וועט נישט אונטערשריַיבן דעם דאָקומענט און נישט פאָרזעצן זיַין וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס־אַרבעט, וועט זיַין פאַמיליע קאָנען פאַרלאָזן דיַיטשלאַנד, אָבער ער אַליין וועט מוזן פאַרבליַיבן אַלס ערובניק.

צומאָרגנס פון דריטן טאָג, ווען ער איז אַרויסגעקומען פון זיַין אַרבעטס־צימער אַ בלייכער, מיט ייַנגעפאַלענע באַקן האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיטן אַנגסטפולן בליק פון זיַין פרוי. ער איז דאַן צוגעגאַנגען צום קאַמין און אַריַינגעוואָרפן דאָס פּאַפּיר אין די פלאַמען.

— איך קאָן עס נישט טאָן — האָט ער געמורמלט ווי צו זיך אַליין — דו מוזט זען וואָס שנעלער צו אַנטלויפן מיט די קינדער פון דיַיטשלאַנד.

ער איז געווען איבערוועלטיקט פון מורא פאַר יעדער רגע, וואָס די פאַמיליע איז נאָך געווען דאָ. ביי יעדן קלאַפּ אין טיר, ביי יעדן קלונג פון טעלעפאָן, ביי יעדן שאָרך הינטער דער טיר, איז אים באַפאַלן אַ פּחד, וועלכן ער האָט נאָך קיין מאָל אין זיַין לעבן נישט געפילט.

פראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענס האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. צוערשט האָט די פאַמיליע געזאָלט אָפּפאָרן קיין פראַנקרייך, ווו זי וואָלט געקאָנט וווינען ביי זיינעם אַ פריינד. מרים, זיין פרוי, וועלכע איז געווען אין די לעצטע וואָכן פון שוואַנגער־שאַפט, האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין ווייטע רייזע. ווען דאָס קינד וועט געבוירן ווערן און זי וועט קומען צו זיך, וואָלטן זיי געקאָנט פאָרן ווייטער קיין ענגלאַנד אָדער קיין אַמעריקע.

דער מצב איז נישט געווען קיין פאַרצווייפלטער. ווען די משפחה וועט זיך שוין געפינען אין זיכערקייט, וועט ער ערשט דאַן קאָנען באַשליסן, וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין. אין דייטשלאַנד זענען געווען אַ סך געהיימע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען ספּעציעל מיט אַרויסשמוגלען וויסנשאַפט־לער פון דייטשלאַנד. מען האָט אים בסוד איבערגעגעבן, אַז איינע פון די דאָזיקע געהיימע אָרגאַניזאַציעס איז טעטיק אין בערלין. דאָס איז געווען אַ גרופּע יידן פון ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך גערופן מיטן נאָמען „מוסד עליה ב״.

די וואַליזעס זענען שוין געווען פאַרפּאַקט און אַלץ איז געווען גרייט צום אָפּפאָר. אין לעצטן אָוונט פאַר דער רייזע איז פראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענס געזעסן מיט זיין פרוי אין צימער און ווי געוואַרט אויף אַ נס, וואָס זאָל זיי העלפן אין דער פאַרצווייפלטער לאַגע. אָבער אין דער זעלבער נאַכט האָט מרים באַקומען ווייען. היות זי האָט נישט געקאָנט אָפּגעפירט ווערן אין שפּיטאָל האָט זי געבוירן דאָס קינד אין דער היים. דאָס איז געווען אַ יינגל. זי האָט געהאַט אַ שווער געבורט און זי האָט געמוזט לאַנגע וואָכן ליגן אין בעט.

יאָהאַן קלעמענס איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך אַ פּאַניק. ער איז געפּייניקט געוואָרן דורכן געדאַנק, אַז זיין פאַמיליע איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע, נישט האָבנדיק קיין שום מעגלעכקייט צו אַנטרינען פון אומגליק. אַ צערודערטער איז

ער אַוועקגעפאָרן קיין בערלין און אויפגעזוכט דאָס ביוראָ פון „מוסד עליה ב׳״, וואָס האָט זיך געפונען אויף מעינעקע־שטראַסע 10. אין פאָדערצימער פון ביוראָ איז געווען אַ געדראַנג פון צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן פונקט ווי ער, געזוכט אין זייער פאַרצווייפלונג אַ וועג, ווי אַזוי צו אַנטרינען פון דייטשלאַנד.

צוויי אַזייגער ביינאַכט האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ צימער, וווּ עס איז געזעסן אַ זייער יונגער, אָבער פולשטענדיק דערשעפּטער מאַן. זיין נאָמען איז געווען אַרי בן־כנען, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון ארץ־ישראל, כדי צו העלפן די דייטשע יידן זיך אַרויסצורייסן פון די נאַצישע הענט. בן־כנען האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס זענען רויט געווען פון נישט דערשלאָפן, און אים געזאָגט:

— גוט, הער פּראָפעסאָר, מיר וועלן אייך העלפן אַוועקצופאָרן. איצט קערט זיך אום צוריק אַהיים. מיר וועלן זיך שטעלן מיט אייך אין פאַרבינדונג. איך מוז באַקומען פון אייך אַ פּאַספּאָרט, אַ וויזע... איך דאַרף אונטערקויפן די אַנטשפּרעכנדיקע באַאַמטע. דאָס וועט מוז דויערן עטלעכע טעג.

— דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן מיר — האָט פּראָפעסאָר קלעמענט געזאָגט. — איך קאָן נישט אַוועקפאָרן, און אויך מיין פרוי קאָן נישט. אָבער איך האָב דריי קינדער. זיי מוזט איר אַרויסנעמען פון דאַנען.

— איך מוז זיי אַרויסנעמען — האָט בן־כנען איבער־געחזרט. — הער פּראָפעסאָר, איר זענט זייער אַ וויכטיקער מענטש. אייך קאָן איך אפשר העלפן, אָבער אייערע קינדער קאָן איך נישט העלפן.

— איר מוזט! — האָט אויסגעשריען קלעמענט — איר מוזט זיי העלפן!

אַרי בן־כנען איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש.

— צי האָט איר געזען די מענטשן, וואָס שטופּן זיך אין דרויסן? זיי אַלע ווילן אַנטלויפן פון דייטשלאַנד!

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן שרייבטיש, ביז זיין פּנים האָט זיך געפונען האַרט נעבן פּנים פון פּראָפעסאָר און מיט כּעס ווייטער געריעדט:

— זינט פינף יאָר האָבן מיר זיך ביי אייך געבעטן, אַפילו געבעטלט, איר זאָלט פאַרלאָזן דייטשלאַנד. איצט אָבער, ווען אונדז געלינגט אַפילו אייך אַרויסצושלעפּן, לאָזן אייך די ענגלענדער נישט אַריין אין ארץ־ישראל. „מיר זענען דייטשן... מיר זענען דייטשן... מען וועט אונדז גאָרנישט טאָן" — האָט איר געטענהט. זאָגט, וואָס זאָל איך איצט טאָן?

אַרי האָט טיף אָפּגעזיפצט און האָט זיך שווער צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף זיין שטול. אויף אַן אויגנבליק האָט ער פאַרמאַכט זיינע מידע אויגן. דאַן האָט ער אַרויסגענומען פון שופלעדל אַ הויפן דאָקומענטן און גענומען בלעטערן.

— איך האָב דאָ וויזעס פאַר פיר הונדערט קינדער. דענישע פאַמיליעס האָבן מסכּים־געווען זיי אויפצונעמען אין זייערע היימען. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ צוג. איינס פון אייערע קינדער קאָן איך מיטנעמען.

— אָבער... איך האָב דאָך דריי קינדער.

— און איך האָב צען טויזנט קינדער — האָט אַרי בן־כנען געענטפערט — און איך האָב נישט פאַר זיי קיין וויזעס. און איך בין מאַכטלאָז קעגן ענגלישן פלאַט. איך לייג פאָר, איר זאָלט אַרויסשיקן דאָס עלטסטע קינד. דער צוג פאָרט מאָרגן אָוונט אַרויס פון פּאָטסדאַמער וואָקזאַל.

קאָרען האָט אַ האַלב־פאַרשלאָפענע געדריקט צו זיך איר באַליבטע לאַלקע. דער פאָטער איז געשטאַנען נעבן איר אויף

די קני. אין האלבן שלאָף האָט זי נאָך געפילט דעם אָנגעגעמען ריח פון זיין לולקע־טאַבאַק.

— דאָס וועט זיין זייער אַ שיינע רייזע, קאַרען. דאָס איז געגנוי דאָס זעלבע, ווי דו וואָלסט געפאָרן קיין באַדען־באַדען...

— אָבער איך וויל נישט פאָרן, פאָטער, — האָט קאַרען געזאָגט.

— הער וואָס איך זאָג דיר, קאַרען, — האָט דער פאָטער איר איינגערעדט. — מיט דיר פאָרן דאָך אַ סך פיינע ייִנגלעך און מיידלעך.

— אָבער איך וויל נישט פאָרן מיט זיי. איך וויל בלייבן דאָ מיט דיר, מיט דער מוטער, מיט האַנסן און מאַקסימיליאַנען, און ביי מיין נייעם ברודערל.

— איך בעט דיך, קאַרען קלעמענט! מיין טאָכטער דאַרף נישט וויינען...

— איך וועל נישט וויינען. איך וועל זיכער נישט וויינען — האָט דאָס מיידל געזאָגט דורך טרערן. — אָבער צי וועלן מיר זיך בקרוב ווידער זען?

— זיכער... מיר וועלן זיך באַמיען...

אַ פרוי האָט זיך דערנענטערט צו יאָהאַן קלעמענט און אים העפלעך אָנגערירט ביים אָרעם.

— אַנטשולדיקט — האָט די פרוי געזאָגט — עס איז צייט.

— איך וועל זי אַריינזעצן אין צוג...

— עס טוט מיר זייער לייד — האָט די פרוי געזאָגט — פאַר די עלטערן איז נישט דערלויבט אַריינצוגיין אין צוג.

ער האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ, האָט שנעל צוגעדריקט זיין טאָכטער צו זיך און האָט זי גלייך צוריק אָפּגעלאָזן. פאַר גרויס צער האָט ער איינגעביסן זיין לולקע נישט פילנדיק אַפילו דעם ווייטיק אין די ציין.

די פרוי האָט אָנגענומען קאָרען פֿאַר אַ האַנט. דאָס מיידעלע איז שטיין־געבליבן און זיך נאָך אַמאָל אויסגעדרייט צום פֿאָטער, זי האָט אויסגעצויגן צו אים איר לאַלקע און געזאָגט:

— פֿאָטער... נעם מיין לאַלקע, זי וועט אויף דיר אַכטונג געבן.

צענדליקער אומגליקלעכע עלטערן זענען געשטאַנען נעבן צוג. די קינדער האָבן צוגעדריקט זייערע געזיכטער צו די פֿענצטער, געשריען, געמאַכט מיט די הענט, געוואָרפֿן קושן, זוכנדיק פֿאַרצווייפֿלט אויפֿצוכאַפּן דעם לעצטן בליק פֿון טאַטע־מאַמע.

יאָהאַן קלעמענט האָט געזוכט זיין טאָכטער, אָבער ער האָט זי מער נישט געזען. דער צוג האָט לאַנגזאַם גערירט פֿון אָרט. די עלטערן זענען נאָכגעלאָפֿן, אויסשרייענדיק זייערע לעצטע געזעגענונגס־ווערטער. פּראָפֿעסאָר יאָהאַן קלעמענט איז געשטאַנען אַ פֿאַרגליווערטער. ווען דער לעצטער וואַגאָן איז פֿאַרבייגעפֿאָרן האָט ער פּלוצים דערזען ווי קאָרען שטייט רואיק און אַ באַהערשטע אויף דער הינטערשטער פּלאַטפֿאָרם. זי האָט צוגעלייגט די פֿינגער צו אירע ליפּן און געשיקט אַ לופֿט־קוש, פּונקט ווי זי וואָלט געוווסט, אַז זיי וועלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט זען.

ער האָט איר נאָכגעקוקט, האָט געזען ווי איר געשטאַלט ווערט אַלץ קלענער און קלענער, ביז זי איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. זיין בליק איז געפֿאַלן אויף דער לאַלקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

— אַדיע, מיין לעבן — האָט ער געשעפּטשעט צו זיך אַליין.

קאַפּיטל 12

אַאַגע און מעטאַ האַנסען האָבן פאַרמאַגט אַ פּרעכטיק־שיינע היים אין אַ פאָרשטאָט פון אַאַלבאָרג. דאָס איז געווען אַ צוגעפּאַסטער פּלאַץ פאַר אַ קליין מיידל, ווייל זיי אַליין האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. די האַנסענס זענען געווען אַ סך עלטער ווי די קלעמענטס. אַאַגע האָט שוין אָנגעהויבן גרוי צו ווערן און מעטאַ איז נישט געווען אַזוי שיין ווי מרים. קאַרען האָט זיך אָבער געפילט ביי זיי גוט און זיכער פון ערשטן מאָמענט אָן, ווען זיי האָבן זי אַ האַלב־שלאָפנדיקע אַריינגעטראָגן אין זייער אויטאָ.

די רייזע קיין דענעמאַרק האָט איר געשיינט צו זיין ווי אַ בייזער חלום. זי דערמאָנט זיך נאָך, אַז אַרום איר זענען געזעסן אַ סך קינדער און האָבן שטיל געוויינט. דאָס איבעריקע געדענקט זי שוין נישט. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין רייען, אויפגעהאַנגען צעטלעך אויפן ברוסט און אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן צו איר גערעדט אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. דאַן האָט זי זיך געפונען אין אַ וואַרט־צימער, און שפּעטער אין אַן אויטאָבוס, וווּ מ׳האָט איר געגעבן נאָך אַ צעטל. צום סוף האָט מען זי אַריינגעפירט אין אַ צימער, וווּ מעטאַ און אַאַגע האַנסען האָבן שוין אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט דעם אָנקום פון קינד. אַאַגע האָט זי גענומען אין די אָרעמס און אַרויס־געטראָגן צום אויטאָ. די גאַנצע צייט פון דער רייזע קיין אַאַלבאָרג האָט מעטאַ זי געהאַלטן אויפן שויס, געגלעט אירע האָר און געשעפּטשעט צו איר ליבלעכע רייד. קאַרען האָט געוווסט, אַז זי האָט זיך נישט מער וואָס צו שרעקן.

אַאַגע און מעטאַ זענען געשטאַנען אויפן שוועל פון צימער,

וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַרן מיידעלע. דאָס צימער איז געווען פול מיט לאַלקעס און שפּילצייג, ביכער און קליידער, און אַלץ, וואָס אַ קליין מיידל קאָן זיך נאָר ווינטשן. דאַן האָט קאַרען אַנטדעקט אַ קליין הינטעלע אויף איר בעט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און אָנגעהויבן גלעטן. דאָס הינטל האָט געלעקט איר פּנים און זי האָט געפילט זיין פייכטע מאָרדע ביי איר באַק. זי האָט זיך אויסגעדרייט און אַ צעשטראַלטע געלאַכט צו די האַנסענס. אַגע און מעטאַ האָבן מיטגעלאַכט.

די ערשטע נעכט אַן טאַטע־מאַמע זענען געווען שווער איבערצוטראָגן. באַזונדערס האָט איר געוווּנדערט דאָס, וואָס זי בענקט אַזוי שטאַרק נאָך איר קליינעם ברודערל האַנס. זי האָט כמעט אויפגעהערט צו עסן און איז שעהן־לאַנג געזעסן שטיל אין איר צימער, גלעטנדיק דאָס קליינע הינטל, וועמען זי האָט אַ נאָמען געגעבן מאַקסימיליאַן. מעטאַ האַנסען האָט עס אַלץ גוט פאַרשטאַנען. ביינאַכט איז זי געזעסן נעבן קאַרען, האָט זי געצערטלט און באַרויִקט, ביז די קליינע האָט אויפגעהערט צו וויינען און איז איינגעשלאָפן.

אין משך פון דער צווייטער וואָך האָבן געהאַלטן אין איין קומען געסט, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך מתּנות און האָבן גערעדט מיט איר אויף אַ שפּראַך, וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין. די האַנסענס זענען געווען זייער שטאָלץ מיט איר און קאַרען האָט זיך דערפאַר באַמיט צו זיין גוט צו אַלעמען. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זי צום ערשטן מאָל געוואַגט אַרויסצוגיין אין דרויסן.

קאַרען האָט זייער ליב באַקומען אַגע האַנסען, וועלכער איז געווען פאַר איר ווי אַן אייגענער פאָטער. ער האָט געדרייבערט אַ לולקע, גענוי ווי איר פאָטער און ער האָט גערן מיט איר שפּאַצירט. אַלבאָרג איז געווען אַן אינטע־

רעסאַנט אַרט. פּונקט ווי אין קעלן, איז דאָרטן דורכגעגאַנגען אַ טייך, וואָס האָט געהייסן לימפּיאַרד. הער האַנסען איז געווען אַן אַדוואָקאַט און איינער פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטעטל. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז נישט געווען אַזאַ גרויסער מענטש ווי איר פאָטער... אָבער אַלצאיינס זענען געווען זייער ווייניק מענטשן, וואָס זענען געווען ענלעך צו איר פאָטער.

אַ געוויסן אָוונט האָט אַאַגע זיך אָפּגערופן:

— הער אויס, קאַרען, דו ביסט שוין ביי אונדז כמעט דריי וואָכן צייט און מיר וואָלטן געוואָלט מיט דיר רעדן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין.

ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. ער האָט גערעדט צו איר אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן, מיט אַ פּשוטער שפּראַך, און זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען וואָס ער האָט איר געזאָגט. ער האָט איר דערציילט, אַז דער מצב אין דייטשלאַנד איז נישט קיין גוטער און אירע עלטערן האַלטן, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר איר, אויב זי וועט צייטווייליק בלייבן ביי זיי. און דאַן האָט אַאַגע האַנסען צוגעגעבן, אַז זיי ווייסן זייער גוט, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט קאָנען פאַרטרעטן אירע אמתע עלטערן, אָבער צוליב דעם וואָס גאָט האָט זיי נישט געגעבן קיין אייגענע קינדער, זענען זיי גליקלעך זי צו האָבן ביי זיך און זיי וואָלטן שטאַרק געוואָלט, אַז אויך קאַרען זאָל זיין גליקלעך.

קאַרען איז געווען אַ קלוג קינד און האָט אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט געזאָגט צו אַאַגע און מעטאַ, אַז זי האָט גאָרנישט דאַקעגן צו בלייבן צייטווייליק ביי זיי.

— און נאָך עפּעס, קאַרען, — האָט זיך אָפּגערופן אַאַגע.
— היות מיר האָבן דיך בלויז געליען אויף אַ קורצער צייט, און ווייל מיר האָבן דיך אַזוי ליב, וואָלטן מיר געוואָלט וויסן...

צי עס וואָלט דיר נישט געאַרט, ווען מיר וואָלטן דיר אויס־געליען אונדזער נאָמען.

איבער דעם האָט שוין קאַרען געמוזט נאָכטראַכטן. עס האָט איר געשיינט, אַז אַאַגע האָט דערביי נאָך אַנדערע סיבות. די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אין אַזאַ טאָן און האָט געקלונגען אַזוי ערנסט, ווי ביי איר מוטער און פּאָטער, ווען זיי האָבן גערעדט צווישן זיך הינטער פאַרשלאָסענע טירן. צום סוף האָט קאַרען אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז דאָס אַרט איר נישט.

— זייער גוט! אויב אַזוי הייסטו פון איצט אָן קאַרען האַנסען.

אַאַגע און מעטאַ האָבן זי אָנגענומען ביי דער האַנט, ווי זיי האָבן עס געטאָן יעדן אָוונט, האָבן זי אַריינגעפירט אין איר צימער און אָנגעצונדן דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפל. אַאַגע האָט זיך געשפּילט מיט איר, זי געקיצלט און דאָס קליינע הינטל איז געשפּרונגען אויפן בעט ווילד פאַר פרייד. קאַרען האָט הילכיק געלאַכט, ביז מען האָט זי אַריינגעלייגט אין בעט און צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע. דאָס קליינע מיידל האָט אָנגעהויבן צו מורמלען די אָוונט־תפילה.

„...גאָט זאָל בענטשן די מוטער און דעם פּאָטער און מיין קליין ברודערל און אַלע מיינע אָנקלס און טאַנטעס און קוזינען און שוועסטערקינדער... און גאָט זאָל בענטשן די האַנסענס, וואָס זענען אַזוי גוט צו מיר... און די ביידע מאַקסימיליאַנס...“

— איך קום גלייך צוריק און איך וועל מיט דיר אַ ביסל זיצן — האָט מעטאַ געזאָגט.

— דאָס איז נישט נויטיק. — האָט איר קאַרען געענטפערט — דו דאַרפסט שוין מער נישט בלייבן מיט מיר. מאַקסימיליאַן גיט אַכטונג אויף מיר.

— אַ גוטע נאַכט, קאַרען.

— אַגע! — האָט קאַרען אויסגערופן, איידער ער איז אַרויס פון צימער.

— וואָס איז, קאַרען?

— צי האָבן אויך די דענער פיינט די יידן?

ליבע פרוי קלעמענט און טייערער הער פּראָפעסאָר!

צי זענען שוין באמת פאַרביי זעקס וואָכן זינט קאַרען איז צו אונדז געקומען? זי איז אַן אויסערגעווינלעך קינד. איר לערערין האָט אונדז דערציילט, אַז זי צייכנט זיך אויס אין די לימודים. עס איז פּשוט אומגלויבלעך, ווי שנעל זי האָט זיך אויסגעלערנט דעניש. איך מיין, אַז דאָס איז צוליב דעם, וואָס זי געפינט זיך שטענדיק מיט קינדער פון איר עלטער. זי האָט שוין אַ סך חברטעס.

דער צאָן־דאָקטאָר האָט אונדז געעצהט, מען זאָל איר אַרויסציען אַ צאָן, כדי צו מאַכן אָרט פאַר אַ נייעם. דאָס איז געווען אַ קלייניקייט. מיר ווילן, אַז קאַרען זאָל אָנהייבן זיך לערנען מוזיק און מיר וועלן אייך וועגן דעם שרייבן גענויער.

יעדן אָוונט פאַרענדיקט זי איר תפילה מיט די ווערטער...

אונטערן דאָזיקן בריוו האָט קאַרען צוגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

ליבע מוטער, פאָטער, האַנס, מאַקסימיליאַן און מיין נייער ברודערל. איך בענק נאָך אייך אַזוי שטאַרק, אַז איך קאָן עס נישט אויסשרייבן...

ווינטער־צייט האָט מען זיך געגליטשט אויפן אייז פון לימפיאָרד. מען האָט געמאַכט שניי־מענטשן און מען האָט זיך געשליטלט. און דאַן איז מען געזעסן קעגנאיבער דעם קאַמין און אַגע האָט געריבן אירע אייז־קאַלטע פיס.

ווען דער ווינטער איז פאַרביי און דאָס אייז אויפן לימפיאָרד איז צעגאַנגען, האָט דאָס לאַנד זיך באַדעקט מיט גרינס. זומער־צייט זענען אַלע געפאָרן צום צפון־ים קיין בלאָקהויז און קאַרען איז געפאָרן מיט מעטאַ און אַאַגע אויף אַ זעגלשיף הונדערט מייל פון ברעג.

דאָס לעבן ביי די האַנסענס איז געווען שיין און פיל־פאַרביק. קאַרען האָט באַקומען אַ סך גוטע חברטעס. זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גליק, ווען זי האָט געקאָנט גיין מיט מעטאַ אויפן פיש־מאַרק איינקויפן, אָדער שטיין אין קיך און צוזען ווי מען באַקט אַ קוכן. מעטאַ האָט געקאָנט העלפן ביי אַ סך זאַכן, ביים נייען אָדער ביים מאַכן די לעקציעס, און זי האָט ווונדערבאַר געקאָנט טרייסטן, ווען דאָס מיידל איז געלעגן אַ קראַנקע אין בעט.

אַאַגע האָט שטענדיק געהאַט פאַר איר אַ שמייכלענדיק פּנים און אָפענע אָרעמס, ביז ער האָט אָנגעהויבן אויסצוזען אין אירע אויגן פּונקט אַזוי קלוג און פריינטלעך ווי איר ריכטיקער פאָטער. ווען עס איז אָבער נויטיק געווען, האָט ער אויך געקאָנט זיין זייער שטרענג.

אַ געוויסן טאָג, ווען קאַרען איז אַוועק אויף אַ טאַנץ־לעקציע, האָט אַאַגע אָנטעלעפאָנירט אַהיים און געבעטן זיין פרוי זי זאָל תיכף קומען צו אים אין ביוראָ.

— איך האָב נאָר וואָס דערהאַלטן אַ ידיעה פון רויטן קרייץ — האָט ער זיך אָפּגערופן, ווען זיין פרוי איז צו אים אַריין. ער איז געווען זייער אויפגערעגט און בלייך. — זיי זענען אַלע פאַרשוווּנדן געוואָרן. שפּורלאָז. די גאַנצע פאַמיליע. טראָץ אַלע מיינע באַמיאונגען קאָן איך נישט באַקומען קיין שום אינפאָרמאַציע פון דייטשלאַנד.

— וואָס האָט לויט דיין מיינונג פּאַסירט ?

— וואָס האָט דאָ געקאָנט פּאַסירן ? מען האָט זיי אַלעמען

פאַרשלעפּט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָדער אין אַ גאָך ערגערן אָרט...

— מיין גאָט!

זיי האָבן נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך צו דערציילן דער קליינער קאַרען, אַז איר גאַנצע פאַמיליע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. ביים מיידל איז אַנטשטאַנען אַ פאַרדאַכט, ווען עס האָבן אויפגעהערט צו קומען בריוו פון דייטשלאַנד, אָבער זי האָט מורא געהאַט צו פרעגן. זי האָט געליבט די האַנסענס און געהאַט צו זיי בלינדן צוטרוי. מיט איר קינדערישן אינסטינקט האָט זי געפילט, אַז מסתמא זענען פאַראַן סיבות, צוליב וועלכע די האַנסענס דערמאָנען נישט מיט קיין איין וואָרט וועגן איר פאַמיליע.

חוץ דעם איז געשען אַן אויסטערלישע זאַך. קאַרען האָט פאַרשטייט זיך געבענקט נאָך אירע עלטערן, און אירע ברידער. אָבער דאָס בילד פון איר מוטער און פאָטער האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַלץ מער און מער צו פאַרבלאַסן. ווען אַן אַכט־יאָריק מיידל איז אַזוי לאַנג צעשיידט מיט אירע עלטערן ווערט איר אַלץ שווערער זיך צו דערמאָנען וועגן זיי. קאַרען איז אָפטמאָל געזעסן אַ פאַר־טרויערטע צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך מער נישט געקאָנט דערמאָנען אירע עלטערנס געזיכטער. צום סוף יאָר האָט זי זיך שוין קוים געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זי האָט פריער נישט געהייסן קאַרען האַנסען און איז קיינמאָל נישט געווען קיין דעניש מיידל.

וויינאַכטן 1939.

אין אייראָפּע איז אָנגעגאַנגען די מלחמה און זינט קאַרען איז געקומען צו די האַנסענס, איז פאַרביי אַ יאָר. קאַרען האָט געזונגען מיט איר וואונדערשיין שטימעלע אַ וויינאַכטס־

ליד און מעטאַ האָט איר אַקאָמפּאַנירט אויפן קלאַוויר. דאַן איז קאַרען אַריין אין צימער און אַרויסגענומען פון אַלמער אַ פּעקל, וואָס זי האָט דאָרט באַהאַלטן. דאָס איז געווען דער ווייַנאַכטס־געשענק פאַר די האַנסענס. אויפן פּאַפּיר, אין וועלכן די מתנה איז געווען פאַרפּאַקט, האָט זי אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

פאַר מוטער און פאָטער,
פון אייער טאָכטער קאַרען.

8 אַפּריל, 1940.

די נאַכט איז געווען אַ פאַרעטערישע. דורכן געדיכטן נעפּל איז דורכגעדרונגען דאָס פאַרדעמפּטע געוויש פון מאַרשירנדיקע מיליטערישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך באַוועגט צו די דענישע גרענעצן. פאַרטאָג זענען דורך די איינגוסן און קאַנאַלן אַנגעקומען איינע נאָך די אַנדערע שיפן מיט זעלנער, וואָס האָבן געטראָגן טונקעלע שטאָלענע העלמען. שווייַגנדיק און מיט דער פּרעציזקייט פון אַ מעכאַניזם, האָבן זיי באַזעצט דאָס גאַנצע דענישע לאַנד.

9 אַפּריל, 1940.

קאַרען און די איבעריקע מיידלעך פון קלאַס זענען שנעל צוגעלאָפן צום פענצטער און אַרויפגעקוקט צום הימל, וואָס איז געווען שוואַרץ פון עראָפּלאַנען. מיט אַ דונערנדיקער געזשומערײַ האָבן זיך די עראָפּלאַנען אַראָפּגעלאָזט אויפן פלי־פּלאַץ אין אַאַלבאָרג.

9 אַפּריל, 1940.

די מענטשן זענען אין בהלה אַרויסגעלאָפן אויף די גאַסן.

„דאָ רעדט דער דענישער ראַדיאָ. היינט פרי, פיר

אַזייגער מיט פופצן מינוט פאַרטאָג, איז די דייטשע ווערמאַכט אַריבער די דענישע גרענעץ ביי סאַעד און קרוסאַ!״

פולשטענדיק דערשלאָגענע דורך דעם אומדערוואַרטן און שנעלן קלאַפּ פון די דייטשן, זענען די דענער געזעסן ביי זייערע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און געוואַרט אין פאַרצווייפלונג אויף אַ רעדע פון זייער קעניג קריסטיאַן. דאַן איז געקומען די רעגירונגס־דערקלערונג: דענעמאַרק האָט קאַפּיטולירט אָן איין שאָס. דער ביישפּיל פון פוילן האָט דייטלעך באַוויזן, אַז יעדער ווידערשטאַנד איז צוועקלאָז.

מעטאַ האַנסען האָט שנעל אָפּגענומען קאַרען פון דער שולע און פאַרפּאַקט די זאַכן, כדי צו אַנטלויפן קיין באָרנהאָלם, אָדער אויף אַן אַנדערן פאַרוואָרפענעם אינדזל. אַאַגע האָט זי באַרואיקט און האָט איר איבערגערעדט, זי זאָל אָפּוואַרטן מיטן אַרויספאָר. עס וועט נאָך געדויערן לאַנגע וואָכן, אָדער אפילו חדשים — האָט ער איר געזאָגט — ביז די דייטשן וועלן איינשטעלן אַ ציווילע פאַרוואַלטונג.

דערזעענדיק דעם האַקנקרייץ און די דייטשע מונדירן האָט קאַרען זיך דערמאָנט אַ סך זאַכן און צוזאַמען מיט דעם איז אין איר געשטיגן די שרעק. אַלע מענטשן זענען אין די ערשטע וואָכן געווען צעטומלט. בלויז איין אַאַגע איז פאַרבליבן רויק.

די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט און די ציווילע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געגעבן גרויסמוטיקע צוזאָגונגען. די דענער — האָבן זיי געטענהט — זענען אַריער. די דייטשן באַטראַכטן זיי אַלס ברידער און זיי האָבן באַזעצט דענעמאַרק בלויז צוליב דעם, כדי זי צו שיצן פאַרן באָלשעוויזם. דענעמאַרק קאָן ווייטער פאַרוואַלטן מיט אירע אינערלעכע ענינים. דענעמאַרק וועט ווערן אַ מוסטער־פּראָטעקטאָראַט. די דאָזיקע

צוזאָגענישן האָבן אַ ביסל באַרואיקט די איינוווינער און די לאַגע איז כמעט ווי נאָרמאַליזירט געוואָרן.

דער בכבודיקער קעניג קריסטיאַן האָט באַנייט זיינע טעגלעכע שפּאַצירן, רייטנדיק אויף אַ פערד, פון שלאָס אַמאַליענבאָרג, אין קאָפּענהאַגען. אָן שום באַגלייטונג און וואַך איז ער מוטיק אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט און די דענער האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל. די לאָזונג פון טאָג איז געווען: פּאַסיווער ווידערשטאַנד.

אַאַגע איז געווען גערעכט. קאַרען האָט ווידער אָנגעהויבן צו באַזוכן די שולע, האָט באַנייט די טאַנץ־לימודים און דאָס לעבן אין אַאַלבאָרג האָט צוריק באַקומען זיין נאָרמאַלן גאַנג, פּונקט ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט פּאַסירט.

און דאַן איז געקומען דאָס יאָר 1941.

זינט די דייטשן האָבן אָקופּירט דענעמאַרק זענען פאַרביי אַכט חדשים, אָבער מיט יעדן טאָג איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז די שפּאַנונג צווישן די דייטשן און דער באַפעל־קערונג פון „מוסטער־פּראָטעקטאָראַט" וואַקסט אַלץ מער און מער. דער קעניג קריסטיאַן האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו די אָקופּאַנטן און דאָס האָט זיי שטאַרק געערגערט. אויך די באַפעלקערונג האָט איגנאָרירט די דייטשן אויף וויפל זי האָט דאָס געקאָנט, אָדער האָט חוזק־געמאַכט פון זייערע באַרימעריישע דעקלאַראַציעס. וואָס העכער די דענער האָבן געלאַכט, אַלץ ווילדער פון כעס זענען געוואָרן די דייטשן.

אַלע אילוזיעס, וואָס די דענער האָבן זיך געמאַכט מיטן אָנקום פון די דייטשן, זענען שנעל צערונען געוואָרן. די דענישע אינדוסטריע, די דענישע לאַנדווירטשאַפט און די געאָגראַפישע לאַגע פון דאָזיקן לאַנד גופא, זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין גרויסן דייטשן פּלאַן. דענעמאַרק האָט געזאָלט ווערן אַ שרייפעלע אין דער דייטשער קריגס־מאַשין.

אין דער העלפט פון יאָר 1941 האָט זיך דעריבער אין דענעמאַרק, אויפן ביישפּיל פון די סקאַנדינאַווישע ברידער אין נאָרוועגיע, געשאַפן אַ קליינע, אָבער זייער מוטיקע ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

דאָקטאָר ווערנער בעסט, דער דייטשער גובערנאַטאָר פון דענעמאַרק, האָט געפירט אַ מעסיקע פּאָליטיק אין דאָזיקן „מוסטער־פּראָטעקטאָראַט” כל־זמן די דענער זענען געזעסן רואיק און זענען געווען גרייט מיטצואַרבעטן מיט די אָקופּאַנטן. די מאָסמיטלען קעגן די דענער זענען געווען מילד אין פאַרגלייך מיטן טעראָר, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדט אין אַנדערע אָקופּירטע געביטן. אָבער טראָץ דעם איז די ווידערשטאַנד־באַוועגונג געוואַקסן מיט יעדן טאָג. די מיטגלידער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג האָבן וואָס אַן אמת נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אָנהייבן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן די דייטשע איינהייטן, אָדער פּלאַנירן אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, אָבער זיי האָבן געפונען אַ וועג, ווי אַזוי אויסצודריקן אויף אַ ווירקזאַמען אופן זייער האַס קעגן די דייטשן. דאָס איז געווען דער וועג פון סאַבאָטאַזש.

ד״ר ווערנער בעסט האָט נישט פאַרלוירן די נערוון. אויף אַ רואיקן און סיסטעמאַטישן אופן האָט ער אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די יעניקע דענער, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיטן אָקופּאַנט. די הילפס־פּאָליציי, וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַנדע פון דענישע טעראָריסטן, וואָס האָבן דורכגעפירט שטראָף־אַקציעס קעגן די אייגענע ברידער. אויף יעדער סאַבאָטאַזש־אַקציע איז געקומען אַן ענטפער מצד דער הילפס־פּאָליציי.

אין די חדשים און יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט קאַרען איבערגעלעבט אין פאַרוואָרפענעם אַאַלבאָרג איר עלפטן און צוועלפטן געבורטסטאָג. דאָס לעבן אין

שטעטל האָט געשיינט צו זיין נאָרמאַל און זעלטן איז דאָרטן די רו צעשטערט געוואָרן דורך אַ שיסעריי אָדער אויפרייס.

קאַרען האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קינד. זי האָט זיך צעבליט און איז געוואָרן רייף. צום ערשטן מאָל האָט זי דערפילט די פריידן און ליידן פון אַ טיף געפיל, וואָס האָט נישט געגילט מער פאַר די עלטערן אָדער פאַר איינער פון אירע חברטעס. זי האָט זיך פאַרליבט אין מאַגען סערענסען, דעם בעסטן פוטבאָל־שפּילער פון שול, און היות סערענסען האָט אַרויסגעוויזן צו איר אַ קעגנזייטיקע סימפּאַטיע, האָבן אַלע חברטעס זי מקנא־געווען.

אירע טאַנץ־פעיקייטן זענען געווען אַזעלכע גרויסע, אַז די לערערין האָט פאַרגעלייגט מעטאַ און אַאַגע האַנסען זיי זאָלן מאַכן באַמיאונגען מען זאָל צולאָזן קאַרען צום עקזאַמען אין קעניגלעכן באַלעט אין קאָפּענהאַגען. די לערערין האָט דערקלערט, אַז קאַרען ווייזט אַרויס אין איר טאַנץ אַזאַ געפיל, וואָס שטייגט אַ סך איבער איר עלטער.

אָנהייב 1943 זענען די האַנסענס געוואָרן אַלץ אומרואיקער. די דענישע ווידערשטענדלער האָבן דורכן ראַדיאָ איבער־געגעבן זייער ווערטפולע אינפאָרמאַציעס פאַר די פאַרבינדעטע אַרמייען, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דייטשלאַנד. די מיט־אַרבעט איז געווען אַזוי גוט, אַז דער ענגלישער לופט־פלאָט האָט גענוי געוווסט ווו עס געפינען זיך וויכטיקע וואָפן־פאַבריקן און פאַרזאָרגונגס־לאַגערן פון די דייטשן אין דענעמאַרק.

די הילפס־פּאָליציי און אַנדערע אונטערגעקויפטע טעראָריסטן זענען צוגעטראָטן צו אַ קעגן־אַקציע. ווען די אַקטיווקייט פון ביידע צדדים האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט אַאַגע אָנגעהויבן מורא צו באַקומען, ווייל אַלע מענטשן אין אַאַלבאָרג האָבן געוווסט, פון וואַנען קאַרען איז געקומען.

וואָס אַן אמת האָט מען נאָך ביז דאַן נישט אונטערגענומען קיין שום רעפּרעסיע־אַקציע קעגן די דענישע יידן, אָבער דאָס האָט זיך געקאָנט פּלוצים ענדערן. עס איז אויך געווען אָנצונעמען, אַז די הילפס־פּאָליציי האָט אינפאָרמירט די דייטשן וועגן קאַרענס אָפּשטאַם. צום סוף האָבן מעטאַ און אַאַגע האַנסען באַשלאָסן צו פאַרקויפן זייער הויז אין אַאַלבאָרג און אַריבערפאָרן קיין קאָפּענהאַגען. דער אויסרייד האָט געדאַרפט זיין, אַז אין דאָזיקן קליינעם שטעטל האָט נישט דער אַדוואָקאַט קיין סך פּראַקטיק און אַז אין קאָפּענהאַגען וועט קאַרען באַקומען אַ בעסערע טאַנץ־אויסבילדונג.

זומער 1943 זענען זיי אַריבערגעפאָרן קיין קאָפּענהאַגען, ווו אַאַגע איז געוואָרן אַ שותף צו אַן אַדוואָקאַטן־ביוראָ. אין דער דאָזיקער שטאָט פון אַ מיליאָן איינוווינער האָט ער געהאָפט צו בלייבן פולשטענדיק אַנאָנים. פאַר קאַרען זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַלשע דאָקומענטן פון וועלכע עס איז אַרויסגעדרונגען, אַז זי איז זייער לייבלעכע טאָכטער. קאַרען האָט זיך געזעגנט מיט מאָגען סערענסען, איבער־לעבנדיק די ערשטע ליבע־ווייען.

די האַנסענס האָבן געפונען זייער אַ שיינע וווינונג אויף דער גאַס סאָרטעדאַמס דאָסערינגען. דאָס איז געווען אַ ברייטע אַלעע, אויף וועלכער עס האָבן זיך פון ביידע זייטן געצויגן הויכעביימער, און מיט אַ קינסטלעכער אָזיערע, איבער וועלכער עס זענען אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אַ סך בריקן צו דער אַלטשטאָט.

נאָכדעם ווי קאַרען האָט זיך צוגעוווינט צו דער נייער סביבה האָט זי אָנגעהויבן ליב צו האָבן די שיינע שטאָט קאָפּענהאַגען, וואָס האָט איר געשיינט צו זיין ווי פון אַ וווּנדער־מעשהלע. שוין־לאַנג האָט זי שפּאַצירט מיט אַאַגע און מאַקסימיליאַן, כדי צו באַקוקן די וווּנדער, וואָס מען האָט

דאָ געקאָנט זען. מען האָט געקאָנט שפּאַצירן לענגאויס דעם האַפן, נעבן דער פיגור פון דער „קליינער ים־יונגפרוי״, אויף דער „לאַנגעליניע״ אָדער דורך די גערטנער פון שלאָס קריסטיאַנסבאָרג. דאָרטן האָבן זיך געפונען קאַנאַלן און שמאָלע געסלעך מיט אַלטע, פינפשטאָקיקע הייזער, וואָס זענען געווען געבויט פון געברענטע ציגל. אומעטום זענען געפאָרן הונדערטער מענטשן אויף ראָווערן און אויפן ריזיקן פיש־מאַרק ביים „גאַמעל־שטראַנד״ איז געווען אַזאַ גרויסער עולם, אַז דער פישמאַרק אין אַלבאָרג איז געווען קעגן אים אַ גאָרנישט.

דאָס שענסטע אָרט אין דעם וונדער־מעשהלע, וואָס האָט געהייסן קאָפּענהאַגען, איז געווען „טיוואָלי״ מיט זיינע וונדערשיינע בלומען־בייטן און אילומינאַציעס, מיטן גליטש־וועג, הוידלקעס און קאַרוזעלן, דער קינדער־אָרקעסטער און דער „וויוועקס־רעסטאָראַן״ מיט פייערווערק און געלעכטער. נאָך אַ קורצער צייט האָט קאַרען זיך אַזוי צוגעוווינט צו דער דאָזיקער שטאָט, אַז זי האָט זיך אַליין געוווּנדערט, ווי אַזוי האָט זי גאָר געקאָנט לעבן ערגעץ־וווּ אַנדערש.

אַ געוויסן טאָג איז קאַרען געקומען צולויפן פון גאַס אַהיים, איז שנעל אַרויפגעלאָפן די טרעפּ און ווי נאָר זי איז אַריין האָט זי זיך געוואָרפן אַגעגן אין די אָרעמס:

— פּאָטער! פּאָטער! פּאָטער! — האָט זי געשריען. זי האָט גענומען אַרומטאַנצן איבערן צימער, אַרום די מעבל און זיך ווידער געוואָרפן דעם דערשטוינטן אַגעגן אויפן האַלדז. אַ ווײַלע שפּעטער איז אָנגעקומען מעטאַ, וועלכע איז שטיין געבליבן ביי דער טיר און זיך צוגעקוקט אַ לאַנגדיקע צו דער דאָזיקער סצענע.

— דיין טאָכטער באַמיט זיך דיר מיטצוטיילן, אַז מען

האָט זי אויפגענומען אין קעניגלעכן באַלעט — האָט קאַרען אויסגעשריען.

— אַזוי גאָר? — האָט אַאַגע זיך אָפּגערופן — דאָס איז זייער שיין.

ערשט אין אָונט, ווען קאַרען איז אַוועק שלאָפן האָט מעטאַ, וועלכע איז געווען זייער שטאָלץ מיט איר אַדאָפּטירטער טאָכטער, זיך אָפּגערופן צו אַאַגען:

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי טאַלאַנטפול ווי אונדזער קאַרען איז צום טאַנצן, טרעפט זיך זייער זעלטן. נאָך פינף־זעקס יאָר אינטענסיווע אויסבילדונג וועט זי ווערן אַ גרויסע קינסטלערין.

— דאָס פרייט מיך, דאָס פרייט מיך באמת — האָט אַאַגע געזאָגט. ער האָט זיך באַמיט נישט אַרויסצווייזן, אַז אויך ער איז שטאָלץ מיטן מיידל.

נישט אַלץ אין קאָפּענהאַגען איז אָבער געווען פרייד און פאַנטאַזיע. יעדע נאַכט פלעגט די שטאָט אויפגעציטערט ווערן פון עקספּלאָזיעס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. פון פאַרשידענע זייטן פלעגן אויסברעכן שריפות און אין דער לופטן פלעגט זיך צעטראָגן דער אָפּקלאַנג פון ביקסן־שאָסן און מאַשין־געווער.

סאַבאָטאַזש!

רעוואַנזש־אַקציעס פון אָקופּאַנט!

די הילפס־פּאָליציי האָט אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו פאַרניכטן די ערטער, וואָס זענען געווען ליב און טייער פאַר די דענער. דענישע פאַשיסטן האָבן אויפגעריסן די טעאַטערס, די ביר־ברויערייען און פאַרוויילונגס־ערטער. די דענישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט זיך רעוואַנזשירט מיט אויפרייסן די פאַבריקן און אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער דייטשער באַוואָפענונג. עס איז נישט

פאַרביי קיין טאָג אָדער קיין נאַכט, ווען מען האָט ניט געהערט דעם דונער פון גרויסע עקספּלאָזיעס.

ווען די דייטשע אַרמיי האָט פּאַראַדירט איבער דער שטאָט, זענען די גאַסן געווען ליידיק. ווען די דייטשן פלעגן איינאָרדענען עפנטלעכע אימפּרעזעס, זענען די דענער געבליבן אין שטוב. אָבער אין יעדן דענישן נאַציאָנאַלן יום־טוב פלעגן די דענער גיין שווייגנדיקע איבער די גאַסן. דער קעניג האָט פאַרגעזעצט זיינע טעגלעכע שפּאַצירן רייטנדיק אויף אַ פערד און הונדערטער מענטשן פלעגן אים נאָכגיין און מאַכן פאַר אים פריידיקע אָוואַציעס.

די שפּאַנונג איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג ביז עס איז געקומען צו אַן אויפרייס. דעם 29־טן אויגוסט 1943 יאָר האָט זיך דערהערט אַ ריזיקער אָפּהילך פון אַן עקספּלאָזיע, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן זעעלאַנד. דער דענישער פלאָט האָט אויפגעריסן די אייגענע שיפן און פולשטענדיק בלאָקירט דעם ים־וועג. ווילד פאַר כעס האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַ מאַרש אויף דער דענישער רעגירונגס־געביידע און צום קעניגלעכן שלאָס אַמאַליענבאָרג. די קעניגלעכע וואַך האָט זיך קעגנגעשטעלט און עס איז אויסגעבראָכן אַ פאַרביטערטער קאַמף. דער קאַמף האָט אָבער געדויערט נאָר אַ קורצע צייט. אַנשטאָט דער קעניגלעכער וואַך זענען אין שלאָס אָװעקגעשטעלט געוואָרן דייטשע סאָלדאַטן. עס זענען אַראָפּגעקומען צענדליקער דייטשע גענעראַלן און הויכע עס־עס־פונקציאָנאַרן כדי איינצושטעלן „אָרדענונג“. דער דענישער פּאַרלאַמענט איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן און עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ריי שאַרפע געזעצן. דער „מוסטער־פּראָטעקטאָראַט“ האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די דענער האָבן אויף די רעפּרעסיעס פון די דייטשן געענטפערט מיט אַ פאַרשטאַרקטן סאַבאָטאַזש. דאָס האָט נאָך מער

אויפגעבראַכט די דייטשן, ווייל די דאָזיקע סאַבאָטאַזש־אַקטן האָבן שווער געטראָפן דער דייטשער קריגס־מאַשין.

און דאַן איז געקומען די פאַראָרדענונג פון דער אָקופּאַציע־מאַכט:

אַלע יידן דאַרפן טראָגן אַ געלן אָרעמבאַנד מיט אַ מגן־דוד!

אָבער די זעלבע נאַכט האָט דער אומלעגאַלער ראַדיאָ איבערגעגעבן אַ מעלדונג צום דענישן פאָלק:

„דער קעניג קריסטיאַן האָט פון שלאָס אַמאַליענבאָרג געגעבן פאָלגנדיקן ענטפער אויף דער דייטשער פאַראָר־דענונג וועגן דעם, אַז יידן דאַרפן טראָגן אַ מגן־דוד. דער קעניג האָט דערקלערט, אַז עס איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן איין דענער און דעם צווייטן. ער אַליין וועט דער ערשטער טראָגן אַ מגן־דוד און ער דערוואַרט, אַז יעדער לאָיאַלער דענער וועט טאָן דאָס זעלבע".

צומאָרגנס האָט כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון קאָפּענהאַגען געטראָגן געלע אָרעם־בענדער מיט מגן־דודס און די דייטשן זענען געווען געצוווּנגען אָפּצורופן זייער פאַראָרדענונג.

אַאַגע אַליין איז נישט געווען אַקטיוו אין דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג, אָבער זיינע שותּפים צום אַדוואָקאַטן־ביוראָ האָבן פאַרנומען אָנפירנדיקע אַמטן אין דער דאָזיקער באַוועגונג און ער איז געווען געגנוי אינפאָרמירט וועגן זייער טעטיקייט. אין האַרבסט 1943 איז ער געוואָרן זייער אומרואיק און איז געקומען צום אויספיר, אַז ער מוז צונויפמען מיט מעטאַ באַשליסן וועגן ווייטערדיקן גורל פון קאַרען.

— איך ווייס דאָס זייער גענוי — האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי. — אין עטלעכע חדשים אַרום וועלן די דייטשן

אַרעסטירן אַלע יידן פון דענעמאַרק. מיר ווייסן נאָך נישט גענוי דעם טערמין, ווען די געסטאַפּאָ וועט דורכפירן די דאָזיקע אַקציע.

מעטאַ האַנסען איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן אויפן טייך און אויף די בריקן, וואָס האָבן געפירט צו דער אַלטשטאָט. עס איז געווען אַוונטצייט און קאַרען האָט געזאָלט באַלד צוריקקומען פון דער באַלעט־שול. מעטאַ האָט געהאַט אַ פולן קאָפּ מיט פאַרשידענע פּלענער וועגן די צוגרייטונגען צו קאַרענס דרייצנטן געבורטסטאָג. עס האָט אַלץ געדאַרפט זיין אַזוי וווּנדערשיין, מיט איבער פערציק קינדער אין „טיוואָלי״.

אַאַגע האָט פאַרויכערט אַ לולקע און אַ קוק געטאָן אויף קאַרענס פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין שרייבטיש. ער האָט שווער אַ זיפץ־געטאָן.

— איך קאָן זי נישט אָפּגעבן — האָט מעטאַ געזאָגט.

— מיר האָבן נישט קיין רעכט...

— מיט איר איז דאָך גאָר אַן אַנדערע זאַך. זי איז נישט קיין דענישע יידישקע. מיר האָבן דאָקומענטן, אַז זי איז אונדזער טאָכטער.

— אָבער עמיצער אין אַאַלבאָרג האָט געקאָנט אינפאָר־מירן די דייטשן.

— ווער וועט זיך דאָס געבן די מי, כדי צו אַנטדעקן איין יידיש קינד?

— צי קענסטו נאָך נישט די דאָזיקע מענטשן? — האָט אַאַגע געפרעגט.

— אויב אַזוי — האָט מעטאַ אויסגערופן — וועלן מיר זי טויפן און אַדאָפּטירן געזעצלעך.

אַאַגע האָט לאַנגזאַם אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. זיין פרוי האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול

און זיך איינגעביסן די ליפן פון פאַרצווייפלונג. זי האָט זיך אַזוי פעסט איינגעקלאַמערט אין אַגלען פון איר שטול, אַז איר האַנט איז אַזש ווייס געוואָרן.

— וואָס איז אַלזאָ געבליבן צו טאָן?

— אַלע יידן וועלן אין געהיים אַריבערגעפירט ווערן צו דער זעעלענדישער בוכטע. מיר האַלטן ביים קויפן שיפן, כדי אַריבערצופירן די יידן קיין שוועדן. די שוועדן האָבן אונדז געלאָזט וויסן, אַז זיי זענען גרייט אויפצונעמען אַלע יידן און צו זאָרגן פאַר זיי.

— לאַנגע נעכט בין איך געלעגן און געטראַכט וועגן דער דאָזיקער מעגלעכקייט — האָט מעטאַ זיך אָפגערופן — אָבער איך מיין, אַז עס וועט זיין אַ סך זיכערער ווען זי וועט בלייבן ביי אונדז.

— באַטראַכט זיך גוט, וואָס דו האָסט בדעה צו טאָן, מעטאַ.

די פרוי האָט אָנגעקוקט איר מאַן מיט אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג און מיט אַזאַ אָנטשלאָסנקייט, וואָס ער האָט נאָך ביי איר ביז איצט נישט געזען.

— קיינמאָל וועל איך זי נישט אָפּגעבן, אַאַגע. איך קאָן אָן איר נישט לעבן.

אַלע דענער, וואָס זענען געבעטן געוואָרן מיטצוהעלפן, האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער אַקציע. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון דענעמאַרק איז אין געהיים געבראַכט געוואָרן קיין צפון, פון וואַנען מען האָט זיי אַריבערגעשמוגלט קיין שוועדן. דאָרטן זענען זיי געווען זיכער. אַ קורצע צייט שפעטער האָב די דייטשן דורכגעפירט אין דענעמאַרק אַן אַבלאַווע, כדי צו אַרעסטירן די יידן, אָבער זיי האָבן שוין קיינעם נישט געפונען.

קאַרען איז פאַרבליבן אין קאָפּענהאַגען. הגם איר איז

גאָרנישט געשען, האָט מעטאַ שווער איבערגעטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען. אירע נערוון זענען געוואָרן געשפּאַנט. ביי יעדער נייער דייטשער פאַראָרדענונג האָט איר באַהערשט אַ פּאַנישע שרעק. איינציקע מאָל איז זי אַנטלאָפן צוזאַמען מיט קאַרען פון קאָפּענהאַגען צו אירע קרובים אין יוטלאַנד.

אאַגע האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און געוואָרן מיט יעדן טאָג אַקטיווער. יעדע וואָך איז ער דריי אָדער פיר נעכט נישט געווען אין שטוב. פאַר מעטאַ זענען דאָס געווען לאַנגע און שרעקלעכע נעכט. דער דענישער ווידערשטאַנד, וועמענס כוח עס איז אינצווישנצייט געשטאַרקט געוואָרן, האָט קאָנצענטרירט זיין ענערגיע אויף איין ציל: פאַרניכטן די דייטשע טראַנספּאָרט־וועגן. עס איז כמעט נישט פאַרביי קיין האַלבע שעה, אַז ערגעץ־ווו זאָל נישט איבערגעשניטן ווערן אַ באַן־שטרעקע. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די גאַנצע דענישע אייזנבאַן־נעץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ הויפן חורבות, אויף וועלכע עס האָבן זיך געוואַלגערט אויפגעריסענע צוגן.

די הילפס־פּאָליציי האָט נקמה־גענומען און אויפגעריסן „טיוואָלי״, דעם ליבלינגס־אָרט פון אַלע קאָפּענהאַגענער איינוווינער.

די דענער האָבן דאַן גערופן צו אַ גענעראַל־שטרייק קעגן די דייטשן. מאַסנווייז זענען זיי אַרויס אויף די גאַסן און אויפגעשטעלט באַריקאַדן אויף וועלכע עס האָבן געפלאַטערט דענישע, אַמעריקאַנישע, ענגלישע און רוסישע פענער.

די דייטשן האָבן דאַן דערקלערט באַלאַגערונגס־צושטאַנד אין קאָפּענהאַגען.

דער רייכסקאָמיסאַר ד״ר בעסט האָט געווילדעוועט פון כעס:

„דער פּעבל פון קאָפּענהאַגען וועט שפּירן אויף זיין לייב די קלעפּ פון בייטש"...

דער גענעראַל־שטרייק איז אונטערדריקט געוואָרן, אָבער די ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט פאַרגעזעצט איר צעשטערונגס־אַרבעט.

19 סעפּטעמבער, 1944.

די דייטשן האָבן אינטערנירט די גאַנצע דענישע פּאָליציי, ווייל איר איז נישט געלונגען איינצוהאַלטן די אָרדענונג און האָט אָפן סימפּאַטיזירט מיט די אַקציעס פון דער דענישער באַפעלקערונג. די ווידערשטענדלער האָבן דורכגעפירט אַן אויסערסט מוטיקן אָנפאַל אויפן אַמטלעכן אַרכיוו פון די נאַציס און האָבן פאַרניכטעט אַלע אַקטן. די ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָבן אָנגעהויבן אַליין צו פּראָדו־צירן לייכטן וואָפן און אַרויסגעשמוגלט מענער קיין שוועדן, וווּ עס האָט זיך פאַרמירט דער קאָרפּוס פון די „פרייע דענישע כוחות". די נקמה פון די ווידערשטאַנד־קעמפער האָט זיך געריכטעט קעגן דער הילפס־פּאָליציי און אַנדערע פאַרעטער, וועלכע מען האָט שנעל ליקווידירט. די הילפס־פּאָליציי און געסטאַפּאָ האָבן געענטפערט מיט אַ כוואַליע פון דערשיסונגען.

און דאַן האָבן אין אַפּריל 1945 זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אויסטערלישע קלאַנגען.

4 מאַי, 1945.

מוטער! פאָטער! די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט! די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט!

קאַפּיטל 13

די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. אין דענעמאַרק זענען אַריינגעקומען די זיגער — די אַמעריקאַנער, די ענגלענדער און די כוחות פון „פרייען דענעמאַרק". דאָס איז געווען אַ וואָך פול מיט גרויסע געשעענישן, אַ וואָך פון נקמה און פון אָפּרעכענען זיך מיט די דענישע פאַרעטער פון דער הילפס־פּאָליציי, מיטן רייכס־קאָמיסאַר ד"ר בעסט און מיט דער געסטאַפּאָ. אַ וואָך פון פרייד, וואָס האָט דערגרייכט איר הויך־פּונקט בעת דער אַלטער קעניג קריסטיאַן איז געקומען דערעפענען אויפסניי דעם דענישן פאַרלאַמענט. ער האָט גערעדט מיט אַ שטאָלצער, אָבער שטילער שטימע, וואָס האָט געציטערט פון טיפער גערירטקייט.

פאַר מעטאַ און אַאַגע האַנסען איז אָבער די דאָזיקע וואָך פון פרייד געווען אַ וואָך פון זאָרג און דאגות. מיט זיבן יאָר צוריק האָבן זיי אָפּגעראַטעוועט אַ קינד פון דער שווערער געפאַר, האָבן עס דערצויגן צו אַ בליענדיק יונג מיידל, אַ מיידל פון שטראַלנדיקער שיינקייט און פרייד. און איצט — איז געקומען די צייט, ווען מען וועט זיך אפשר מוזן שיידן מיט איר.

אַ געוויסן טאָג האָט מעטאַ האַנסען, אין אַ מצב פון מורא און פאַרצווייפלונג, געשוווירן אַז זי וועט קאַרען קיינמאָל נישט אָפּגעבן צוריק. איצט איז די דאָזיקע פרוי געפאַלן אַ קרבן פון איר אויפריכטיקייט. נישט קיין אויסערלעכע שונאים האָבן זי באַאומרואיקט, נאָר דאָס אייגענע געוויסן. אויך אַאַגע האַנסען וואָלט זיכער געטאָן דאָס, וואָס זיין דעניש ערן־געפיל וואָלט אים געהייסן. מיט דער באַפרייאונג

איז צו זיי געקומען דאָס געפיל פון מורא פאַר דער פוסטקייט, וואָס וועט הערשן אין זייער לעבן מיט קאַרענס אַוועקגיין. מעטאַ און אַאַגע האַנסען זענען אין משך פון די לעצטע זיבן יאָר שטאַרק געעלטערט געוואָרן. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין מאָמענט, ווען די שפּאַנונג, וואָס האָט געהערשט בעת דער קריגס־צייט, האָט זיך פאַרענדיקט. ווי געפערלעך עס איז נישט געווען דער מצב בעת דער מלחמה און אָקופּאַציע־צייט, האָבן די ביידע עלטערע מענטשן דאָך נישט פאַרגעסן דאָס לאַכן. איצט אָבער, ווען גאַנץ דענעמאַרק האָט געלאַכט, איז ביי זיי אין דער וווינונג שטיל געוואָרן. די האַנסענס האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן פאַרלאַנג, ווי נאָר צו קוקן אויף קאַרען, הערן איר שטימע און זיצן שעהן־לאַנג אין איר צימער, באַמיענדיק זיך פאַרצווייפלט צו זאַמלען וואָס מער זכרונות וועגן איר אויף שפּעטער.

קאַרען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון דערפון, וואָס עס דאַרף קומען. זי האָט געליבט די האַנסענס. אַאַגע איז שטענדיק געווען צו איר אויפריכטיק. זי האָט אָבער געמוזט וואַרטן, ביז ער וועט אָנהייבן דאָס געשפּרעך מיט איר. פון טאָג צו טאָג איז די שטימונג געוואָרן אַלץ מער געדריקטער און דאָס שווייגן איז געוואָרן שווערער. ענדלעך, צוויי וואָכן נאָך דער באַפרייאונג, ווען זיי זענען אַלע געזעסן אַרום טיש, האָט זיך אַאַגע אויפגעשטעלט, אַוועקגעלייגט די סערוועטקע און זיך אָפּגערופן:

— מיר מוזן מאַכן אַ פּרווו אָפּצוגעפינען דיינע עלטערן, קאַרען, דאָס איז אונדזער פליכט.

זיין פריינטלעך געזיכט איז געווען באַדעקט מיט קנייטשן פון זאָרג און זיין שטימע האָט געקלונגען מאַט און אויס־דרוקסלאָז. ווי נאָר ער האָט געענדיקט רעדן איז ער שנעל אַרויס פון צימער. קאַרען האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טיר,

הינטער וועלכער אַגע איז פאַרשוווּנדן, און דאַן האָט זי אַ בליק־געגעבן אויף מעטאַ, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער איר.

— איך ליב אייך דאָך! — האָט קאַרען אויסגעשריען, און איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער, וווּ זי האָט אַ שלוכצנדיקע זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט. זי האָט זיך געמאַכט אַליין ביטערע פאָרוווּרפן, וואָס זי האָט פאַרשאַפט די האַנסענס אַזעלכע דאגות.

אויך צוליב אַן אַנדער סיבה איז זי געווען אומצופרידן מיט זיך. זי האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן איר פאַרגאַנגענהייט, אָבער איצט האָט זי געוואָלט קלאָר וויסן ווער זי איז אין דער אמתן. עטלעכע טעג שפּעטער זענען זיי אַוועק צום „אינטערנאַציאָנאַלן פּליטים־פאַרבאַנד".

— זי איז מיין אַדאָפּטירטע טאָכטער — האָט אַאַגע געזאָגט.

די באַאַמטין פון דער אָפּטיילונג פאַר זוכן קרובים האָט אין משך פון די עטלעכע וואָכן פון איר אַרבעט זיך שוין געהאַט אָנגעטראָפן אויף אַ סך ענלעכע פאַלן, ווי דער פאַל פון קאַרען און האַנסען. טאָג־איין טאָג־אויס האָט זי געמוזט זיין אַן עדות פון אויפטרייסלענדיקע פאַמיליע־טראַגעדיעס. אומעטום, אין דענעמאַרק און האָלאַנד, אין שוועדן, בעלגיע און פראַנקרייך, זענען דערשינען אַדאָפּטירונגס־עלטערן, ווי די האַנסענס, וואָס האָבן אויפגענומען ביי זיך פרעמדע קינדער, זיי אויסבאַהאַלטן, געשיצט און דערצויגן. איצט האָבן די דאָזיקע מענטשן באַקומען זייער ביטערן לוין, און זיך געמוזט שיידן מיט „זייערע" קינדער.

— איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם, אַז דער ענין איז זייער אַ שווערער און אַ פאַרשלעפּטער — האָט די באַאַמטין געזאָגט. — אין איראָפּע געפינען זיך מיליאָנען מענטשן, וואָס זענען מיט געוואַלט פאַרשלעפּט

געוואָרן פון זייערע היימען. מיר האָבן נישט קיין אָנונג ווי לאַנג עס וועט דויערן ביז די צעריסענע משפחות וועלן קאָנען ווידער פאַראייניקט ווערן.

זיי האָבן איבערגעגעבן דער באַאַמטין אַלע פאַקטן, וואָס זיי האָבן געוווסט וועגן קאַרענס משפחה, ווי אויך אַ רשימה פון אַלע אירע קרובים און די בריוו פון אירע עלטערן. היות קאַרען האָט געהאַט זייער אַ סך קרובים און איר פאָטער איז געווען אַ באַרימטער מענטש, האָט די באַאַמטין זיי געגעבן אַ געוויסע האָפענונג...

עס איז אַדורך אַ וואָך, דאַן אַ צווייטע און אַ דריטע, און זיי האָבן נאָך אַלץ נישט באַקומען קיין שום אינפאָרמאַציע. עס זענען פאַרביי די חדשים יוני און יולי. פאַר אַגע און מעטאַ האַנסען זענען דאָס געווען פיינפולע מאָנאַטן. אין יענע טעג פלעגן זיי שעהן־לאַנג אָפּשטיין אין קאַרענס צימער. דאָס איז געווען אַ ווונדערלעך־שיין מיידלש צימער. עס זענען דאָרטן געשטאַנען אירע סקי־שיך, אירע באַלעט־פאַנטאָפל און אויף דער וואנט זענען געהאַנגען פאָטאָגראַפיעס פון אירע שול־חברטעס און פון פרימאַ־באַלערינעס. צווישן די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס האָט זיך אויך געפונען דאָס בילד פון אַ יונגן מאַן, דער זון פון די פעטערסענס, אין וועלכן קאַרען האָט זיך געליבט.

צום סוף זענען די האַנסענס גערופן געוואָרן אין „פליטים־פאַרבאַנד".

— מיר שטייען פאַרן פאַקט, אַז אַלע אונדזערע באַמיאונגען האָבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן — האָט די באַאַמטין זיי דערקלערט. — דאָס איז נישט, פאַרשטייט זיך, אונדזער ענדגילטיקער ענטפער. דער ענין איז זייער אַ שווערער און עס פאָדערט זיך אַ סך צייט אים אויפצוקלערן. ווען איך וואָלט געדאַרפט באַשליסן, וואָלט איך פאַרבאָטן אַז קאַרען

זאָל פאָרן קיין דייטשלאַנד אַליין אָדער אפילו אין דער באַגלייטונג פון הער האַנסען. אין דייטשלאַנד הערשט איצט אַ פולשטענדיקער כאַאָס און איר וועט זיך דאָרטן נישט דערוויסן מער, ווי מיר ווייסן דאָ.

די באַאַמטין האָט איבערגעריסן אירע רייד און געוואָרפן פון דער זייט אַ פילזאָגנדיקן בליק אויף קאַרען און אויף די האַנסענס.

— איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַ געוויסער זאַך — האָט זי ווייטער זיך אָפּגערופן. — מיר באַקומען יעדן טאָג אַלץ מער און מער מעלדונגען, פון וועלכע עס ווערט קלאָר, אַז עס האָט פּאַסירט עפּעס שרעקלעכעס. אַ גרויסע צאָל יידן איז אומגעבראַכט געוואָרן. עס זעט אויס, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן מיליאָנען מענטשן.

פאַר די האַנסענס האָט די דאָזיקע דערקלערונג פון דער באַאַמטין באַדייט אַ ווייטערדיקער אָפּלייגן פון ענין. אָבער וואָס פאַר אַ שוידערלעכער אָפּלייגן. צי דערפאַר, וואָס איבער 50 פּערזאָן פון אירע נאָענטסטע זענען אומגעקומען, דאַרף קאַרען בלייבן ביי זיי? די האַנסענס האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און די אַנטשיידונג איז געקומען פון קאַרען אַליין.

ביי דער גאַנצער ליבע און סימפּאַטיע, וואָס זי האָט געהאַט פאַר אַאַגע און מעטאַ האַנסען און מיט וועלכע די האַנסענס האָבן זי באַשאָנקען, איז דאָך צווישן זיי געווען אַ זעלטזאַמע, אומזיכטבאַרע מחיצה. צום אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען קאַרען איז אַלט געווען אַכט יאָר, האָט איר אַאַגע געזאָגט, אַז זי דאַרף נישט רעדן וועגן דעם, אַז זי איז אַ יידישקע, ווייל זי שטעלט איר לעבן אין געפאַר. קאַרען האָט אים געפאָלגט, פונקט אַזוי ווי זי האָט אים געפאָלגט אין אַלע אַנדערע זאַכן. זי האָט אים געליבט און

געהאַט צוטרוי צו איִם. פונדעסטוועגן האָט זי שטענדיק געמוזט נאָכטראַכטן וועגן דעם, פאַרוואָס איז זי אַנדערש ווי די איבעריקע מענטשן און פאַרוואָס דער דאָזיקער אומפאַר־שטענדלעכער אונטערשייד באַדראָט איר לעבן. היות זי האָט נישט געקאָנט פרעגן וועגן דעם, האָט זי אויך קיינמאָל נישט באַקומען קיין ענטפער. דערביי האָט קאַרען נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט אַנדערע יידן. זי האָט זיך נישט געפילט אַנדערש, ווי די איבעריקע, און זי האָט געוווּסט, אַז זי זעט נישט אויס אַנדערש ווי די איבעריקע מענטשן. און דאָך האָט עקזיסטירט צווישן איר און זיי אַן אומזעבאַרע וואַנט.

מעגלעך, אַז דאָס פּראָבלעם וואָלט אַ געוויסן טאָג אויפ־געהערט פון זיך אַליין צו עקזיסטירן, אָבער אַאָגע און מעטאַ האָבן קעגן זייער ווּיסן און ווילן נישט אויפגעהערט וועגן דעם צו דערמאָנען דעם מיידל. זיי זענען געווען טריי דער טראַדיציע פון דער לוטעראַנישער קירכע. יעדן זונטיק זענען זיי געגאַנגען אין קירך מיטנעמענדיק מיט זיך די קליינע קאַרען. יעדן אָוונט, פאַרן שלאָפנגיין, האָט אַאָגע געלייענט קאַפּיטלעך תהילים. קאַרען האָט אָפּגעהיט די קליינע ביבל, וואָס איז געווען איינגעבונדן אין חזיר־לעדער, ווי אַן אוצר, ווייל זי האָט עס באַקומען אַלס מתּנה פון די האַנסענס צו איר צען־יאָריקן געבורטס־טאָג. זי האָט מיט באַגייסטערונג געלייענט די וווּנדערשיינע געשיכטעס, באַזונדערס דאָס בוך פון די שופטים, שמואל א׳ און די מלכים. לייענען די ביבל איז געווען פונקט אַזוי פאַרכאַפּנדיק, ווי לייענען די קינדער־מעשהלעך פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסען...

אָבער אין דער ביבל זענען געווען אַזוי פיל זאַכן, וואָס קאַרען האָט נישט פאַרשטאַנען און האָבן זי באַאומרואיקט. אָפּטמאָל האָט זי געוואָלט רעדן וועגן דעם מיט אַאָגע. ישו

איז געווען אַ ייד, זיין מוטער איז געווען אַ יידישע און אַלע זיינע אַפּאָסטאָלן זענען געווען יידן. דער גאַנצער ערשטער טייל פון דער ביבל, וועלכער איז איר אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט געהעדט נאָר וועגן יידן. און צי איז דאָרטן נישט געווען געשריבן, אַז די יידן זענען גאָטס אויסדערוויילט פאָלק?

אויב דאָס אַלץ איז געווען אמת, טאָ פאַרוואָס איז אַזוי געפערלעך צו זיין אַ ייד? און פאַרוואָס זענען די יידן פאַרהאַסט? וואָס עלטער קאַרען איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זי געזוכט אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן. ווען זי איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר האָט זי שוין אַ סך פאַרשטאַנען און זיך געקאָנט אויסטייטשן דאָס, וואָס זי האָט געליטן. זי האָט געוווסט, אַז גאָט האָט אָפּטמאָל באַשטראָפט די יידן צוליב דעם, וואָס זיי זענען אַראָפּ פון דרך־הישר, אָבער צי זענען די יידן באמת אַ סך ערגער, ווי אַנדערע מענטשן?

צו פערצן יאָר האָט פּאַסירט נאָך אַ זאַך, איבער וועלכער קאַרען האָט זייער אַ סך נאָכגעטראַכט. אין דאָזיקן עלטער ווערן די דענישע מיידלעך קאָנפירמירט און די קאָנפירמאַציע איז פאַר די קינדער אַ גרויסער, פרייליכער יום־טוב. קאַרען איז דערצויגן געוואָרן אַלס דעניש מיידל און אַלס קריסטין, אָבער וואָס שייך איר קאָנפירמאַציע האָבן די האַנסענס זיך דאָך געוואַקלט. זיי האָבן אַרומגערעדט דעם ענין און אַאַגע און מעטאַ זענען געווען איינשטימיק, אַז זיי קאָנען נישט אַנטשיידן אין אַ פראַגע, וואָס נאָר גאָט אַליין קאָן אַנטשיידן. אַ געוויסן אָוונט האָבן זיי געזאָגט קאַרען, אַז צוליבן קריג און צוליב דער אומזיכערקייט פון מצב, ווילן זיי בעסער אָפּלייגן די קאָנפירמאַציע. קאַרען האָט אָבער געוווסט די אמתע סיבה.

ווען זי איז געקומען צו די האַנסענס האָט זי בלויז

פאַרלאַנגט ליבע און שוץ. איצט אָבער האָט זי געהאַט גאָר אַן אַנדער פאַרלאַנג: זי האָט געוואָלט וויסן פון וואַנען זי שטאַמט און ווער זי איז. און זי האָט אויך געוואָלט וויסן, וואָס דאָס באַדייט אייגנטלעך צו זיין אַ ייד. די דאָזיקע אַלע ברענענדיקע פראַגן האָט זי ביז איצט אָפּגעלייגט אין אַ זייט, כדי צו קאָנען לעבן צווישן די דענער אַלס דענין. איצט איז דאָס שוין אָבער מער נישט געווען מעגלעך.

ווען די מלחמה האָט זיך דערנענטערט צום סוף האָט קאַרען באַגריפן, אַז זי וועט מער נישט קאָנען פאַרבלייבן ביי די האַנסענס און זי האָט זיך אינערלעך צוגעגרייט צו דער אומפאַרמיידלעכער צעשיידונג. דאָס זיין קאַרען האַנסען איז ביז איצט געווען בלויז אַ שפּיל. איצט האָט זי געהאַלטן פאַר דער וויכטיקסטער זאַך צו ווערן צוריק קאַרען קלעמענט.

זי האָט זיך באַמיט צו רעקאָנסטרואירן פּרטים פון איר פאַרגאַנגענהייט, זיך דערמאָנען וועגן איר פאָטער, מוטער און ברידער. אין איר זכרון האָבן אויפגעטויכט איינצלנע, אָפּגעריסענע עפּיזאָדן, אָן שום צוזאַמענהאַנג. דערביי האָט זי זיך געהאַלטן אין איין שטעלן די פראַגע, ווי דאָס וועט זיין, ווען זי וועט ווידער זיין צוזאַמען מיט אירע עלטערן און ברידער.

ווען דער קריג האָט זיך פאַרענדיקט איז קאַרען שוין געווען גרייט צו רעאַליזירן איר באַשלוס. עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זי אויסגעזאָגט די האַנסענס, אַז זי וויל אַוועקפאָרן זוכן אירע עלטערן. זי האָט זיי געזאָגט, אַז זי האָט גערעדט מיט דער באַאַמטין פון „פּליטים־פאַרבאַנד" און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די שאַנסן אָפּצוגעפינען די עלטערן וועלן זיין אַ סך גרעסערע, אויב זי וועט אַוועקפאָרן קיין שוועדן, אין אַ לאַגער פון פּליטים. אין דער אמתן זענען

די אויסזיכטן אָפּצוגעפינען די עלטערן נישט געווען גרעסער אין שוועדן, ווי אין קאָפּענהאַגען, אָבער זי האָט געזען ווי די האַנסענס ליידן צוליב איר אומפאַרמיידלעכן אָפּפאָר און זי האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַ סוף מאַכן צו דעם דאָזיקן אומדערטרעגלעכן מצב.

דאָס האַרץ האָט געבלוטיקט ביים מיידל. זי האָט געהאַט מער רחמנות אויף אַאַגע און מעטאַ, ווי אויף זיך אַליין. מיטן צוזאָג, אַז זי וועט שרייבן צו זיי און מיט דער שוואַכער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך נאָך וועזן עס איז זען, — האָט קאַרען האַנסען קלעמענט, פערצן יאָר אַלט, זיך געלאָזט אויפן באַראָט פון ענדלאָזן שטראָם פון מענטשן, וועמען דער קריג האָט פאַריאָגט פון שטוב און היים.

קאַפּיטל 14

די ערשטע חדשים, בעת וועלכע קאַרען האָט זיך געפֿונען ווייט פֿון דענעמאַרק, זענען געווען פֿאַר איר ווי אַ בייזער חלום. ביז־איצט איז זי געווען אָפּגעהיט און באַשיצט. איצט האָט זי זיך דערשראָקן פֿאַר דער רויער ווירקלעכקייט. אָבער אַן אומבויגזאַמער באַשלוס האָט זי געשטויסן פֿאָרויס אויף איר וועג.

צוערשט האָט דער דאָזיקער וועג געפֿירט אין אַ פּליטים־לאַגער אין שוועדן און פֿון דאָרטן קיין בעלגיע אין אַ שלאָס, וווּ עס האָט געווימלט מיט מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין היים, קיין האָב און גוטס און קיין ציל. דאָס זענען געווען מענטשן, וועלכע זענען געזעסן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זיך אויסבאַהאַלטן בעת דער אָקופּאַציע, געקעמפֿט אַלס פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער, געלעבט אויף איינזאַמע בערג אָדער געווען פֿאַרטריבן קיין דייטשלאַנד אַלס צוואַנגס־אַרבעטער. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע שרעקלעכע אינפֿאָרמאַציעס. פֿינף און צוואַנציק מיליאָן טויטע — אַזאַ איז געווען דער שווידערלעכער שניט פֿון קריג.

פֿון בעלגיע האָט דער וועג געפֿירט קיין פֿראַנקרייך, אין לאַ סיאָטאַ, וווּ ביי דער ליאָנער בוכטע, עטלעכע מייל

ווייט פון מאַרסעל, האָט זיך געפונען אַ פּליטים־לאַגער. דער דאָזיקער לאַגער איז געווען אַ פריידלאָזער פּלאַץ. אויף אַ קליינעם שטח זענען געשטאַנען צענדליקער אומהיימלעכע צעמענט־באַראַקאַן, וואָס האָבן זיך געטונקט אין אַ ים פון קלעפּיקער בלאָטע. מיט יעדן טאָג איז געשטיגן די צאָל פּליטים, וואָס זענען דאָרט אָנגעקומען. דער לאַגער איז געווען איבערפולט, עס איז דאָרטן געווען קוים צו עסן און די לאַגער־איינוווינער האָבן אויסגעזען, ווי אויך דאָרטן וואָלטן זיי געווען פאַרפאָלגט דורכן טויט. פאַר די דאָזיקע מענטשן איז גאַנץ איראָפּע געוואָרן איין גרויסער קבר.

מאַסנמאָרד! אויסראָטונג! אַ טויטן־טאַנץ פון זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע; דאָ, אין דאָזיקן לאַגער, האָט קאַרען צום ערשטן מאָל געהערט די נעמען פון הימלער און פראַנק, פון מילער און ראָזענבערג, שטרייכער, קאַלטענברונער און העידריך. זי האָט געהערט וועגן אילזע קאָך, וועלכע האָט זיך געהייסן מאַכן לאָמפּן־אַבאַזשורן פון מענטשלעכער הויט, פון דיטער וויסליטשעני, וועלכער האָט געפירט מענטשן צום טויט, ווי מען פירט שאָף צו דער שחיטה. זי האָט געהערט וועגן דעם סאַדיסט קרעמער, וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין שלאָגן מיט אַ בייטש אויף נאַקעטע פרויען־קערפּערס און זי האָט זיך דערוווסט דעם נאָמען פון גרעסטן פאַרברעכער: אייכמאַן, דער דייטש, וואָס האָט באַזוכט ארץ־ישראל, האָט זיך געלערנט העברעיש און איז מיט דער צייט געוואָרן דער גרעסטער מערדער.

ווייטער האָט זי געהערט די נעמען פון די אַלע איבעריקע, וואָס האָבן זיך באַמיט איבערצושטייגן איינער דעם אַנדערן אין אומענטשלעכער אכזריות.

קאַרען האָט באַדויערט דעם באַשלוס צו עפענען די פאַרשלאָסענע טיר מיט דער אויפשריפט „יודע”, הינטער

װעלכער עס האָט זיך געפֿונען דער טויט. יעדן טאָג האָט זי באַקומען אַ נײַע באַשטעטיקונג, אַז קיינער פֿון אירע קרובֿים איז נישט געבליבן לעבן.

דער מאַסן־מאָרד איז אויסגעפֿירט געװאָרן מיט דער פּרעציזקייט פֿון אַ מאַשין. צום אָנהייב זענען די מעטאָדן געװען זייער פּרימיטיװע. די קרבנות זענען דערשאָסן געװאָרן. דאָס איז אָבער געװען אַ צו לאַנגזאַמער מיטל פֿון פֿאַרניכטונג. די דײַטשן האָבן דאַן געשאַפֿן דעם אויטאָ, אין װעלכע די אַרעסטירטע, װאָס זענען געפֿירט געװאָרן צום מאַסן־קבֿר, זענען פֿאַרגאַזט געװאָרן. אָבער אויך די דאָזיקע גאַז־אויטאָס האָבן נישט געאַרבעט גענוג שנעל. דאַן האָט מען דערפֿונדן גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, אין װעלכע מען האָט געקאָנט אין משך פֿון אַ האַלבער שעה אומברענגען צװיי טויזנט מענטשן. אין די גרויסע פֿאַרניכטונגס־לאַגערן האָט מען אומגעבראַכט צען טויזנט מענטשן אַ טאָג. די אָרגאַניזאַציע און די פּלאַנירונג האָט זיך אַרויסגעװיזן אַלס װירקונגספֿול און די אויסראָטונג האָט אָנגענומען אַ גרויסן פֿאַרנעם.

קאַרען האָט געהערט װעגן טויזנטער קאַצעטלער, װעלכע האָבן זיך אַליין געװאָרפֿן אויף די עלעקטריש־געלאָדענע פֿאַרצוימונגען פֿון שטעכלדראָט, כּדי נישט אַרײַנצופֿאַלן אין דער גאַז־קאַמער.

קאַרען האָט געהערט װעגן הונדערטער טויזנטער, װאָס זענען געפֿאַלן קרבנות פֿון קרענק און הונגער און װעמענס אויסגעדאַרטע קערפּערס זענען געלייגט געװאָרן צװישן האָלץ־שייטערס, זענען באַגאָסן געװאָרן מיט בענזין און אונטערגעצונדן געװאָרן.

װייטער האָט קאַרען געהערט װעגן די ציניש מעטאָדן, װאָס מען האָט אָנגעװענדט, כּדי אָפּצורייסן קליינע קינדער

פון זייערע מאַמעס, זי האָט געהערט וועגן צוגן, אין וועלכע מען האָט אָנגעפּאַקט אַלטע און שוואַכע לייט, וועלכע זענען אויסגעגאַנגען אין די וואַגאָנען. קאַרען האָט געהערט וועגן די דעזינפעקציע־קאַמערן, ווו מען האָט געגעבן די געפאַנגענע אַ שטיקל זייף אין דער האַנט. אין דער אמתן זענען דאָס אָבער געווען גאַז־קאַמערן און די זייף איז געווען פון שטיין.

קאַרען האָט געהערט וועגן מאַמעס, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן זייערע קינדער אונטער די קליידער, וואָס זיי האָבן אויפגעהאַנגען אויף האַקנס, איידער מען האָט זיי אַריינגעפירט אין די גאַז־קאַמערן. אָבער די דייטשן האָבן שוין געוווסט וועגן דעם און פלעגן אויך די קינדער אַריינ־וואַרפן אין די דאָזיקע קאַמערן.

קאַרען האָט געהערט וועגן טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן נאַקעטערהייט געקניט נעבן די קברים, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעגראָבן, וועגן טאַטעס, וואָס האָבן פאַרשטעלט מיט זייערע הענט די אויגן פון זייערע זין, ווען די דייטשן האָבן געשאָסן אויף זיי מיט מאַשין־געווער.

זי האָט געהערט וועגן עס.־עס.־האַופּטשטורמפירער פריץ געבאַוער, וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פאַרשמייסן פרויען צום טויט און וועלכער האָט געהאַט הנאה זיך צוצו־קוקן, ווי אַזוי קינדער ווערן איינגעפרוירן אין פעסער מיט אייז־קאַלטן וואַסער.

זי האָט געהערט וועגן היינען, וועלכער האָט דערפונדן אַ מעטאָד צו דערשיסן אַ סך מענטשן מיט אַמאָל דורך דעם, וואָס מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ ריי, איינער הינטער דעם אַנדערן, און מען האָט זיי געקאָנט דערשיסן מיט איין קויל. ער האָט זיך שטענדיק באַמיט איבערצוּיאָגן דעם אייגענעם רעקאָרד.

זי האָט געהערט וועגן פראַנץ וואַרזאָק, וועלכער איז

געגאַנגען אין געווען מיט זיינע קאַמעראַדן: ווי לאַנג קאָן אַ מענטש לעבן הענגענדיק מיטן קאָפּ אַראָפּ.

זי האָט געהערט וועגן אָבערשטורמבאַנפירער ראַקיטאַ, וועלכער פלעגט צערייסן מענטשלעכע קערפערס אויף שטיקלעך.

זי האָט געהערט וועגן שטיינער, וועלכער פלעגט מיט אַ בויער מאַכן לעכער אין די קעפּ און בייכער פון די געפאַנגענע, פלעגט זיי אַראָפּרייסן די פינגער־נעגל, אַרויס־קוועטשן זייערע אויגן און האָט ליב געהאַט אויפצוהענגען נאַקעטע פרויען פאַר זייערע האָר.

זי האָט געהערט וועגן גענעראַל פראַנץ יעקעלן, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן מאַסן־מאָרד אין באַבי־יאַר, נעבן קיעוו, וווּ בלויז אין צוויי טעג זענען אומגעבראַכט געוואָרן דריי און דרייסיק טויזנט יידן. די אוקראַינער זענען געשטאַנען דערביי און האָבן מיט פרייד זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער רציחה.

זי האָט געהערט וועגן „אַנאַטאָמישן אינסטיטוט״ פון פּראָפעסאָר הירט אין שטראַסבורג און וועגן זיינע אַסיסטענטן, און זי האָט געזען לעבעדיקע באַווייזן פון זייער טעטיקייט — שרעקלעך אויסגעדאַרטע פרויען, וואָס האָבן געדינט אַלס פּרווו־קראָליקעס פאַר זייערע פאַרברעכערישע עקספּערי־מענטן.

דאַכאַו האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די גרעסטע „וויסנשאַפטלעכע״ צענטערס. זי האָט געהערט אַז דאָקטאָר הייסקייער האָט דאָרטן איינגעשפּריצט קינדער טובערקולאָז־באַצילן און האָט קאַלטבלוטיק אָבסערווירט זייער טויט. דאָקטאָר שוץ האָט זיך אינטערעסירט מיט בלוט־פאַרגיפּ־טונגען. דאָקטאָר ראַשער האָט געוואָלט ראַטעווען דאָס לעבן פון דייטשע פליער און האָט דורכגעפירט עקספּערימענטן

אויף מענטשן, וואָס זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין קאַבינעס מיט הויכן לופט־דרוק, אָבסערווירנדיק דערביי זייער רעאַקציע דורך ספּעציעלע פענצטער. עס זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן אַנדערע עקספּערימענטן, וואָס זענען באַצייכנט געוואָרן דורך די דייטשן מיטן נאָמען „אמת אין דער וויסנשאַפט”. דעם הויך־פּונקט האָבן אָבער די דאָזיקע עקספּערימענטן דערגרייכט ווען מען האָט פּרויען קינסטלעך באַפרוכפּערט מיט זוימען פון חיות.

קאַרען האָט געהערט וועגן דעם מערדער ווילהאַוז, דעם לאַגער־קאָמענדאַנט פון יאַנאָווסק, וועלכער האָט באַאויפטראַגט דעם קאָמפּאָזיטאָר מונאָ צו שאַפן דעם „טאַנגאָ פון טויט”. די דאָזיקע מוזיק איז געווען באַשטימט פאַר די צוויי הונדערט טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער. זי האָט געהערט נאָך מער וועגן דאָזיקן ווילהאַוז. זי האָט געהערט, אַז זיין ליבלינגס־באַשעפטיקונג איז באַשטאַנען אין וואַרפן קליינע קינדער אין דער הויך און שיסן צו זיי אין דער לופטן, כדי זיך איבערצוצייגן וויפל מאָל מען קאָן שיסן פון אַ פּיסטאָלעט צו אַ קערפּער, וואָס פאַלט פון דער הייך צו דער ערד. זיין פרוי, אָטיליע, איז אויך געווען אַן אויסגעצייכנטע שיסערין. קאַרען האָט ווייטער געהערט וועגן די ליטווישע זעלנער אין דייטשער דינסט, וואָס האָבן דערמאָרדעט מענטשן דורך שלאָגן זיי פשוט מיט שטעקנס, וועגן די קראָאַטישע אוסטאַשן, וואָס האָבן אַכזריותדיק דערמאָרדעט הונדערטער טויזנטער קאַצעטלער.

קאַרען האָט אַן אויפהער געוויינט. זי איז פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די שרעקלעכע וויזיעס פון די דערציילונגען, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט. אין די נעכט האָט זי נישט געקאָנט איינשלאָפן און שוידערלעכע מחשבות האָבן געמאַטערט איר געהירן. צי האָט מען איר פאָטער, איר מוטער,

אָדער אירע ברידער אָפּגעפּירט קיין בוכענוואַלד, אָדער זיי זענען אומגעקומען אין דאַכאַו? אפשר זענען זיי געווען אין כעלמנאָ צווישן דעם מיליאָן קרבנות, אָדער אין מיידאַנעק, ווו זיי זענען פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע זיבן הונדערט פופציק טויזנט מענטשן? אָדער אפשר אין בעלזשעץ, טרעבלינקע, סאָביבאָר, טראַווניק, פּאָניאַטאָוו, אָדער אין קריוואָי ראָג? צי האָט מען זיי דערשאָסן ביי די קברים פון קראַשניק אָדער זיי זענען פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן פון קלאָגע? אפשר זענען זייערע קערפּערס צעריסן געוואָרן פון הינט אין דיעדזין, אָדער זענען זיי פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט אין שטוטהאָף?

דער בייטש! די אייז־בעדער! דער עלעקטרישער שטול! די גאַז־קאַמערן! די קרעמאַטאָריעס! מאַסן־מאָרד!

צי זענען אירע עלטערן געווען אין לאַגער פון שוואַזעל אָדער דאָראַ, אין גראָס־ראָזען אָדער נויענגאַמע, אָדער אפשר האָבן זיי געמוזט הערן דעם „טאַנגאָ פון טויט" אין יאַנאָווסק?

אָדער אפשר איז איר פאַמיליע געווען צווישן די טויטע, וועמענס קערפּערס עס זענען אין דאַנציג איבערגעאַרבעט געוואָרן אויף זייף?...

דער טויט האָט פאַרפאָלגט די אויסגעוואָרצלטע פּליטים אין לאַגער פון לאַ סיאָטאַ, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון מאַרסעל, אין פראַנקרייך.

...קאַרען האָט געהערט נאָך נעמען פון געאָגראַפישע ערטער: דאַנאַגיין, אייוואָרי, גאָלדפילץ, וואַיאַארע, פאָרטע־קונדע.

זי האָט מער נישט געקאָנט עסן און שלאָפן. אַלץ נייע און נייע נעמען האָבן זיך צו איר דערטראָגן וועגן לאַנד פון שוידער: קיוויאָלי, וואַרקע, מאַגדעבורג, פלאַשאָוו, שיבניע, מאַטהאַוזען, זאַקסענהאַוזען, אָראַניענבורג, לאַנדסבערג,

בערגען־בעלזען, רענסדאָרף, בליזין, ראָסווינקעל, ראַווענס־בריק, נאַצווײַלער!

מאַסן־מאָרד!

די דאָזיקע אַלע נעמען זענען אָבער געווען קליין אין פאַרגלײַך מיטן גרויסן נאָמען: אָשוויענטשים! אָשוויענטשים, מיט זײַנע דרײַ מיליאָן טויטע, מיט זײַנע מאַגאַזינען, וואָס זענען פול געווען ביזן סופית מיט ברילן, שיך, קליידונג, לאַלקעס און ריזיקע בערג פון מענטשלעכע האָר, וואָס איז געווען באַשטימט אויף מאַטראַצן. אָשוויענטשים, ווו מען האָט זאָרגפעליק געזאַמלט די גאָלדענע צײַנער פון די טויטע און זיי איבערגעשמאָלצן אויף גאָלד־שטאַבעס. אָשוויענטשים, ווו מען האָט פּרעפּאַרירט מענטשלעכע קעפּ און זיי שפּעטער באַנוצט אַלס אַש־בעכערס. אָשוויענטשים, ווו ביים אַרײַנ־גאַנג אין לאַגער איז געהאַנגען אַ שילד מיט אַן אויפשריפט: אַרבייט מאַכט פרײַ!

קאַרען האַנסען איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפער מעלאַנ־כאָליע. זי האָט געהערט און געזען, ביז זי האָט שוין מער גאָרנישט געקאָנט זען און הערן. זי איז געווען דערשעפּט, צעטומלט און ווילנלאָז. און דאַן, ווי עס טרעפט אָפט, ווען מען מיינט, אַז מען איז שוין ביים סוף, איז געקומען די ווענדונג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו אַן עלטערנלאָז קינד און האָט עס אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. דאָס קינד האָט דערשפּירט די וואַרעמקייט פון איר מיטגעפיל. קאַרען האָט געהאַט די פעיקייט צו געבן די קינדער דאָס, וואָס זיי האָבן צום שטאַרקסטן געגאַרט: צערטלעכקייט. זיי האָבן זיך גענומען זאַמלען אַרום איר. עס

האָט געשיינט, אַז קאַרען ווייס אינסטינקטיוו, ווי אַזוי מען היילט אַ קאַטאַר, ווי אַזוי מען גיט אַ קוש אַ פאַרווונדעטן פינגער אָדער ווי מען טריקנט אָפּ אַ טרער. זי האָט געקאָנט דערציילן אין אַ סך שפּראַכן שיינע געשיכטעס, זינגען לידער, און שפּילן קלאַוויר.

מיטן גאַנצן איפער האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. זי האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט די קליינע קינדער, אַז זי האָט פאַרגעסן וועגן אייגענעם ווייטיק. עס האָט געשיינט, אַז זי האָט אַן אומדערמידלעכן געדולד און שטענדיק האָט זי געהאַט צייט און כוח פאַר אַנדערע.

אין לאַגער פון לאַ סיאָטאַ האָט זי איבערגעלעבט איר פופצנטן געבורטס־טאָג. קאַרען איז געווען פאַרעקשנט און האָט זיך געקלאַמערט פול מיט גלויבן אין צוויי גרויסע האָפענונגען. איר פאָטער איז געווען אַ באַרימטער מענטש און די נאַציס האָבן געהאַט אַ לאַגער, אין וועלכן די אַרעס־טירטע זענען נישט געפייניקט געוואָרן און נישט אומגע־בראַכט געוואָרן. דאָס איז געווען דער לאַגער טערעזיענשטאַט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אויב מען האָט אים דאָרטן אַוועק־געפירט, האָט געקאָנט מעגלעך זיין, אַז ער לעבט. די צווייטע האָפענונג איז געווען, אַז מען האָט אַ סך געלערנטע אַרויס־געפירט אין געהיים פון דייטשלאַנד אויך נאָך דעם, ווי מען האָט זיי שוין געהאַט פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. ביי דעם אַלעמען האָט קאַרען געננוי געוווסט, אַז מער ווי אַ העלפט פון אירע קרובים זענען אומגעקומען.

אַ געוויסן טאָג זענען אין לאַגער אַראָפּגעקומען צענד־ליקער נייע מענטשן און עס האָט געשיינט, אַז דער לאַגער איז איבערנאַכט פאַרענדערט געוואָרן. די דאָזיקע נייע מענטשן, מיטגלידער פון „מוסד עליה ב׳״ און פון פלמ״ח,

זענען געקומען פון ארץ־ישראל, כדי צו נעמען אין זייערע הענט די אינערלעכע ארגאניזאציע פון לאגער.

עטלעכע טעג נאכן קומען פון די דאזיקע מענטשן, האט קארען צום ערשטן מאל געטאנצט פאר די קינדערלעך. פון דאזיקן מאמענט אן האט מען זי אלץ אפטער געבעטן טאנצן און עס האט לאנג נישט געדויערט, ביז זי איז געווארן די פאפולערסטע איינוווינערין פון גאנצן לאגער. איר נאמען איז אפילו דערגאנגען ביז מארסעל, ווו מען האט זי איינגעלאדן צום טאנצן אין באלעט בעת די ווייַנאכט־פייערונגען.

ווייַנאכטן, 1945.

די איינזאמקייט פון ערשטן ווייַנאכט־יום־טוב, ווייט פון די האנסענס, איז פאר קארען געווען נישט איבערצוטראגן. מער ווי א העלפט פון די קינדער פון לאגער לא סיאטא איז געקומען קיין מארסעל, כדי צו זען ווי קארען טאנצט. זי האט אין יענעם אוונט געטאנצט אזוי, ווי זי האט נאך קיינמאל אין איר לעבן נישט געטאנצט.

נאך דער פארשטעלונג האט א מיידל פון ארץ־ישראל, א חברטע פון פלמ״ח מיט נאמען גלילה, וועלכע איז געווען א ראש־קבוצה אין לא סיאטא, געבעטן קארען אפצווווארטן ביז אלע וועלן אוועקגיין.

ווען זיי זענען געבליבן אליין האט דאס ארץ־ישראל־מיידל זיך אפגערופן מיט טרערן אין די אויגן:

— קארען, מיר האבן דערהאלטן א ידיעה, אז דייַן מוטער און דייַנע ברידער זענען אומגעבראכט געווארן אין דאכאו...

קארען איז פארזונקען געווארן אין א נאך טיפערן טרויער, ווי פריער. דער אומדערשיטערלעכער מוט האט זי פארלאזן. עס איז געווען א קללה געבוירן צו ווערן אלס

ייד און די דאָזיקע קללה — אַזוי האָט זי געמיינט — האָט איר געצווונגען אָנצונעמען דעם שגעונדיקן באַשלוס צו פאַרלאָזן דענעמאַרק.

אַלע קינדער אין לאַ סיאָטאַ האָט פאַרבונדן איין געמיינ־זאַמער שטריך: זיי האָבן אַלע געגלויבט, אַז זייערע עלטערן לעבן, און אַלע האָבן זיי געוואַרט אויפן נס. וואָס דאַרף געשען. וואָס פאַר אַ נאַר אויך זי איז געווען, גלויבנדיק אין דאָזיקן וווּנדער.

ווען זי איז אין איניקע טעג אַרום געקומען צו זיך האָט זי זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַרן ארץ־ישראל מיידל גלילה. קאַרען האָט איר געזאָגט, אַז ס'איז איבער אירע כוחות צו זיצן דאָ אין לאַגער און וואַרטן, ביז זי וועט זיך דערוויסן, אַז אויך איר פאָטער איז אומגעקומען.

גלילה איז געוואָרן די נאָענטסטע פריינדין פון קאַרען און זי האָט געהאַלטן, אַז קאַרען, פּונקט ווי אַלע יידן, דאַרף עולה־זיין קיין ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז דאָס איינציקע אָרט, וווּ מען קאָן אַלס ייד פירן אַ ווירדיק לעבן — האָט גלילה דערקלערט. אָבער קאַרען, וועלכע איז געווען אַ מיידל אָן רעליגיע און אָן אמונה און וועמענס האָפענונגען עס זענען פאַרניכטעט געוואָרן, האָט בכלל מער נישט געוואָלט הערן וועגן יידנטום, וואָס האָט געבראַכט אויף איר אַזאַ אומגליק. אין די נעכט, ליגנדיק אויף איר געלעגער, האָט קאַרען זיך געשטעלט די זעלבע פראַגע וואָס יעדער ייד שטעלט זיך אַליין, זינט דעם חורבן פון בית־המקדש, און זינט דאָס פאָלק איז מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק צעשפּרייט געוואָרן אויף אַלע ווינקעלעך פון דער ערד: פאַרוואָס דאַרף איך ליידן?

מיט יעדן טאָג איז נענטער געוואָרן דער מאָמענט, ווען

זי האָט געוואָלט שרייבן צו די האַנסעס און זיי מיטיילן, אַז זי האָט בדעה זיך צוריקצוקערן צו זיי אויף שטענדיק.

אָבער אַ געוויסן טאָג איז גלילה אַריינגעפאַלן אין באַראַק, ווו קאַרען האָט זיך געפונען און זי פאַרן האַנט אַוועקגע־שלעפּט אין לאַגער־ביוראָ, ווו קאַרען האָט געטראָפן אַ געוויסן דאָקטאָר ברענער, אַ פּליט וואָס איז נאָר־וואָס געקומען קיין לאַ סיאָטאַ.

— אָ, מיין גאָט! — האָט קאַרען אויסגעשריען, הערנ־דיק די בשורה — צי זענט איר זיכער אין דעם?

— יאָ, — האָט געענטפערט ד"ר ברענער — איך בין פולשטענדיק זיכער. אייער פאָטער איז מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער. איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין בערלין. מיר האָבן קאָרעספּאָנדירט איינער מיטן אַנדערן און מיר האָבן זיך געטראָפן צוזאַמען אויף קאָנפערענצן. יאָ, איר מעגט מיר גלייבן, מיר זענען געווען צוזאַמען אין טערעזיענשטאַט און איך האָב אים דאָרטן געזען קורץ פאַרן סוף פון קריג.

קאַפּיטל 15

אַ וואָך שפּעטער האָט קאַרען באַקומען אַ בריוו פון די האַנסענס, אין וועלכן זיי האָבן איר מיטגעטיילט, אַז דער „פּליטים־פאַרבאַנד“ האָט געבעטן ידיעות וועגן דעם אָרט וווּ קאַרען געפינט זיך. חוץ דעם האָט דער „פאַרבאַנד“ געוואָלט וויסן, צי די האַנסענס האָבן וועלכע עס איז אינפאָר־מאַציע וועגן קאַרענס מוטער אָדער ברידער.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס זוכט זי אַ געוויסער יאָהאַן קלעמענט. קאַרען האָט פון דעם אַרויסגעדרונגען, אַז איר פאָטער און מוטער זענען צעשיידט געוואָרן איינער פון אַנדערן און אַז איר פאָטער האָט נישט קיין אַנונג וועגן טויט פון דער מוטער אָדער פון די ברידער. אין אַ צווייטן בריוו האָבן די האַנסענס מיטגעטיילט, אַז זיי האָבן געענטפערט אויף די פראַגן פון „פּליטים־פאַרבאַנד“, אָבער דער קאָנטאַקט מיט קלעמענט איז פאַרלוירן געגאַנגען.

ער לעבט! — האָט קאַרען געטראַכט. די שרעקלעכע חדשים, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין די לאַגערן פון שוועדן,

בעלגיע און לאַ סיאָטאַ, האָבן זיך אַלזאָ דאָך געלוינט. זי האָט נאָך איין מאָל געפונען מוט, כדי צו פאַרשן איר פאַרגאַנגענהייט.

קאַרען האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דער לאַגער אין לאַ סיאָטאַ ווערט אויסגעהאַלטן פון די געלט־סומעס, וואָס עס שיקן די אַמעריקאַנער יידן. אין לאַגער האָבן זיך געפונען פּליטים פון אַלע נאַציעס, אָבער נישט קיין אַמעריקאַנער. זי האָט געפרעגט וועגן דעם גלילה, אָבער יענע האָט אַ צוקגעטאָן מיטן אַקסל און געזאָגט:

— ציוניזם, דאָס איז אַזאַ זאַך, יוען עמיצער בעט ביי אַ צווייטן געלט, כדי עס צו געבן אַ דריטן, אַז אַ פערטער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל...

— דאָס איז זייער אַ שיינע זאַך, וואָס מיר האָבן פריינט, וועלכע האַלטן יד־אחת — האָט קאַרען געזאָגט.

— מיר האָבן אויך שונאים, וואָס מאַכן יד־אחת — האָט געענטפערט גלילה.

די פּליטים אין לאַגער לאַ סיאָטאַ זענען מיט זייער אויסזען און מעשים נישט געווען אַנדערש, ווי די איבעריקע מענטשן — האָט קאַרען פעסטגעשטעלט. דאָס רוב פון זיי זענען געווען, פּונקט אַזוי ווי זי, צעטומלט צוליב זייער יידישקייט.

ווען זי האָט שוין געקאָנט עטוואָס העברעיש, איז זי אַוועק אין יענעם טייל פון לאַגער, וווּ עס האָבן זיך געפונען די פרומע יידן. זי האָט זיך צוגעקוקט צו זייער קליידונג,

צו זייערע תפילות און מאָדנע רעליגיעזע מנהגים. די דאָזיקע מענטשן זענען באמת געווען אַנדערש, ווי די איבעריקע.

דאָס יידנטום איז ברייט ווי דער ים און אַ פּופּצן־יאָריק מיידל קאָן אין אים דערטרונקען ווערן. די אמונה שטיצט זיך אויף אַן אַלץ אַרומנעמענדיקן סיסטעם פון הלכות, תורה שבכתב און תורה שבעל־פה. אָבער דאָס הייליקסטע פון אַלץ זענען די חמישה חומשי תורה, דאָס הייסט: תורת משה.

קאַרען האָט ווידער אָנגעהויבן צו לייענען דעם תנ״ך. איצט זענען אַ סך זאַכן געווען פאַר איר קלאָר, אָבער גלייכ־צייטיק איז זי געווען צעטומלט. ווי אַזוי האָט דאָס גאָט געקאָנט צולאָזן, אַז מען זאָל אומברענגען זעקס מיליאָן מענטשן פון זיין אויסדערוויילט פאָלק? קאַרען איז געקומען צום אויספיר, אַז נאָר די לעבנס־דערפאַרונג וועט אַ געוויסן טאָג איר ברענגען דעם ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע.

די פּליטים פון לאַ סיאָטאַ האָבן ממש געברענט פון אומגעדולד, וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן אייראָפּע און עולה צו זיין קיין ישראל. דער איינציקער כוח, וואָס האָט נישט דערלאָזן, אַז די דאָזיקע פּליטים זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ ווילדן המון, איז געווען די אָנוועזנהייט פון די ארץ־ישראלדיקע פלמ״ח־חברים. די דאָזיקע פּליטים האָבן זיך ווייניק וואָס גערעכנט דערמיט, אַז צווישן „מוסד עליה ב׳" און די ענגלענדער גייט אַן אַ געראַנגל און זיי האָבן אויך גאָרנישט געוואָלט וויסן וועגן דעם, אַז די ענגלענדער באַמיען זיך

מיט אַלע מיטלען איינצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אין מיטעלן מזרח, דעם נאָפּט, דעם סועץ־קאַנאַל, און ווילן פאַרזעצן די טראַדיציאָנעלע צוזאַמענאַרבעט מיט די אַראַבער.

אַ יאָר פריער איז אין האַרץ פון יעדן ייד אויפגעקומען אַ נייע האָפענונג מיטן איבערנעמען די מאַכט אין ענגלאַנד דורך דער לייבאָר־פּאַרטיי. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט צוגעזאָגט צו רעאַליזירן דעם ארץ־ישראל־מאַנדאַט און צו עפענען ברייט די טויערן פון עליה. עס איז אַפילו געווען אַ רייד וועגן פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אַלס מיטגליד פון דער „בריטישער פעלקער־געמיינשאַפט״.

די דאָזיקע אַלע צוזאָגונגען האָבן געפּלאַצט, ווען די לייבאָר־פּאַרטיי האָט געהאַלטן, אַז דאָס „שוואַרצע גאָלד״, וואָס געפינט זיך אין די אַראַבישע מדבריות, איז אַ סך וויכטיקער ווי די יידישע עליה. פונקט ווי מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק איז אויך איצט דער באַשלוס וועגן ארץ־ישראל אָפּגעלייגט געוואָרן און דער ענין איז באַגראָבן געוואָרן אין פאַרשידענע אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס.

דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געענדערט דעם ברענענדיקן פאַרלאַנג פון די יידן אין לאַגער לאַ סיאַטאַ עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. די טוער פון „מוסד עליה ב׳״ זענען אַרומ־געפאָרן איבער גאַנץ אייראָפּע, האָבן צונויפגעזאַמלט די שארית הפליטה, און האָבן זיי אַריבערגעפירט דורך גרענעצן מיט דער הילף פון שוחד, געפעלשטע דאָקומענטן און פאַרשידענע שפּיצלעך.

פראַנקרייך און איטאַליע האָבן די ערשטע זיך געשטעלט

אויף דער זייט פון די פליטים און האָבן מיטגעאַרבעט מיט די מענטשן פון „מוסד עליה ב׳". זיי האָבן אויפגעעפנט זייערע גרענעצן פאַרן שטראָם פון די פליטים און האָבן אויפגעשטעלט פאַר זיי ציטוּוויליקע לאַגערן. אין איטאַליע איז די אַרבעט פון די מוסד־לייט געווען באַשווערט צוליב דעם, וואָס דאָרטן האָט זיך געפונען ענגליש אָקופּאַציע־מיליטער. דער שווערפּונקט האָט זיך דעריבער אַריבערגעטראָגן קיין פראַנקרייך.

גאָר שנעל זענען די לאַגערן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין לאַ סיאָטאַ, געוואָרן איבערפולט מיט פליטים. „מוסד עליה ב׳" האָט אויף דעם געהאַט נאָר איין תשובה: אומלעגאַלע עליה קיין ארץ־ישראל. אין אַלע אייראָפּעישע פאָרטן האָבן זיך געפונען מוסד־טוער, וואָס האָבן מיטן געלט פון די אַמעריקאַנער יידן געקויפט שיפן, כדי מיט זיי דורכצוברעכן די בריטישע בלאָקאַדע. די ענגלענדער האָבן נישט נאָר פאַרמאַכט דעם ים־וועג קיין ארץ־ישראל מיט זייער פלאָט, נאָר האָבן זיך אויך באַדינט מיט זייערע אַמבאַסאַדעס און קאָנסולאַטן אַלס שפּיאָנאַזש־צענטרען, וואָס האָבן געדאַרפט אויפדעקן און באַקעמפן די טעטיקייט פון „מוסד".

קליינע, צעבראָכענע שיפן, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט געטויגט צו קיין רייזעס, זענען אָנגעלאָדן געוואָרן מיט פאַרצווייפלטע מענטשן און זענען אָפּגעשווומען קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע שיפן זענען אָבער גלייך געכאַפּט געוואָרן דורך די ענגלענדער, ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנענטערט

דריי מייל פון ים־ברעג. די אומלעגאַלע עולים זענען אינטער־נירט געוואָרן און מען האָט זיי אָפּגעפּירט אין איינעם פון די לאַגערן. דאָס מאָל איז דאָס געווען דער לאַגער אין עתלית.

נאָך דעם ווי קאַרען האָט זיך דערוווּסט, אַז איר פֿאָטער לעבט, איז אויך ביי איר אויפֿגעקומען דער ווילן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. עס האָט איר געשיינט צו זיין זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, אַז אויך איר פֿאָטער וועט דאָרטן קומען.

טראָץ אירע פֿופֿצן יאָר, איז זי אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פּלמ"ח־גרופּע. יעדע נאַכט איז זי געזעסן מיט אירע נייע חברים און חברטעס אַרום אַ לאַגער־פֿייער און זיך צוגעהערט צו די וווּנדערבאַרע דערציילונגען וועגן "ארץ זבת חלב ודבש". זיי האָבן געזונגען שיינע מזרח־לידער, וואָס זענען ווי דירעקט אַרויסגענומען געוואָרן פֿון תנ"ך. מען האָט זיך געוויילט, זיך דערציילט וויצן און נישט איין מאָל איז מען צוגעשטאַנען צו קאַרען, זי זאָל טאַנצן.

מען האָט זי באַשטימט אַלס פֿאַראַנטוואָרטלעכע איבער איינעם פֿון די "קומזיצן" און מען האָט איר אָנפֿאַרטרויט די אויפֿזיכט איבער הונדערט קינדער. זי האָט געדאַרפֿט צוגרייטן די דאָזיקע קינדער צום מאָמענט, ווען מען וועט זיי דאַרפֿן אַרויפֿזעצן אויף איינער פֿון די "מוסד"־שיפֿן, כדי אָפּצושווימען קיין ארץ־ישראל.

די ענגלישע איינוואַנדערונגס־קוואָטע פֿאַר ארץ־ישראל האָט באַטראָפֿן פֿופֿצן הונדערט מאַן אַ חודש און די ענגלענ־דער האָבן שטענדיק באַשטעטיקט דעם אַריינפֿאָר פֿון אַזעלכע עמיגראַנטן, וואָס זענען געווען אָדער צו אַלט, אָדער צו יונג,

כדי צו ווערן מיטגלידער פון דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל. יונגע מענער האָבן זיך פאַרלאָזט בערד און האָבן זיך געפאַרבט די האָר אויף גרוי, אָבער די ענגלענדער האָבן זיך זעלטן געלאָזט אָפּנאַרן.

אַ געוויסן טאָג, אין אַפּריל 1946, ניין חדשים נאָך דעם ווי קאָרען האָט פאַרלאָזן דענעמאַרק, האָט איר גלילה מיטגעטיילט אַ גרויסע בשורה:

— אין עטלעכע טעג אַרום וועט קומען אַ שיף פון „מוסד" און דו מיט דיינע קינדער פאָרן אַפּ.

קאָרען האָט געפילט ווי דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן האַסטיק צו קלאַפּן.

— ווי הייסט די שיף? — האָט זי געפרעגט.

— די שיף הייסט „מגן־דוד".

קאַפּיטל 16

דער בריטישער געהיים־דינסט איז געווען גענוי אינפאָר־מירט וועגן דער לאַסט־שיף „קאַרפּאַטאָס", וואָס איז געשווומען אין עגעאישן ים. די מענטשן פון בריטישן קאָנטר־שפּיאָנאַזש האָבן געוווּסט ווען די דאָזיקע 45־יאָריקע און 800־טאָניקע שיף איז געקויפט געוואָרן אין סאַלאָניקי דורכן „מוסד עליה ב'". זיי האָבן נאָכגעפאָלגט דעם וועג פון דער שיף קיין פּירעאוס, דעם פּאַרט פון אַטען, ווו אויפן דעק איז אַרויף אַן אַמעריקאַנער „מוסד"־מאַנשאַפט און אָפּגעפירט די שיף קיין גענואַ, אין איטאַליע. מען האָט אָבסערווירט ווי די „קאַרפּאַטאָס" איז דאָרטן אויסרעמאָנטירט געוואָרן און איז באַשטימט געוואָרן אַריבערצופירן אומלעגאַלע עולים. זיי האָבן אויך גענוי געוווּסט, ווען די שיף איז אָפּגעשווומען אין דער בוכטע פון ליאָן, נעבן מאַרסעל.

דער גאַנצער דרומדיקער ים־ברעג פון פראַנקרייך איז געווען באַזעצט מיט מענטשן פון ענגלישן אויסשפּיר. אַרום לאַגער אין לאַ סיאָטאַ זענען אויסגעשטעלט געוואָרן געהיימע אָבסערוואַטאָרן, וואָס האָבן געדאַרפט גלייך מעלדן דעם אינפאָרמאַציע־דינסט וועגן יעדער גרעסערער באַוועגונג אין לאַגער. עטלעכע צענדליק פראַנצויזישע באַאַמטע זענען אונ־

טערגעקויפט געוואָרן דורך די ענגלענדער. די בריטישע רעגירונג האָט גלייכצייטיק אויסגעאיבט אַ דרוק אויף פראַנקרייך, אַז זי זאָל נישט אַריינלאָזן די שיף „קאַרפּאַטאָס" אין אירע טעריטאָריאַלע וואַסערן. אָבער דער פּאָליטישער דרוק און דער שוחד פון די ענגלענדער האָבן נישט געקאָנט שטערן דער צוזאַמענאַרבעט צווישן די פראַנצויזן און דעם „מוסד". די שיף „קאַרפּאַטאָס" איז דאָך אַריינגעשוווּמען אין די פראַנצויזישע טעריטאָריאַלע וואַסערן.

די צווייטע פאַזע פון דער דאָזיקער „שפּיל" מיט די ענגלענדער איז באַשטאַנען אין אַריינפירן זיי אין טעות. די מענטשן פון „מוסד" האָבן דורכגעפירט אַ ריי מאַנעווורען, וואָס האָט די ענגלענדער פולשטענדיק צעטומלט. אין לאַגער זענען אָראָפּגעקומען צענדליקער לאַסט-אויטאָס מיט פראַנצויזישע שאָפערן, וועלכע פלעגן אָפּפירן די פּליטים אין פאַרשידענע ריכטונגען. און דאַן איז געקומען דער מאָמענט צו רעאַליזירן דעם פּלאַן. זעכצן הונדערט פּליטים, צווישן זיי אויך קאַרען מיט אירע הונדערט קינדער, זענען שנעל אָפּגעפירט געוואָרן פון לאַגער אויף אַ געהיימען טרעף־פּונקט אין דער בוכטע. דער גאַנצער שטח איז אָפּגעצוימט געוואָרן דורכן פראַנצויזישן מיליטער. אויף אַ שטילן און אָפּגעלעגענעם אָרט זענען די פּליטים אויסגעלאָדן געוואָרן פון די אויטאָס און אין קליינע גומי־שיפלעך זענען זיי אַריבערגעפירט געוואָרן אויף „קאַרפּאַטאָס", וואָס האָט געאַנקערט נישט ווייט אין דער בוכטע.

די גאַנצע נאַכט זענען די גומי־שיפלעך געפאָרן הין און צוריק צווישן ברעג און דער שיף. די פעסטע הענט פון די אַמעריקאַנער מאַטראָסן האָבן אַרויפגעצויגן די איבערגעשראָקענע פּליטים אויפן דעק פון שיף. די פלמ"ח־חברים האָבן שנעל פאַנאַנדערגעפירט די געבראַכטע מענטשן אויף

די פלעצער, וואָס זענען געווען פאַר זיי באַשטימט. די פּליטים האָבן גאָרנישט געהאַט מיט זיך, חוץ אַ רוק־זאַק, אַ פעלד־פלאַש מיט וואַסער און דעם ברענענדיקן ווילן וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן איירָאָפּע.

קאַרענס קינדער, די קלענסטע פון די פּאַסאַזשירן, זענען אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער שיף די ערשטע און זיי האָבן באַקומען אַ ספּעציעלן פּלאַץ אין בויך פון דער שיף, נאָענט נעבן לייטער, וואָס האָט געפירט צום דעק. קאַרען האָט זיך געאיילט, כדי צו באַרואיקן די איבערגעשראָקענע קינדערלעך. צום גליק זענען זיי געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז זיי זענען אַלע גלייך איינגעשלאָפן. עטלעכע קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען, אָבער קאַרען איז גלייך געווען נעבן זיי און האָט זיי באַרואיקט.

עס איז פאַרביי אַ שעה, אַ צווייטע, אַ דריטע און די שיף האָט אָנגעהויבן פול צו ווערן מיט מענטשן. צום סוף איז זי געווען אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז מען האָט זיך קוים געקאָנט רירן. דאַן האָט מען אָנגעהויבן אויסצוזעצן די פּליטים אויפן דעק, און ווען אויך דער דעק איז פול געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרנעמען די בריקן איבער די דעקן.

ביל פריי, דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן פון דער שיף, איז מיט די לייטער־טרעפּ אַראָפּגעגאַנגען אונטן און דערזעענדיק ווי דער גאַנצער דעק איז אָנגעשטאָפּט ביז איבער די ברעגן, האָט ער אַ פייף געטאָן און אויסגעשריען:

— די באָסטאָנער פייערלעשער האָבן עס געדאַרפט זען, זיי וואָלטן דאָ געמאַכט יענעם סקאַנדאַל...

ער איז אָבער גלייך שטיל געוואָרן און זיך גענומען צוהערן צו אַ געזאַנג, וואָס האָט זיך צו אים דערטראָגן פון דער טונקלקייט. אַ זייער שיינע און זיסע שטימע האָט געזונגען

אַ וויג־ליד. ער איז אַראָפּ פון לייטער, אַריבערגעשפּרייזט איבער די מענטשן, וואָס זענען געלעגן אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און האָט אָנגעצונדן זיין טאַשן־לעמפּל. אין קנאַפּן ליכט האָט ער דערזען ווי קאַרען האַלט אין אירע אָרעמס אַ קליין קינד און שלעפערט אים איין מיט אַ ליד. פון גרויס איבעראַשונג האָט ער אַזש אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן. קאַרען האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געגעבן אַ ווונק, ער זאָל אויסלעשן דאָס טאַשן־לעמפּל.

— העי, קליינע — האָט ביל פריי אויסגערופן מיט זיין גראָבער שטימע. — צי רעדסטו ענגליש?

— יאָ.

— ווער האָט די אויפזיכט איבער די קינדער?

— איך האָב די אויפזיכט איבער די קינדער — האָט קאַרען געענטפערט — און איך בעט איר זאָלט רעדן אַ ביסל שטילער. איך האָב זיך געגוג אָנגעמאַטערט ביז איך האָב זיי איינגעשטילט.

— איך רעד אַזוי הויך, ווי מיר געפעלט — האָט פריי געזאָגט. — איך בין דער קאַפּיטאַן. דו ביסט דאָך נישט קיין סך עלטער פון זיי.

— אויב איר וועט אַלס קאַפּיטאַן מאַכן אייער אַרבעט אַזוי גוט, ווי איך ביי די קינדער, וועלן מיר מאָרגן זיין אין ארץ־ישראל — האָט קאַרען זיך אָפּגערופן מיט כעס.

ביל פריי האָט זיך אַ קראַץ געטאָןביים קינבאַק און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. קאַרען האָט דערביי געטראַכט, אַז ער זעט באמת נישט אויס ווי אַ בכבודיקער דענישער קאַפּי־טאַן, און זיין גראָבקייט איז מער אַ געמאַכטע, ווי אַ נאַטיר־לעכע.

— דו געפעלסט מיר, קליינע, — האָט ער צום סוף געזאָגט. — ווען דו ווערסט עפּעס דאַרפֿן, קאָנסטו קומען צו מיר און איך וועל זיך באַמיען דיר צו העלפֿן. דאַרפֿסט אָבער זיך אויפֿפֿירן מיט מער דרך־ארץ.

— איך דאַנק אײַך, קאַפּיטאַן.

— דאָס איז נישט נויטיק. קאָנסט מיך רופֿן ביל. מיר זענען אַלע פֿון זעלבן שטאַם.

קאַרען האָט אים נאָכגעקוקט און געזען ווי ער דראַפּעט זיך אַרויף אויף די לייטער־טרעפּ. אויפֿן הימל האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע שוואַכע מאָרגן־ליכט. די שיף „קאַרפּאַ־טאָס" איז געווען אָנגעשטאָפּט ביזן לעצטן צענטימעטער. זעכצן הונדערט פּליטים. דער האַלב־פּאַרזשאַווערטער אַנקער האָט קרעכצנדיק זיך אויפֿגעהויבן און זיך אָנגעשלאָגן אין הילצערנעם באָרט. די אַלטע מאַשינען האָבן לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו אַרבעטן. אַ נעפּל האָט אַרומגערינגלט די שיף, ווי גאָט אַליין וואָלט זי גענומען אין שוץ, און דער אַלטער קאַסטן האָט זיך אָנגעהויבן צו דערווײַטערן פֿון דער פּראָווינצישער בוכטע מיט דער העכסטער געשווינדיקייט פֿון — זיבן קנופּן אַ שעה.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די שיף איז אַרויס מחוץ די גרענעצן פֿון די טעריטאָריאַלע וואַסערן. „מוסד עליה ב'" האָט געוווּנען די ערשטע רונדע! אויפֿן מאַשט איז אַרויפֿגעצויגן געוואָרן אַ בלוי־ווײַסע פֿאָן און אַנשטאָט דעם נאָמען „קאַרפּאַטאָס" איז דערשינען דער נײַער נאָמען פֿון שיף — „מגן־דוד".

די שיף האָט זיך שרעקלעך געוואַקלט. צוליב דעם, וואָס די שיף איז געווען פֿול־געפּאַקט מיט מענטשן, האָט גאָר

שנעל אָנגעהויבן אויסצופּעלן פּרישע לופט צום אָטעמען. אַ בלייכקייט האָט זיך באַוויזן אויף די פּנימער פון די פּאַסאַ־זשירן. קאַרען איז געווען שטאַרק באַשעפּטיקט, גלייך ווי די איבעריקע מיטגלידער פון דער פּלמ״ח־מאַנשאַפט. זיי האָבן דערלאַנגט די רייזנדע שטיקלעך ציטרין און זיי געמאַכט קאַלטע קאָמפּרעסן, כדי צו פאַרמיידן דעם אויסברוך פון אַן אַלגעמיינער ים־קראַנקייט. ווען די ציטרינען האָבן נישט געהאָלפן, האָט קאַרען זיך געאײַלט מיט אַ שמאַטע אויסצו־ווישן די פּאָדלאָגעס. אָבער דאָס ווירקזאַמסטע מיטל אויפ־צוהאַלטן די רו און די אָרדענונג צווישן די קינדער איז געווען דער געמיינזאַמער געזאַנג, דאָס שפּילן זיך צוזאַמען און דערציילן פריילעכע מעשיות.

קאַרען האָט מצליח געווען צו באַהערשן די דענערווירטע קינדער, אָבער מיטיק־צייט איז די היץ געוואָרן גרעסער און די לופט דומפּיקער. אין די ענגע אָפּטיילונגען פון דער שיף איז אַנטשטאַנען אַן אומדערטרעגלעכער געשטאַנק, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם שווייס און פון אויסגעבראָכענעם עסן. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און עס איז אויסגעבראָכן אַ מגיפה פון חלשן. בלויז די, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער באַוווסטזיין זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן אויבערשטן דעק, פאַר די אַנדערע איז דאָרטן פּשוט קיין אָרט נישט געווען.

דריי דאָקטוירים און פיר קראַנקן־שוועסטער, אַלע אומ־לעגאַלע פּליטים פון לאַ סיאָטאַ, האָבן זיך פיבערהאַפט באַ־שעפטיקט מיט די קראַנקע און געחלשטע. — גיט די מענטשן עפּעס צום עסן, כדי זיי זאָלן נישט האָבן קיין ליידיקע מאָגנס — האָבן די דאָקטוירים פאַראָרדנט.

קאַרען האָט גענומען איבעררײדן די קינדער און זיי גערוקט עסן אין מויל. קעגן אָוונט האָט זי פאַרטיילט באַ־

רואיקונגס־מיטלען און האָט אָפּגעוואַשן בײַ די קינדער די פּנימער מיט אַ פײַכט טיכל. זי האָט געמוזט זײַן שפּאָרזאַם מיטן וואַסער, ווײַל אויף דער שיף איז געווען זייער ווייניק וואַסער.

ענדלעך איז די זון אונטערגעגאַנגען און אין דער פולגעפּאַקטער שיף האָט די לופט אָנגעהויבן צו ווערן קילער און פרישער. קאַרען האָט זיך אַזוי שווער אָנגעאַרבעט, אַז זי איז געבליבן אָן כּוחות. דער קאָפּ איז איר שווער געוואָרן און זי האָט זיך אַביסל צוגעלענט. זי איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ האַלב־שלאָף, פון וועלכן זי פלעגט זיך אויפכאַפּן יעדעס מאָל, ווען אַ קינד פלעגט זיך פאַנאַנדערוויינען. זי האָט געהערט יעדן סקריפּ און קרעכץ אין דער אַלטער שיף, וואָס האָט זיך מיט מי דורכגעבראָכן אַ וועג קיין ארץ־ישׂראל. ערשט פאַרטאָג איז זי אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף, פול מיט פאַנטאַסטישע חלומות.

אַ פּלוצימדיקער דונערדיקער גערויש האָט זי אויפגעוועקט פון שלאָף. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און דערזען, אַז עס איז שוין העלער טאָג. אַלע מענטשן פון שיף זענען געשטאַנען אויף די פיס און געקוקט צום הימל, וווּ עס איז געפלויגן אַ ריזיקער, פיר־מאָטאָרדיקער באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן.

— אַן ענגלישער עראָפּלאַן! אַ לאַנקאַסטער־באָמבאַרדירער!

— אַלע זאָלן בלײַבן אויף זייערע פּלעצער — האָט זיך דערהערט די הויכע שטים פון קאַפּיטאַן, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון מעגאַפאָן.

קאַרען איז אַראָפּגעלאָפן צוריק אונטן אין שיף און האָט געפונען די קינדער איבערגעשראָקענע און וויינענדיקע. זי

האָט אָנגעהויבן צו זינגען מיט אַ הויכער שטימע און גערופן די קינדער איר נאָכצוזינגען:

קומו ונעלה, קומו ונעלה ציון,
אל ה׳ אלוהינו!

— באַרואיקט זיך אַלע — האָט זיך ווידער דערהערט די שטים דורכן מעגאַפאָן — עס איז נישטאָ קיין שום געפאַר.

מיטיק־צייט איז אויפן האָריזאָנט דערשינען אַן ענגלישע קרייצער־שיף. דאָס איז געווען די שיף „דעפיאַנס", וועלכע האָט זיך דראָענדיק דערנענטערט צו דער שיף „מגן־דוד". די סיגנאַליזאַציע־לאָמפּן פון דער ענגלישער שיף האָבן גע־געבן ליכט־צייכנס און אַ ווײַלע שפּעטער האָט אַ קלײנע, שנעלע צעשטערער־שיף, די מאָטאָר־שיף „בלעקעלי", זיך אָנגעשלאָסן צו „דעפיאַנס" און ביידע ענגלישע מלחמה־שיפן האָבן אָנגעהויבן אַרומצושווימען אַרום דער אַלטער לאַסט־שיף, וואָס האָט קרעכצנדיק לאַנגזאַם געשוווּמען פאָרויס.

— דער קעניגלעכער פלאָט באַגלייט אונדז — האָט אויסגערופן דער קאַפּיטאַן ביל פריי דורכן מיקראָפאָן.

לויט די כללים פון שפּיל איז דערווײַל דער קאַמף געווען פאַרענדיקט. ווידער אַמאָל איז געלונגען דעם „מוסד עליה ב" אַרויסצופירן אַ פליטים־שיף פון אייראָפּע און זי ברענגען אין אָפענעם ים. די ענגלענדער האָבן אַנטדעקט די שיף און זענען איר נאָכגעשווומען. אין מאָמענט ווען די שיף „מגן־דוד" וועט מיט די מעפילים אַרײַנפאָרן אין תחום פון די פאַלעסטינער ים־ברעגן, וועלן די ענגלענדער אַרויפגיין אויפן דעק פון דער שיף און זי אָפּפירן קיין חיפה.

די פליטים אויפן דעק פון „מגן־דוד" זענען געשטאַנען

און אַריבערגעשריען מיט כעס צו די בריטישע שיפן, שיל־
טנדיק בעווינען. זיי האָבן אויסגעצויגן אַ גרויסן טראַנס־
פּאַרענט מיט דער אויפשריפט:

היטלער האָט אונדז אומגעבראַכט און די ענגלענדער ווילן אונדז נישט לאָזן לעבן!

די „דעפיאַנס" און די „בלעקעלי" האָבן אויף דעם נישט
רעאַגירט, אָבער האָבן ווייטער נאָכגעפאָלגט דער פּליטים־
שיף.

ווען די קינדער האָבן זיך באַרואיקט האָט קאַרען גע־
נומען דאגה׳ן וועגן די קינדער, וואָס זענען ערנסט קראַנק
געוואָרן צוליב מאַנגל אין פרישער לופט. זי איז אַרויף אויבן
אויפן דעק, האָט זיך מיט מי דורכגעבראָכן אַ וועג דורכן
פלאָנטער פון מענטשלעכע קערפּערס און רוק־זעק און איז
צוגעקומען צום קאַפּיטאַנס בריקל. ביל פריי איז דאָרט
געזעסן און געטרונקען קאַפע. דורכן פענצטערל האָט ער
באַטראַכט די מענטשן־מאַסע אויף זיין שיף. נעבן אים איז
געשטאַנען דער ראש פון דער פלמ"ח־גרופּע און ביי אים
עפּעס געבעטן.

— אום גאָטעס ווילן — האָט דער קאַפּיטאַן אַרויסגע־
ברומט — די יידן האָבן אייביק ליב צו ריידן און צו דיס־
קוטירן. איך גיב נישט אַרויס קיין באַפעלן, כדי מען זאָל
וועגן זיי פירן אַ וויכוח. ווי אַזוי צום טייוול ווילט איר
מצליח זיין, אויב איר רעדט וועגן יעדער זאַך אַזוי פיל?
סוף־כל־סוף בין איך דאָך דאָ דער קאַפּיטאַן.

דער ראש פון דער פלמ"ח־גרופּע האָט זיך נישט געגע־
מען צום האַרצן דעם אויסברוך פון קאַפּיטאַן. ווען ער האָט
פאַרענדיקט זיינע טענות איז ער אַרויס. ביל פריי האָט עפּעס

אַ ברום־געטאָן און אַ צי געטאָן פון זיין ציגאַרעטן־שפּיצל. דאַן איז געפאַלן זיין בליק אויף קאַרען, וועלכע איז אַ בלייכע געשטאַנען ביי דער טיר.

— האַלאָ, קליינע — האָט ער לאַכנדיק זיך אָפּגערופן — וועסט אפשר אויסטרינקען אַ ביסל קאַפע?

— זייער גערן — האָט קאַרען געענטפערט.

— דו זעסט שלעכט אויס.

— איך שלאָף זייער ווייניק צוליב די קינדער.

— יאָ... ווי אַזוי גיסטו זיך אַן עצה מיט זיי?

— צוליב דעם טאַקע בין איך געקומען צו אייך. צווישן די קינדער זענען פאַראַן אַ סך קראַנקע, און אונטן אין בויך פון שיף געפינען זיך אויך אַ סך שוואַנגערע פרויען.

— איך ווייס, איך ווייס...

— איך האַלט, אַז די קינדער דאַרפן אַרויפגעפירט ווערן אויפן אויבערשטן דעק.

ביל פריי האָט איר געוויזן מיטן פינגער דעם פול־געפּאַקטן דעק פון דער שיף און זי געפרעגט:

— ווו ווילסטו זיי ברענגען?

— דו מוזט געפינען אַ פּאָר הונדערט פרייוויליקע, וואָס וואָלטן זיך געוואָלט מיט אונדז טוישן.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, קליינע — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָפּגערופן — איך וואָלט נישט געוואָלט אָפּ־וואַרפן דיין בקשה, אָבער איך האָב אַ סך אַנדערע דאגות. די זאַך איז נישט אַזוי לייכט. מיר קאָנען נישט אין דאָזיקן אַלטן קאַסטן אַנהויבן צו שיקן די מענטשן אַהין און אַהער.

קאַרענס בליק איז געבליבן אַזוי מילד ווי ער איז גע־

ווען און אויך איר שטימע האָט געקלונגען מיט דער זעלבער פריינטלעכקייט און רואיקייט, ווען זי האָט זיך אָפּגערופן:

— איך גיי איצט אַראָפּ אונטן און ברענג אַרויף מיינע קינדער אויפן דעק.

קאַרען האָט זיך געלאָזט גיין.

— קער זיך אום צוריק — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשריען אַ קראַץ־טוענדיק זיך ביים קין־באַק. — ווי קאָן אַזאַ שיין מיידל ווי דו ווערן אַזוי שלעכט? אַלזאָ גוט, מיר וועלן אַרויפברענגען דיין קליינוואַרג אויפן דעק. צום טייוול, מען קאָן דאָ גאַרנישט פּטור ווערן פון די טענות.

די זעלבע נאַכט האָט קאַרען אַרויפגעפירט אירע קינדער אויפן דעק. אין דער פרישער און קילער לופט זענען זיי אַלע טיף איינגעשלאָפן. צומאָרגנס איז דער ים געווען גלאַט ווי אַ שפּיגל. אויפן האָריזאָנט זענען ווידער דערשינען ענגלישע פּאַטרול־עראָפּלאַנען. אינצווישנצייט האָבן זיך צו דער שיף „מגן־דוד" דערנענטערט די ענגלישע שיפן „דעפיאַנס" און „בלעקעלי".

אַ כוואַליע פון אויפרעגונג איז דורכגעלאָפן דורך דער פּליטים־שיף, ווען דער קאַפּיטאַן האָט דורכן מעגאַפאָן מיטגעטיילט, אַז זיי געפינען זיך פיר און צוואַנציק שעה רייזע פון ארץ־ישראל. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. די אָנוואַקסנדיקע שפּאַנונג צווישן די מעפּילים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויסטערלישער שטילקייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן טאָג. אין אָוונט איז „בלעקעלי" צוגעקומען נאָענט צו „מגן־דוד".

אַ דונערדיקע שטימע אין ענגליש האָט זיך דורך אַ מעגאַפאָן דערטראָגן איבערן וואַסער פון דער שיף „בלעקעלי".

— האַלאָ, פּליטים־שיף! דאָ רעדט קאַפּיטאַן קאַנינגהעם פון „בלעקעלי". איך וויל ריידן מיט אייער קאַפּיטאַן.

— האַלאָ, בלעקעלי — האָט ביל פּריי צוריקגעענטפערט — וואָס ווילט איר?

— מיר ווילן אַרויסשיקן אַ מענטש צו אייך, כדי צו פירן פאַרהאַנדלונגען.

— איר קאָנט איצט אויך ריידן — האָט ביל פּריי געענטפערט. — מיר זענען איין משפחה און מיר האָבן נישט קיין סודות איינער פאַרן אַנדערן.

— אַלזאָ גוט. אין מיטן נאַכט וועט איר אַריינשווימען אין די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון ארץ־ישראל. מיר האָבן דאַן בדעה אַרויפצוגיין אויף אייער שיף און אייך אַוועקשלעפּן קיין חיפה. מיר ווילן וויסן, אויב איר זענט גרייט זיך אונטערצוואַרפן אונדזערע באַפעלן אָן שום ווידערשטאַנד.

— האַלאָ, קאַנינגהעם! מיר האָבן אייניקע שוואַנגערע פרויען און קראַנקע מענטשן אויפן דעק. מיר ווילן אייך פרעגן, אויב איר זענט גרייט זיי אַרויפצונעמען צו אייך אויף דער שיף?

— מיר האָבן נישט קיין אינסטרוקציעס אין דאָזיקן ענין. מיר ווילן וויסן צי איר וועט זיך לאָזן שלעפּן אָדער נישט?

— וווהין?

— קיין חיפה!

— צום טייוול! מיר האָבן מסתּמא פאַרבלאָנדזשעט — האָט ביל פּריי אויסגערופן — מיט זענען אַ שפּאַציר־דאַמפּער.

— אויב אַזוי וועלן מיר זיין געצוווּנגען אַרויפצוגיין אויפן דעק מיט געוואַלד.

— קאַנינגהעם! — האָט ביל פּריי אויסגערופן.

— וואָס ווילט איר?

— טייל מיט דיינע אָפיצירן און דיין מאַנשאַפט... אַז איר קאָנט אַלע גיין צום טיוול!

די נאַכט איז צוגעפאַלן אָבער קיינער איז נישט געשלאָפן. אַלע האָבן מיט שטאַרע בליקן געקוקט דורך דער טונקלקייט, כדי צו דערזען דעם ברעג, און כדי צו וואַרפן דעם ערשטן בליק אויף ארץ־ישראל. מען האָט אָבער גאָרנישט געזען. די נאַכט איז געווען נעפלדיק און טונקל, אָן אַ לבנה און שטערן און „מגן־דוד" האָט זיך אין דער דאָזיקער טונקלקייט געשלייכט איבערן אומרואיקן ים.

נאָך האַלבער נאַכט האָט איינער פון די פלמ״ח־חברים אַנגערירט קאַרען ביים אַקסל און געזאָגט:

— קום אַרויף אין דער רודער־קאַבינע.

מיט מי האָבן זיי זיך דורכגעשטופּט דורך די אויסגעצויגענע קערפּערס און זענען אַריין אין דער רודער־קאַבינע, וווּ עס האָבן זיך שוין געפונען צוואַנציק מאַן פון דער מאַנשאַפט און אַלע גרופּן־עלטסטע פון פלמ״ח. עס איז געווען שטאָק־פינצטער און בלויז דאָס בלוילעכע ליכט, וואָס האָט געשיינט פון קאָמפּאַס, האָט באַלויכטן דעם ענגן רוים. נעבן רודער האָט קאַרען דערזען די קאָנטורן פון קאַפּיטאַנס געשטאַלט.

— זענען אַלע דאָ?

— אַלע.

— אויסגעצייכנט — האָט זיך דערהערט ביל פּרייס שטימע אין דער טונקלקייט — הערט זיך גוט צו. איך האָב אָרומגערעדט די זאַך מיטן לייטער פון פלמ״ח און מיט מיין

מאַנשאַפט, און זענען געקומען צו אַ באַשלוס. דער גאַנצער ים־ברעג איז איינגעהילט אין אַ דיקן נעפּל. אויפן דעק האָבן מיר אַ הילפס־מאָטאָר מיט וועלכן מיר קאָנען פאַרשנעלערן אונדזער געשווינדיקייט מיט פופצן קנופּ אַ שעה. אין צוויי שעה אַרום וועלן מיר זיך געפינען אין די טעריטאָריאַלע וואַסערן. אויב דער וועטער וועט בלייבן דער זעלבער וועלן מיר זיך באַמיען דורכצוברעכן צום ברעג און אַנקערן דרום־דיק פון קיסריה.

אין דער קאַבינע איז דורכגעגאַנגען אַ שטילער גע־מורמל.

— צי וועלן מיר זיך קאָנען ארויסדרייען פון די קריגס־שיפן? —

— אונדזער קאַסטן וועט אין זייערע אויגן אויסזען ווי די שנעלסטע שיף — האָט ביל פרייַ זיך אָפּגערופן — און איידער זיי וועלן זיך כאַפּן, וועלן מיר האָבן פאַרענדיקט.

— צי וועלן זיי אונדז אָבער נישט כאַפּן מיט דער הילף פון זייערע ראַדאַר־אַפּאַראַטן?

— דאָס וועלן זיי קאָנען טאָן, אָבער זיי קאָנען אונדז נישט נאָכיאָגן צו נאָענט צו די ברעגן.

— און וואָס איז מיט דער בריטישער גרענעץ־וואַך אין ארץ־ישראל?

— מיר האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן פּלמ"ח. זיי דערוואַרטן אונדז. איך בין איבערצייגט, אַז זיי וועלן היינט אָרגאַניזירן פאַר די ענגלענדער אַן אינטערע־סאַנטן אָוונט. איר האָט אַלע באַקומען אין לא סיאַטאַ אַ ספּעציעלע אויסבילדונג, ווי אַזוי מען דאַרף זיך פאַרהאַלטן בעת דער לאַנדונג. איר ווייסט וואָס עס דערוואַרט אייך און וואָס איר האָט צו טאָן. קאַרען און די ביידע אַנדערע גרופּן־

עלטסטע ביי די קינדער בלייבן נאָך דאָ איבער, כדי איך זאָל זיי קאָנען געבן ספּעציעלע אָנווייזונגען. צי האָט נאָך עמעצער וועלכע עס איז פֿראַגן?

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופֿן.

— צי האָט ווער עס איז טענות?

אויך דאָס מאָל האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופֿן.

— נו, מיטן רעכטן פֿוס! איך ווינטש אייך אַלעמען מזל און גאָט זאָל אייך העלפֿן.

קאַפּיטל 17

ווינט און נעפּל האָבן זיך געטראָגן דורך דער אַלטער, פֿאַרלאָזענער פּאָרט-שטאָט קיסריה מיט אירע חורבות, צעשטערטע מויערן און פֿאַרניכטעטן האַפֿן, וועלכער איז שוין איבער צוויי טויזנט יאָר נישט באַנוצט געוואָרן.

פֿינף הונדערט יאָר איז די שטאָט קיסריה, וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרן דורכן קעניג הורדוס לכבוד דעם רוימישן צעזאַר אויגוסטוס, געווען די הויפּט-שטאָט פֿון דער רוימישער פּראָווינץ פּאַלעסטינע. דאָס איינציקע וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון דער דאָזיקער הויפּטשטאָט זענען געווען בלויז חורבות.

ווען די רוימער האָבן אונטערדריקט דעם אויפֿשטאַנד פֿון בר־כוכבא זענען דאָ אומגעקומען צוואַנציק טויזנט יידן. דאָ האָט רבי עקיבא אויסגעהויכט זיין נשמה אויף קידוש השם.

עטלעכע מעטער דרומדיק פֿון די חורבות שטייען די ערשטע הייזער פֿון דער פֿישער קבוצה שדות־ים. אין יענער

נאַכט זענען נישט די פישער און נישט זייערע פרויען געגאַנגען שלאָפן. צוויי הונדערט מענער און פרויען פון שדות־ים זענען געזעסן באַהאַלטן אין די חורבות און האָבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם געקוקט געשפּאַנט צום ים. צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך דאָרטן אויך געפונען צוויי הונ־דערט מענטשן פון פּלמ״ח.

פון אַלטן דרוזוס־טורעם, וועלכער האָט זיך אַרויסגע־הויבן פון די ברעג־כוואַליעס איז געקומען אַ ליכט־שטראַל, אַ סימן, אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן.

ביים באָרט פון דער שיף „מגן־דוד״ איז געשטאַנען דער קאַפּיטאַן ביל פריי, וועלכער האָט זיך אָנגעלענט אין רודער פון דער אַלטער שיף. לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק האָט ער געלענקט די שיף אַלץ נענטער צום ברעג, זוכנדיק אַ וועג דורך די געפערלעכע ים־פעלזן. אויפן דעק זענען געשטאַנען די פּליטים צונויפגעפּרעסטע איינער צום אַנדערן און האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם ווי דער קאַפּיטאַן מאַנעוו־רירט מיט דער שיף.

פּלוצים האָט „מגן־דוד״ אַ ציטער געטאָן און דער הילצערנער קאָרפּוס פון שיף האָט אַ קראַך געטאָן, אָנשטויסנ־דיק זיך אין אַן אונטערוואַסערדיקן פעלז.

אין דעם מאָמענט האָט אויפגעשיינט אַ ליכט־ראַקעטע. די פּליטים האָבן גענומען שפּרינגען פון דער שיף איבערן באָרט אין וואַסער און מיט אַלע כוחות, ביזן האַלדז אין וואַסער, שריט נאָך שריט, זיך גענומען דערנענטערן צום ברעג. אין דער זעלבער צייט זענען אויך די פישער און די פּלמ״ח־מענטשן אַרויסגעשפּרונגען פון זייער באַהעלטעניש און אָנגעהויבן לויפן אין וואַסער אַנטקעגן די אָנקומענדיקע מעפּילים. לויפנדיק זענען אַ סך פּלמ״חניקעס און פישער

אַריינגעפאַלן אין טיפע וואַסער־גריבער אָדער זיי זענען פאַרשווענקט געוואָרן דורך די כוואַליעס און צוריקגעשטויסן געוואָרן צו די פעלזן. אָבער קיין שום כוח איז נישט אומשטאַנד געווען זיי אויפצוהאַלטן. די ביידע מענטשן־שטראָמען, פון ברעג און פון דער שיף, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. קרעפטיקע אָרעמס האָבן אויפגעכאַפּט די פּליטים און זיי געשלעפּט צום ברעג.

— שנעל! שנעל! — האָט מען געשריען צו די פּליטים — טוט אויס אייערע נאַסע קליידער און טוט זיך איבער!

— אַלע אייערע דאָקומענטן וואַרפט אַריין אין וואַסער!

— אַלע, וואָס האָבן זיך שוין איבערגעטאָן זאָלן גיין מיט אונדז... שנעלער! שנעלער! שנעלער!

— שטיל! אָן טומל!

— קיינער זאָל נישט אָנצינדן קיין ליכט!

די פּליטים האָבן שנעל אַראָפּגעריסן פון זיך די נאַסע בגדים און האָבן זיך איבערגעטאָן אין בלויע פישער־קליידער.

— שטייט נישט באַזונדער! מישט אייך אויס!

קאַרען איז געשטאַנען אויפן דעק פון „מגן־דוד" און האָט איינס נאָכן אַנדערן איבערגעגעבן די קינדער צו די פּלמ"ח־חברים. די קינדער זענען שנעל אַריבערגעטראָגן געוואָרן צום ברעג און די פּלמ"חניקעס האָבן זיך גיך צוריקגעקערט, כדי ווייטער אַריבערצוטראָגן קינדער פון שיף אויפן ברעג. דאָס זענען געווען געזונטע בחורים, וואָס זענען געלאָפן מיט די קינדער, האַלטנדיק זיי איבערן וואַסער.

— שנעל... שנעל!

אַ סך פּליטים האָבן נישט געקאָנט באַהערשן זייערע

געפילן. זיי האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און געפאַלן צו דער ערד, כדי צו קושן דעם הייליקן באָדן.

— איר וועט נאָך צייט האָבן צו קושן די ערד! איצט לאָמיר שנעל זיך אָפּטראָגן!

ביל פריי איז געשטאַנען אויפן בריקל פון קאַפּיטאַן און געגעבן באַפעלן דורכן מעגאַפאָן. אין משך פון אַ שעה האָבן כמעט אַלע פּליטים פאַרלאָזן די שיף, חוץ עטלעכע צענדליק קינדער און די גרופּן־פירער. דרייסיק קילאָמעטער צפונדיק פון קיסריה, האָט אַ פּלמ״ח־איינהייט אינסצעניזירט אַן איבערפאַל אויף בריטישע מאַגאַזינען ביי חיפה, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די בריטישע זעלנער פון דער לאַנדונגס־אַקציע ביי קיסריה. אין דער זעלבער צייט האָבן די פּלמ״ח־חברים און די פישער פיבערהאַפט געאַרבעט ביים אַריבערפירן די מעפּילים אויף לאַסט־אויטאָס. אַ טייל פון די מעפּילים איז געבליבן אין דער פישער־קבוצה און די איבעריקע זענען אָפּגעפירט געוואָרן ווייט אין לאַנד.

ווען דאָס לעצטע קינד איז אַרויסגענומען געוואָרן פון דער שיף האָט קאַפּיטאַן ביל פריי געהייסן אויך די גרופּן־עלטסטע אַראָפּגיין אויפן ברעג.

קאַרען האָט געפילט ווי דאָס אייז־קאַלטע וואַסער האָט זי פאַרשוועבקט. זי האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, אַ בליק געטאָן צום ברעג און זיך געלאָזט שווימען ביז זי האָט דערפילט דעם גרונט אונטער די פיס. פּלוצים האָבן זיך דערהערט איבערגעשראָקענע געשרייען אויף העברעיש און דייטש. מיט מי איז זי צוגעשווומען צו אַ גרויסן פעלז־בלאָק און איז אַרויפגעקראָכן אויף אים פוזנדיק אויף אַלע פיר. אַ כוואַליע האָט זי אָבער צוריק אַראָפּגעשוועבקט אין ים. צום גליק איז דאָרט געווען נישט טיף און שריט ביי

שריט האָט זי זיך גענומען דערנענטערן צום ברעג. ווידער האָט אַ כוואַליע זי אומגעוואָרפן און זי האָט מיט די לעצטע כוחות גענומען פּויזען אויף אַלע פיר אַלץ נענטער צום ברעג.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַן אַלאַרם־רוף פון סירע־נעס, באַגלייט מיט ביקסן־שאָסן. אויפן ברעג איז עפּעס פאָר־געקומען, אָבער זי האָט נישט געוווסט וואָס.

קאַרען האָט זיך אַרויסגעהויבן פון וואַסער, וואָס האָט איצט געגרייכט בלויז ביז אירע קנעכל און טיף אָפּגעאָטעמט. זי איז נאָך געגאַנגען עטלעכע שריט און פּלוצים האָט זי דערזען פאַר זיך אַ גרופּע ענגלישע זעלנער, אָנגעטאָן אין כאַקי־אוניפאָרמען און מיט גומי־שטעקנס אין די הענט.

— ניין! — האָט קאַרען אַ געשריי געטאָן — ניין! ניין! ניין!

שרייענדיק האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו די זעלנער און ווילד פון כעס זיי גענומען שלאָגן און דראַפּען מיט די נעגל. אַ זעלנער האָט זי אָבער אַ כאַפּ געטאָן פון הינטן און זי אַנידערגעוואָרפן אין וואַסער. אירע ציינער האָבן זיך איינ־געביסן אין האַנט פון זעלנער, וועלכער האָט פון ווייטיק אַ געשריי געטאָן און זי אָפּגעלאָזן. קאַרען האָט אויפסניי זיך געוואָרפן ווי אַ ווילדע אויף די זעלנער. דאַן האָט איינער פון זיי אַ הייב־געטאָן זיין גומענעם שטעקן און אים מיט כוח אַראָפּגעלאָזט אויף קאַרענס קאָפּ. זי האָט אַ געשריי געטאָן, זיך איינגעבראָכן און אַ באַוווסטלאָזע איז זי אַריינגעפאַלן אין וואַסער.

ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי געפילט אַ העפטיקן נאָגנדיקן ווייטיק אין קאָפּ. זי האָט אָבער אַ שמייכל געטאָן

ווען זי האָט אויפגעהויבן איר בליק און דערזען איבער זיך דאָס געזיכט און די מילדע אויגן פון קאַפּיטאַן ביל פריי.

— די קינדער! — האָט קאַרען אויסגערופן און זיך אַ הייב־געטאָן אַראָפּצוגיין פון בעט.

ביל פריי האָט זי פעסט צוגעהאַלטן ביי די אַקסלען.

— דענערוויר זיך נישט, — האָט ער זיך אָנגערופן. — דאָס רוב קינדער געפינען זיך שוין ווייט. עטלעכע פון זיי וואָס מען האָט געכאַפּט, געפינען זיך דאָ.

קאַרען האָט מיט אַ זיפץ צוגעמאַכט די אויגן. איר קאָפּ איז ווידער אַראָפּגעזונקען אויפן קישן.

— ווו זענען מיר, אייגנטלעך?

— אין אַן ענגלישן אינטערנירונגס־לאַגער... אין עתלית. דאָס איז געווען אַ וווּנדער־שיינע פאָרשטעלונג. מער ווי אַ העלפט פון די מענטשן זענען אַנטלאָפן. די ענגלענדער זענען געווען אַזוי אין כעס, אַז זיי האָבן אַרעסטירט יעטוועדן איינעם וואָס איז אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט און פאַרשפּאַרט אין לאַגער. מיין מאַנשאַפט, די פישער, די פּליטים, יעדן איינעם... אַלע זענען מיר דאָ. ווי פילסטו זיך?

— שרעקלעך. וואָס האָט, אייגנטלעך, פּאַסירט?

— דו האָסט געוואָלט איינע אַליין צעקלאַפּן די גאַנצע בריטישע אַרמיי.

קאַרען האָט אַוועקגעשאַרט די קאָלדרע אָן אַ זייט, האָט זיך אַנידערגעזעצט און אַ טאַפּ־געטאָן דאָס געשווילעכץ אויפן קאָפּ. אירע קליידער זענען נאָך געווען פייכט. זי איז לאַנג־זאַם אַראָפּ פון בעטל און אָנגעהויבן צו שטעלן אומזיכערע טריט. זי איז אַרויס פון געצעלט און האָט דערזען פאַר זיך הונדערטער אַזעלכע געצעלטן, וואָס זענען געווען אַרומגע־

רינגלט מיט אַ הויכער וואַנט פון שטעכלדראָט. אין דרויסן זענען געשטאַנען ענגלישע באַוואָפנטע וואַך־פּאָסטנס.

— איך ווייס נישט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט — האָט קאַרען געזאָגט, אַריינקומענדיק צוריק אין געצעלט — איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף עמעצן. איך האָב געזען די סאָלדאַטן, וואָס זענען דאָרטן געשטאַנען פאַר מיר און וועלכע האָבן מיך נישט געוואָלט דורכלאָזן. איך ווייס נישט ווי דאָס איז געשען, אָבער מיט איינמאָל האָב איך דערפילט, אַז איך מוז אַרויפשטעלן מיין פוס אויף דער ערד פון ארץ־ישראל. איך בין געווען גרייט אַפילו צו שטאַרבן, ווען דאָס וואָלט מיר נישט געלונגען. איך באַגרייף אַליין נישט וואָס מיט מיר איז געשען.

ביל פריי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל נעבן קאַרען.

— דו ווילסט עפּעס עסן, קליינע?

— איך בין נישט הונגעריק. וואָס האָבן זיי בדעה צו טאָן מיט אונדז?

ביל האָט אַ צוק־געטאָן מיט די אַקסלען.

— אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט נעמען טאָגן. דאַן וועלן זיי אונדז אַרויסרופן אויף אַ פאַרהער און אָנהייבן שטעלן זייערע נאַרישע פראַגן. דו ווייסט דאָך אָבער, וואָס מען דאַרף ענטפערן.

— יאָ... אויף יעדער פראַגע וואָס זיי וועלן מיר שטעלן, וועל איך ענטפערן איין זאַך: ארץ־ישראל איז מיין לאַנד.

— וועסט אַ צוויי אָדער דריי חדשים בלייבן אין לאַגער און דערנאָך וועלן זיי דיך באַפרייען. אויף יעדן פאַל ביסטו שוין אָבער אין ארץ־ישראל.

— און וואָס וועט זיין מיט אייך?

— מיט מיר? מען וועט מיך אַרויסוואַרפן פון ארץ־ישראל, פונקט ווי דאָס פריערדיקע מאָל. דאַן וועל איך באַקומען אַ נייע „מוסד"־שיף און וועל זיך באַמיען ווידער דורכצוברעכן די בלאָקאַדע.

קאַרען האָט ווידער דערפילט אַ נאָגנדיקן ווייטיק אין קאָפּ און זי האָט זיך אַ דערשעפּטע אויסגעצויגן אויפן בעטל. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און אָבסערווירט בילס פּנים, וואָס איז פון מידקייט געוועזן אַזש גרוי.

— זאָגט מיר, ביל, פאַרוואָס געפינט איר זיך אייגנטלעך דאָ?

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— איר זענט אַן אַמעריקאַנער, אָבער מיט די אַמעריקאַנער יידן איז דאָך עפּעס אַנדערש...

— פאַרוואָס מוזן מיר אַלע צושרייבן עפּעס דערהויבנס — האָט ביל פריי אַ דענערווירטער געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

ער האָט גענומען נישטערן אין זיינע קעשענעס און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ פּאָר סיגאַרעטן. זיי זענען געווען נאַס און נישט צום נוצן.

— די מענטשן פון „עליה ב'" זענען איינמאָל געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז זיי דאַרפן האָבן ים־לייט. און איך בין אַ ים־מענטש. מיין גאַנץ לעבן בין איך דאָס געוועזן. איך האָב זיך אַרויפגעאַרבעט פון אַ שיפס־יינגל ביז צום ערשטן אָפיציר. דאָס איז אַלץ... פאַר מיין אַרבעט באַקום איך באַצאָלט.

— ביל...

— יאָ...

— איך גלייב איך נישט.

עס האָט געשיינט, אַז ביל אַליין איז נישט געווען פול־שטענדיק איבערצייגט אין דעם, וואָס ער האָט פריער געזאָגט. ער איז אויפגעשטאַנען פון בעטל.

— דאָס איז שווער צו דערקלערן, קאַרען. איך האָב ליב אַמעריקע. איך וועל נישט אויסטוישן פופציק פאַלעס־טינעס אויף דעם, וואָס איך האָב דאָרטן.

קאַרען האָט זיך אָנגעלענט אויף די עלנבויגנס, האַלטנ־דיק דעם קאָפּ צווישן די הענט. ביל האָט געשפּרייזט הין־און־צוריק איבערן געצעלט, פּונקט ווי ער וואָלט געזוכט ווערטער אויף אויסצודריקן זיינע מחשבות.

— זיכער, מיר זענען אַמעריקאַנער, אָבער מיר זענען אַ באַזונדערער סאָרט אַמעריקאַנער, — האָט ביל פריי געזאָגט. — מיר זענען אַנדערש, ווי אַלע איבעריקע. אפשר זענען מיר אַליין אין דעם שולדיק און אפשר זענען גאָר שולדיק די אַנדערע. איך בין נישט גענוג קלוג, כדי זיך קלאָר צו מאַכן, ווי דאָס איז אינדעראמתן. אַ גאַנץ לעבן פלעג איך נאָר הערן, אַז מען האַלט מיך פאַר אַ פּחדן, ווייל איך בין אַ ייד. איך וויל דיר עפּעס זאָגן, קליינע: יעדעס מאָל, ווען די פּלמ״ח־לייט רייסן אויף אַ בריטישן מאַגאַזין אָדער גיבן די אַראַבער צו שמעקן פּולווער, פאַרשאַפן זיי מיר רעספּעקט אין די אויגן פון יענע אַנדערע. זיי פאַרוואַנדלען אין אַ ליגנער יעדן איינעם וואָס זאָגט, אַז יידן זענען פּחדנים. די בחורים דאָ, קעמפן אויך מיין קאַמף, דעם קאַמף פאַר אָנערקענונג און רעספּעקט. פאַרשטייסטו דאָס?

— איך מיין, אַז יאָ.

— אַלזאָ, דער טייוול זאָל מיך נעמען, אויב איך אַליין פֿאַרשטיי עס.

ביל האָט זיך ווידער צוגעזעצט צו קאַרען און באַקוקט דאָס געשווילעכץ אויף איר קאָפּ.

— עס זעט נישט אויס אַזוי שרעקלעך. איך האָב געזאָגט די דאָזיקע פֿאַרשאָלטענע ענגלענדער זיי זאָלן דיך נעמען אין שפּיטאָל.

— דאָס וועט זיך שוין פֿאַרהיילן, — האָט קאַרען זיך אָפּגערופֿן.

אין משך פֿון דער נאַכט האָבן די פּלמ״ח־חברים דורכגעפֿירט אַן איבערפֿאַל אויפֿן לאַגער און געמאַכט אַ גרויס לאָך אין צוים פֿון שטעכלדראָט, דורך וועלכן עס זענען אַנטלאָפֿן ווייטערדיקע צוויי הונדערט מעפּילים. קאַרען און ביל אָבער זענען נישט געווען צווישן זיי.

ווען דער גענויער באַריכט וועגן דעם אינצידענט מיט די מעפּילים פֿון „מגן־דוד״ איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, איז פֿאַר די ענגלענדער געווען קלאָר, אַז זיי מוזן ענדערן זייער איינוואַנדערונגס־פּאָליטיק. ביז איצט האָבן די בלאָקאַדע־ברעכער אַריינגעפֿירט קיין ארץ־ישראל בלויז עטלעכע הונדערט מענטשן. די דאָזיקע שיף האָט אָבער געהאַט אויף איר דעק קנאַפּע צוויי טויזנט מעפּילים, פֿון וועלכע דער גרעסטער טייל איז אַנטלאָפֿן בעת דער לאַנדונג אין קיסריה און ביי דעם איבערפֿאַל אויפֿן לאַגער אין עתלית, און זענען פֿאַרבליבן אין לאַנד. די ענגלענדער זענען געשטאַנען פֿאַרן פֿאַקט, אַז די פֿראַנצויזישע רעגירונג אונטערשטיצט אָפֿן די יידן און אַז יעדער זיבעטער ייד אין ארץ־ישראל איז אַן אומלעגאַלער עולה.

פֿאַר די ענגלענדער האָט זיך צוליב דעם געשאַפֿן אַ שווערע סיטואַציע. זיי זענען נאָך אַלץ ווייט געווען פֿון געפֿינען אַן ענדגילטיקע לייזונג פֿאַרן פּאַלעסטינע־פּראָבלעם. זיי האָבן דעריבער אָנגענומען דעם באַשלוס מער נישט צו אינטערנירן די אומלעגאַלע איינוואַנדערער אין עתלית, נאָר זיי גלייך צוריק אַרויספֿירן פֿון ארץ־ישראל. דער דרוק פֿון דער אומלעגאַלער עליה, און באַזונדערס דער דערפֿאָלג פֿון „מגן־דוד", האָט דערפֿירט דערצו, אַז די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן צו שאַפֿן אינטערנירונגס־לאַגערן אין ציפּערן.

קאַרען האַנסען קלעמענט איז מיט אַ בריטישער אַרעס־טאַנטן־שיף געבראַכט געוואָרן אויפֿן אינדזל ציפּערן און איז אינטערנירט געוואָרן אין לאַגער פֿון קאַראַאַלאָס. אָבער אין דער צייט ווען די שיף „מגן־דוד" איז נאָך געלעגן אין די וואַסערן פֿון קיסריה, איינגעקלעמט צווישן די פֿעלדזן, האָט דער „מוסד עליה ב'" מיט אַ נאָך שטאַרקערן טעמפּ אָרגאַ־ניזירט נייע שיפֿן, וואָס האָבן געדאַרפֿט ברענגען קיין ארץ־ישראל אַלץ גרעסערע מאַסן מעפּילים.

זעקס חדשים לאַנג איז קאַרען געבליבן אין שטויביקן לאַגער פֿון קאַראַאַלאָס, באַשעפֿטיקנדיק זיך דאָרטן מיט די קינדער. די לאַנגע צייט, וואָס זי האָט פֿאַרבראַכט אין די פּליטים־לאַגערן, האָט נישט געווירקט אויף איר געמיט און האָט נישט אַרויסגערופֿן ביי איר קיין געפֿילן פֿון פֿאַרבי־טערונג. זי האָט געלעבט מיט דער האָפֿענונג אויפֿן מאָמענט, ווען זי וועט אויפֿסניי זען ארץ־ישראל.

לאַנגע שעהן זענען פֿאַרביי זינט קאַרען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן די געשיכטע פֿון איר לעבן. אין די דאָזיקע שעהן האָט זיך צווישן קאַרען און קיטי פּרעמאָנט געשאַפֿן עפּעס

אָן אינערלעכער קאָנטאַקט. יעדע פון זיי האָט דערפילט די איינזאַמקייט פון דער צווייטער און די בייטיקייט פון דער אַנדערערס פריינטשאַפט.

— צי האָסטו נאָך עפּעס וואָס געהערט וועגן דיין פאָטער? — האָט קיטי געפרעגט.

— ניין. זינט לאַ סיאָטאַ האָב איך מער גאָרנישט געהערט, און דאָס איז שוין זייער לאַנג.

קיטי האָט אַ קוק־געטאָן אויפן זייגער און אויסגערופן:

— גאָט אין הימל. עס איז דאָך שוין נאָך האַלבער נאַכט.

— איך האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי די צייט איז אַוועק — האָט קאַרען געענטפערט.

— איך אויך נישט. אַ גוטע נאַכט, קאַרען.

— אַ גוטע נאַכט, קיטי. צי וועל איך איך ווידער זען?

— איך ווייס נישט... אפשר...

קיטי איז אַרויס און זיך געלאָזט גיין צום טויער. די ענדלאָזע רייען פון די געצעלטן זענען געלעגן שטיל און נאָר דער ליכט־שטראַל פון די פּראָזשעקטאָרן אויף די וואַך־טורעמס האָט זיי פון צייט צו צייט באַלויכטן. דער שטויב האָט זיך געווירבלט אינדערהויך, ווען קיטי איז געגאַנגען פאַרביי די לייוונטענע ביידלעך און זי האָט זיך פעסטער איינגעהילט אין איר מאַנטל. מיטאַמאָל האָט זי דערזען פאַר זיך אַרי בן־כנען. ער האָט איר געגעבן אַ סיגאַרעט און ביידע זענען שווייגנדיק אַרויס פון קינדער־לאַגער און אַרויף אויף דער בריק. אַ רגע איז קיטי שטיין געבליבן און האָט געוואָרפן אַ בליק אויף צוריק. דאַן האָט זי זיך ווידער געלאָזט גיין צום הויפּט־אַרויסגאַנג.

— איך בין גרייט פֿאַר אייך צו אַרבעטן — האָט קיטי זיך אָפּגערופֿן. — אָבער אונטער איין באַדינג. דאָס מיידל וועט נישט אָפּשווימען מיט דער שיף. זי וועט בלייבן מיט מיר, דאָ, אין לאַגער.

מסכים...

קיטי האָט זיך אויסגעדרייט און מיט שנעלע טריט פֿאַרלאָזן דעם שטח פֿון לאַגער.

קאַפּיטל 18

דער פּלאַן, וועלכן דוד האָט אויף זיין ראָמאַנטישן אופן אָנגערופן „אַקציע גדעון", איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. דב לאַנדאַו האָט גענומען צושטעלן גאַנצע הויפנס פון געפעלשטע דאָקומענטן און ענגלישע מיליטערישע פּאַפּירן, וועלכע קיטי פרעמאָנט פלעגט אַרויסשמוגלען פון לאַגער און איבערגעבן צו אַרי בן־כנען. די דאָזיקע דאָקומענטן האָבן דערמעגלעכט אַרי בן־כנען דורכצופירן די ערשטע פאַזע פון זיין פּלאַן.

ביי זיינע אויסשפּיר־רייזעס דורך ציפּערן האָט ער אַנטדעקט נישט ווייט פון קאַראַלאָס, אויפן שאָסיי קיין פאַמאַגוסטאַ, אַ גרויסן ענגלישן פאַרזאָרגונגס־לאַגער. דער לאַגער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פלויט פון שטעכלדראָט, הינטער וועלכן עס זענען געשטאַנען מאַסן לאַסט־אויטאָס און אַנדערע טראַנספּאָרט־מיטלען. דער פאַרזאָרגונגס־לאַגער איז באַשטאַנען פון איבער אַ טוץ ריזיקע מאַגאַזינען. בעתן קריג האָט דער דאָזיקער לאַגער געדינט אַלס פאַרזאָרגונגס־באַזע פאַר די אַליאירטע אַרמייען אין נאָענטן מזרח און אויך איצט איז נאָך אַ טייל פון די מאַטעריאַלן אין לאַגער געגאַנגען דורך דעם ים־וועג צו די בריטישע מיליטערישע כוחות, וואָס האָבן סטאַציאָנירט אין ראַיאָן פון מיטעלן מזרח.

פאַרשידענע לאַגער־מאַטעריאַלן, וואָס זענען שוין מער נישט געווען נויטיק פאַרן מיליטער, פלעגן אויפגעקויפט

ווערן דורך פריוואַטע הענדלער. צוליב דעם איז צווישן לאַגער און דעם פּאָרט פון פאַמאַגוסטאַ אָנגעגאַנגען אַ שטענ־דיקער פאַרקער.

די שיפּס־געזעלשאַפט פון גריך מאַנדריאַ איז געווען דער האַנדלס־פאַרמיטלער פון די ענגלענדער אין ציפּערן און אַדאַנק דעם האָט ער געהאַט אַ רשימה פון אַלע סחורות, וואָס האָבן זיך געפונען אין די מאַגאַזינען. חוץ דעם האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ סך מאַגאַזין־דאָקומענטן, וואָס זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן.

דינסטיק, אַכט אַזייגער אין דער פרי, זענען אַרי בן־כנען און נאָך דרייצן פּלמ״ח־מיטגלידער, אַלע אָנגעטאָן אין ענגלישע אוניפאָרמען און באַוואָרנט מיט ענגלישע דאָקו־מענטן, געקומען צופאָרן אין אַן ענגלישן לאַסט־אויטאָ און זיך פאַרהאַלטן ביים הויפּט־אַריינגאַנג פון די מאַגאַזינען. די „אַרבעטס־גרופּע" איז באַשטאַנען פון זאב גלבוע, יואב ירקוני און דוד בן־עמי.

אַרי, וועלכער איז לויט די געפעלשטע דאָקומענטן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין ענגלישן „קאַפּיטאַן כלב מור" האָט איבערגעגעבן דעם שעף פון מאַגאַזין אַ באַשטעלונגס־ליסטע. אַרי בן־כנענס „אַרבעטס־גרופּע" האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צוזאַמענצונעמען די אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער רשימה און זיי כלומרשט אָפּפירן צום פּאָרט פון פאַמאַגוסטאַ. דאָרטן האָבן די מאַטעריאַלן געזאָלט אויפגעלאָדן ווערן אויף דער שיף „אַכאַן".

די דאָקומענטן זענען געווען אַזוי גלענצנד געפעלשט, אַז דעם שעף פון מאַגאַזין איז איבערהויפּט נישט איינגע־פאַלן צו טראַכטן, אַז כלב איז דערמאָנט אין תנ״ך אַלס איינער פון משה רבינוס מרגלים, וועלכע ער האָט געשיקט קיין כנען, און אַז עכן איז איינער פון די, וואָס האָבן טראָץ דעם

פאַרבאָט פון יהושע בן־נון געגנבעט פון חרם אין דער שטאָט יריחו.

דער ערשטער פונקט אין דער רשימה האָט פאַרגעזען צוועלף לאַסט־אויטאָס און צוויי דזשיפּן. זיי זענען ארויס־געפירט געוואָרן פון אָרט, ווו זיי האָבן געפּאַרקט און איבערגעגעבן געוואָרן דעם „קאַפּיטאַן כלב מור". דערנאָך האָט די „אַרבעטס־גרופּע" זיך געלאָזט צו די מאַגאַזינען און אויפגעלאָדן אויף די צוועלף נייע לאַסט־אויטאָס, אַלץ וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן, כדי צו באַזאָרגן די דריי הונדערט קינדער אויף דער שיף „אַפראָדיטע" — עקסאָדוס ביים אַריבערפירן זיי קיין ארץ־ישראל.

יואב ירקוני, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַרזאָרגונג פון דער שיף האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ ליסטע, אויף וועלכער עס איז צווישן אַנדערע סחורות אויך געווען פאַרצייכנט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַטור פון דער נייעסטער קאָנסטרוקציע, ווי אויך אַלע מעגלעכע קאָנסערוון, רפואות, רעפלעקטאָרן, לייכטער וואָפן, וואַסער־עמערס, קאָלדרעס, ווענטילאַטאָרן, מעגאַפאָנען און הונדערטער אַנדערע זאַכן. יואָב איז געווען זייער ביז צוליב דעם וואָס אַרי איז דורכאויס באַשטאַנען, אַז ער זאָל זיך אָפּראַזירן די גרויסע שוואַרצע וואָנסן. אויך זאב האָט געמוזט ברענגען אַ קרבן זיינע וואָנסן, ווייל אַרי האָט מורא געהאַט, אַז מיט די וואָנסן וועלן זיי זיין צופיל ענלעך אויף יידן פון ארץ־ישראל.

דוד האָט אויפגעלאָדן אַ פּאָר טאָן נאָך אַנדערע סחו־רות, וואָס זענען נישט נויטיק געווען פאַר „עקסאָדוס", אָבער אין וועלכע מען האָט זיך דרינגנדיק גענויטיקט אין קאַראַ־אָלאָס.

זאב גלבוע האָט שיער נישט געפּלאַצט, ווען ער האָט דערזען דעם ענגלישן וואָפן־אַרסענאַל. אַלע יאָרן, זינט ער

איז אין פּלמ״ח, האָט ער שטענדיק געליטן פון מאַנגל אין וואָפן און דער אָנבליק פון דער דאָזיקער מאַסע וווּנדערשיינע מאַשין־געווערן, גראַנאַטן־וואַרפער און ביקסן, האָט אים פּשוט צעריסן דאָס האַרץ.

די „אַרבעטס־גרופּע" האָט אויסגעפירט איר אויפגאַבע מיט דער פּרעציזקייט פון אַ זייגער. אַרי האָט פון מאַנדריאַס ליסטע געענוי געוווּסט ווו יעדע זאַך ליגט. נאָכמיטאָג, ווען זיי האָבן שוין אַלץ געהאַט צוזאַמענגענומען, האָט נאָך יואב ירקוני ביים סוף געהייסן אויפלאָדן עטלעכע קאַסטנס מיט וויסקי, ברענדי און דזשין, ווי אויך אַ פּאָר פלעשער ווייַן — פּאַר מעדיצינישע צוועקן.

צוועלף נייע אויטאָס האָבן פול־געפּאַקטע ביז איבער די ברעגן, פאַרלאָזן די מאַגאַזינען כלומרשט אין דער ריכטונג פון פאַמאַגוסטאַ, כדי עס אויפצולאָדן אויף דער שיף „אַכאַן". אַרי האָט געדאַנקט דעם שעף פון מאַגאַזין פאַר דער אויס־געצייכנטער צוזאַמענאַרבעט און האָט צוזאַמען מיט זיין „אַרבעטס־גרופּע" פאַרלאָזן דעם שטח פון די מאַגאַזינען נאָך דער אַקציע, וואָס האָט געדויערט איבער זעקס שעה.

די פּלמ״ח־חברים זענען געווען באַגייסטערט פון דער לייכטקייט מיט וועלכער זיי האָבן דערגרייכט דעם ערשטן זיג, אָבער אַרי בן־כנען האָט זיי נישט געגעבן קיין צייט זיך אויסצורוען, אָדער צו זיין שטאָלץ. דאָס איז בלויז געווען דער אָנהייב.

דער ווייטערדיקער שריט פון דער „אַקציע גדעון" איז באַשטאַנען אין געפינען אַן אָרט, ווו אויסצובאַהאַלטן די לאַסט־אויטאָס מיט די סחורות, וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס צוגענומען פון די ענגלישע מאַגאַזינען. אַרי האָט אויך פאַר דעם שוין געהאַט צוגעגרייט אַ פאָרשלאַג. ער האָט ביים ים־ברעג פון פאַמאַגוסטאַ אַנטדעקט אַ בריטישן לאַגער, וואָס

איז דורך קיינעם נישט באַנוצט געוואָרן. וואַרשיינלעך האָט דאָרטן פריער סטאַציאָנירט אַ קליינע איינהייט פון בריטישן מיליטער. עס האָבן זיך נאָך דאָרט געפונען די דראָט־פאַרצוימונגען, צוויי באַראַקן און אַ נעבן־געביידע. אַפילו דער עלעקטרישער שטראָם איז נאָך נישט געווען אָפגעשניטן.

אין משך פון דריי נעכט זענען אין דאָזיקן פאַרלאָזענעם לאַגער אויפגעשטעלט געוואָרן געצעלטן דורך די פלמ"ח־חברים פון קאַראַאָלאָס און זיי האָבן דערפירט דעם לאַגער צו דעם, אַז ער זאָל אויסזען ווי אַן אמתער מיליטערישער לאַגער. די צוועלף לאַסט־אויטאָס און די צוויי דזשיפּן זענען איבערגעפאַרבט געוואָרן אויף גרינעם קאָליר, לויטן מוסטער פון די ענגלישע מיליטערישע אויטאָס. אויף די טירן פון די אויטאָס האָט יואב ירקוני אויפגעמאָלט אַ צייכן, וועלכן מען האָט געקאָנט האַלטן פאַר איינעם פון די טויזנטער אַרמיי־אָפּצייכנס: 23. טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע. המכי"ק. אין קאַנצעלאַריע פון דער „קאָמפּאַניע" זענען אויפן שרייבטיש געלעגן עכטע און געפעלשטע ענגלישע דאָקומענטן, כדי דער לאַגער זאָל אויסזען אויטענטיש.

פיר טעג שפּעטער האָט דער קליינער לאַגער מיט די צוועלף לאַסט־אויטאָס אויסגעזען אַזוי „נאָרמאַל", אַז ער האָט נישט אַרויסגערופן קיין שום פאַרדאַכט... די פלמ"ח־חברים האָבן מיטגעבראַכט פון די מאַגאַזינען אַ גרעסערע צאָל ענגלישע מונדירן, וואָס האָבן געסטייעט פאַר אַלעמען זיך איבערצוטאָן אַלס בריטישע זעלנער. צום סוף האָט נאָך יואב ירקוני אַרויפגעקלאַפּט אויפן טויער פון לאַגער אַ שילד מיט דער אויפשריפט: 23. טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע המכי"ק.

אַלע האָבן מיט פאַרלייכטערונג אָפּגעזיפצט, ווען דער שילד איז געהאָנגען איבערן לאַגער מיט דעם כלומרשטן אָפיציעלן נאָמען.

זאב האָט זיך אַ קראַץ־געטאָן אין קאָפּ און קוקנדיק אויפן טאָוול געפרעגט:

— וואָס באַדייט עס אייגנטלעך המכי״ק?

— דאָס באַדייט: הוד מלכות כוחות ישראל בקפריסין — זיין מאַיעסטעט די ישראל־כוחות אין ציפּערן. וואָס דען אַנדערש זאָל עס באַדייטן? — האָט יואב געענטפערט.

דאָס איז בלויז געווען דער אָנהייב פון רעאַליזירן די „אָקציע גדעון". אַרי בן־כנען האָט געהאַט אַזויפיל מוט, אַז ער האָט זיין גאַנצע גרופּע פאַרמאַסקירט אַלס מיליטערישע איינהייט פון דער ענגלישער אַרמיי. ער אַליין האָט זיך אָנגע־טאָן די אוניפאָרם פון אַן ענגלישן אָפיציר און אָן שום מורא האָט דער שטאַב פון „מוסד עליה ב׳" אָפן געפירט זיין טעטיקייט אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען ביים שאָסיי קיין פאַמאגוסטאַ. אַרי איז געווען אַנטשלאָסן צו רעאַ־ליזירן זיין פּלאַן, באַנוצנדיק זיך מיט ענגלישער מלחמה־אויסשטאַטונג. דאָס איז געווען אַ געוואַגטע שפּיל, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביים פּשוטסטן גרונט־פּרינציפּ, אַז די בעסטע פאַרמאַסקירונג פאַר אַ מענטשן פון דער אונטערגרונט איז זיך אויפצופירן ווי וויט מעגלעך נאַטירלעך.

די ווייטערדיקע פאַזע פון דער „אָקציע גדעון" האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם, וואָס דריי אַמעריקאַנער מאַטראָסן האָבן פאַרלאָזן זייער שיף אין פאַמאגוסטאַ און זיך מער צו איר נישט צוריקגעקערט. דאָס זענען געווען "מוסד"־מענטשן, וואָס האָבן בעתן קריג געדינט אין אַמעריקאַנער פלאָט. פון אַן אַנדער שיף זענען געקומען צוויי שפּאַניער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פראַנקאָ־רעזשים. עס האָט זייער אָפּט געטראָפן, אַז שפּאַנישע מאַטראָסן, קעגנער פון פראַנקאָ, האָבן געדינט אויף די שיפן פון „מוסד עליה ב׳". נאָכן אָנקומען פון די

אַמעריקאַנער און שפּאַנישע מאַטראָסן האָט „עקסאָדוס" שוין געהאַט אַ מאַנשאַפט, וועלכע איז דורך אַרי, דוד, יואב און זאב פולשטענדיק קאָמפּלעטירט געוואָרן.

האַנק שלאָסבערג, דער אַמעריקאַנער מאַטראָס, איז צו־זאַמען מיט יואבן צוגעטראָטן צו פאַרוואַנדלען די שיף „עקסאָדוס" אין אַ בלאָקאַדע־ברעכער. דער פּאָרט אין לאַר־נאַקאַ איז געווען זייער אַ קליינער און מאַנדריאַ האָט גוט געוווּסט ווי אַזוי צו פאַרמאַסקירן די אויסערגעוויינלעכע אַקטיווקייט, וואָס איז אָנגעגאַנגען אויפן דעק פון דער „אַפראָדיטע".

צוערשט זענען פון דער שיף אַרויסגענומען געוואָרן אַלע שאַפעס, רעגאַלן און ברעטער. די גאַנצע שיף איז גע־וואָרן איין גרויסער ליידיקער קאַסטן. דאַן זענען אויפן דעק אויסגעבויט געוואָרן צוויי הילצערנע אָפּטיילונגען: איינע פאַר יינגלעך און די צווייטע פאַר מיידלעך. דאָס עס־צימער פון דער מאַנשאַפט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַמבו־לאַטאָריע. אויף דער שיף וועט מען נישט דאַרפן קיין עס־צימער און קיין קיך. די אַלע קומענדיקע פּאַסאַזשירן פון „עקסאָדוס" וועלן עסן בלויז קאָנסערוון.

די קיך איז איבערגעבויט געוואָרן אַלס וואָפן־מאַגאַזין. אויך די קאַבינעס פון דער מאַנשאַפט זענען איבערגעבויט געוואָרן, היות עס איז געווען פאַרגעזען, אַז די מאַטראָסן זאָלן שלאָפן בלויז נעבן קליינעם שיף־בריקל. עס איז אינסטאַלירט געוואָרן אַ מעגאַפאָן־איינריכטונג, עס איז אויסגעטוישט געוואָרן די אַלטע שיף־מאַשין און עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ מאַשט מיט אַ זעגל אין פאַל, ווען די מאַשינען וועלן זיך אָפּשטעלן.

צווישן די דריי הונדערט אויסגעקליבענע יוגנטלעכע האָבן זיך אויך געפונען קינדער פון פרומע יידן. צוליב דעם

האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציעל פּראָבלעם. ירקוני האָט געמוזט אויפזוכן דעם ראש הקהילה פון ציפּערן און אים געבעטן ער זאָל צושטעלן כשר עסן פאַר די דאָזיקע קינדער.

שפּעטער איז די גאַנצע שיף גענוי אויסגעמאָסטן געוואָרן פון אויבן ביז אונטן. אין חלל פון שיף זענען אויפ־געשטעלט געוואָרן ווענטלעך צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אַן אָפּשטאַנד פון בלויז פינף און פערציק צענטי־מעטער. צווישן די דאָזיקע ווענטלעך זענען דורכגעלייגט געוואָרן ברעטער אויף וועלכע די קינדער האָבן געדאַרפט שלאָפן. מען האָט אויך פאַראָכטן די רעטונג־שיפלעך. אין באָרט זענען אויסגעבויערט געוואָרן גרויסע לעכער אין וועלכע עס זענען אַריינגעשטעלט געוואָרן ווענטילאַטאָרן. אויך די ווענטילאַציע־איינריכטונגען, וואָס זענען צוגענומען געוואָרן פון ענגלישן מאַגאַזין, זענען איינגעבויט געוואָרן אין דער שיף.

די אַרבעט האָט זיך געפירט אָן שום שטערונגען. פאַר די איינוווינער פון לאַרנאַקאַ איז דאָס געווען גאַנץ נאַטיר־לעך, וואָס אויף אַזאַ אַלטער שיף ווי „אַפּראָדיטע" אַרבעטן זעקס מענטשן ביים דורכפירן אַ רעמאָנט.

אַ סך שווערער איז אָבער געווען די פראַגע, ווי אַזוי אַרויפצוברענגען אויף דער שיף די שפּייז־פּאַרזאָרגונג און אויסשטאַטונג. אַרי האָט געהאַלטן, אַז ס'איז צו ריזיקאַליש צו פאָרן צום פּאָרט מיט די גרינע לאַסט־אויטאָס, וואָס זענען צוגענומען געוואָרן פון ענגלישן מאַגאַזין. דאָס וואָלט באַשטימט אַרויסגערופן אַ נישט־נויטיקע אויפמערקזאַמ־קייט. צוליב דעם פלעגט די שיף „עקסאָדוס", נאָכדעם ווי זי איז שוין געווען אויסרעמאָנטירט, אָפּשווימען יעדע נאַכט פון פּאָרט אין לאַרנאַקאַ צו אַ געהיימען טרעף־פּונקט אין דער דרומדיקער בוכטע, אייניקע מייל ווייט פון

לאַרנאַקאַ. דאָרטן זענען געקומען די לאַסט־אויטאָס פון דער „23־טער טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע פון „המכי"ק" מיט אַלע גוטע זאַכן, וואָס זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון ענגלישן מאַגאַ־זין. אַ גאַנצע נאַכט זענען די גומי־שיפלעך געפאָרן הין און צוריק צווישן דער בוכטע און דער שיף, ביז „עקסאָדוס" איז געווען אַזוי אָנגעלאָדן אַז מען האָט שוין דאָרטן גאָרנישט געקאָנט אַריינשטופן.

אינצווישנצייט האָט זאב גלבוע דורכגעפירט זיין אויפ־גאַבע אין דער קינדער־אָפּטיילונג פון לאַגער אין קאַראַאָלאָס. ער האָט זייער זאָרגפעליק אויסגעוויילט דריי הונדערט פון די געזינטסטע ייִנגלעך און מיידלעך. גרופּנווייז האָט ער זיי געפירט אויפן שפּיל־פּלאַץ און דורכגעפירט מיט זיי גימנאַס־טישע איבונגען. ער האָט זיי געלערנט ווי מען דאַרף זיך אומגיין מיט מעסערס און שטעקנס, מיט געווער, און ווי אַזוי מען וואַרפט אַ האַנט־גראַנאַט. אַרום שפּיל־פּלאַץ זענען געשטאַנען ספּעציעלע שומרים, וואָס האָבן אויפגעפּאַסט עס זאָלן זיך גישט באַווייזן קיין ענגלישע וואַך־זעלנער. ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווייזן אַן ענגלישער זעלנער, פלעגט זיך דערהערן אַ וואָרענונגס־סיגנאַל און פון מלחמה־שפּיל איז גלייך געוואָרן אַן אומשולדיקע פאַרווייַלונג. די קינדער, וואָס האָבן נאָר וואָס געשאָסן, האָבן לויט אַזאַ סיגנאַל, אָנגע־הויבן זינגען לידער.

ביים רעאַליזירן די „אַקציע גדעון" האָבן זיך אַרויסגע־שטעלט געוויסע שוועריקייטן, וואָס זענען אָבער געווען נאָר נוגע אַריס נאָענטסטע מיטאַרבעטער: דוד, זאב און יואב.

דוד איז וואָס אַן אמת געווען אַ פּיינפּילנדיקער יונגער מענטש און ענלעך צום טיפּ פון אַ געלערנטן. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו רעאַליזירן, האָט ער פאַר גאָרנישט

מורא געהאַט. איצט האָט ער אָנגעהויבן צו רעאַליזירן אַ געוואַגטע טאַט. ביי די ענגלישע מאַגאַזינען איז די זאַך געגאַנגען צום ערשטן מאָל זייער גלאַט, אַזוי אַז דוד, זאב און יואב האָבן געמיינט, אַז עס וואָלט געווען אַ זינד ווען מען וואָלט נישט אויסגעלײדיקט פולשטענדיק די ענגלישע מאַגאַזינען. דוד איז געווען דערפאַר מען זאָל פון פרי ביז שפּעט פאָרן מיט די לאַסט־אויטאָס אין די מאַגאַזינען און אַרויסנעמען פון דאָרט אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך נאָר. זאב האָט אַפילו געוואָלט אַרויספירן פון דאָרטן האַרמאַטן. זיי האָבן אַזוי לאַנג זיך געמוזט באַגנוגענען מיט ווייניק, אַז די איצטיקע גינסטיקע געלעגנהייט איז געווען פאַר זיי אַ צו גרויסער נסיון.

אַרי בן־כנען איז געווען קעגן דעם. ער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז זייער תאווה קאָן שטעלן אין געפאַר די הצלחה פון גאַנצן פּלאַן. די ענגלענדער זענען וואָס אַן אמת געשלאָפן, אָבער נישט אַזוי שטאַרק, אַז זיי זאָלן נישט אָנהויבן צו פאַרדעכטיקן. די לאַסט־אויטאָס פון דער „23־סטער טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע" האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע זיך צו ווייזן פון צייט צו צייט ביי די מאַגאַזינען, כדי די זאַך זאָל אויסזען נאָרמאַל, אָבער דער פּרווו אויסצו־ליידיקן די מאַגאַזינען, האָט געקאָנט דערפירן צו דעם, אַז זיי זאָלן ברעכן האַלז און נאַקן.

פונדעסטוועגן איז אַרין נישט געלונגען איינצוהאַלטן אין צוים זיינע יונגע מיטאַרבעטער. זיי האָבן געמאַכט אַלץ ווילדערע פּלענער. יואב איז אין זיין זעלבסט־זיכערקייט געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט איינגעלאַדן איייניקע ענגלישע אָפיצירן צום מיטיק אין דער כלומרשטער טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע. אַריס געדולד האָט געפּלאַצט און ער האָט זיי געדראָאַט, אַז ער וועט הייסן זיי אָפּשיקן צוריק

קיין ארץ־ישראל, אויב זיי וועלן נישט אויספירן געווי זיינע באַפעלן.

אַן ערך צוויי וואָכן שפּעטער איז שוין אַלץ געווען פאַרטיק, כדי צו רעאַליזירן די לעצטע פאַזע פון דער „אַקציע גדעון" — דאָס אַריבערפירן די דריי הונדערט קינדער קיין קירעניאַ און דאָס גלייכצייטיקע פאַרעפנטלעכן מאַרק פאַר־קערס באַריכט אין דער וועלט־פּרעסע. דער דאָזיקער ענד־גילטיקער מאַנעוווער האָט געזאָלט דורכגעפירט ווערן ווי באַלד די ענגלענדער וועלן צוטרעטן אויפצושטעלן דעם נייעם אינטערנירונגס־לאַגער אויפן שאָסיי ביי לאַרנאַקאַ און ברענגען אַהין פליטים פון קאַראַאָלאָס.

קאַפּיטל 19

פּרעד קאַלדוועל, דער אַדיוטאַנט פון גענעראַל סאַטערלענד, איז געקומען אין ביוראָ פון מאַיאָר אַלען אַליסטייר, דעם שעף פון געהיים־דינסט אויף ציפּערן. אַליסטייר, אַ מאַן פון איבער פערציק מיט אַ שטילער שטימע, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ שעמעוודיקער מענטש — האָט גענומען אַ פּאָרטפעל מיט דאָקומענטן פון זיין שרייבטיש און איז אַוועק מיט קאַלדוועלן דורכן קאָרידאָר צום גענעראַל סאַטערלענד.

דער גענעראַל האָט געבעטן קאַלדוועלן און אַליסטיירן זיך זעצן. מיט אַ שאָקל פון קאָפּ האָט ער געגעבן דעם מאַן פון געהיים־דינסט אַ צייכן, אַז ער קאָן אָנהייבן זיין רעפּעראַט. אַליסטייר האָט מיט אַ פינגער זיך אַ קראַץ־געטאָן איבערן נאָז און אָנגעהויבן בלעטערן די דאָקומענטן.

— אין קאַראַאָלאָס האָבן מיר באַמערקט אַן אויפפאַלנדיקן וווקס פון אַקטיוויטעט אין דער יוגנט־אָפּטיילונג — האָט ער אַרויסגערעדט כמעט פליסטערנדיק — מיר נעמען אָן, אַז דאָרטן ווערט צוגעגרייט אַ בונט אָדער עפּעס אַן אַנדער אַקציע.

סאַטערלענד האָט אומגעדולדיק געקלאַפּט מיט אַ פינגער אויפן שרייבטיש. אַליסטייר פלעגט אים שטענדיק מאַכן נערוועז מיט זיין שטילער שטימע און געהיימנישפולן פליסטער. אויך איצט האָט ער גערעדט אַ לענגערע צייט אין זעלבן טאָן.

— מיין ליבער מאַיאָר אַלען אַליסטייר — האָט סאַטער־לענד זיך צום סוף אָפּגערופן — איך האָב אייך אויסגע־הערט אַ פערטל שעה. איר נעמט אַלזאָ אָן, אַז די יידן פּלאַנירן עפּעס אַ שרעקלעכע טאַט. אין די לעצטע פערצן טעג האָט איר זיך באַמיט אַריינצושיקן דריי פאַרטרויאונגס־מענטשן אין דער יוגנט־אָפּטיילונג און אין פינף אַנדערע ערטער פון לאַגער. יעדער איינער פון אייערע „מייסטער־שפּיאָנען" איז אין משך פון אַ האַלבער שעה דעמאַסקירט געוואָרן און די יידן האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן. איר האָט מיר פאַרגעלייענט צוויי זייטן מיט געהיימע ראַדיאָ־געשפּרעכן, וואָס איר האָט אויפגעכאַפּט, און איר קאָנט זיי נישט דעשיפרירן. די דאָזיקע ראַדיאָ־געשפּרעכן שטאַמען לויט אייער מיינונג פון אַ געהיימען זענדער, וועמענס אָרט איר קאָנט נישט פעסט־שטעלן.

אַליסטייר און קאַלדוועל האָבן זיך שנעל איבערגעוואָרפן מיט בליקן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט איינער צום אַנדערן זאָגן: „עס וועט היינט אויך גיין זייער שווער מיטן אַלטן".

— אַנטשולדיקט, סער, — האָט אַליסטייר געזאָגט — מיר זענען אין אונדזער אַרבעט אָנגעוויזן צום גרעסטן טייל אויף השערות. פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר אויך אויפ־געדעקט אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן. מיר האָבן אייך וועגן דעם מיטגעטיילט, אָבער עס איז קיין זאַך נישט געטאָן געוואָרן קעגן דעם. אונדז איז באַקאַנט, אַז אין קאַראַאַלאָסווימלט מיט פּלמ"ח־מענטשן פון ארץ־ישראל. די דאָזיקע מענטשן פירן דורך אויפן שפּיל־פּלאַץ מיליטערישע איבונגען. חוץ דעם איז אונדז באַקאַנט, אַז די אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל שמוגלט אַריין מענטשן קיין ציפּערן און שיקט זיי אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ, נישט ווייט פון די חורבות פון סאַלאַמיס.

און מיר האָבן אַ גרונט פאַר אונדזער חשד, אַז דער דאָזיקער גריך מאַנדריאַ, קאָאָפערירט מיט די דאָזיקע מענטשן.

— צו אַלדי רוחות — האָט אויסגעשריען סאַטערלענד מיט פאַרדרוס — דאָס אַלץ איז דאָך מיר אויך געניי באַקאַנט. איר אָבער שיינט צו פאַרגעסן, אַז אַדאַנק דער אָנוועזנהייט פון די דאָזיקע ארץ־ישראל־מענטשן האָבן זיך די פליטים אין די לאַגערן נישט פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדן המון. זיי, די דאָזיקע מענטשן, פירן אָן מיט שולן, שפּיטאָלן, האָבן געגרינדעט קיכן און האָבן איבערהויפּט אַלץ געשאַפן, וואָס אין לאַגער געפינט זיך. חוץ דעם זאָרגן זיי פאַר דיסציפּלין און דערלאָזן נישט צו קיין מאַסן־אַנטלויפן דורך דעם, וואָס זיי לאָזן אַריין אין לאַגער און לאָזן אַרויס פון אים נאָר באַשטימטע מענטשן. ווען מיר וועלן פאַרטרייבן די דאָזיקע ארץ־ישראלים, וועלן מיר בלויז ברענגען צרות אויף זיך אַליין.

— אויב אַזוי — האָט זיך אָפּגערופן מאַיאָר קאָלד־וועל — דאַרף מען זען צו קויפן אייניקע פון די דאָזיקע בחורים, כדי מיר זאָלן וויניקסטנס וויסן וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן.

— איך קאָן נישט קויפן קיין יידישן שפּיאָן — האָט זיך אָפּגערופן אליסטייר. — זיי האַלטן זיך צוזאַמען און קיינער פון זיי וועט נישט פאַראַטן. יעדעס מאָל ווען מיר מיינען, אַז מיר האָבן שוין איינעם אין אונדזערע הענט, גיט ער אונדז איבער אַזעלכע אינפאָרמאַציעס, וואָס שטעלן זיך אַרויס שפּעטער פאַר פאַלשע.

— אויב אַזוי — האָט זיך ווידער קאָלדוועל אָפּגע־רופן — דאַרף מען זיי ווייזן אונדזער פויסט.

— פרעדי, פרעדי! — האָט סאַטערלענד אויסגערופן מיט אַ שטראָפנדיקן טאָן, אָנצינדנדיק זיך דערביי זיין

לולקע. — מיר טאָרן נישט אַרויפוואַרפן קיין שרעק אויף די דאָזיקע מענטשן. דאָס זענען די יעניקע, וואָס האָבן איבערגעלעבט קאָנצענטראַציע־לאַגערן. צי געדענקט איר, פרעדי, ווי עס האָט אויסגעזען בערגען־בעלזען? צי מיינט איר, אַז מיר קאָנען זיי טאָן עפּעס ערגערס?

מאַיאָר אַליסטייר האָט איצט באַדויערט, וואָס ער האָט געבעטן קאָלדוועלן מיטצוקומען מיט אים. ער האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער מאַיאָר איז אַ שטאַרק באַגרענעצטער מענטש, און כדי צו פאַרגלעטן דעם אומאָנגענעמען איינדרוק פון קאָלדוועלס רייד האָט ער זיך שנעל אָפּגערופן:

— מיר זענען אַלע סאָלדאַטן, גענעראַל. עס וואָלט דעריבער געווען אומפאַראַנטוואָרטלעך פון מיין זייט, ווען איך וואָלט אייך צוגעשטעלט באַריכטן, אַז אין קאַראַאָלאָס איז אין אָרדענונג און מיר מעגן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, וואַרטנדיק ביז עס וועט עפּעס געשען.

סאַטערלענד איז אויפגעשטאַנען, האָט ווי זיין שטייגער פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן און אָנגעהויבן צו שפּרייזן אַ פאַרטראַכטער הין און צוריק איבערן צימער. ער האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרצויגן מיט רויך און צום סוף האָט ער זיך אָפּגערופן:

— מיין אויפגאַבע אין ציפּערן איז אָפּצוהיטן די רו אין די לאַגערן, ביז אונדזער רעגירונג וועט באַשליסן וואָס צו טאָן מיטן פּאַלעסטינע־מאַנדאַט. מיר טאָרן זיך נישט פאַרוויקלען אין קיין שום אַוואַנטורע און דאַרפן פאַרמיידן אַן אויפרודערונג פון דער עפנטלעכער מיינונג.

פרעד קאָלדוועל האָט געברענט פאַר כעס. ער האָט פּשוט נישט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואָס סאַטערלענד האָט אויסגעקליבן אַ פּאָליטיק צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און

דערלויבן די יידן צו טאָן וואָס זיי ווילן. דאָס איז געווען פאַר אים פולשטענדיק אומבאַגרייפלעך.

אַלען אַליסטייר דאַקעגן האָט עס גוט פאַרשטאַנען, אָבער ער איז נישט געווען איינשטימיק מיט דער דאָזיקער פּאָליטיק. ער איז געווען פאַר דעם, מען זאָל צונישט מאַכן די עווענטועלע יידישע פּלענער אין קאַראַאַלאָס. ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט טאָן, ווי נאָר איבערגעבן סאַטערלענדן אינפאָרמאַציעס. דער באַשלוס, ווי אַזוי צו רעאַגירן איז געלעגן אין די הענט פון גענעראַל. לויט זיין מיינונג איז דער גענעראַל געווען צו מילד.

— צי האָט איר נאָך עפּעס וואָס צו זאָגן ? — האָט גענעראַל סאַטערלענד געפרעגט.

— יעס סער, — האָט אַליסטייר געענטפערט, בלעטערנדיק אין זיינע פּאַפּירן. — איך וואָלט אייך געוואָלט פרעגן צי איר האָט געלייענט מיין באַריכט וועגן דער אַמעריקאַנערין קאַטערינע פרעמאָנט און דעם זשורנאַליסט מאַרק פּאַרקער ?

— וואָס איז מיט זיי ? — האָט סאַטערלענד געפערגט.

— אַלזאָ, סער, מיר ווייסן נישט גענוי צי זי איז זיין געליבטע אָדער נישט. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז מיסיס פרעמאָנט האָט אַ קורצע צייט נאָך פּאַרקערס אָנקום קיין ציפּערן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין לאַגער פון קאַראַאַלאָס. עס איז אונדז שוין פון פריער באַקאַנט, אַז פּאַרקער איז נישט פריינטלעך געשטימט צו די ענגלענדער.

— אומזין — האָט דער גענעראַל זיך אָפּגערופן — פּאַרקער איז אַ פעיקער רעפּאָרטער. זיינע באַריכטן איבער די נירנבערגער פּראָצעסן זענען געווען אויסגעצייכנט. מיר האָבן אין האָלאַנד געמאַכט אַ שווערן פעלער. דער דאָזיקער מענטש האָט עס אויפגעדעקט און געשריבן וועגן דעם. סוף־כל־סוף

איז דאָך דאָס געווען זיין אויפגאַבע אַלס קריגס־קאָרעספּאָנדענט.

— דער פֿאַקט, וואָס מיסיס פּרעמאָנט אַרבעט אין די לאַגערן פון קאַראַאָלאָס, איז אַ באַווייז, אַז מאַרק פּאַרקער גרייט צו אַ באַריכט וועגן דער לאַגע אין די לאַגערן. צי האַלט איר, סער, אַז אונדזער חשד איז אַ באַרעכטיקטער?

— מאַיאָר אַליסטייר — האָט סאַטערלענד זיך אָפּגערופן. — טאָמער וועט מען אייך אַמאָל דאַרפן פאַרמשפּטן צוליב אַ מאָרד, ווינטש איך אייך, מען זאָל אייך נישט פאַראורטיילן אויפן סמך פון אַזעלכע נאַרישע באַווייזן, ווי איר האָט עס מיר נאָר־וואָס געבראַכט.

דער מאַיאָר איז פון אויפרעגונג אַזש רויט געוואָרן.

— די דאָזיקע קיטי פּרעמאָנט איז די פּעיקסטע קינדער־פלעגערין אויפן גאַנצן מיטעלן מזרח — האָט סאַטערלענד רואיק געזאָגט. — די גריכישע רעגירונג האָט זי אַראָפּגעבראַכט קיין סאַלאָניקי, וווּ זי האָט אָנגעפירט מיטן יתומים־הויז. און דאָס — זייער טיכטיק. דאָס געפינט זיך אויך אין אייער באַריכט. מיסיס פּרעמאָנט און מאַרק פּאַרקער זענען באַפריינדעט זינט זייער קינדהייט. אויך דאָס געפינט זיך אין אייער באַריכט. ווייטער שטייט דאָרטן געשריבן, אַז די יידישע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס האָבן זיך צו איר געווענדעט זי זאָל אַרבעטן אין לאַגער. איר לייענט דאָך אייערע אייגענע באַריכטן, מאַיאָר אַליסטייר, נישט אמת?

— איך בעט אַנטשולדיקונג, סער... — האָט מאַיאָר אַליסטייר זיך אָפּגערופן.

— איך האָב נאָך נישט געענדיקט — האָט געזאָגט סאַטערלענד. — לאָמיר אָננעמען, אַז אונדזער ערגסטער פאַרדאַכט איז באַגרינדעט. לאָמיר אָננעמען, אַז קיטי פּרעמאָנט זאַמלט באמת מאַטעריאַלן פאַר מאַרק פּאַרקערן. לאָמיר ווייטער אָננעמען, אַז מאַרק פּאַרקער שרייבט אַ סעריע

אַרטיקלען איבער קאַראַלאַס. איך בעט אײַך, מײַנע הערן, איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן איצט סוף 1946. דער קריג האָט זיך געענדיקט זינט אָנדערטהאַלבן יאָר. די מענטשן ווילן שוין מער נישט הערן וועגן קיין פּליטים און ווען זיי לייענען עפּעס וועגן דער דאָזיקער טעמע, מאַכט דאָס שוין אויף זיי נישט קיין אײַנדרוק. ווען מיר וועלן אָבער אַרויסשיקן פון צפּערן אַן אַמעריקאַנער קינדער־פלעגערין און אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, וועט דאָס זײַן זיכער אַ סענסאַציע פאַר די צײַטונגס־לייענער. מײַנע הערן, די זיצונג איז פאַרענדיקט.

מאַיאָר אַליסטייר האָט שנעל צונויפגעזאַמלט זײַנע פּאַפּירן. פּרעז קאַלדוועל, וועלכער האָט אַזש געברענט פאַר כעס, איז אויפגעשפּרונגען פון זײַן אָרט.

— און איך זאָג — האָט ער אויסגעשריען — אַז מען זאָל עטלעכע שמוציקע יידן אויפהענגען, כדי זיי זאָלן זען, ווער ס׳איז דאָ דער באַלעבאָס.

ער האָט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס צימער, אָבער סאַטערלענד האָט אים צוריקגערופן. קאַלדוועל איז געבליבן שטיין אין טיר.

— ווען איר ווילט דורכאויס טאָן די יידן שלעכטס, קאָן איך מאַכן מען זאָל אײַך שיקן קיין ארץ־ישראל. די דאָרטיקע יידן געפינען זיך נישט הינטער שטעכלדראָט און זענען באַוואָפנט. אַזעלכע מענטשן ווי איר, עסן זיי גערן אויף צום פרישטיק.

קאַלדוועל איז ווילד פון כעס געגאַנגען דורכן קאָרידאָר בײַ דער זײַט פון מאַיאָר אַליסטייר.

— קומט אַרײַן צו מיר אין ביוראָ — האָט אַליסטייר זיך אָפּגערופן.

קאַלדוועל האָט אַרײַנקומענדיק צום אינטעלידזשענס־

אַפּיציר זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול. אַליסטייר האָט גענומען פון שרייבטיש אַ בריוו־מעסער און זיך געקלאַפּט מיט אים נערוועז איבערן האַנט.

— ווען מען וואָלט מיך געפרעגט — האָט קאָלדוועל זיך אָפּגערופן — וואָלט מען אים געדאַרפט געבן דעם טיטל פון אַ לאָרד און אים דעמיסיאָנירן.

אַליסטייר האָט אָנגעהויבן נערוועז צו שפּרייזן איבערן צימער. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— הערט אויס פרעדי, איך טראַכט וועגן דעם שוין עטלעכע וואָכן. סאַטערלענדס האַלטונג איז באמת אומדער־טרעגלעך. איך האָב באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ פּערזענלעכן בריוו צום גענעראַל טעוואָר־בראַון.

— דאָס איז צו ריזיקאַליש — האָט קאָלדוועל געזאָגט, אַ צוק־טוענדיק מיט די ברעמען.

— מיר מוזן עפּעס טאָן, איידער דער דאָזיקער פּאַר־שאָלטענער אינדזל וועט אונדז פּאַלן אויפן קאָפּ. איר זענט גענעראַל סאַטערלענדס אַדיוטאַנט. אויב איר וועט מיך אונ־טערשטיצן, גאַראַנטיר איך אייך, אַז אונדז וועט גאָרנישט פּאַסירן.

קאָלדוועל האָט שוין מער נישט געקאָנט פּאַרליידן דעם גענעראַל סאַטערלענד און אַליסטייר איז געווען אַ קרוב פון גענעראַל טעוואָר־בראַון. ער האָט דעריבער צוגעשטימט צום פּלאַן אַרויסצושיקן אַ בריוו קיין לאָנדאָן.

— ביי דער זעלבער געלעגנהייט קאָנט איר אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט וועגן מיר — האָט מאַיאָר קאָלדוועל געזאָגט.

אין צימער איז אַריינגעקומען אַ קאָרפּאָראַל מיט אַ בינטל נייע אינפאָרמאַציעס. ער האָט איבערגעגעבן דעם פּאַקעט אין די הענט פון מאַיאָר אַליסטייר און איז שנעל אַרויס פון צי־

מער. אַליסטייר האָט דורכגעבלעטערט די באַקומענע אינפֿאָר־מאַציעס און האָט טיף אָפּגעזיפֿצט.

— איך האָב נאָך ווייניק צרות — האָט ער זיך אָפּגערופֿן.

— אויפֿן אינדזל איז טעטיק אַן אָרגאַניזירטע באַנדע פֿון גנבים. זיי זענען אַזוי חוצפּהדיק, אַז מיר קאָנען בשום אופֿן זיך נישט דערוויסן, וואָס זיי גנבענען.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט גענעראַל טעוואָר־בראַון באַקומען דעם מאַיאָרס געהיימען באַריכט. אין די ערשטע מינוטן איז ער געווען אַזוי אויפֿגערעגט, אַז ער האָט געהאַט בדעה אַרויסצורופֿן קיין לאָנדאָן די מאַיאָרן קאָלדוועל און אַליסטייר און אָננעמען קעגן זיי די שטרענגסטע דיסציפּלינאַרע שריט צוליבן באַריכט, וואָס האָט אין זיינע אויגן זיך כמעט געגרענעצט מיט אַ בונט. ווען ער האָט זיך באַרואיקט האָט ער זיך אָבער קלאָר געמאַכט, אַז אַליסטייר וואָלט נישט ריזיקירט צו שיקן צו אים אַזאַ באַריכט, ווען ער וואָלט נישט געווען ערנסט באַאומרואיקט.

ווען גענעראַל טעוואָר־בראַון וואָלט געהאַט בדעה צו פֿאָלגן אַליסטיירס עצה און דורכפֿירן אַן אַקציע אין לאַגער פֿון קאַראַאָלאָס, כדי צונישט צו מאַכן די פּלענער פֿון די פּליטים, וואָלט ער זיך געמוזט זייער צוויילן, ווייל אַרי בן־כנען האָט שוין אַפילו פֿעסטגעשטעלט דעם גענויען טערמין, ווען אַרויס־צופֿירן די קינדער פֿון קאַראַאָלאָס.

די ענגלענדער האָבן מיטגעטיילט, אַז זיי האָבן שוין אויפֿגעשטעלט ניין נייע לאַגערן נישט ווייט פֿון לאַרנאַקאַ און אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט מען אַ טייל פּליטים פֿון די איבערפֿולטע לאַגערן אין קאַראַאָלאָס אַריבערפֿירן אין די נייע לאַגערן. די פּליטים האָבן געזאָלט אַריבערגעפֿירט ווערן מיט לאַסט־אויטאָס אין משך פֿון צען טעג. יעדן טאָג האָט מען לויט

דער פֿאַראָרדענונג געזאָלט אַריבערפֿירן פֿון דריי הונדערט ביז פֿינף הונדערט אינטערנירטע. אַרי האָט באַשטימט דעם זעקסטן טאָג פֿון טראַנספּאָרט אַלס דעם צייט־פּונקט דורכצופֿירן די „אַקציע גדעון". אַן אונטערערדישע קאַנאַלן, אָן קאַסטנס, אָן מיסט־הויפֿנס. אַרי וועט פּשוט אַוועקפֿאָרן קיין קאַראַאָלאָס און וועט אַרויסנעמען פֿון דאָרטן די קינדער אויף בריטישע לאַסט־אויטאָס.

קאַפּיטל 20

איבערגעבן פּערזענלעך צו
מיסטער קענעט בראַדבורי.
אַמעריקען ניוס סינדיקאַט, לאָנדאָן.

ליבער בראַד!

דער איבערגעבער פון דאָזיקן בריוו און פון בייליגנדיקן באַריכט פון ציפערן איז פּ. פּ. וויטמאַן, אַ פּילאָט פון די בריטישע צווישנקאָנטינענטאַלע לופט־ליניעס.

דער „טאָג איקס" פון דער „אַקציע גדעון" איז אין פינף טעג אַרום. טעלעגראַפירט מיר תיכף, צי איר האָט באַקומען מיין באַריכט. איך האָב מיך איינגעשלאָסן אין דער אַקציע אויף דער אייגענער האַנט, אָבער איך גלייב, אַז עס קאָן זיין פון דעם אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַך.

אין „טאָג איקס" וועל איך אייך שיקן אַ טעלעגראַמע. אויב זי וועט זיין אונטערגעשריבן דורך **מאַרק** איז דאָס אַ באַווייז, אַז אַלץ קומט פאָר פּלאַנמעסיק און איר קאָנט פאַרעפנטלעכן די קאָרעספּאָנדענץ. ווען אָבער די טעלעגראַמע וועט זיין אונטערגעשריבן מיט **פּאַרקער** זאָלט איר די קאָרעספּאָנדענץ נאָך נישט פאַרעפנטלעכן, ווייל דאָס באַדייט, אַז עפּעס איז געגאַנגען קרום. אַלס באַלוינונג פאַר זיכער אַריבערפירן דעם בריוו האָבן איך צוגעזאָגט דעם פּילאָט פּ. פּ. וויטמאַן 500 דאָלאַר. זייט אַזוי גוט און גיט אים איבער דאָס געלט.

מאַרק פּאַרקער.

צו מאַרק פּאַרקער
דאָם־האָטעל, קירעניאַ, ציפּערן.

די מומע דאָראָטע איז בשלום אָנגעקומען קיין לאָנדאָן און מיר אַלע האָבן זיך געפרייט זי צו זען. מיר דערוואַרטן נייעס פון דיר. בראַד.

מאַרק פּאַרקערס באַריכט איז אַלזאָ געלעגן אין דער לאָנ־דאָנער ביוראָ פון אַמעריקען ניוס סינדיקאַט. לויט אַן אָפּגע־רעדטן צייכן האָט דער באַריכט געזאָלט דערשיינען אין די צייטונגען.

ווען קיטי האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין קאַראַאַלאָס, האָט זי זיך אַריבערגעקליבן פון דאָם־האָטעל אין האָטעל קינג־דזשאָרדזש, אין פאַמאַגוסטאַ. מאַרק האָט באַשלאָסן צו בלייבן ווייטער וווינען אין דאָם־האָטעל, כדי צו זיין נאָענט צום אָרט, ווען „עקסאָדוס" וועט אָנקומען אין פּאָרט פון קירעניאַ.

מאַרק איז צוויי מאָל געפאָרן מיטן אויטאָ קיין פאַמאַ־גוסטאַ, כדי צו באַזוכן קיטין. ביידע מאָל האָט ער זי נישט געטראָפן, ווייל זי איז געווען אין לאַגער. דער גריך מאַנדריאַ האָט אים באַשטעטיקט דאָס, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געשראָקן: דאָס יונגע מיידל, קאַרען, האָט געאַרבעט אין לאַגער אַלס קיטיס אַסיסטענטין און די ביידע זענען געווען דעם גאַנצן טאָג צוזאַמען. מאַרק האָט זיך זייער שטאַרק געזאָרגט צוליב דעם. עס האָט געשיינט, אַז קיטי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ דעם משוגענעם געדאַנק אויפצולעבן דעם אָנדענק פון איר טויטער טאָכטער, דורכן מיידל קאַרען. דאָס האָט אויסגעזען אומנאַרמאַל און איז געווען צו שפּאַנענדיק פאַר אירע נערוון. דערצו איז נאָך צוגעקומען קיטיס טעטיקייט ביים אַרויסשמוגלען געפעלשטע דאָקומענטן פון לאַגער.

ביז צום ענדגילטיקן רעאַליזירן די „אַקציע גדעון” זענען פאַרבליבן בלויז געציילטע טעג. מאַרק איז געווען נערוועז און קיטיס מאָדנע אויפפירונג האָט אים נאָך מער צערייצט. צום סוף האָט ער באַשלאָסן זיך צו טרעפן מיט איר אין קינג־דזשאָרזש־האָטעל.

פאַרנדיק קיין פאַמאַגוסטאַ זענען זיינע נערוון געווען געשפאַנט ביז צום פּלאַצן. עס איז אַלץ צוגעגאַנגען צו גלאַט. בן־כנען און זיינע מענטשן האָבן פולשטענדיק צעטומלט די ענגלענדער, וועלכע זענען געווען איבערצייגט, אַז עפּעס גרייט זיך, אָבער זיי האָבן בשום אופן זיך נישט געקאָנט דערוויסן אין וואָס איינגטלעך עס האַנדלט זיך. מאַרק האָט באַוווּנדערט די חכמה פון בן־כנען און דעם מוט פון די פלמ״ח־חברים. די אויסשטאַטונג פון „עקסאָדוס” און די אויסשולונג פון די דריי הונדערט יוגנטלעכע זענען דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן. דער ענין וועט באמת ווערן איינע פון די אינטערעסאַנטסטע דערציילונגען, וועלכע ער האָט ווען עס איז אָנגעשריבן. גלייכצייטיק אָבער האָט ער זיך געמאַכט פאַרוואָרפן צוליב דעם, וואָס ער האָט מסכים געווען זיך צו באַטייליקן אין דאָזיקן ענין.

אין קינג־דזשאָרזש־האָטעל, וואָס איז פּונקט אַזוי ווי דער דאָם־האָטעל, געשטאַנען ביים ברעג פון ים, האָט ער געזען קיטין זיצנדיק ביי אַ טיש אויף דער טעראַסע, וואָס איז אַרויס־געגאַנגען צום ים.

— האַלאָ, מאַרק! — האָט זי אויסגערופן, דערזעענדיק אים פון דער ווייטן. ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר האָט זי אים געגעבן אַ קוש אין באַק.

ער האָט באַשטעלט אַ טרונק און האָט פאַרויכערט אַ סיגאַרעט. קיטי האָט אויסגעזען ווונדערשיין. עס האָט געשיינט, אַז זי איז יינגער געוואָרן מיט צען יאָר.

— זעסט נישט אויס צו זײַן גליקלעך — האָט קיטי זיך אָפּגערופן די ערשטע. — איז דאָס צוליב דער שפּאַנונג?

— נאַטירלעך — האָט ער געזאָגט אַן אויפגערעגטער. — צי מיינסטו אפשר, אַז מען קאָן נישט ווערן געשפּאַנט?

זיי האָבן אויפגעהויבן די גלעזער און זיך אָנגעקוקט. קיטי האָט שנעל צוריקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפן טיש.

— וואָס איז מיט אײַך, מיסטער פּאַרקער? — האָט זי געפרעגט. — איר בלישטשעט ווי אַ וואָרענונגס־סיגנאַל אויפן שאָסיי. לאָז אַרויס די לופט פון האַרצן, איידער עס פּלאַצט.

— וואָס איז, קיטי? ביסט בייז אויף מיר, צי וואָס?

— מיין גאָט, איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזוי עמפּינדלעך. איך האָב געהאַט אַ סך אַרבעט. חוץ דעם האָבן מיר דאָך אָפּגערעדט זיך נישט צו טרעפן אָפט אין די לעצטע צוויי וואָכן, נישט אמת?

— אַנטשולדיקט, מיין נאָמען איז מאַרק פּאַרקער. פריער האָבן מיר זיך זייער גוט געקענט. ביי אונדז איז געווען אָנגענומען צו ריידן אָפן איינער מיטן אַנדערן וועגן אַלע זאַכן.

— איך ווייס נישט וואָס דיין אָנצוהערעניש באַדייט...

— איך מיין קאַרען — קאַרען קלעמענט־האַנסען. אַ קליין פּליט־מיידל פון דייטשלאַנד.

— איך ווייס נישט וואָס איז דאָ וועגן דעם צו ריידן.

— און איך ווייס יאָ...

— זי איז פּשוט אַ רייצנד מיידל און איך האָב זי גערן. איך האָב זי ליב און זי האָט מיך ליב.

— דו האָסט זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט זאָגן ליגן.

— איך וויל איבערהויפּט נישט ריידן וועגן דעם.

— דו זוכסט זיך אַליין אויס צרות. דאָס לעצטע מאָל האָסטו זיך פאַרוואַלגערט אַ נאַקעטע אין בעט פון אַ מאַטראָס,

דאָס מאָל, זע איך, ווילסטו זיך באַוווסטזיניק אומברענגען.
קיטי האָט אַ בליק געטאָן אין אַ זייט און אַ זאָג־געטאָן:
— די לעצטע פּאָר וואָכן בין איך געווען זייער פּאַרנונפטיק.
— און איצט באַמיסטו זיך צו פאַרלירן דיין שכל?
זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין האַנט און אַרויסגעפּליסטערט:
— איך פאַרשטיי דאָס אויך נישט. איך האָב דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט געבוירן געוואָרן אויפסניי. זי איז אַן אויסערגעוויינלעך מיידל, מאַרק.
— און וואָס וועסטו טאָן, ווען זי וועט אָפּשווימען מיט „עקסאָדוס״? צי האָסטו בדעה זי צו באַגלייטן ביז ארץ־ישראל?
— קאַרען וועט נישט אָפּשווימען מיט „עקסאָדוס״. דאָס איז געווען דער באַדינג וואָס איך האָב געשטעלט אַרי בן־כּנען, ווען איך האָב אים צוגעזאָגט צו אַרבעטן אין קאַראַאָלאָס.
— וואָס פאַר אַן אידיאָטישקייט... ביסט באמת, קיטי, אַ גרויסער נאַר.
— הער אויף! — האָט זי אויסגערופן — הער אויף צו ריידן אַזוי, ווי דאָ וואָלט עפּעס געווען נישט אין אָרדענונג. איך בין געווען איינזאַם, האָב געהונגערט נאָך סימפּאַטיע, נאָך אַזאַ ליבע, ווי נאָר דאָס מיידל קאָן מיר געבן. און איך קאָן פאַר איר זיין די נאָענטסטע, צו וואָס אויך זי גאַרט.
— דו ווילסט גאָר נישט זיין איר נאָענטסטע, דו וואָלסט געוואָלט זיין איר מוטער...
— און ווען אַפילו יאָ? איך זע נישט אין דעם קיין שום שלעכטס.
— הער, קיטי... לאָמיר אויפהערן צו שרייען איינער אויפן אַנדערן... לאָמיר ריידן וועגן דעם רואיק. איך ווייס נישט וואָס דו האָסט זיך אויסגעטראַכט, אָבער איר פאָטער לעבט וואָרשיינלעך. און אויב אַפילו ער לעבט נישט, האָט

זי אַ משפחה אין דענעמאַרק. און דריטנס: דאָס מיידל איז דורכן פּלמ״ח פאַרסמט געוואָרן, פּונקט אַזוי ווי זיי פאַרסמען אַלעמען. זי וויל אומבאַדינגט פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אין קיטיס אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון טרויער און מאַרק האָט שוין חרטה געהאַט איבער דעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

— עס איז געווען פאַלש פון מיין זייט — האָט קיטי געזאָגט — וואָס איך האָב איר נישט דערלויבט אַפּגעשווימען מיט „עקסאָדוס". איך האָב געוואָלט אַ פּאָר חדשים זי האָבן נעבן זיך, געווינען איר צוטרוי. איך האָב איר געוואָלט איבערצייגן, ווי ווונדערבאַר דאָס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט מיט מיר אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב געמיינט, אַז ווען איך וואָלט געווען מיט איר צוזאַמען עטלעכע חדשים, וואָלט איך אַלץ געוווסט געניי...

— קיטי... קיטי!... קאָרען איז נישט סאַנדראַ, דיין פאַר־שטאָרבענע טאָכטער. דו האָסט סאַנדראַ געזוכט די גאַנצע צייט, פון אויגנבליק זינט די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. דו האָסט זי אויך געזוכט אין יתומים־הויז אין סאַלאָניקי. אפשר איז דאָס טאַקע געווען די סיבה, צוליב וועלכער דו האָסט אָנגענומען בן־כנענס פאָרשלאַג צו אַרבעטן אין קאַראַאַלאָס, ווייל דאָרטן זענען געווען די קינדער אין דו האָסט געמיינט, אַז איינס פון די דאָזיקע קינדער קאָן זיין סאַנדראַ.

— איך בעט דיך, מאַרק, הער אויף.

— שוין, גוט. וואָס זשע קאָן איך טאָן פאַר דיר?

— באַמי זיך צו דערוויסן, צי איר פאָטער לעבט. אויב ער איז טויט וויל איך קאָרען אַדאָפּטירן און זי מיטנעמען קיין אַמעריקע.

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך קאָן — האָט מאַרק געזאָגט. אין דער זעלבער רגע האָט ער דערזען ווי ארי בן־

כנען, וועלכער איז געווען איבערגעטאָן אַלס „קאַפּיטאַן כלב מור" האָט זיך מיט שנעלע טריט דערנענטערט צו זיי. זיין געזיכט איז געווען קאַלט און באַהערשט ווי שטענדיק. דאָקעגן האָט קיטיס געזיכט אויפגעשיינט ווען זי האָט אים דערזען.

— איך האָב נאָר־וואָס באַקומען א ידיעה פון קאָראַאַד־לאָס — האָט אַרי בן־כנען געזאָגט — איך מוז תיכף אַהין אָפּפאָרן. עס שיינט מיר, אַז עס וואָלט געווען געווונטשן, איר זאָלט מיך באַגלייטן, קיטי.

— וואָס איז געשען? — האָבן מאַרק און קיטי כמעט גלייכצייטיק געפרעגט.

— גענוי ווייס איך אויך נישט אין וואָס עס גייט — האָט אַרי בן־כנען געענטפערט. — דאָס האָט עפּעס א שייכות צו דב לאַנדאַו וועלכער מאַכט פאַר אונדז אַלעמען דאָקו־מענטן. ער אַרבעט איצט איבער דער רשימה פון די דריי הונדערט קינדער. ער זאָגט זיך אָבער אָפּ ווייטער מיטצו־אַרבעטן כל־זמן ער וועט נישט ריידן מיט מיר.

— צו וואָס דאַרפט איר אַלזאָ מיך? — האָט קיטי געפרעגט.

— אייער פריינדין קאַרען איז אפשר דער איינציקער מענטש וואָס קאָן מיט אים ריידן.

קיטי איז בלאַס געוואָרן.

— די רשימה מוז פאַרענדיקט ווערן אין משך פון די נאָענטסטע זעקס און דרייסיק שעה — האָט אַרי געזאָגט.

— עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז איר וועט דאַרפן ריידן מיטן דאָזיקן בחור דורך קאַרענס פאַרמיטלונג.

קיטי איז אויפגעשטאַנען פון איר שטול און איז ווי א היפּנאָטיזירטע נאָכגעגאַנגען אַרי בן־כנען. מאַרק האָט א פאַרזאָרגטער געשאָקלט מיטן קאָפּ און לאַנג געקוקט צו דער טיר דורך וועלכערביידע זענען פאַרשוווּנדן.

קאַפּיטל 21

קאַרען איז געשטאַנען אין קלאַסן־צימער, וואָס האָט געדינט אַלס הויפּט־שטאַב פון פּלמ"ח. אַן אויפגערעגטע האָט זי אָנגעקוקט דב לאַנדאַו, דאָס ייִנגל מיטן מילדן געזיכט און בלאָנדן קאָפּ האָר. ער איז געווען עטוואָס צו קליין פאַר אַ זיבעצן־יאָריקן בחור און זיין מילדער אויסזען האָט נישט פאַראַטן דעם פּייַן, וואָס האָט געברענט אין זיינע קאַלטע, בלויע אויגן. ער איז געשטאַנען געבן אַ קליינער בישע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די פּאַפּירן, וואָס האָבן אים גענוצט צו זיין אַרבעט ביים פעלשן דאָקומענטן.

קאַרען איז צוגעגאַנגען צו אים און מיט אַ פינגער געדראָט פאַר דער נאָז.

— ד'ב, דב, וואָס איז שוין ווידער געשען מיט דיר?

דאָס ייִנגל האָט זיך פאַרקרימט און עפּעס אַ ברום־געטאָן.

— הער אויף צו ברומען אויף מיר, ווי אַ הונט — האָט קאַרען געזאָגט. — איך וויל וויסן וואָס מיט דיר איז שוין ווידער געשען.

דב לאַנדאַו האָט אָנגעהויבן נערוועז צו פינטלען מיט די אויגן. ער האָט געטראַכט, אַז ס'האָט נישט קיין זין זיך אַרומצוקריגן מיט קאַרען, ווען זי איז אין כעס.

— איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט, אַז איך וויל ריידן מיט אַרי בן־כנען.

— צו וואָס?

— דו זעסט וואָס דאָס איז? — האָט ער געזאָגט —

דאָס זענען געפעלשטע ענגלישע פּאַפּירן. בן־כנען האָט מיר געגעבן אַ ליסטע פון די דריי הונדערט יינגלעך און מיידלעך, וואָס דאַרפן אַרויפגעצויגן ווערן אויף דער רשימה און אַריבערגעפירט ווערן אין נייעם לאַגער ביי לאַרנאַקאַ. אין דער אמתן אָבער, וועלן זיי צום לאַגער נישט געבראַכט ווערן. זיי וועלן אַרויפגעזעצט ווערן אויף אַ „מוסד"־שיף, וואָס געפינט זיך ערגעץ־ווו, און זיי וועלן מיט דער שיף אָפּשווימען קיין ארץ־ישראל.

— נו, איז וואָס? דו ווייסט דאָך, אַז מיר פרעגן נישט די מענטשן פון „מוסד" אָדער פּלמ"ח, וואָס זיי האָבן פאַר אַ פּלענער.

— ריכטיק, אָבער דאָס מאָל וועל איך פרעגן. אונדזערע ביידנס נעמען זענען אויף דער ליסטע נישט פאַראַן. איך וועל נישט מאַכן די פּאַפּירן, אויב זיי וועלן אויך אונז נישט מיט־נעמען.

— פון וואַנען ווייסטו וועגן עפּעס אַ שיף? און אויב אפילו עס איז פאַראַן אַ שיף און מיר וועלן נישט מיטפאָרן, איז דאָך מסתמא פאַראַן אַ סיבה דערביי. מיר ביידע האָבן דאָ, אין קאַראַאָלאָס, צו טאָן אַ באַשטימטע אַרבעט.

— מיך אינטערעסירט נישט, צי זיי דאַרפן מיך דאָ אין קאַראַאָלאָס, אָדער נישט. מען האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מען וועט מיך נעמען קיין ארץ־ישראל, און איך וויל מיטפאָרן.

— און עס פאָלט דיר גאָרנישט איין, אַז מיר זענען שול־דיק די דאָזיקע מענטשן פון פּלמ"ח אַ דאַנק פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר אונדז?

— געטאָן פאַר אונדז? פאַר אונדז געטאָן? דו ווייסט אפילו נישט, ווי שטאַרק זיי זענען פאַראינטערעסירט אַריבער־צושמוגלען יידן קיין ארץ־ישראל. דו מיינסט טאַקע ערנסט, אַז זיי טוען עס דערפאַר, וואָס זיי האָבן אונדז ליב? ניין! דאָס

טוען זיי, ווייל זיי דאַרפֿן האָבן מענטשן, וואָס זאָלן קעמפֿן קעגן די אַראַבער.

— און וואָס איז מיט די אַמעריקאַנער יידן, און אַלע אַנ־דערע, וואָס קעמפֿן נישט קעגן די אַראַבער? פֿאַרוואָס העלפֿן זיי אונדז?

— דאָס וועל איך דיר אויך זאָגן. זיי גיבן געלט, ווייל זיי ווילן באַרואיקן זייער שלעכטן געוויסן. זיי פֿילן זיך שולדיק, ווייל מען האָט זיי נישט פֿאַרברענט אין די גאַז־קאַמערן.

קאַרען האָט פֿאַרביילט די הענט אין פֿויסטן און צוגע־מאַכט די אויגן, כדי נישט צו פֿאַרלירן איר געדולד.

— דב, דב! צי האָסטו נישט קיין אַנדערע געפֿילן ווי נאָר שנאה?

זי האָט זיך אומגעדרייט און זיך געלאָזט גיין צום טיר.

דב איז איר נאָכגעלאָפֿן און פֿאַרשטעלט דעם אַרויסגאַנג.

— ביסט שוין ווידער אין כעס אויף מיר? — האָט ער געפֿרעגט.

— יאָ, איך בין אין כעס.

— קאַרען דו ביסט דער איינציקער פֿריינד, וואָס איך האָב.

— דאָס איינציקע צוליב וואָס דו ווילסט פֿאָרן קיין ארץ־ישראל איז, כדי זיך אָנצושליסן צו די טעראָריסטן און הרגענען מענטשן...

קאַרען איז צוריקגעגאַנגען, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אַ זיפֿץ געטאָן. קעגנאיבער איר אויף דער וואַנט איז געשטאַנען אַ טאָוול אויף וועלכן עס איז מיט קרייד געווען אויפֿגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

די באַלפֿור־דעקלאַראַציע פֿון יאָר 1917 איז די בריטישע הבטחה צו געבן די יידן אַ היימלאַנד אין ארץ־ישראל.

— אויך איך וויל עולה־זיין קיין ארץ־ישראל — האָט קאַרען שטיל געזאָגט. — איך וויל אַזוי שטאַרק פאָרן, אַז די נשמה גייט מיר שיעור נישט אַרויס. מייַן פאָטער דערוואַרט מיך דאָרטן... איך ווייס דאָס גענוי...

— גוט, גיי צו זיך אין געצעלט און וואַרט דאָרטן אויף מיר — האָט דב זיך אָפּגערופן. — בן־כנען דאַרף דאָ באַלד זיין.

ווען קאַרען איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער האָט דב לאַנדאַו אָנגעהויבן נערוועז שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. דער כעס איז אין אים געוואַקסן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ענדלעך האָט זיך געעפנט די טיר און די ברייטע, הויכע געשטאַלט פון אַרי בן־כנען איז דערשינען אין אַריינגאַנג. הינטער אים זענען געשטאַנען דוד בן־עמי און קיטי פרעמאָנט. אַלע דריי זענען אַריין אין צימער און דוד האָט צוגעשלאָסן די טיר מיט אַ שליסל.

דב לאַנדאַו האָט מיט חשד אָנגעקוקט די אַריינגעקומענע.

— די דאָזיקע פרוי וויל איך דאָ נישט זען — האָט דב אויסגערופן, וויַיזנדיק מיטן פינגער אויף קיטי פרעמאָנט.

— אָבער איך וויל, אַז זי זאָל דאָ יאָ זיין — האָט אַרי צוריקגעענטפערט. — אַלזאָ, זאָג וואָס ווילסטו.

דב לאַנדאַו האָט אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה. ער האָט געוווּסט, אַז קעגן בן־כנען וועט ער נישט קאָנען באַשטיין. ער איז צוגעגאַנגען צו דער נישע און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט דאָס פּעקל מיט די קאָפּיעס פון די פאַלשע דאָקומענטן.

— איך בין זיכער, אַז איר האָט דאָ אין ציפּערן אַ שיף, און אַז די דריי הונדערט ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס געפינען זיך אויף דער דאָזיקער רשימה, דאַרפן אָפּשווימען מיט דער שיף.

— דאָס איז נישט קיין שלעכטע אידייע — האָט אַרי געזאָגט. רייד ווייטער.

— מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט, בן־כנען. איך וועל די דאָזיקע רשימה נישט אויספּאַרטיקן, אויב אין איר וועט זיך נישט געפינען מיין נאָמען און דער נאָמען פון קאַרען קלעמענט. צי האָט איר מיך נאָך עפּעס וואָס צו פרעגן?

אַרי האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שנעלן בליק צו קיטין.

— צי האָסטו אייגנטלעך שוין אַמאָל געטראַכט, דב, אַז דו ביסט דער איינציקער ספּעציאַליסט ביי אונדז, און מיר קאָנען זיך דעריבער אָן דיר נישט באַגיין? — האָט דוד בן־עמי געפרעגט. — און צי האָסטו זיך נישט פאַרטראַכט איבער דעם, אַז איר ביידע, דו און קאַרען, זענען פאַר אונדז וויכטי־קער דאָ, ווי אייער אָפּפאָר קיין ישראל?

— און צי האָט איר זיך נישט פאַרטראַכט איבער דעם, אַז דאָס אַלץ וואָס איר רעדט גייט מיך אָן ווי דער פאַראַיאָ־ריקער שניי? — האָט דב לאַנדאַו געענטפערט.

אַרי האָט אַראָפּגעלאָזט זיין בליק, כדי אויסצובאַהאַלטן דעם שמייכל, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. דב איז געוועזן אַן עקשן און אַ כיטרער יונג, וואָס האָט זיך פאַר גאָר־נישט אָפּגעשראָקן. דאָס לעבן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט איבערגעלאָזט אַ צייכן אויף זיין כאַראַקטער.

— עס שיינט, אַז דו האַלטסט די קאָרטן אין האַנט — האָט אַרי געזאָגט. שרייב אַרויף דיין נאָמען אויף דער רשימה.

— און וואָס איז מיט קאַרען?

— וועגן דעם איז אין אונדזער הסכם לגמרי נישט געוועזן קיין רייד.

— אויב אַזוי מאַך איך אַ נייעם הסכם און שטעל אַ נייעם באַדינג...

אַרי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דב לאַנדאַו און זיך צוגע־בויגן צו אים.

— דאָס געפעלט מיר נישט, דב — האָט בן־כנען געזאָגט.

דב האָט זיך צוריקגעצויגן, און אויסגעשריען:

— שלאָגט מיך וויפל איר ווילט! מיך האָב שוין געשלאָגן ספּעציאַליסטן! איר מעגט מיך דערהרגענען, איך האָב נישט קיין מורא. נאָך דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט ביי די דייטשן, קאָנט איר מיך שוין מיט גאָרנישט איבערשרעקן.

— הער אויף צו פירן ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע — האָט אַרי געזאָגט — גיי צו זיך און וואַרט דאָרטן אויף מיר. אין צען מינוט אַרום וועסטו באַקומען אַן ענטפער.

דב האָט אויפגעשלאָסן די טיר און איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון צימער.

— אַזאַ קליינער ממזר — האָט דוד זיך אָפּגערופן.

אַרי האָט געגעבן אַ ווונק צו דודן און יענער איז אַרויס פון צימער. אין דעם מאָמענט איז קיטי, אויסער זיך, צוגע־פאַלן צו אַרין און אויסגערופן:

— קאַרען וועט נישט אָפּפאָרן מיט דער שיף! דאָס האָט איר מיר צוגעזאָגט! זי וועט נישט אָפּשווימען מיט „עקסאָ־דוס”!

אַרי האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— איך וועל מיט אייך קיין איין וואָרט נישט ריידן אויב איר וועט זיך די מינוט נישט באַרואיקן — האָט ער געזאָגט.

— מיר האָבן גענוג צרות און מיר דאַרפן נישט קיין היסטע־רישע פרויען.

קיטי האָט העפטיק אַרויסגעריסן איר האַנט.

— הערט אויס — האָט אַרי ווייטער געזאָגט — מיט דער דאָזיקער מעגלעכקייט האָב איך זיך לגמרי נישט גערעכנט. אין פיר טעג אַרום וועט דער ענין זיין דערליידיקט. מיר גע־

פינען זיך אַלע אין די הענט פון דאָזיקן ייִנגל און ער ווייסט וועגן דעם. אויב ער וועט נישט אויספּאַרטיקן די דאָקומענטן קאָנען מיר זיך נישט רירן פון אָרט.

— רעדט מיט אים, זאָגט אים אַלץ צו, אָבער קאַרען לאָזט איבער דאָ.

— איך וועל מיט אים ריידן אַזוי לאַנג, ביז איך וועל הייזעריק ווערן. איך צווייפל אָבער צי איך וועל עפּעס דער־גרייכן.

— בן־כּנען... איך בעט אייך... ער וועט איינגיין אויף אַ פּשרה. ער וועט זיך נישט איינעקשנען, אַז קאַרען זאָל מיט־פאָרן.

אַרי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט קאָפּ און געזאָגט:

— איך האָב שוין געזען הונדערטער אַזעלכע ייִנגלעך, ווי ער. עס איז ביי זיי נישט געבליבן קיין סך מענטשלעכע געפילן. קאַרען איז פאַר דב די איינציקע, וואָס פאַרבינדט אים מיט דער וועלט. איר ווייסט אַזוי גוט ווי איך, אַז ער וועט בלייבן טריי דעם מיידל.

קיטי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן טאָוול מיט דער אויפ־שריפט וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. בן־כּנען איז גע־רעכט — האָט זי געטראַכט. און מאַרק פּאַרקער איז אויך געווען גערעכט. זי האָט זיך באַנאַרישט...

— עס איז פאַראַן נאָר איין וועג — האָט אַרי געזאָגט — גייט צום דאָזיקן מיידל און דערציילט איר וואָס איר פילט לגבי איר. דערקלערט איר, פאַרוואָס איר זענט אַזוי פאַראינ־טערעסירט, אַז זי זאָל בלייבן מיט אייך.

— דאָס קאָן איך נישט — האָט קיטי אַרויסגעפּליסטערט — איך קאָן נישט...

מיט אַ הילפלאָזן און פאַרצווייפלטן בליק האָט זי אָנגעקוקט אַרי בן־כּנען.

— אַזאַ זאַך האָבן איך זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט —
האָט אַרי בן־כנען געזאָגט — עס טוט מיר לייד, קיטי.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, ווען ער האָט זי אָנגע־
רופן מיטן נאָמען קיטי.

— פירט מיך אָפּ צוריק צו פאָרקערן — האָט זי געזאָגט.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. פאַר דער טיר איז
געשטאַנען דוד.

— גיי צו דב׳ן און זאָג אים, אַז מיר זענען מסכים אויף
זיינע באַדינגונגען.

ווען דב לאַנדאַו האָט אויסגעהערט, אַז בן־כנען האָט
נאָכגעגעבן, איז ער שנעל אַוועקגעלאָפן צו קאַרענס געצעלט.
מיט אַ גערירטער שטימע האָט ער אויסגעשריען:

— מיר פאָרן קיין ארץ־ישראל!

— באמת?

— מיר דאַרפן דאָס אָבער האַלטן בסוד. נאָר דו און איך
זענען די איינציקע צווישן די קינדער, וואָס ווייסן וועגן דעם.

— און ווען פאָרן מיר אָפּ?

— נאָך אַ פּאָר טעג. בן־כנען און זיינע מענטשן וועלן
קומען אַהער מיט לאַסט־אויטאָס. זיי וועלן זיין אָנגעטאָן אין
ענגלישע מונדירן. זיי וועלן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי פירן
אונדז אָפּ אין נייעם לאַגער נעבן לאַרנאַקאַ.

— באמת?

זיי זענען אַרויס פון געצעלט האַלטנדיק זיך פאַר די
הענט. זיי זענען געגאַנגען לאַנגזאַם דורך די לאַנגע רייען פון
די פּליטים־געצעלטן צום שפּיל־פּלאַץ, וווּ זאב האָט געשולט
די יוגנטלעכע ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט מעסערס.

דב לאַנדאַו איז געגאַנגען ווייטער אַליין, לענגאויס דער
וואַנט פון שטעכלדראָט. ער האָט געזען ווי די ענגלישע וואַך־
פּאָסטנס מאַרשירן אַרויף און אַראָפּ.ביים סוף פון דער

לאַגער־וואַנט איז געשטאַנען אַן אָבסערוואַציע־טורעם, וואָס איז געווען אויסגעשטאַט מיט מאַשין־געווער און רעפלעקטאָרן.

שטעכלדראָט — מאַשין־געווער — וואַך־פּאָסטנס...

ווען איז ער אין זיין לעבן נישט געווען הינטער שטעכל־דראָט? צי עקזיסטירט איבערהויפּט אַ לעבן אָן שטעכל־דראָט, מאַשין־געווער און וואַך־פּאָסטנס? עס איז אים געווען שווער זיך צו דערמאָנען. דאָס איז געווען אַזוי לאַנג צוריק... מיט אַזאַ לאַנגער צייט צוריק...

קאַפּיטל 22

וואַרשע, זומער 1939.

מענדל לאַנדאַו איז געווען אַ קליינער בעקער אין וואַרשע. אין פאַרגלייך מיטן פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט, האָט ער געלעבט גוזעלשאַפטלעך, אינטעלעקטועל און פינאַנסיעל אין צווייטן עק פון דער וועלט. מענדל לאַנדאַו און יאָהאַן קלע־מענט האָבן אַבסאָלוט נישט געהאַט צווישן זיך קיין שום געמיינזאַמס, חוץ דעם, וואָסביידע זענען געווען יידן.

אַלס יידן האָט יעדער איינער פון זיי געמוזט געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: ווי אַזוי איינשטעלן די צווישנ־באַציאונגען מיט דער אַרומיקער סביבה? פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט האָט ביזן לעצטן מאָמענט זיך געקלאַמערט אין דער אידעע פון פולשטענדיקער אַסימילאַציע, דאַקעגן איז מענדל לאַנדאַו, וועלכער איז געווען אַ באַשיידענער מענטש און אויך נאָכגעטראַכט וועגן זעלבן ענין, — געקומען צו גאַנץ אַנדערע אויספירן.

אין קעגנזאַץ צום פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט האָט מענדל לאַנדאַו געלעבט אין אַ סביבה, וואָס האָט אים געלאָזט פילן, אַז ער איז אַ פרעמדער, אַן אַריינדרינגלער. זיבן הונ־דערט יאָר זענען די פוילישע יידן אויסגעשטאַנען אַלערליי פאַרפאָלגונגען, אַנהויבנדיק פון דיסקרימינאַציע און פאַרענ־דיקנדיק מיט מאַסן־פּאָגראָמען.

צוערשט זענען די יידן אַנטלאָפֿן קיין פּוילן פֿון די פֿאַר־פֿאָלגונגען מצד די קרייץ־ריטער. זיי האָבן זיך געראַטעוועט אין פּוילן פֿון דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכיע, ווו עס האָט זיי געדראָט דער „הייליקער" קריסטלעכער שווערד. ווי אַלע פּוילישע יידן האָט מענדל לאַנדאַו געוווסט, וואָס זיינע ברידער האָבן געהאַט אויסצושטיין צוליב די בלוט־בלבולים, אָבער גלייכצייטיק איז געווען פֿאַר אים אויך קלאָר, אַז די פֿאַרפֿאָלגונגען זענען געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער מורא פֿאַר יידישער האַנדלס־קאָנקורענץ.

די יידישע ליידן האָבן דערגרייכט זייער הויך־פּונקט אין דער פּאַסכאַ־וואָך. אַ ווילדער המון האָט זיך אַריינגעריסן אין די יידישע וווינונגען און אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן קינד און קייט. די יעניקע, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַריבערגיין צום קריסטלעכן גלויבן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויפֿן אָרט.

אויף די יידן איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַ ספּעציעלער שטייער. זיי זענען אויך געצוווּנגען געוואָרן זיך אָנצוטאָן אַ געלע לאַטע, כדי מען זאָל דערקענען, אַז זיי זענען פֿון אַ פֿרעמדער ראַסע. טויזנטער געזעצן און פֿאַראָרדענונגען זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן, כדי צו דערנידעריקן און דערשטיקן די יידן. די יידן זענען פֿאַרשפּאַרט געוואָרן אין געטאָס און זענען אַרומגעצוימט געוואָרן דורך הויכע מויערן, כדי זיי צו איזאָלירן פֿון דער אַרומיקער געזעלשאַפֿט.

אין די דאָזיקע געטאָס האָט אָבער פּאַסירט עפּעס אומגעוויינלעכס. די יידן זענען דאָרטן נישט דערדריקט געוואָרן, נאָר פֿאַרקערט. זייער רעליגיעז און קולטורעל לעבן איז דאָרטן נאָך מער פֿאַרטיפֿט געוואָרן. זיי זענען דאָרטן געוואַקסן אין צאָל. און היות זיי זענען מיט געוואָלט אָפּגעטיילט געוואָרן פֿון דער אויסערלעכער וועלט, האָבן זיי זיך נאָך שטאַרקער באַהאַפֿטן צו תורת משה און די געזעצן פֿון דער תורה זענען

געוואָרן דער צעמענטירנדיקער כוח, וואָס האָט זיי צוזאַמענ־ געהאַלטן. צווישן די געטאָ־מויערן האָבן די יידן געפירט זייערע אינערלעכע ענינים, האָבן אַנטוויקלט זייערע משפחה־פאַר־ בינדונגען און רעליגיעזע קהילות, וואָס זענען געבליבן ווייטער עקזיסטירן אפילו נאָכדעם, ווי די געטאָס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן.

פאַר די הערשער פון פוילן זענען די געטאָס געווען אַ טיילווייזע לייזונג פון יידן־פּראָבלעם. צוליב דער מורא, אַז די יידן זאָלן נישט ווערן קיין ערנסטע קאָנקורענטן אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט, איז זיי פאַרבאָטן געוואָרן צו קויפן באָדן און זיך צו פאַרנעמען מיט אַ ריי פּראָפעסיעס.

די יידן־רדיפות, וואָס האָבן געדויערט איבער פיר הונ־ דערט יאָר, האָבן דערגרייכט זייער הויך־פּונקט אין שנת ת"ח (1648), ווען בעת דעם אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן זענען אומ־ געבראַכט געוואָרן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן איבער אַ האַלבער מיליאָן יידן. דער פינצטערער מיטלאַלטער, וואָס האָט אין מערב־אייראָפּע זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט, האָט אין פוילן ווייטער געדויערט.

אין דער יידישער געשיכטע זענען געווען צייטן ווען דער מצב איז געווען כמעט האָפענונגסלאָז. עס זענען דאַן אויפ־ געקומען מענטשן, וואָס האָבן זיך דערקלערט אַלס „משיחים" און זענען געקומען אויסלייזן דאָס פאָלק. אין די פינצטערע טעג פון דער שחיטה אין יאָר 1648 איז דערשינען אַ נייע גרופּע פון „משיחים" וואָס האָבן געטענהט, אַז זיי זענען געשיקט געוואָרן, כדי צו רעאַליזירן די נביאות פון ישעיה הנביא. מאַסן יידן זענען נאָכגעגאַנגען די דאָזיקע „משיחים".

צוזאַמען מיט די „משיחים" איז אויך דערשינען די מיסטיק, וועלכע האָט זיך באַמיט אויפצוקלערן די דורות־

לאַנגע יידישע ליידן. מיט דער הילף פון קבלה האָבן די יידישע מיסטיקער זיך באַמיט צו געפינען דעם פאַרבאָרגענעם זין פון דער תורה, זוכנדיק דערביי דעם געטלעכן וועגן צו גאולה.

צוזאַמען מיטן „משיחיזם" און דער מיסטיק, איז אין די געטאָס אויפגעקומען אַ וויטערדיקע רעליגיעזע באַוועגונג: דער חסידיזם. משיחים — מקובלים — חסידים — דאָס זענען אַלץ געווען פּראָדוקטן פון יאוש.

מענדל לאַנדאַו האָט דאָס אַלץ געוווּסט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז עס זענען געווען בעסערע צייטן, ווען דער גורל פון די יידן איז נישט געווען אַזוי שווער. די געשיכטע פון פּוילן גופא איז דורכגעווייקט מיט בלוט. די פּאָלאַקן האָבן געקעמפט פאַר זייער פרייהייט אין אַ ריי מלחמות און אויפשטאַנדן, אין וועלכע עס האָבן אויך אָנטיילגענומען די יידן.

אַ סך פון דעם, וואָס מענדל לאַנדאַו האָט געוווּסט, האָט שוין אָבער געהערט צו דער לאַנג־פאַרגעסענער געשיכטע, האָט געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. איצט איז געווען דאָס יאָר 1939 און פּוילן איז געווען אַ רעפּובליק. ער און זיין פאַמיליע האָבן נישט געלעבט אין קיין געטאָ. אין פּוילן האָבן זיך געפונען דריי מיליאָן יידן און זיי האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין לעבן פון לאַנד. וואָס אַן אמת איז די אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציע נישט פאַרשוווּנדן מיטן שאַפן די נייע פּוילישע רעפּובליק, אָבער דער מאַסשטאַב איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערער. עס האָבן נאָך אַלץ עקזיסטירט באַגרענעצונגען לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און די פּאָלאַקן האָבן נאָך אַלץ באַשולדיקט די יידן יעדעס מאָל, ווען אין לאַנד איז אויסגעבראָכן אַ מגיפה אָדער אַ טריקעניש.

יאָ, דאָס געטאָ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, אָבער פאַר מענדל לאַנדאַו איז גאַנץ פּוילן געווען איין גרויס געטאָ, אַלץ איינס אין וועלכן אָרט ער האָט געוווינט. יאָ, פּוילן איז געווען אַ

רעפּובליק, אָבער מענדל לאַנדאָו האָט איבערגעלעבט אין 1936 יאָר די פּאָגראָמען אין בריסק, טשענסטאָכאָוו, פּשיטיק און מינסק־מאַזאָוויעצק. אין זיינע אויערן האָט נאָך אַלץ אָפּגע־קלונגען דער שפּאָטישער געשריי פון די כוליגאַנעס, וואָס האָבן דעמאָלירט יידישע געשעפטן און געשניטן יידישע בערד.

צוליב דעם טאָקע איז מענדל לאַנדאו געקומען צו גאַנץ אַנדערע אויספירן, ווי פּראָפעסאָר יאָהאַן קלעמענט. נאָך זיבן הונדערט יאָר איז מענדל לאַנדאו געווען אין פוילן נאָך אַלץ אַ פרעמדער און ער האָט זיך אָפּגעגעבן פון דעם אַ קלאָרן חשבון.

ער איז געווען אַ פּשוטער און באַשיידענער מענטש. זיין ווייב, לאה, איז געווען אַ גוטע מוטער און אַ שווער־פאַרהאָ־רעוועטע הויז־באַלעבאָסטע.

מענדל לאַנדאו האָט זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין זיינע קינדער די יידישע טראַדיציע. דאָס איז אָבער נישט געווען די התלהבות פון חסידיזם און די משיחישע אמונה פון דער קבלה. מענדל לאַנדאַו האָט אין זיינע קינדער איינגעפלאַנצט אַן אידעע. דאָס איז געווען בלויז אַ ווייטע וויזיע אין דער פאָרם פון אַן אויסגעטרוימטער פאַנטאַזיע. ער האָט אין זיי אַריינגעגעבן דעם גלויבן, אַז אַ געוויסן טאָג וועלן אַלע יידן דאַרפן אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרטן אויפצושטעלן פון דאָסניי זייער אַלטע מדינה. נאָר אַלס נאָציע וועלן די יידן קאָנען ווען עס איז דערגיין צו גלייכבאַרעכטיקונג.

מענדל לאַנדאו האָט שווער געהאָרעוועט אַלס בעקער. זיין גאַנצע וועלט האָט זיך רעדוצירט צו די באַדערפענישן פון מפרנס־זיין די משפחה, פון געבן זיינע קינדער שוך, דער־ציאונג, קליידונג און ליבע. ער האָט קיינמאָל נישט גע־טרוימט, אַפילו אין זיינע געוואַגטסטע חלומות, אַז ער אַליין אָדער ווער עס איז פון זיינע קינדער וועלן ווען עס איז זוכה־

זיין צו זען ארץ־ישראל. אָבער די אמונה אין דער ענדגיל־טיקער גאולה האָט אויסגעפילט זיין גאַנץ וועזן.

מענדל לאַנדאו איז גישט געווען דער איינציקער ייד אין פוילן, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אמונה. צווישן די איבער דריי מיליאָן פוילישע יידן, האָבן הונדערטער טויזנטער זיך אַרומ־געטראָגן מיט די זעלבע געדאַנקען. די דאָזיקע מענטשן האָבן געשאַפן דעם קערן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. עס זע־נען געווען אָרטאָדאָקסישע ציוניסטן, סאָציאַליסטישע ציוי־ניסטן, בירגערלעכע ציוניסטן און קליינע קעמפערישע ציוי־ניסטישע גרופן.

היות מענדל לאַנדאו איז געווען אַ מיטגליד אין פּראָפע־סיאָנעלן פאַריין, האָט ער און זיין משפחה געהערט צו דער גרופּע פון די סאָציאַליסטישע ציוניסטן, וואָס האָט זיך באַ־צייכנט מיטן נאָמען „הבונים”. דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די לאַנדאוס האָט זיך געדרייט אַרום דער אַקס פון דער אָרגאַניזאַציע. פון צייט צו צייט פלעגן אָראָפּקומען שלי־חים פון ארץ־ישראל, וועלכע פלעגן האַלטן רעדעס און ווער־בירן נייע אָנהענגער. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן ביכער און צייטשריפטן און עס זענען געפירט געוואָרן דיסקוסיעס. מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען אויף אָוונטן, זינגען לידער, טאַנצן, ריידן, כדי צו שטאַרקן די האָפענונג אויף עליה.

די לאַנדאַוס זענען געווען אַ זעקס־קעפּיקע משפּחה. מענדל און זיין פרוי לאה, זייער בכור מונדעק, אַ הויכער אַכצן־יאָ־ריקער בחור, אויך אַ בעקער, וואָס איז ווי געבוירן געוואָרן צו זיין דער פירער פון די „הבונים”, די זיבעצן־יאָריקע רות, אַ שעמעוודיקע ווי איר מוטער, וועלכע האָט געליבט אַ בחור מיטן נאָמען יאַן, אויך איינער פון די אָנפירנדיקע חברים פון די „הבונים”, די פערצן־יאָריקע רבקה און דאָס קלענסטע יינגל — דב.

דב איז דאַן אַלט געווען צען יאָר, האָט געהאַט בלאָנדע האָר און גרויסע בלויע אויגן און ער איז נאָך געווען צו יונג, כדי צו ווערן אַ מיטגליד אין דער גרופּע „הבונים״. ער האָט געליבט און באַוווּנדערט זיין עלטסטן ברודער, מונדעק, וועלכער פלעגט אים אָפּטמאָל מיטנעמען צו די פאַרזאַמלונגען פון דער אָרגאַניזאַציע.

1 סעפּטעמבער 1939.

נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אינסצעניזירט אַ ריי גרענעץ־אינצידענטן זענען זיי אַריינגעדרונגען אין פּוילן. מענדל לאַנדאַו און זיין זון מונדעק זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי.

די דייטשע ווערמאַכט האָט צעקלאַפּט פּוילן אין אַ בליץ־קריג, וואָס האָט געדויערט בלויז זעקס און צוואַנציק טעג. מענדל לאַנדאַו איז געבליבן אויפן שלאַכטפעלד און צוזאַמען מיט אים מער ווי דרייסיק טויזנט יידן, וואָס האָבן געקעמפט אויף דער פּוילישער זייט.

די לאַנדאַוס האָבן נישט געהאַט קיין סך צייט צו טרויערן איבער זייער געפאַלענעם פאָטער. אויך זיי, די לעבנגעבליבענע, האָט געדראָט אַ געפערלעכע סכנה. מונדעק, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דער האָפענונגסלאָזער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע, האָט זיך נאָך דער מלחמה פאַרוואַנדלט אין ראש פון דער משפחה.

מיטן מאָמענט ווען די דייטשן זענען אַריין אין וואַרשע האָבן די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער גרופּע „הבונים״ זיך פאַרזאַמלט, כדי זיך צו באַראַטן וואָס צו טאָן ווייטער. דאָס רוב פּוילישע יידן האָט געהאַלטן, אַז עס וועט זיי גאָרנישט פּאַסירן און זיי האָבן זיך געקלאַמערט אין אילוזיעס. די „הבונים״ און אַנדערע ציוניסטישע גרופּן אין פּוילן זענען

נישט געווען אַזוי נאַאיוו. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז די דייטשע אָקופּאַציע באַדייט אַ שווערע געפאַר.

די דאָזיקע ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן דעריבער באַשלאָסן צו פירן אַ געמיינזאַמע טעטיקייט. אַנדערע גרופּירונגען האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך שטיצן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט דאַן פאַרנומען דעם מזרחדיקן טייל פון פוילן. אַנדערע זענען צוגעטראָטן צו שאַפן אַן אונטערערדישע באַוועגונג און נאָך אַנדערע האָבן געפאָדערט צו אָרגאַניזירן אַ „בריחה”.

די „הבונים” האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין וואַרשע, אויפשטעלן אַן אונטערערדישע באַוועגונג און אָנהאַלטן ווייטער דעם קאָנטאַקט מיט די איבעריקע „הבונים”־גרופּן אין לאַנד. מונדעק איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיליטערישער פירער פון דער וואַרשעווער גרופּע און יאַן, רות׳ס חתן, איז באַשטימט געוואָרן אַלס זיין געהילף.

גלייך נאָכדעם, ווי די דייטשן האָבן איבערגענומען די מאַכט אין פּוילן און האַנס פראַנק איז באַשטימט געוואָרן אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די יידן אַ גאַנצע ריי גזירות. עס איז זיי פאַרבאָטן געוואָרן דורכצופירן פאַרזאַמלונגען, זיך פריי צו באַוועגן איבער די גאַסן און זיי זענען באַשטייערט געוואָרן מיט הויכע קאָנטריבוציעס. עס איז אויך גערעדט געוואָרן וועגן באַנייען די געטאָס.

די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט איז גלייכצייטיק צוגעטראָטן צו אַן „אויפקלערונגס־אַקציע” צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג. „די יידן זענען שולדיק אין דער מלחמה” — אַזאַ איז געווען די הויפּט־לאָזונג פון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע. די אָקופּאַנטן האָבן זיך באַמיט איינצורייידן די פּאָלאַקן אַז די יידן זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויסברוך פון קריג,

פאַר דער אָקופּאַציע פון פּוילן און אַז די דייטשן האָבן בלויז געוואָלט שיצן פּוילן פאַר דער „יידיש־באָלשעוויסטישער געפאַר".

בערלין, דייטשלאַנד.

צו דער זעלבער צייט זענען אין בערלין געזעסן די נאַצי־פירער און געזוכט אַ לייזונג פון „יידישן פּראָבלעם". עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן די פאַרשיידנסטע פאָרשלאָגן. היידריך, דער פירער פון זיכערהייטס־דינסט, האָט פאָרגעלייגט מען זאָל אַרויפלייגן אויף די יידן גרויסע קאָנטריבוציעס און דערנאָך זיי מאַסנוויז פאַרטרייבן פון לאַנד. ד"ר שאַכט, דער פינאַנס־ספּעציאַליסט, האָט פאָרגעלייגט מען זאָל לאַנגזאַם צונעמען פון די יידן זייער גאַנצן פאַרמעגן. עס איז אויך אַרומגערעדט געוואָרן דער פּלאַן צו פאַרשיקן אַלע יידן קיין מאַדאַגאַסקאַר. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף די יידן אַרויסשיקן קיין ארץ־ישראל, אָבער צוליב דער בריטישער בלאָקאַדע איז דאָס געווען אוממעגלעך צו רעאַליזירן.

דער ס.ס.־אָפיציר אַדאָלף אייכמאַן האָט אין משך פון אַ לאַנגער צייט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף די יידן פאַרשיקן אין אַנדערע „וווינונגס־ערטער". אָבער פאַר אַלע נאַצי־פאַרברעכער איז געווען קלאָר, אַז ביז דער ענדגילטי־קער פאַרניכטונג פון די יידן, דאַרף מען רעאַליזירן דעם פּלאַן פון אַ מאַסן־פאַרשיקונג. די נאַציס זענען געווען איינשטימיק, אַז פּוילן איז דער בעסטער אָרט פאַר אַריבערפירן אַהין די יידן, ערשטנס צוליב דעם, וואָס אין פּוילן האָבן שוין געלעבט איבער דריי מיליאָן יידן, און צווייטנס וועט מען זיך דאָרטן נישט אָנטרעפן אויף קיין שום אָפענעם ווידערשטאַנד לגבי די פּלענער פון דער מאַסן־פאַרניכטונג.

צוערשט זענען די דייטשן צוגעטראָטן צו קאָנצענטרירן

אַלע פּוילישע ייִדן בלויז אין עטלעכע ערטער. פון די קלענערע שטעט און שטעטלעך איז די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרטריבן געוואָרן און איז פאַרשיקט געוואָרן אין אייניקע גרויסע שטעט. גישט קיין סך ייִדן האָבן געוווסט וועגן די דאָזיקע אַבלאַוועס. די וואָס האָבן פאַרשטאַנען וואָס עס גרייט זיך זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער, אָדער זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן ביי פּוילישע שכנים. בלויז געציילטע פּאָלאַקן האָבן זיך אונטערגענומען אויסצובאַהאַלטן ייִדישע פאַמיליעס. אַנדערע האָבן צוגענומען פון די ייִדן זייער געלט ביזן לעצטן גראָשן און שפּעטער זיי אויסגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל.

ווען די ייִדן זענען שוין קאָנצענטרירט געוואָרן אין עטלעכע ערטער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די פאַראָרדענונג וועגן טראָגן אויפן אָרעם אַ ווייסן באַנד מיט אַ מגן־דוד.

פּוילן איז גישט געווען דענעמאַרק. די פּאָלאַקן האָבן זיך גישט קעגנגעשטעלט דער דאָזיקער פאַראָרדענונג און די ייִדן האָבן אָנגעטאָן דעם מגן־דוד אויף זייערע בגדים.

· וואַרשע, ווינטער 1939.

יענער ווינטער אין וואַרשע איז גישט געווען קיין לייכטער פאַר די לאַנדאַוס. דער טויט פון מענדל לאַנדאַו, די אַלץ־שטאַרקערע קלאַנגען וועגן שאַפן פאַר די ייִדן אַ געטאָ, די פאַרשיקונגען, דער מאַנגל אין שפּייז — האָבן געשאַפן אַן אומדערטרעגלעכן מצב.

אַ געוויסן טאָג, אין אָקטאָבער 1940, זענען אין דער וווינונג פון די לאַנדאַוס געקומען צוויי „בלויע פּאָליציאַנטן" און דערקלערט, אַז זיי דאַרפן איינפּאַקן זייערע זאַכן און אין משך פון צוויי שעה פאַרלאָזן זייער וווין־אָרט. די לאַנדאַוס, צוזאַמען מיט די איבעריקע וואַרשעווער ייִדן, זענען באַזעצט

געוואָרן אין אַן אַנדער טייל פון שטאָט, נעבן דער אײַזנבאַן.

מונדעק און יאַן האָבן געהאַנדלט שנעל און עס איז זיי געלונגען צו באַקומען אַ דריי־שטאָקיק הויז אַלס וווין־אָרט און הויפּט־שטאַב פאַר די איבער הונדערט מיטגלידער פון די „הבונים". די משפּחה לאַנדאַו האָט באַקומען צו איר דיספּאָזיציע אַ קליין צימערל, וואָס איז געווען אויסמעבלירט בלויז מיט עטלעכע מאַטראַצן און אַ פּאָר שטולן. דאָס באָד־צימער און די קיך איז געווען געמיינזאַם פאַר די איבעריקע צען משפּחות.

די ייִדן זענען צוזאַמענגעדריקט געוואָרן צווישן צוועלף גאַסן. דאָס הויז פון די „הבונים" האָט זיך געפונען אויף לעשנאָ־גאַס. לאה לאַנדאַו האָט אָפּגעראַטעוועט אַ ביסל צירונג און ווערט־זאַכן, וואָס זי האָט געהאַט בדעה צו פאַרקויפן, כדי זיך איינצושאַפן עסנוואַרג. די ערשטע צייט איז זיי נישט געווען אַזוי שווער. מונדעק האָט געאַרבעט ווייטער אַלס בעקער און די מיטגלידער פון די „הבונים" האָבן געלעבט ווי אַ קאָלעק־טיוו. אין דער קיך איז געקאָכט געוואָרן פאַר אַלעמען צו־זאַמען.

מיט דער צייט איז אָבער געוואָרן אַלץ שווערער. פון דער פּראָווינץ האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קיין וואַרשע צענדליקער טויזנטער ייִדן. זיי זענען געקומען אין ענדלאָזע רייען מיט זעק אויף די פּלייצעס, מיט קינדער־וועגעלעך און האַנט־פּעקלעך, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען זייער גאַנץ פאַרמעגן. דער שטח פון ייִדן־קוואַרטאַל איז געוואָרן אַלץ ענגער. יאַן און זיין פאַמיליע האָבן זיך געמוזט אַריינציען אין קליינעם צימערל, אין וועלכן עס האָבן געוווינט די לאַנדאַוס. זיי זענען איצט דאָרטן געווען נײַן פּערזאָן. איצט האָבן אַלע געקאָנט זען, אַז רות און יאַן האָבן זיך זייער שטאַרק ליב.

כדי זיך צו פאַרלייכטערן די טעטיקייט צווישן די ייִדן האָבן די דייטשן באַפוילן צו שאַפן דעם „יודענראַט", אָבער גאָר שנעל

איז דער „יודענראַט" געוואָרן אַ געצייג אין די הענט פון אָקו־פּאַנט. עס זענען געווען יידן, וואָס האָבן געפּריידיקט, אַז מען דאַרף זיך „צוגעוווינען" צו די דייטשן. אַ סך יוגנטלעכע זענען אַריינגעטראָטן אין דער יידישער פּאָליציי. אינצווישנצייט איז די צאָל יידן אין ענגן שטח געשטיגן ביז אַ האַלבן מיליאָן נפשות.

אין סוף 1940, אַ יאָר נאָך דער דעראָבערונג פון פּוילן, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו מאָביליזירן די יידן אין ספּע־ציעלע אַרבעטס־באַטאַליאָנען. זיי האָבן געמוזט אויפשטעלן אַ מויער פון דריי מעטער די הויך אַרום יידישן קוואַרטאַל. אויפן מויער איז פאַרצויגן געוואָרן שטעכלדראָט. אין מויער זענען געמאַכט געוואָרן פופצן טויערן, וואָס זענען באַוואַכט געוואָרן דורך פּוילישע פּאָליציאַנטן און לעטישע זעלנער. דער געטאָ־רעזשים האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן. דער קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט האָט זיך געענ־דיקט. מונדעק, וועלכער האָט געאַרבעט אין וואַרשע, איז געבליבן אַרבעטסלאָז. די שפּייז־צוטיילונג פאַרן געטאָ איז געווען אַזוי קליין, אַז עס האָט נישט געסטייעט אפילו פאַר אַ העלפט פון די דאַרטיקע איינוווינער. נאָר די יעניקע, וואָס האָבן פאַרמאָגט „אַרבעטס־קאַרטן" האָבן געהאַט אַ געוויסן שאַנס צו באַקומען עסנוואַרג. דאָס זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די צוואַנגס־באַטאַליאָנען אָדער אין איינער פון די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט אין געטאָ.

צווישן די געטאָ־איינוווינער איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. פיל משפּחות האָבן אָפּגעגעבן זייער גאַנץ פאַרמעגן, כדי זיך איינצושאַפן אַ ביסל שפּייז. אַנדערע האָבן זיך באַמיט צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין פּוילישע הייזער. אָבער ס'רוב פון די דאָזיקע פּרוון האָט זיך פאַרענדיקט מיט טויט

אָדער מיט אויסגעבן דורך די פּאָלאַקן אַנטלאָפענע יידן צו די דייטשן. אין געטאָ גופא האָט זיך דאָס לעבן פאַרוואַנדלט מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער אין אַ קאַמף פאַר דער נאַקעטער עקזיסטענץ.

מערץ 1941.

אַכצן חדשים נאָך דער אינוואַזיע אויף פּוילן האָט אַדאָלף היטלער באַשלאָסן צו רעאַליזירן זיין פּלאַן וועגן דער „ענד־גילטיקער לייזונג" פון יידן־פּראָבלעם. דער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נישט שריפטלעך. אויף אַ געהיימער קאָנפערענץ אין גראָס־וואַנזעע האָט היידריך מיטגעטיילט די אָנפירער פון ס.ד., ס.ס. און אַנדערע נאַצי־אָרגאַניזאַציעס וועגן פירערס געהיימען באַפעל. די „ענדגילטיקע לייזונג" איז געווען: אויסראָטונג!

אין משך פון עטלעכע חדשים זענען די ליקווידאַציע־באַנדעס פון ס.ד. פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „זאָנדער־איינזאַץ־גרופּן", וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פּוילן, אין די באַלטישע לענדער און די פאַרכאַפּטע רוסישע געביטן, כדי דאָרטן אויסצופירן דעם פירערס באַפעל, און אָרגאַניזירן די מאַסן־ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

צוערשט האָבן די דאָזיקע באַנדעס געאַרבעט לויט אַ באַשטימטער סכעמע. זיי האָבן צוזאַמענגעטריבן די יידן אויף אַ פאַרוואָרפענעם, אָפּגעלעגענעם פּלאַץ און זיי דאָרטן געצוווּנגען צו גראָבן פאַר זיך אַ גרויס קבר. דאַן האָט מען זיי באַפוילן זיך אויסצוטאָן נאַקעט און דערנאָך האָט מען זיי אויסגעשאָסן ביז איינעם. אַ באַזונדערן הויך־פּונקט האָבן די דאָזיקע אַקציעס דערגרייכט אין קיעוו, ווו אין דער פאָרשטאָט באַבי־יאַר זענען אין משך פון צוויי טעג דערשאָסן געוואָרן איבער דריי און דרייסיק טויזנט יידן.

די „איינזאַץ־גרופּן" האָבן געקאָנט אַרבעטן מיט אַזאַ „דערפּאָלג" בלויז צוליב דעם, וואָס די אַרומיקע באַפעלקע־רונג איז געווען אַזוי יידן־פיינטלעך, ווי די דייטשן. די מאַסן־שחיטה אין באַבי־יאַר איז פאָרגעקומען אויף די אויגן פון דער אָרטיקער אוקראַינישער באַפעלקערונג. וועלכע האָט אָפן און צופרידן געגעבן איר צושטימונג צו דער שחיטה.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז די מעטאָדן פון די דאָזיקע מערדער־באַנדעס זענען נישט צוגעפּאַסט צום גרויסן פּלאַן פון פאַרניכטן אַלע יידן. די דערשיסונגען זענען געווען אַ צו לאַנגזאַם מיטל. די נאַציס האָבן דעריבער אויס־געאַרבעט אַ נייעם, נאָך גרעסערן פּלאַן. עס זענען אויסגע־פונען געוואָרן אַ סך פאַרוואָרפענע פּלעצער, וואָס זענען געלעגן נאָענט צו אַ באַן־ליניע. הויך־קוואַליפיצירטע פאַכמענער זענען באַאויפטראַגט געוואָרן אויפצושטעלן אויף די דאָזיקע פּלעצער פאַרניכטונגס־לאַגערן. פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט אין דייטשלאַנד, האָט מען אויס־געוויילט די בעסטע מאַנשאַפטן און מ'האָט זיי אָפּגעשיקט אין די ניי־געשאַפענע לאַגערן, כדי דורכצופירן די ליקווידאַציע פון די אַרעסטירטע.

ווינטער 1941.

עס איז געוואָרן ווינטער. דער טויט האָט אין געטאָ פאַר־געזעצט זיין בלוטיקן שניט. טויזנטער מענטשן זענען אויסגע־גאַנגען פון הונגער און קעלט. עס זענען געשטאָרבן קינדער, וואָס זענען געווען צו שוואַך, כדי צו וויינען, און וועלכע האָבן שוין קיין כוח נישט געהאַט צו בעטן עסן. די גאַסן זענען געווען פול מיט געשטאָרבענע. די טויטע קערפּערס פון קינ־דער, פרויען, מענער זענען אויפגעלאָדן געוואָרן אויף וועגע־נער און מען האָט זיי אָפּגעפירט אין די קרעמאַטאָריעס, צו פאַרברענען.

דב איז אינצווישנצייט געוואָרן עלף יאָר אַלט. נאָכדעם ווי מונדעק איז געבליבן אַרבעטסלאָז, האָט ער געמוזט איבער־רייסן דאָס לערנען, כדי צו העלפן זוכן אַ ביסל עסן פאַר דער משפחה. אַפילו אַזעלכע גרופן ווי די „הבונים", וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, זענען אַריינגעפאַלן אין אַ זייער שווערן מצב. דב האָט זיך אויסגעלערנט אַ סך כיטרע שפּיצלעך, כדי צו בלייבן ביים לעבן. ער האָט אַנטוויקלט אין זיך דעם אינ־סטינקט, מיט וועלכן אַ חיה קעמפט פאַר איר עקזיסטענץ.

עס איז געווען אַ לאַנגער, שווערער ווינטער. איינמאָל זענען זיי פינף טעג געזעסן אָן אַ שטיקל ברויט. לאה האָט פאַרקויפט איר קידושין־רינגל פאַר אַ ביסל שפּייז. שפּעטער האָבן זיי ווידער געהאַט צו עסן, ווייל די חברים פון דער „הבונים"־אָרגאַניזאַציע האָבן ערגעץ־ווו אויסגעפונען אַן אַלטע שקאַפּע און כאָטש דאָס פערדן־פליייש איז טריף, האָבן זיי זיך דאָך געשפּייזט דערמיט אַ געוויסע צייט.

רות איז שוין אַלט געווען ניינצן יאָר. ווען זי האָט יענעם ווינטער חתונה געהאַט מיט יאַנען, איז זי געווען אַזוי אויס־געדאַרט, אַז מען האָט נישט געקאָנט ריידן וועגן איר ווי וועגן אַ שיין מיידל. דאָס יונגע פּאָרל האָט פאַרבראַכט דעם האָניק־חודש אין ענגן, געמיינזאַמען צימערל, וווּ עס האָבן געלעבט פיר פּערזאָן פון די לאַנדאַוס און דריי פּערזאָן פון יאַנס פאַמי־ליע. ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס יונגע פּאָרל האָט דאָך געפו־נען אַ ווינקל פאַר זיך, ווייל אין פרילינג האָט רות דערוואַרט אַ קינד.

איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן, וואָס זענען געלעגן אויף מונדעקן, אַלס מנהיג פון די „הבונים" איז געווען אָפּצוהיטן דעם קאָנטאַקט מיט די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ. דאָס האָט מען געקאָנט נאָר דערגרייכן דורכן איבערקויפן די פּוילישע און לעטישע וואַך־פּאָסטנס, וואָס

זענען געשטאַנען ביים געטאָ־טויער. מונדעק איז אָבער געווען ביי דער מיינונג, אַז דאָס געלט איז נויטיק פאַר וויכטיקערע צוועקן און אויף זיין פאָרשלאַג האָט מען אויסגעגראָבן אונטערן מויער אַ דורכגאַנג, וואָס האָט געפירט צו די קאַנאַליזאַציע־רערן. דורך די דאָזיקע רערן פלעגט מען אַרויסגיין און אַריינגיין אין געטאָ.

דאָס אַרויסגיין פון געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות. באַנדעס פון פוילישע יונגטלעכע האָבן די גאַנצע צייט געלויערט אויף די יידן, כדי פון זיי אויסצופּרעסן געלט, אָדער זיי איבערצוגעבן צו די דייטשן, וועלכע האָבן אויך געצאָלט פאַר יעדן געכאַפּטן ייד. די „הבונים" האָבן פאַרלוירן פינף פון זייערע מיטגלידער, וואָס האָבן געמאַכט אַ פּרווו אַריבערצוגיין די מויער. דער לעצטער, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן און איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, איז געווען יאַן. ער איז שפּעטער אויפגעהאַנגען געוואָרן.

דער קליינער דב איז געווען קלוג און האָט זיך שנעל אויסגעלערנט אַלע קונצן, ווי אַזוי צו בלייבן אויף דער אויבערפלאַך. ער איז אַוועק צו זיין ברודער מונדעק און אים געבעטן מען זאָל אים באַשטימען אַלס שליח דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. מונדעק האָט צוערשט אַפילו נישט געוואָלט הערן וועגן דעם, אָבער דב איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים. מיט זיינע בלויע אויגן און בלאָנדע האָר האָט ער נישט אויסגעזען ווי אַ ייד. דערצו איז ער נאָך געווען אַזוי יונג, אַז מען האָט נישט געקאָנט האָבן קיין שום פאַרדאַכט לגבי אים. מונדעק האָט געוווסט, אַז דב וועט זיך טויגן צו דער דאָזיקער אַרבעט, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אויסצושטעלן דעם יונגן ברודער אויף אַ סכנה. ווען מונדעק האָט אין משך פון עטלעכע טעג פאַרלוירן זיין זעקסטן און זיבעטן שליח, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּרווו מיט דב'ן. מונדעק האָט

געוווסט, אַז אַלץ איינס זענען זיי יעדן טאָג אויסגעשטעלט אויף געפאַר און טויט. אויך לאה האָט עס געוווסט און זי האָט מסכים געווען, אַז דב זאָל גיין דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן מחוץ דעם געטאָ.

דב האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס בעסטער קוריער אין גאַנצן געטאָ. ער האָט געפונען צענדליקער וועגן זיך אַרויס־צובאַקומען פון אונטער די געטאָ־מויערן. ער האָט זיך גענומען פילן היימיש אין די בלאָטיקע און פאַרעיפּושטע וואַסערן פון דער אונטערערדישער קאַנאַליזאַציע, וואָס האָט זיך געצויגן אונטער דער שטאָט וואַרשע. יעדע וואָך האָט ער דורכגע־מאַכט דעם וועג פון געטאָ אין שטאָט, גייענדיק אָפטמאָל ביזן האַלדז אין דער קלעפּיקער, פאַרשטונקענער מאַסע. ווען ער האָט זיך שוין געפונען מחוץ די געטאָ־מויערן איז ער אַוועק אויף דער זאַבראָווסקאַ־גאַס נומער 99, וווּ עס האָט געוווינט אַ פרוי מיטן נאָמען וואַנדאַ. נאָכדעם ווי ער האָט זיך דאָרטן אָנגעגעסן צו דער זעט איז ער צוריקגעגאַנגען אין געטאָ, באַלאָדנט מיט רעוואָלווערן, אַמוניציע, געלט, ראַדיאָ־טיילן, ווי אויך מיט נייעס פון אַנדערע געטאָס און פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען.

אינצווישנצייט האָט דב ליב געהאַט זיך צו געפינען אין הויפּט־שטאַב פון די „הבונים“, וווּ מונדעק און רבקה האָבן פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זייער צייט. רבקה איז געווען פאַרנומען מיט אויספאַרטיקן פאַלשע דאָקומענטן און פּאַספּאָרטן. דב האָט זיך צוגעקוקט צו איר אַרבעט און גאָר שנעל איז ער געוואָרן איר געהילף. עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דב פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן אין נאָכמאַכן דאָקומענטן. ער האָט געהאַט אַ שאַרף אויג און אַ זיכערע האַנט און אין עלטער פון צוועלף יאָר איז ער שוין געווען אַ „פעלשער־ספּעציאַליסט“.

יוני 1942.

אין יוני 1942 האָבן די דײַטשן געמאַכט אַ דעצידירנדיקן שריט אויפֿן וועג דורכצופֿירן די „ענדגילטיקע לייזונג פֿון ייִדן־פּראָבלעם”. עס זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן אייניקע גרויסע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו עס האָבן געזאָלט דורכגעפֿירט ווערן אַקציעס פֿון מאַסן־פֿאַרניכטונג. כּדי אויסצומאָרדן די ייִדן פֿון וואַרשע איז געשאַפֿן געוואָרן דער לאַגער אין טרעבלינקע.

יולי 1942.

אין חודש יולי פֿון יאָר 1942 איז אויסגעפֿאַלן תשעה באָב. דווקא אין דאָזיקן טאָג האָבן די דײַטשן באַשלאָסן אָנצוטרעטן צו זייער ערשטער גרויסער אַקציע. בעת די וואַרשעווער ייִדן האָבן געטרויערט איבערן חורבן בית־המקדש און איבער זייער איצטיקן אומגליק, זענען אַרײַנגעפֿאָרן אין געטאָ דײַטשע אויטאָס און האָבן זיך פֿאַרהאַלטן נעבן דעם קהילה־געבײַדע, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונע דער „יודנראַט”. די דײַטשן האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי ווילן מען זאָל זיי צושטעלן אַ נײַע פּאַרטיע ייִדן פֿאַר די אַרבעטער־באַטאַליאָנען, אָבער דאָס מאָל האָט יעדער געפֿילט, אַז עפּעס אַן אומגליק הענגט אין דער לופֿטן. די דײַטשן האָבן געפֿאָדערט בלויז זייער אַלטע און זייער יונגע מענטשן. אין געטאָ איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק ווען אַלע אַלטע לײַט זענען צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן אויף איין פּלאַץ און די קינדער האָבן אָנגעהויבן זיך צו רײַסן פֿון די דײַטשע הענט, געוואַלדעווענדיק מען זאָל זיי לאָזן צוריק צו די עלטערן.

די אַלטע לייט און קינדער זענען פון „אומשלאַג־פּלאַץ" אויף סטאַווקי־געסל אָפּגעפירט געוואָרן צו די וואַגאָנען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער זייטיקער באַן־ליניע. אַ צום־טויט איבערגעשראָקענע מאַסע פון פאַרצווייפלטע עלטערן און קרובים האָט זיך געדרענגט אַרום. אַ סך מענטשן זענען דער־בײַ דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

דער צוג איז שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין טרעבלינקע. דער ציל פון דער דאָזיקער רייזע איז געווען „עבֿדגילטיקע לייזונג".

צוויי וואָכן שפּעטער איז דב לאַנדאו געקומען פון וואַנ־דאס ווױנונג אויף זאַבראָווסקאַ 99 מיט אַ שוידערלעכן באַ־ריכט. ער האָט איבערגעגעבן, אַז אַלע אַלטע לייט און קינ־דער, וואָס זענען אין תשעה באב אָפּגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די דאָרטיקע גאַז־קאַמערן. לויט אינפאָרמאַציעס פון אַנדערע געטאָס זע־נען אין פּוילן אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ סך אַזעלכע לאַגערן ווי טרעבלינקע.

מאַסן־מאָרד אין גאַז־קאַמערן? דאָס האָט געשיינט צו זיין אומבאַגרייפלעך. מונדעק, אַלס מיליטערישער אָנפירער פון די „הבונים" האָט זיך געטראָפן מיט די פירער פון אַ ריי אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ און זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ געמיינזאַמען אויפרוף וועגן אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד און וועגן אַ מאַסן־אַנטלויף פון געטאָ. דער דאָזיקער אַפּעל האָט אָבער געהאַט מער אַ מאָ־ראַלישע באַדייטונג, ווי אַ פּראַקטישע. די יידן אין געטאָ האָבן נישט געהאַט קיין געווער. דערצו האָבן די דערשלאָ־גענע יידן זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי דער אילוזיע, אַז מען וועט ווי עס איז איבערלעבן די שוידערלעכע צייט.

די הויפּט־סיבה, צוליב וועלכער די יידן אין געטאָ האָבן נישט געקאָנט דורכפירן קיין אויפשטאַנד איז אָבער געווען די, וואָס אין פּוילן זענען נישט געווען קיין אויסזיכטן אויף אונטערשטיצונג מצד דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אין פראַנקרייך האָט די ווישי־רעגירונג אָפּגעוואָרפן די דייטשע פאָדערונג וועגן אויסליפערן די יידן. אין האָלאַנד איז די באַפעלקערונג געווען דעצידירט אויסצובאַהאַלטן די פאַרפאָלגטע יידן. אין דענעמאַרק האָט נישט נאָר דער קעניג זיך נישט אונטערגעוואָרפן די דייטשע פאַראָרדענונגען, נאָר אויך די דענער האָבן געטאָן אַלץ, כדי צו העלפן די יידן, און זיי אַריבערגעפירט קיין שוועדן.

ווען מען זאָל אַפילו אָננעמען, אַז די פּאָלאַקן זענען נישט געווען אומבאַדינגט דערפאַר, אַז מען זאָל פולשטענדיק פאַרניכטן די פּוילישע יידן, איז אָבער אַ פאַקט, אַז זיי זענען נישט געווען קעגן דעם, און זיי האָבן נישט אָנגענומען קיין שום קעגן־מיטלען, כדי צו ראַטעווען די יידן. בלויז אַ קליינע מינדערהייט פון פוילישן פאָלק איז געווען גרייט אויפצונעמען און אויסצובאַהאַלטן אַן אַנטלאָפענעם ייד.

אין געטאָ גופא איז געווען אַ מצב, אַז יעדע גרופּע און אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט פאַרשיידענע צילן. די פרומע יידן זענען נישט געווען איינשטימיק מיט די סאָציאַליסטישע יידן און די קאָנסערוואַטיווע האָבן זיך אַרומגעריסן מיט די לינקע. איצט אָבער איז געקומען דער מאָמענט פון העכסטער געפאַר. די „הבונים”, וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך מונדעקן האָבן פאַראייניקט אַ סך גרופּן אין אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען זש.אָ.ב. (זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ). די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן פון אַלע יידן אין געטאָ, אָן אויסנאַם.

דב לאַנדאו האָט ווייטער פאָרגעזעצט זיין וועג דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן צו וואַנדאַס וווינונג אויף זאַבראָווסקאַ 99. ער פלעגט מיטנעמען מיט זיך יעדן מאָל אַ בריוו פון זש.אָ.ב. צו דער פוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די יידישע קעמפער האָבן געבעטן שטיצע און וואָפן, אָבער דאָס רוב פון די דאָזיקע ווענדונגען איז געבליבן אָן אַ תשובה. אין די ווייניקע פאַלן, ווען עס איז יאָ געקומען אַ תשובה, איז זי געווען אויסמיידנדיק. דעם דאָזיקן גאַנצן שרעקלעכן זומער, אין וועלכן די דייטשן האָבן אַרויסגעשיקט אַלץ מער און מער יידן קיין טרעבלינקע, האָט זש.אָ.ב. געמאַכט פאַרצווייפלטע באַמיאונגען צו פאַרמיידן די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון וואַרשעווער געטאָ.

אַ געוויסן טאָג, אָנהויב סעפטעמבער, האָט דב לאַנדאו געהאַט אויסצופירן אַ זייער געפערלעכע שליחות אין וואַרשע. אַרויסגייענדיק פון וואַנדאַס דירה זענען אים נאָכגעגאַנגען פיר כוליגאַנעס, וואָס האָבן אים אַריינגעיאָגט אין אַ בלינד געסל און געפאָדערט פון אים ער זאָל באַווייזן זיינע דאָקומענטן. זיי האָבן געוואָלט וויסן, צי ער איז אַ ייד אָדער נישט. דב איז געשטאַנען מיטן רוקן צו דער וואַנט און ער האָט געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו אַנטלויפן. די אָנפאַלער האָבן זיך דערנענטערט צו אים און געוואָלט אַראָפציען פון אים די הויזן, כדי צו זען צי ער איז געמלט. אין דאָזיקן מאָמענט האָט דב אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער, וואָס ער האָט באַקומען פאַר דער אויפשטענדלער־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, און דערשאָסן איינעם פון די אָנפאַלער. די אַנדערע דריי זענען אַנטלאָפן. דאַן איז אויך ער, ווי שנעל ער האָט נאָר געקאָנט, אַנטלאָפן צו די קאַנאַלן, וווּ ער האָט געפונען אַ זיכערע באַהעלטעניש.

ווען ער איז צום סוף אָנגעקומען אין הויפּט־שטאָב פון די „הבונים” האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכן היסטערישן געוויין. מונדעק, זיין עלטערער ברודער, האָט זיך באַמיט אים צו באַרואיקן. דער קליינער דב האָט זיך שטענדיק געפילט פולשטענדיק זיכער, ווען נעבן אים איז געווען זיין עלטערער ברודער. מונדעק, וועלכער איז שוין אַלט געווען איין און צוואַנציק יאָר, האָט זייער ערנסט גענומען זיין אויפגאַבע. אַלס פירער פון זש.אָ.ב. ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין כוחות און האָט שטענדיק אויסגעזען מיד. עס איז אים אָבער געלונגען צו פאַרייניקן די גאַנצע „הבונים”־גרופּע און ער האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז זיי זאָלן נישט פאַרלירן דעם מוט.

ביידע ברידער האָבן גערעדט צווישן זיך זייער שטיל, אָבער מען האָט געזען, אַז דב באַרואיקט זיך ביסלעכווייז. מונדעק האָט אַרויפגעלייגט זיין אָרעם אויף דבס אַקסלען און זיי זענען צוזאַמען אַוועק אַהיים. אויפן וועג האָט מונדעק דערציילט דבן וועגן דעם, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט רות, זייער שוועסטער, געבוירן אַ קינד און דאָס וועט זיין זייער שיין פאַר דבן צו ווערן אַ פעטער. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע חברים פון די „הבונים” וועלן זיין פעטערס און מומעס פון ניי־געבוירענעם קינד, אָבער דב וועט זיין דער ריכטיקער פעטער. חוץ דעם האָט מונדעק דערציילט אַ פריילעכע נייעס, אַז די חברים פון דער אָרגאַניזאַציע איז געלונגען ווידער אַמאָל צו געפינען אַ פערד און מען וועט פראַווען אַ יום־טובדיקן מאָלצייט.

דב האָט אויפגעהערט צו ציטערן און ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען אויף די טרעפּ פון זייער צימער, האָט ער אַ צופרידענער אָנגעקוקט זיין עלטערן ברודער מונדעק און אים געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַז ער האָט אים זייער ליב.

ווען זיי האָבן געעפנט די טיר פון זייער צימער און דערזען דאָס געזיכט פון רבקהן, האָבן זיי גלייך באַגריפן, אַז עס איז געשען עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך. מונדעקן איז מיט גרויס מי געלונגען אַרויסצובאַקומען פון זיין שוועסטער עט־לעכע אָפּגעריסענע זאַצן.

— די מאַמע און רות... — האָט זי וויינענדיק אויסגעשריגן — מען האָט זיי צוגענומען פון דער פאַבריק. מען האָט אַנולירט זייערע אַרבעטס־קאַרטן און מען האָט זיי אָפּגעפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ...

— דב האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, אָבער מונדעק האָט אים פעסט אַ כאַפּ־געטאָן פאַרן האַנט. דב האָט געשריען און זיך געריסן פון מונדעקס הענט.

— מאַמע! מאַמע! איך וויל גיין צו דער מאַמען.

— דב! דב! מיר קאָנען דאָ גאָרנישט העלפן.

— מיר קאָנען דאָך נישט שטיין און זיך צוקוקן ווי מען פירט זיי אָפּ...

רות, וועלכע איז געווען אין ניינטן חודש איז געשטאָרבן אין קימפעט, געפינענדיק זיך אין אַ לאַסט־וואַגאָן, וואָס האָט זי געפירט קיין טרעבלינקע. די וואַגאָנען זענען געווען אַזוי פול־געפּאַקט, אַז די מענטשן זענען געשטאַנען געדיכט איינער נעבן אַנדערן, און רות האָט אַפילו נישט געהאַט קיין אָרט ווו זיך אַוועקצולייגן.

דער קאָמענדאַנט פון טרעבלינקע, דער ס. ס.־בריגאַדע־פירער ווירט, איז געווען ווילד פאַר כעס. ווידער איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין דער אַפּאַראַטור פון די גאַז־קאַמערן, פונקט דאַן ווען פון וואַרשעווער געטאָ האָט געזאָלט אָנקומען אַן עשאַלאָן מיט יידן. דער ס. ס.־בריגאַדע־פירער

ווירט איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס פון אַלע פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן האָט טרעבלינקע געהאַלטן דעם רעקאָרד ביים פאַרניכטן ייִדן. און פונקט איצט האָבן אים זיינע טעכניקער געמאָלדן, אַז מען וועט נישט קאָנען פאַריכטן דעם דעפעקט ביזן אָנקומען פון עשאַלאָן. אין לאַגער האָבן געזאָלט אַראָפּקומען אויף אַן אינספּעקציע דער ס. ס.־שטורמבאַנפירער אייכמאַן און דער רייכספירער הימלער. דער בריגאַדע־פירער ווירט האָט געהאַט בדעה דורכצופירן לכבוד זייער באַזוך אַ ספּעציעלע אַקציע אין די גאַז־קאַמערן.

דעם לאַגער־קאָמענדאַנט איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי צונויפזאַמלען אַלע אַלטע, אָפּגענוצטע גאַז־אויטאָס, און זיי אַרויסשיקן צו דער זייטיקער באַן־ליניע, אויף וועלכער עס האָט געדאַרפט אָנקומען דער עשאַלאָן מיט די ייִדן. נאָרמאַל זענען אין די דאָזיקע גאַז־אויטאָס אַריין בלויז צוואַנציק פּערזאָן, אָבער דאָס מאָל האָט ער אַהין אַריינגעשטופּט וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די קרבנות זענען געצוווּנגען געוואָרן אַריינצוגיין אין די אויטאָס מיט אויפגעהויבענע הענט אין דער הויך, כדי עס זאָלן אַריינגיין וואָס מער. חוץ דעם איז נאָך געבליבן אַ פריי אָרט צווישן די קעפּ פון די מענטשן און דעם דאַך פון אויטאָ. דאָרטן האָט מען מיט געוואַלד אַריינגעשטופּט פון אַכט ביז צען קינדער.

לאה לאַנדאַו איז נאָך אַלץ געווען באַטויבט פון ווייטיק צוליבן טויט פון איר טאָכטער רות, ווען דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן טרעבלינקע. צוזאַמען מיט אַנדערע דרייסיק ייִדן איז זי אַרויסגענומען געוואָרן פון לאַסט־וואַגאָן און איז אַריינגעשטויסן געוואָרן אין איינעם פון די וואַרטנדיקע גאַז־אויטאָס. אַרום זענען געשטאַנען די לאַגער־וועכטער מיט בייטשן אין די הענט. נעבן זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט בלוט־דורשטיקע וועלף־הינט.

ווען דער אויטאָ איז שוין געווען אַזוי אָנגעשטאָפּט, אַז מער האָט מען דאָרטן שוין נישט געקאָנט קיינעם אַריינשטופּן, זענען די אייזערנע טירן פאַרהאַקט געוואָרן. דער אויטאָ האָט גענומען פאָרן און אין עטלעכע סעקונדעס אַרום האָט זיך די אייזערנע שטייג אָנגעפילט מיט קוילן־שטאָף־גאַז. ווען די אויטאָס זענען אָנגעקומען קיין טרעבלינקע, האָט שוין קיינער פון די יידן נישט געלעבט. די טויטע קערפּערס זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אין דרויסן און איידער מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין מאַסן־קברים, האָט מען ביי די טויטע אַרויסגעריסן די גאָלדענע ציין.

ביי לאה לאַנדאַו האָבן אָבער די דייטשן קיין גאָלדענע ציין נישט געפונען. זי האָט זיי שוין פריער געהאַט אַרויסגע־ריסן, כדי צו קויפן אין געטאָ אַ שטיקל ברויט.

דאָס יאָר 1942 האָט זיך דערנענטערט צום סוף. די דייטשן האָבן פאַרשטאַרקט זייערע רדיפות אין וואַרשעווער געטאָ, ווו כמעט אַלע לעבן־געבליבענע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערן, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס ווערטפולסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. די קעלערן זענען אויסגעברייטערט געוואָרן און האָבן זיך טיילוויז פאַרוואַנדלט, ווי דאָס האָבן שוין פריער געטאָן די „הבונים", אין באַפעסטיקטע בונקערס. אַזעלכע בונקערס זענען אין געטאָ אויפגעשטעלט געוואָרן צענדליקער און צום סוף הונדערטער, און מען האָט זיי אַלע פאַראייניקט מיט אונטערערדישע קאַנאַלן.

די אָבלאַוועס פון די דייטשן, פון דער פוילישער פּאָליציי און ליטווישע זעלנער, האָבן נישט געגעבן די דערוואָרטע רעזולטאַטן. די דייטשן זענען געוואָרן צערייצט ווייל די בונ־קערס זענען געווען אַזוי גוט פאַרמאַסקירט, אַז עס איז כמעט אוממעגלעך געווען זיי אָפּצוגעפינען. צום סוף איז דער קאָמענ־

ראַנט פֿון וואַרשע געקומען פּערזענלעך אין געטאָ, כּדי זיך צו טרעפֿן מיטן פּאָרזיצער פֿון יודענראַט. דער דייטש איז געווען אויפֿגערעגט און האָט פֿאַרלאַנגט, אַז דער יודענראַט זאָל העלפֿן די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען שנעל דורכצופֿירן דעם „אויסזידלונגס־פּראָגראַם". ער האָט דערבײַ געפֿאָדערט מען זאָל אויפֿדעקן די „פּחדנים", וואָס דרייען זיך אַרויס פֿון „ערלעכער אַרבעט".

אין משך פֿון דריי יאָר האָט דער יודענראַט זיך געפֿונען אין דער טראַגישער לאַגע — צווישן דער נויטווענדיקייט אויסצופֿירן די דייטשע באַפֿעלן, און דעם פּרוּוו צו ראַטעווען וואָס מער יידן. אָבער דאָס מאָל האָבן די אָנפֿירער פֿון יודענראַט שוין קלאָר געזען, אַז די שפּיל איז פֿאַרן טייוול. קורץ נאָכן באַזוך פֿון קאָמענדאַנט אין געטאָ, בעת וועלכן ער האָט געפֿאָדערט פֿון יודענראַט מיטצואַרבעטן בײַם פֿאַרניכטן דאָס רעשט פֿון וואַרשעווער געטאָ, איז דער פּאָרזיצער פֿון יודענראַט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

ווידער איז אַ ווינטער געקומען אין וואַרשעווער געטאָ. די „הבונים" האָבן זיך געגרייט צו אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד און אויף מונדעקן איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די אויפֿגאַבע צוצוגרייטן די פֿאַרטיידיקונג פֿון קוואַרטאַל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין ראַיאָן פֿון די בערשטער־וואַרשטאַטן. דב האָט פֿאַרבראַכט זיין צייט אָדער אין די קאַנאַלן, אָדער אין בונקער, ווו ער האָט געפֿעלשט דאָקומענטן און פּאַספּאָרטן. יעדע וואָך האָט ער איצט דורכגעמאַכט דעם וועג „אונטערן מויער" קיין וואַרשע, און דאָס האָט פֿאַר אים שטענדיק באַדייט די מעגלעכקייט צו עסן צוויי מאָל אַ וואָך צו דער זעט. אַרויסגייענדיק פֿון געטאָ קיין וואַרשע האָט ער מיטגענומען מיט זיך מענטשן, וואָס זענען געווען צו אַלט, אָדער וואָס זענען נישט

געווען פעיק צום קאַמף. ווען ער פלעגט צוריקקומען, פלעגט ער מיטברענגען מיט זיך געווער און ראַדיאָ־טיילן.

אין משך פון ווינטער 1942—1943 האָט די צאָל קרבנות אין געטאָ דערגרייכט אַן אויפטרייסלענדיקן פאַרנעם. פון די פינף הונדערט טויזנט יידן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ, זענען צום סוף יאָר געבליבן ביים לעבן בלויז פופציק טויזנט פערזאָן.

אַ געוויסן טאָג, אין העלפט פון חודש יאַנואַר, ווען דב איז געווען גרייט צו מאַכן זיין געוויינלעכן „שפּאַציר" דורך די קאַנאַלן, האָבן אים מונדעק און רבקה אָפּגערופן אין אַ זייט.

— מען איז אַזוי פאַרנומען, אַז עס איז קיינמאָל נישטאָ קיין געלעגנהייט זיך אַוועקצוזעצן רואיק און זיך דורכשמועסן. — האָט מונדעק אָנגעהויבן, אָבער רבקה האָט גלייך איבער־געריסן זיינע רייד.

— הער אויס, מונדעק, — האָט זי געזאָגט. — מיר האָבן אַלע אַרומגערעדט דעם ענין און מיר האָבן אפילו אָפּגעשטימט, אַז דו דאַרפסט בלייבן אויף דער אַרישער זייט.

— צי האָט איר פאַר מיר אַ ספּעציעלע אויפגאַבע? — האָט דב געפרעגט.

— ניין, דו פאַרשטייסט אונדז נישט...

— וואָס מיינט איר? איך פאַרשטיי טאַקע נישט.

— מיר האָבן באַשלאָסן — האָט רבקה ווייטער געזאָגט — אַז עטלעכע פון אונדזערע מענטשן זאָלן בלייבן אויף יענער זייט...

דב האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי ווילן. ער האָט געוווּסט, אַז די „הבונים" דאַרפן אים האָבן. אין דער גאַנצער זש.אָ.ב.־אָרגאַניזאַציע איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל אַזוי גוט קענען די אונטערערדישע וועגן ווי ער.

אויב די ווידערשטאַנדלער גרייטן זיך איצט ערנסט צו אַ פאַרטיידיקונג, איז ער דאָך איצט נויטיקער ווי פריער. חוץ דעם איז געלונגען מיט דער הילף פון די דאָקומענטן און פּאַספּאָרטן, וועלכע ער האָט געפעלשט, אַרויסצופירן איבער הונדערט פּערזאָן פון אָקופּירטן פּוילן. ער האָט פרעגנדיק אַנגעקוקט זיין שוועסטער און ברודער.

רבקה האָט אים אַריינגערוקט אַ קאָנווערט אין האַנט און געזאָגט:

— דאָ האָסטו געלט און דאָקומענטן. בלייב אַזוי לאַנג ביי וואַנדאַ, ביז זי וועט געפינען אַ פאַמיליע, וואָס וועט דיך אויפנעמען.

— איר האָט וועגן דעם אין גאַנצן נישט אָפּגעשטימט. דאָס האָט איר ביידע צוגעטראַכט. איך גיי נישט, — האָט דב אויסגערופן.

— דו גייסט — האָט מונדעק געזאָגט — דאָס איז אַ באַפעל!

— דאָס איז נישט קיין באַפעל — האָט דב נישט אויפגעהערט צו שרייען.

— דאָס איז יאָ אַ באַפעל! איך בין דער פירער פון דער פאַמיליע לאַנדאַו!

זיי זענען אַלע דריי געשטאַנען אין אַ ווינקל פון בונקער. עס איז געווען זייער שטיל אין דער דאָזיקער אונטערערדישער באַהעלטעניש.

— דאָס איז אַ באַפעל — האָט מונדעק איבערגעחזרט.

רבקה האָט אַנגענומען דבן פאַר אַ האַנט און אים אָנגעהויבן צו גלעטן איבער זיינע בלאָנדע האָר.

— דו ביסט שוין אַ גרויס יינגל, דב, — האָט זי געזאָגט.
— מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן דיר צו געבן אַ גוטע קינדהייט.

— דאָס איז דאָך נישט אייער שולד.

— הער אויס, דב! — האָט זיך אָנגערופן מונדעק — דו דאַרפסט הערן וואָס רבקה און איך זאָגן דיר. מיר האָבן דיר נישט געקאָנט געבן קיין סך. מיר ווילן דיר דעריבער ווייניקסטנס געבן אַ שאַנס צו בלייבן לעבן...

— עס אַרט מיך נישט מיין לעבן, אויב איך וועל נישט זיין מיט אייך.

— פאַרשטיי וואָס מען רעדט צו דיר. איינער פון דער משפחה לאַנדאַו מוז בלייבן לעבן. מיר ווילן, אַז ווייניקסטנס דו זאָלסט בלייבן לעבן, פאַר אונדז אַלעמען.

דב האָט אָנגעקוקט זיין עלטערן ברודער, וועלכן ער האָט זייער שטאַרק געליבט.

— איך פאַרשטיי — האָט דב אַרויסגעפּליסטערט מיט אַ שטילער שטימע — יאָ, איך וועל בלייבן לעבן.

ער האָט פאַרפּאַקט אַ קליין פּעקעלע אין אַ לייוונטן זעקעלע, כדי עס נישט צו פאַרנעצן אין די קאַנאַליזאַציע־וואַסערן. רבקה האָט צוגעדריקט זיין קאָפּ צו איר ברוסט און אַרויסגעפּליסטערט:

— מיר וועלן זיך טרעפן אין ארץ־ישראל...

— יאָ... אין ארץ־ישראל...

— דו ביסט געווען אַ גוטער זעלנער, דב — האָט מונדעק זיך אָפּגערופן — איך בין שטאָלץ מיט דיר. שלום און להתראות.

— שלום ולהתראות — האָט דב אים נאָכגעזאָגט.

זיין דרייצנטן געבורטסטאָג האָט דב לאַנדאַו פאַרבראַכט אין די קאַנאַליזאַציע־וואַסערן, וואָס זענען געפלאָסן אונטער דער שטאָט וואַרשע, דורכברעכנדיק זיך אַ וועג מחוץ דעם געטאָ. אויפן האַרצן איז אים געלעגן אַ שווערע משא, אונטער

וועלכער ער האָט זיך שיעור נישט איינגעבראָכן. אין אַן אַנדער צייט און אין אַן אַנדער וועלט, וואָלט מען איצט גע־פּייערט זיין בר־מצווה...

18 יאַנואַר 1943.

אויפן דריטן טאָג נאָך דב׳ס אַרויסגיין פון געטאָ צו זיין ציטוויילעקער באַהעלטעניש אין וואַנדאַס וווינונג, האָבן די דייטשן, די פּוילישע פּאָליציי און די ליטווישע זעלנער אַרומ־גערינגלט דעם גאַנצע געטאָ־שטח. איצט, ווען דאָרטן זענען פאַרבליבן בלויז פופציק טויזנט ייִדן, האָבן די דייטשן באַשלאָסן פולשטענדיק צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ. דאָסמאָל אָבער האָבן די דייטשן און זייערע געדונגענע באַנדעס זיך אָנגעטראָפן אויף אַ האָגל פון קוילן מצד די מיטגלידער פון זש.אָ.ב. די דייטשן זענען אַנטלאָפן אין בהלה, איבערלאָזנדיק הינטער זיך צאָלרייכע קרבנות.

די דאָזיקע ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער גאַנץ וואַרשע.

די ייִדן האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד!

אין דער זעלבער נאַכט זענען אַלע וואַרשעווער איינוווי־נער געזעסן צוגעשמידט צו די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און געהערט די געהיימע זענדונגען פון זש.אָ.ב., אין וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן פאָלגנדיקן רוף:

„ברידער פּאָלאַקן! מיר האָבן היינט געגעבן אַ מעכטיקן קלאַפּ איבערן קאָפּ פון דער טיראַניע! מיר ווענדן זיך צו אַלע אונדזערע ברידער מחוץ דעם געטאָ זיי זאָלן מאַכן אַן אויפ־שטאַנד און שלאָגן דעם שונא! שליסט זיך אָן צו אונדזער פראָנט!"

דער דאָזיקער רוף האָט זיך אָבער אָנגעטראָפֿן אויף אַ טויבער וואַנט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אויפֿן בנין פֿון שטאַב פֿון זש.אָ.ב. אויף מילע־גאַס האָט נעבן דער בלוי־ווייסער פֿאָן אויך געפֿלאַטערט די פּוילישע פֿאָן. די ייִדן פֿון וואַרשעווער געטאָ האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן טויט אונטער דער פֿאָן פֿון די יענע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון זיי נאָך ביים לעבן.

קאַפּיטל 23

אַ געפיל פון דערנידעריקונג האָט באַהערשט די דייטשן נאָכדעם, ווי זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן פון געטאָ. דער יידישער ווידערשטאַנד איז געקומען פאַר זיי אומגעריכט און קאָנראַד, דער שעף פון געסטאַפּאָ־אָפּטיילונג אין געטאָ האָט מיטגעטיילט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר האַנס פראַנק, אַז דער מצב וועט אויפגעקלערט ווערן אין משך פון צוויי אָדער דריי טעג. זיינער צייט האָבן די דייטשן איינגערעדט די פּאָלאַקן, אַז די יידן זענען פּחדנים, אָבער איצט זענען זיי געווען געצוווּנגען צו דערציילן, אַז דער ווידערשטאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן בלויז דורך „אַ הייפל וואַנזיניקע פאַרברעכער, וואָס פלעגן פריער פאַרגוואַלדיקן פּוילישע מיידלעך"...

די מיטגלידער פון זש.אָ.ב. האָבן דערווייל באַהערשט דאָס געטאָ און פאַנאַנדערגעלאָזט דעם יודענראַט. די יידישע קעמפער האָבן גלייכצייטיק ליקווידירט אַ ריי באַקאַנטע קאָלאַבאָראַנטן און שפּעטער האָבן זיי זיך פאַרפעסטיקט אויף באַשטימטע קאַמפּס־פּאָזיציעס.

דער גובערנאַטאָר האַנס פראַנק האָט מורא־געהאַט פאַר אַ צווייטער שענדלעכער קאָמפּראָמיטאַציע און ער האָט באַשלאָסן דערווייל נישט אָנצוגרייפן דאָס געטאָ. די דייטשן זענען צוגעטראָטן צו אַ ברייט־פאַרמאָסטענער פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע. פון איין זייט האָבן זיי אין די אויגן פון די פּאָלאַקן געמאַכט צו שפּאָט דעם ווידערשטאַנד פון די געטאָ־יידן, אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן זיי זיך געווענדט צו די יידן זיי זאָלן

זיך „באַטראַכטן” און אויפהערן דעם ווידערשטאַנד. זיי האָבן אפילו גאַראַנטירט, אַז זיי וועלן זיך באַציען מיט גרויסמוטיקייט צו די, וואָס וועלן „ערלעך אַרבעטן”.

אַלס ענטפער האָט זש.אָ.ב. פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו די יידן אין געטאָ, אַז די יעניקע וואָס וועלן נאָכקומען די דייטשע פאָדערונגען, וועלן דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

נאָך אַן איבעררייס פון צוויי וואָכן זענען די דייטשע אָפּטיילונגען ווידער אַריין אין געטאָ, כדי דורכצופירן אַן אַקציע. דאָס מאָל זענען זיי געקומען באַוואָפנט מיט אַ סך געווער און אַריינגעדרונגען אין געטאָ־שטח מיט אויסערגעוויינלעכער פאָרזיכטיקייט. אָבער אויך צום צווייטן מאָל זענען די דייטשן באַגעגנט געוואָרן מיט פייער און ווידער זענען זיי געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן הינטער די מויערן פון געטאָ.

די דייטשן האָבן דאַן באַשלאָסן אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ. זייערע צייטונגען און ראַדיאָ־אוידיציעס האָבן געשאָטן פעך און שוועבל אויף די „יידישע באָלשעוויקעס” און גלייכצייטיק האָבן זיי צוגעגרייט אַ ברייט־פאַרמאָסטענע מיליטערישע אַקציע קעגן די געטאָ־קעמפער. די אויפשטענדלער האָבן זיך געריכט אויף אַ דייטשן אָנגריף און האָבן פאַרשטאַרקט זייערע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס. אין זייער פאַרצווייפלונג האָבן זיי געהאַלטן אין איין בעטן הילף פון דער פּוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג. אָבער קיין שום געווער און שטיצע איז מצד די פּאָלאַקן נישט געקומען. בלויז אַ צענדליק פרייוויליקע זענען געקומען אין געטאָ דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן, כדי זיך אָנצושליסן צו די יידישע קעמפער.

דער דייטשער שטאַב האָט באַשלאָסן אָפּצומעקן דאָס

געטאָ און דאָס הייפל יידן פון ערד־אויבערפלאַך. דער אָנגריף איז באַשטימט געוואָרן אויף ערב פסח.

דריי פאַרטאָג האָבן דריי טויזנט זעלנער פון די שטורם־אָפּטיילונגען פון ס.ס. אַרומגערינגלט דאָס געטאָ. צו הילף האָבן זיי גענומען אָפּטיילונגען פון דער פוילישער פּאָליציי און ליטווינער. צענדליקער רעפלעקטאָרן האָבן באַלויכטן דאָס געטאָ, אין דער זעלבער צייט ווען מינען־וואַרפערס און לייכטע טאַנקען האָבן אָנגעהויבן צו באַשיסן די הייזער. די באָמבאַרדירונג האָט געדויערט ביז עס איז געוואָרן טאָג.

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען זענען די ס.ס.־אָפּטיילונגען צוגעטראָטן צום אָנגריף. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין געטאָ־צענטער פון פאַרשידענע זייטן, נישט אָנטרעפנדיק זיך אויף קיין ווידערשטאַנד. אָבער ווען זיי זענען שוין געווען אינעווייניק האָבן די מיטגלידער פון זש.אָ.ב. — פרויען און מענער — געעפנט אַ שטאַרק פייער פון די דעכער, פענצטער און באַהאַלטענע פּאָזיציעס קעגן די דייטשן, וואָס האָבן דערזען, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. און צום דריטן מאָל זענען די אָנפאַלער געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציען אין בהלה פון געטאָ־שטח.

די דייטשן האָבן געברענט פאַר כעס און זיך צוריקגעקערט אין געטאָ מיט שווערע טאַנקען. די טאַנקען זענען באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האָגל פון פלעשער אָנגעפילטע מיט בענזין. די שטאָלענע מאָנסטערס האָבן זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין ברענענדיקע קברים פאַר זייערע מאַנשאַפטן. ווען די טאַנקען זענען פאַרניכטעט געוואָרן זענען די ס.ס.־אָפּטיילונגען ווידער געצוווּנגען געוואָרן צו אַנטלויפן. דאָס מאָל האָבן זיי איבערגעלאָזט אויף די גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ עטלעכע הונדערט טויטע. די זש.אָ.ב.־קעמפער זענען שנעל אַרויסגעלאָפן פון זייערע באַהעלטענישן און צוגענומען פאַר זיך דעם שלל געווער, ווי אויך די דייטשע מונדירן.

קאָנראַד איז באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט און אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער ס.ס.־גענעראַל פאָן סטראָפּ. ער האָט באַפוילן צו פאַרניכטן דאָס געטאָ ביזן יסוד, כדי קיינער זאָל מער נישט וואַגן צו צווייפלען אין כוח פון די נאַציס.

סטראָפּ האָט פאַרשטאַרקט זיינע אָנגריפן מיט יעדן טאָג. ביי יעדן נייעם אָנגריף האָט ער זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע סטראַטעגישע מיטלען און איז אָנגעפאַלן פון פאַרשידענע ריכטונגען. אָבער יעדן אָנפאַל און יעדער דייטשער מיליטע־רישער גרופּע האָט געטראָפן דער זעלבער גורל. זיי זענען אָפּגעשטויסן געוואָרן דורך די געטאָ־אויפשטענדלער, וועלכע האָבן געקעמפט אויף לעבן און טויט, פאַרטיידיקנדיק הויז נאָך הויז, צימער נאָך צימער, טראָט נאָך טראָט. פאַרשידענע טיפּן מינעס, וואָס די אויפשטענדלער האָבן אויסגעפּאַרטיקט מיט זייערע אייגענע הענט, שווערע קעגן־אָנגריפן און איבער־מענטשלעכער מוט — האָבן געגעבן די געטאָ־קעמפער דעם כוח אָפּצושטויסן די דייטשן פון געטאָ יעדן מאָל, ווען זיי האָבן געפּרוווט זיך אַריינצורייסן אינעווייניק.

עס זענען פאַרביי צען טעג און דער ווילן פון די דייטשן צו פאַרניכטן דאָס הייפל יידן, האָט געברענט ווי פייער. אַ געוויסן טאָג איז זיי געלונגען דורך אַ קאָנצענטרירטער אַטאַקע זיך אַריינצורייסן אין יידישן געטאָ־שפּיטאָל, ווו זיי האָבן דערשאָסן אַלע קראַנקע און אויפגעריסן דעם בנין. דערנאָך האָבן זיי דערקלערט, אַז ס'איז זיי געלונגען צו פאַרניכטן דעם שטאַב פון זש.אָ.ב.

דער קאַמף איז אָבער ווייטער אָנגעגאַנגען. גרופּן פון אויפשטענדלער האָבן זיך איבערגעטאָן אין די מונדירן פון די דייטשן, וואָס זענען דערהרגעט געוואָרן און זיי איז גע־לונגען אויף אַזאַ אופן צו פאַרניכטן דעם שונא פון לויערונגען.

די דייטשן האָבן נישט אָפּגעשטעלט זייערע אָנגריפֿן און גאָר גיך האָבן זיי באַקומען די איבערהאַנט צוליב דער גרויסער צאָל זעלנער און וואָפֿן, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט. די מענטשן פֿון זש.אָ.ב. האָבן דאַקעגן נישט געהאַט מיט וועמען צו פֿאַרטרעטן יעדן געפֿאַלענעם קעמפֿער. עס איז זיי אַלץ שווערער געוואָרן צו דערגרייכן די זאַפּאַסן פֿון וואָפֿן און אַמוניציע. טראָץ דעם פֿאַקט, וואָס די דייטשן זענען געווען אַ סך שטאַרקער, האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך אַרייַנבאַקומען אין האַרץ פֿון געטאָ. די מיטגלידער פֿון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן אָבער געוווּסט, אַז דער אויסגאַנג פֿון אומגלייכן קאַמף וועט זיין פֿאַר זיי אַ טראַגישער און זיי האָבן דעריבער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ רוף צו אַלע יידן, פֿאַר וועלכע זיי האָבן נישט געהאַט קיין געווער, זיי זאָלן אַנטלויפֿן פֿון געטאָ.

מונדעק, איבערגעטאָן אין אַ דייטשן מונדיר, איז געשטאַנען בראש פֿון דער גרופּע וואָס האָט אָנגעגריפֿן דעם „פּאַוויאַק”, און באַפֿרייט פֿון דאָרטן אַלע אַרעסטירטע.

פֿופֿצן טעג נאָכן ערשטן דייטשן אָנגריף איז רבקה לאַנדאַו געשטאַנען אויפֿן וואַך־פּאָסטן אין איינעם פֿון די הייזער־בלאָקן, וואָס האָט זיך געפֿונען נעבן די בערשטער־וואַרשטאַטן, נישט ווייט פֿון שטאַב פֿון די „הבונים”. דורך אַ מינע, וואָס האָט דירעקט געטראָפֿן אין בנין, זענען דערהרגעט געוואָרן אַלע מיטגלידער פֿון איר קאַמפּס־גרופּע. זי איז געבליבן לעבן. אונטערן אומאויפֿהערלעכן פֿייער פֿון דער דייטשער אַרטילעריע זענען די ווענט פֿון בנין צעשמעטערט געוואָרן און זי איז געווען געצוווּנגען אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. זי איז גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גרופּע דייטשן, אָבער בליץ־שנעל האָט זי פֿון אונטערן מאַנטל אַרויסגעכאַפּט אַ גראַנאַט און אים אַ שלייַדער־געטאָן צו די אָנפֿאַלער. צוזאַמען

מיט דריי דייטשן איז זי דערהרגעט געוואָרן אויפֿן אָרט.

נאָך דריי וואָכן קאַמף איז גענעראַל סטראָפּ געווען געצוווּנגען צו ענדערן זיין טאַקטיק. ער האָט געליטן אַ סך פאַרלוסטן צווישן זיינע זעלנער און די נאַציס האָבן שוין נישט געקאָנט פאַרטושן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע דעם שטאַרקן רושם וועגן דער יידישער גבורה. גענעראַל סטראָפּ האָט דורכגעפירט אַ בלאָקאַדע פון געטאָ, פאַרשטאַרקנדיק גלייכצייטיק זיינע אָפּטיילונגען מיט נאָך מענטשן און פאַנצער־וואָפן; ער האָט אַראָפּגעבראַכט שווערע אַרטילעריע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו באַשיסן פון דער נאָענט די בנינים, וואָס זענען נאָך געבליבן גאַנץ, כדי די קעמפער זאָלן זיך דאָרטן נישט קאָנען פאַרפעסטיקן. אין די נעכט האָבן „היינקעל"־עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט דאָס געטאָ מיט צינד־באָמבעס.

מונדעק האָט זיך צוריקגעקערט צום בונקער פון די „הבונים" נאָך אַ באַראַטונג אין שטאַב פון זש.אָ.ב. זיינע כוחות, פונקט אַזוי ווי די כוחות פון די מיטקעמפער, זענען געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, צוליבן הונגער און דורשט. אַ סך פון זיי זענען געווען פאַרוווּנדעט. איצט זענען זיי אַלע געשטאַנען אַרום אים און געהערט זיינע רייד.

— די דייטשע טאַנקן האָבן פאַרניכטעט כמעט אַלע בנינים — האָט מונדעק געזאָגט. — די הייזער, וואָס האַלטן זיך נאָך, ווערן אַוועקגעלאָזט מיטן פייער.

— צי האָט זיך איינגעגעבן אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער פוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג? — האָט עמיצער פון די אָנוועזנדיקע געפרעגט.

— יאָ, מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט זיי, אָבער זיי האָבן נישט בדעה אונדז צו העלפן. מיר האָבן מער נישט וואָס צו האָפן אויף געווער, ברויט, וואַסער, חוץ פון דעם וואָס מיר פאַרמאָגן. די פאַרבינדונגס־וועגן זענען צעשטערט. בקיצור,

חברים, מיר קאָנען מער נישט קעמפן אויף אַן אָרגאַניזירטן און פּלאַנמעסיקן אופן. יעדער בונקער וועט מוזן קעמפן זעלבשטענדיק. מיר וועלן זיך באַמיען אָנצוהאַלטן אַ פאַר־בינדונג מיט זש.אָ.ב. דורך ספּעציעלע שליחים, אָבער גלייכ־צייטיק מוז יעדער פון אונדז אויסאַרבעטן זיינע אייגענע קאַמפּס־פּלענער און פון יעדער לויערונג הרגענען דייטשן.

— ווי לאַנג וועלן מיר זיך קאָנען האַלטן אויף אַזאַ אופן, מונדעק ? עס זענען אונדז פאַרבליבן 30 קעמפער, צען רעוואָל־ווערן און זעקס ביקסן !...

מונדעק האָט אַ שמייכל געטאָן.

— גאַנץ פּוילן האָט זיך געהאַלטן בלויז זעקס און צוואַנ־ציק טעג. אין פאַרגלייך מיט זיי פאַרדינען מיר שוין אַ לויב.

מונדעק האָט אויסגעשטעלט זיינע מענטשן אויף דער וואַך, האָט פאַנאַנדערגעטיילט דאָס קליינע ביסל שפּייז, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן און באַשטימט דעם פּלאַן פון שיצן די פּאָזיציע.

אַ מיידל פון דער גרופּע האָט גענומען אין האַנט אַ צע־קנאָדערטן אַקאָרדיאָן און אָנגעהויבן צו שפּילן אַן אומעטיק, לאַנגזאַם ליד. די רעשטלעך פון די „הבונים" האָבן תיכף אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע און אין פאַרשימלטן בונקער, וואָס האָט זיך געפונען דריי מעטער טיף אונטער דער ערד, האָט זיך צעטראָגן דאָס ליד, וועלכן די „הבונים"־מיטגלידער פלעגן אָפט זינגען. דאָס איז געווען אַ ליד, וואָס מען האָט זיי געלערנט, ווען זיי זענען נאָך געווען קינדער, — אַ ליד וועגן שיינעם גליל און וועגן די תבואה־פעלדער אויף וועלכע דער ווינט האָט געשאָקלט די זאַנגען. איצט, אין דאָזיקן בונקער פון וואַרשעווער געטאָ, האָבן זיי געזונגען דאָס ליד אין פולער איבערצייגונג, אַז זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט זוכה־זיין צו זען דעם שיינעם גליל.

— אַכטונג! — האָט איינער פון די שומרים אויסגערופן, דערזעענדיק ווי אַן איינזאמע געשטאַלט ברעכט זיך דורך אַ וועג צו זייער בונקער דורך די פלאַמען און הויפנס גרוז.

דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן און דער בונקער איז איינגעהילט געוואָרן אין פינצטערניש. ווען די געשטאַלט האָט זיך דערנענטערט האָט מונדעק אויסגערופן:

— דב! וואָס איז מיט דיר? וואָס טוסטו דאָ?

— שיק מיך נישט אַוועק פון דאַנען צום צווייטן מאָל, מונדעק!

ביידע ברידער זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און דב האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין. ער האָט זיך געפילט זיכער, ווידער געפינענדיק זיך אין די אָרעמס פון עלטערן ברודער. אַלע אַנוועזנדיקע האָבן אַרומגערינגלט דבן, וועלכער האָט נאָכן באַרואיקן זיך, אָנגעהויבן איבערצוגעבן די טרויעריקע נייעס, אַז דער פוילישער אונטערגרונט האָט באַשלאָסן בשום אופן נישט צו העלפן דעם רעשטל געטאָ־קעמפער און אַז די וואַרשעווער באַפעלקערונג באַציט זיך מיט גלייכגילטיקייט צום אויפשטאַנד.

— ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט — האָט דב געזאָגט — זענען די קאַנאַליזאַציע־אָפגוסן געווען פול מיט מענטשן. אַ סך פון זיי זענען דאָרטן געלעגן קראַנק און די אַנדערע זענען געווען אַזוי אָפגעשוואַכט, אַז זיי האָבן שוין נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. קיינער אין וואַרשע האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך...

אַזוי איז דער קליינער דב צוריקגעקומען אין געטאָ. גלייכצייטיק האָט פּאַסירט אַן אויסטערלישע זאַך. פון אַלע עקן וואַרשע און אירע פּעריפעריעס האָבן אָנגעהויבן זיך צוריקצוקערן אין געטאָ אַ סך יידן, וואָס האָבן זיך ביז־איצט אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן. די דאָזיקע צוריקקערנדיקע זענען גע־

קומען, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער לעצטער אַקציע. זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז דער זכות פון יעדן מענטשן איז צו שטאַרבן מיט כבוד.

מאַי, 1943.

דער פּלאַן פון אויפשטאַנד האָט געהאַלטן ביים אויס־לעשן זיך.

גענעראַל פאָן סטראָפּ האָט ווידער אַריינגעפירט זיינע באַנדעס אין געטאָ, און דאָסמאָל האָבן זיי שוין באַהערשט דעם מצב. די יידישע קעמפער האָבן נישט געהאַט קיין פאַר־טיידיקונגס־פּאָזיציעס און קיין פאַרבינדונגס־מיטלען. די אויפשטענדלער האָבן שוין אויך נישט געהאַט קיין גענויע פּלענער, קיין געווער, קיין ברויט און וואַסער. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו פאַרניכטן הויז נאָך הויז און „אָפּגערייניקט" די בונקערס דורך האַרמאַטן־פייער און פלאַ־מען־וואַרפערס. דער יידישער קוואַרטאַל איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן.

די דייטשן האָבן זיך באַמיט צו נעמען געפאַנגענע, כדי אַרויסצובאַקומען פון זיי דורך פייניקונגען ווו עס געפינען זיך די באַהאַלטענע בונקערס, אָבער די זש.אָ.ב.־קעמפער האָבן בעסער געוואָלט פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט, איידער זיך אונטערצוגעבן דעם שונא. די דייטשן האָבן אַריינגעלאָזט גאַז אין די קאַנאַליזאַציע־רערן און אַלע, וואָס האָבן זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן, זענען דערשטיקט געוואָרן.

טראָץ דעם, האָבן די זש.אָ.ב.־מיטגלידער נישט אויפ־געהערט צו קעמפן. זיי פלעגן אָפט אַרויסלויפן פון די בונ־קערס אין דרייסטע און פאַרצווייפלטע אָנפאַלן, כדי צו ליק־ווידירן דייטשע פּאַטרולן. די צאָל דייטשע קרבנות איז געשטיגן אַלץ מער און מער, ביז זי האָט דערגרייכט טויזנטער פּערזאָן.

גענעראַל סטראָפּ האָט אָן רחמנות פאַרגעזעצט זיין אַקציע און ווען דער רעשט פון די געטאָ־אויפשטענדלער האָבן שוין נישט געהאַט מער קיין עפעקטיוון קאַמפּס־כוח, האָבן זיי אָנגעהויבן האַנדלען בלויז לויטן אינסטינקט.

דעם 14־טן מאַי האָט מונדעק אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון דער „הבונים"־גרופּע און האָט פאַר זיי רעפּערירט צוויי מעגלעכקייטן: בלייבן אין געטאָ און קעמפן ביזן לעצטן מענטש, אָדער זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. דב האָט איבערצייגט מונדעקן, אַז אים וועט געלינגען אַרויסצופירן די גרופּע פון געטאָ, און אויב עס וועט געלינגען — הגם די האָפענונג אויף דעם איז געווען זייער אַ קליינע — וועלן זיי זיך דערשלאָגן צו אַ פּאַרטיזאַנער־איינהייט. דב איז דערווייל אַוועק איינער אַליין, כדי פעסטצושטעלן, צי די גרופּע וועט קאָנען אַנטלויפן, אָבער דערנענטערנדיק זיך צו זאַבראָווסקע 99 האָט ער דערזען, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם בנין און מיט זיין שאַרף אויג האָט ער באַמערקט, אַז אַ צענדליק מענטשן אָבסערווירן דאָס הויז פון פאַרשידענע זייטן. דב האָט נישט געוווּסט, צי וואַנדאַ איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ אָדער נישט. איין זאַך איז אָבער געווען קלאָר פאַר אים, אַז דאָס אָרט איז שוין מער נישט זיכער.

ער האָט זיך צוריקגעקערט אין געטאָ שפּעט ביינאַכט. אפילו אים איז שווער געווען אָפּצוגעפינען דעם בונקער, ווייל אין געטאָ זענען שוין מער נישט געווען קיין גאַסן און בנינים, נאָר בלויז הויפנס ציגל, גרוז און שטיינער. ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום חרובן בנין האָט ער דערשפּירט דעם גוט־באַקאַנטן ריח פון פאַרסמאַליעטן מענטשן־פלייש. ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין טונקעלן בונקער און אָנגעצונדן אַ ליכט,

וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך גייענדיק דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. דאָס קליינע פּלעמל האָט געטאַנצט אויף די ווענט, וואָרפנדיק אימהדיקע שאָטנס. ער האָט קיינעם נישט געזען, אָבער ערשט ווען ער איז אַריין טיפער איז פאַר זיינע אויגן דערשינען אַן אויפשוידערנדיק בילד: די גאַנצע גרופּע, צווישן זיי אויך זיין עלטערער ברודער מונדעק, איז געלעגן אַ פאַרקוילטע אויף דער פּאָדלאָגע. זיי זענען געטראָפן געוואָרן דירעקט פון אַ דייטשן פלאַמען־וואַרפער. דב איז מיטן ליכט אין האַנט געקראָכן אויף די קני פון איין עק בונקער צום צווייטן, ביז ער האָט צווישן די פאַרקוילטע גופים דער־קענט זיין געליבטן ברודער, מונדעק.

15־טער מאַי, 1943.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט דורכן ראַדיאָ אַרויסגע־שיקט איר לעצטע מיטטיילונג: „דאָ איז די שטים פון געטאָ וואַרשע! העלפט אונדז!".

16־טער מאַי, 1943.

עס זענען פאַרביי צוויי און פערציק טעג, זינט די דייטשן זענען צוגעטראָטן צו ליקווידירן דאָס געטאָ. עס זענען פאַר־ביי פיר חדשים, זינט עס איז געשאַפן געוואָרן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זש.אָ.ב., וועלכע האָט פאַרטריבן די דייטשן פון געטאָ. אַלס לעצטן אַקט האָט גענעראַל סטראָפּ באַפוילן אויפצורייסן די גרויסע שול אויף טלאָמאַצקע. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט דער דאָזיקער בית־הכנסת געדינט אַלס סימבאָל פאַרן פּוילישן יידנטום. פונקט אַזוי ווי דער בית־המקדש איז אַמאָל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די רוימער, אַזוי איז איצט אַריינגעפאַלן די גרויסע שול אויף טלאָמאַצקע אין די הענט פון די דייטשן, וועלכע האָבן מיט־

געטיילט, אַז דער ענין פון געטאָ־וואַרשע איז ענדגילטיק געלייזט געוואָרן.

דער חורבן איז געווען אַ פולשטענדיקער. אויפן גאַנצן שטח פון געוועזענעם געטאָ איז נישט געבליבן קיין איין גאַנ־צער בנין. סטראָפּ האָט געמאָלדן, אַז ער האָט פאַרכאַפּט בלויז זעכצן רעוואָלווערן און פיר ביקסן. ער האָט אויך דערקלערט, אַז די בערג חורבות וועלן דינען אַלס גוטער בוי־מאַטעריאַל. קיין געפאַנגענע זענען נישט געווען.

אָבער אַפילו נאָך דער פּעדאַנטישער שחיטה האָבן זיך געפונען זש.אָ.ב.־קעמפער, וואָס זענען געבליבן לעבן. די מלחמה קעגן די דייטשן האָט געדויערט ווייטער. די איינצלנע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט דורך פאַרשידענע אופנים, האָבן אָפּגעפונען איינע די אַנדערע און געשאַפן צוויי־פערזאָ־ניקע אָדער דריי־פערזאָניקע גרופּן, וועלכע האָבן אָנגעגריפן אין די נעכט דייטשע פּאַטרולן. די דייטשן און די פּוילישע פּאָליציי האָבן זיך געשווירן, אַז אין געטאָ קעמפן אַפילו די גייסטער.

דב האָט אָפּגעפונען נאָך זעקס יידן. זיי זענען געקראָכן פון בונקער צו בונקער, ביז זיי האָבן זיך אַלע באַוואָפנט מיטן געווער, וואָס זיי האָבן אָפּגעפונען אונטער די חורבות. אין די נעכט האָט די גרופּע געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, ביז איינ־מאָל האָט דב אַוועקגעפירט די מענטשן דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אונטערן מויער און פון דאָרטן פלעגן זיי דורכפירן איבערפאַלן אויף שפייז־מאַגאַזינען.

די יידן האָבן דורכגעפירט אויפשטאַנדן אין אַ ריי אַנדערע געטאָס פון פּוילן, אָבער דער גורל פון די דאָזיקע אויפשטאַנדן איז אומעטום געווען איינער און דער זעלבער. זייער פאַרנעם איז געווען אַ קלענער, זיי זענען געקומען צו שפּעט און קיינער פון דרויסן האָט זיי נישט אונטערגעהאַלטן.

אין משך פון גאַנצן טאָג זענען דב מיט זיינע זעקס חברים געזעסן אויסבאַהאַלטן אונטער דער ערד אין אַ בונקער, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעגראָבן. אין משך פון פינף לאַנגע חדשים האָט דב לאַנדאַו נישט געזען דעם שיין פון טאָג. זיינע חברים זענען אויסגעשטאָרבן איינער נאָכן אַנדערן — דריי זענען אומגעקומען בעת אַן איבערפאַל אין וואַרשע, צוויי זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און דער לעצטער איז אויסגעגאַנגען פון הונגער.

דב איז געווען דער לעצטער, וואָס איז געבליבן ביים לעבן.

צום סוף פון פינפטן חודש האָט אים אַ דייטשער פּאַטרול געפונען, ווען ער איז שוין געווען ביים סוף פון זיינע כוחות. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין מענטשלעכן אויסזען. מען האָט אים קוים דערמינטערט און אָפּגעפירט אין שטאַב פון געסטאַפּאָ צו אַן אויספאָרשונג, וואָס איז שטענדיק געווען באַגלייט מיט קלעפּ. די דייטשן האָבן אָבער נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון אים קיין איין וואָרט.

דער דרייצן־יאָריקער דב לאַנדאַו איז צום סוף אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים.

קאַפּיטל 24

דב לאַנדאַו איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַן אָפענעם לאַסט־אויטאָ צוזאַמען מיט נאָך זעכציק יידן. די געסטאַפּאָ־אויספאָרשער האָבן נישט געוואָלט גלויבן, אַז אין משך פון פינף חדשים האָט ער געלעבט צווישן די חורבות פון וואַר־שעווער געטאָ, נישט באַקומענדיק קיין הילף פון דרויסן. דער צוג, וואָס איז געווען פול־געפּאַקט מיט יידן, איז אָפּגעפאָרן דורך די פאַרשנייטע פעלדער קיין דרום, אין דער ריכטונג פון אָשוויענטשים.

בערלין, דייטשלאַנד, 1940.

דער ס.ס.־אָבערשטורמפירער קאַרל הויס איז אַריין אין ביוראָ פון אַדאָלף אייכמאַן, וועלכער איז באַאויפטראַגט גע־וואָרן אויסצואַרבעטן די פּלענער פון דער פולשטענדיקער יידן־פאַרניכטונג. אייכמאַן האָט באַוויזן הויסן די דאָזיקע פּלענער, אין וועלכע עס האָבן זיך שוין געפונען קאָנקרעטע אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו רעאַליזירן די היטלערישע אידעען פון פעלקער־מאָרד.

גאַנץ אייראָפּע איז געווען באַדעקט מיט אַ נעץ פון

קאָנצענטראַציע־לאַגערן און תפיסות פאַר פּאָליטישע אַרעסט־טירטע. אין יעדן לאַנד, וואָס איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן, זענען געשאַפן געוואָרן הונדערטער אָפּטיילונגען פון געסטאַפּאָ. דאָס רוב פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן איז געווען באַשטימט פאַר יידן.

קאַרל הויס איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין בערלין, ווייל די געסטאַפּאָ האָט אין אים געזען דעם בעסטן קאַנדידאַט אַלס קאָמענדאַנט פון אַ „מוסטער־לאַגער״, וואָס האָט געזאָלט גע־שאַפן ווערן אין פּוילן. אייכמאַן האָט אים געוויזן אויף דער מאַפּע אַ קליין פּויליש שטעטל, נישט ווייט פון דער טשעכי־שער גרענעץ. דאָס איז געווען אָשוויענטשים.

דער צוג, וואָס האָט געפירט דב לאַנדאָו קיין אָשוויענטשים, האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן קראָקע. די זייטיקע באַן־סטאַציע איז געווען פול־געפּאַקט מיט וואַגאָנען. דאָרטן זענען געווען וואַגאָנען אין וועלכע מען האָט פריער געפירט פי, אָבער איצט האָט מען אין זיי געבראַכט קיין אָשוויענטשים די יידן פון פראַנקרייך און גריכנלאַנד; דאָרטן זענען געווען קוילן־וואַגאָ־נען, אין וועלכע מען האָט געבראַכט די יידן פון יוגאָסלאַוויע און האָלאַנד; דאָרטן זענען געווען פאַרמאַכטע לאַסט־וואַגאָנען, אין וועלכע מען האָט געבראַכט די יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיע און אָפענע לאַסט־וואַגאָנען, אין וועלכע מען האָט געבראַכט די יידן פון איטאַליע. עס איז געווען אַ שרעקלעכער פראָסט און די קעלט האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. ווינט און שניי האָבן געשמיסן אין אָפענעם וואַגאָן דעם אויס־געדאַרטן קערפּער פון דב לאַנדאָו. וועמענס אייניציקע שוץ איז געווען אַ צעריסן העמדל און אַ ביסל וואַרעמקייט פון די קערפּערס, וואָס האָבן זיך געטוליעט איינעם צום אַנדערן.

בערלין, דייטשלאַנד, 41—1940.

די דייטשן האָבן נישט צופעליק אויסגעוויילט הויסן אַלס קאָמענדאַנט פון אָשוויענטשים. זיי האָבן גוט געקענט זיינע פעיקייטן. קאַרל הויס האָט שוין געהאַט אַ סך דערפאַרונג ביים שטיין בראש פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן זינט דאָס יאָר 1934, ווי נאָר היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. אין אַ שפּעטער־דיקער תקופה איז ער געווען וויצע־קאָמענדאַנט אין זאַקסענהאַוזען. הויס איז געווען אַ פּעדאַנטישער און געהאָרכזאַמער מענטש, וועלכער האָט געניי אויסגעפירט אַלע באַפעלן, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך איבער זיי. נאָך מער. ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיין שום שווערער אַרבעט.

אַ ריזן־שטח נעבן אָשוויענטשים איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די איינוווינער און אַרומיקע דערפער, און איז אַרומגעצוימט געוואָרן מיט שטעכלדראָט. די בעסטע ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון בוי און קאָמוניקאַציע, אינזשיניערן, וויסנשאַפטלער, די גאַנצע ס.ס.־עליטע, — איז מאָביליזירט געוואָרן, כדי צו רעאַליזירן דעם גראַנדיעזן פּלאַן פון אויפשטעלן דעם אָשוויענטשימער לאַגער. דער שטח פון בזשעזשינקי—בירקענאַו, וואָס האָט זיך געפונען איניקע קילאָמעטער ווייטער, איז באַשטימט געוואָרן פאַר די גאַז־קאַמערן.

בירקענאַו איז געווען אַן אָפּגעלעגן אָרט און האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע, זייטיקע באַן־ליניע. דער דאָזיקער פּלאַץ איז אויסגעקליבן געוואָרן צוליב דעם, וואָס מען האָט געקאָנט לייכט צוקומען צו אים מיטן צוג פון מערב־, מזרח־ און דרום־אייראָפּע. דאָס שטעטל אָשוויענטשים איז געווען פול־שטענדיק אומבאַקאַנט און האָט זיך געפונען ביים אַריינגאַנג אין געביט פון די שלעזישע קוילנגרובן, אין אַ בעקן, וואָס איז פול געווען מיט שטענדיקער בלאָטע.

אויפשטעלנדיק דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין אָשוויענטשים האָבן די נאַציס זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שאַרפער קעגנערשאַפט מצד די מיליטערישע קרייזן. די דייטשע ווערמאַכט האָט זיך גענויטיקט אין אַלע באַן־וועגן, לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען, כדי צו פירן די מלחמה אויפן מזרח־פראָנט. זי האָט דעריבער געהאַלטן פאַר אַן אומזין דאָס אויסנוצן אַזאַ גרויסע צאָל צוגן אויף פירן די יידן דורך גאַנץ אייראָפע. די נאַציס זענען אָבער געווען פאַרעקשנט און דערקלערט, אַז די ענדגילטיקע לייזונג פון יידן־פּראָבלעם איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי די מלחמה. דער ענין איז געבראַכט געוואָרן פאַר היטלערן, וועלכער האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון ס.ס., ס.ד. און געסטאַפּאָ.

הויס האָט באַקומען די אָנפירונג איבערן לאַגער אין אָשוויענטשים און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין טרעבלינקע זיך לערנען די פאַרניכטונגס־מעטאָדן. ער איז דאָרטן געקומען צום אויספיר, אַז דער קאָמענדאַנט פון טרעבלינקע, ווירט, איז אַ שווער־באַוועגלעכער רעקרוט, וואָס האָט נישט קיין אַנונג, ווי אַזוי צו פירן זיין אַרבעט, און ער האָט דאָס דערקלערט אָפן. אין טרעבלינקע זענען די יידן אומגעבראַכט געוואָרן מיט דער הילף פון קוילן־זויער, אַ גאַז וואָס איז לויט אים לגמרי נישט געווען עפעקטיוו. די איינריכטונגען פלעגן אָפט קאַליע ווערן און מען האָט געדאַרפט האָבן צו זיין אַ סך ווערטפולן גאָפּט.

ווירט האָט אויך נישט געוווסט ווי אזוי צו פירן דעם לאַגער ווי געהעריק. ער האָט זיך נישט באַנוצט מיט קיין שום אָפּגאַרערישע שפיצלעך און די יידן פלעגן אָפט דורכפירן אויפשטאַנדן. הויס איז געווען ביי דער מיינונג, אַז דער לאַגער אין טרעבלינקע איז אויפגעשטעלט געוואָרן נישט ווי געהעריק, הײַות מען האָט דאָרטן געקאָנט בלויז פאַרניכטן נישט מער ווי דריי הונדערט מענטשן אויף איין מאָל.

ווען מען האָט געלאָזט אין גאַנג די גאַז־קאַמערן אין בירקענאַו, האָט הויס דורכגעפירט אַ ריי עקספּערימענטן איבער די ערשטע „געסט“, צום סוף איז ער צוזאַמען מיט זיינע וויסנשאַפטלער געקומען צום אויספיר, אַז דער גאַז „ציקלאָן בע“, אַ רוישטאָף־גאַז פון פרייסישן זויער, וועט צומבעסטן דינען ביי דער פאַרניכטונגס־טעטיקייט. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט דאַן באַשטעלט אַ גרויסן קוואַנטום פון גאַז ביי דער האַמבורגער „אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט פאַר פאַרניכטן אינזעקטן“.

די גאַז־קאַמערן אין בירקענאַו זענען געווען גענוג גרויס, כדי אַריינצונעמען מיט איין מאָל דריי טויזנט מענטשן, אַזוי אַז אין משך פון איין טאָג האָט מען געקאָנט דאָרטן פאַרניכטן צען טויזנט מענטשן.

דער צוג, וואָס האָט געפירט דב לאַנדאַו קיין אָשוויענטשים און צו וועלכן מען האָט שוין געהאַט צוגעטשעפּעט פופציק וואַגאָנען, איז שטיין געבליבן אין כשאַנאָוו. פון צווישן די יידן, וואָס זענען געלעגן אין די וואַגאָנען, האָבן שוין אַ סך נישט געלעבט. הונדערטער מענטשן זענען צוגעפרוירן געוואָרן צו די ווענטלעך פון די וואַגאָנען און מען האָט זיי נישט געקאָנט אָפּרייסן. אַ סך פרויען האָבן אַוועקגעלייגט זייערע קינדער אויף די באַן־ליניעס שרייענדיק צו די נייגעריקע פויערים, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, זיי זאָלן נעמען צו זיך און אויסבאַהאַלטן די עופהלעך. די מתים זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן און מען האָט זיי אַריינגעשליידערט אין זעקס נייע וואַגאָנען, וואָס זענען צוגעטשעפּעט געוואָרן צום עק פון צוג. דב, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען כמעט פולשטענדיק דערשעפּט, איז געווען וואַכזאַם צו אַלץ, וואָס ער האָט געזען אַרום זיך. ער האָט געוווּסט, וואָס ער האָט צו דערוואַרטן

און ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט זיך מוזן באַנוצן מיט אַלע שפּיצלעך, וואָס ער האָט געקענט, כדי צו בלייבן ביים לעבן. און ווידער האָט דער צוג זיך גערירט פון אָרט. מען האָט געדאַרפט נאָך איין שעה רייזע, כדי אָנצוקומען קיין אָש־וויענטשים.

אָשוויענטשים 1941—42.

הויס האָט זיך באַמיט צו פאַרבעסערן די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין בירקענאַו. צוערשט האָט ער אָנגעווענדעט דעם מעטאָד פון אָפּנאַרן די קרבנות, כדי זיי זאָלן גאָרנישט באַ־מערקן ביז דער לעצטער מינוט. אַרום די בנינים, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די גאַז־קאַמערן, האָט ער באַפוילן צו פאַרפלאַנצן שיינעביימער און אויף די אַרומיקע גרינע פעל־דער זענען פאַרזעצט געוואָרן בלומען־בייטן. אויף אַ סך ערטער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן שילדן מיט אַן אויפשריפט אין צענדליקער שפּראַכן: „סאַניטאַרער צענטער". דער עיקר איז געלעגן אין דעם, אַז די אַרעסטירטע זאָלן האָבן דעם איינ־דרוק, אַז מען פירט זיי זיך אַרומוואַשן, איבערטאָן אין אַנדערע בגדים און דערנאָך וועט מען זיי צעשיקן אויף אַרבעט אין אָשוויענטשים און איר סביבה.

אונטער די גאַז־קאַמערן און אַרום זיי זענען אויסגעבויט געוואָרן באָד־צימערן. דאָרטן האָבן זיך געפונען ספּעציעלע האָקנס מיט נומערן, אויף וועלכע מען האָט אויפגעהאָנגען די בגדים. יעדער אַרעסטירטער האָט באַקומען אַ באַפעל געווני צו „פאַרגעדענקען זיין נומער". די האָר פון קאָפּ איז אָפּגעשאָרן געוואָרן, כדי צו „באַזייטיקן די לייז" און די קרבנות זענען געבעטן געוואָרן זיי זאָלן אַראָפּנעמען די ברילן פאַרן אַריינגיין אין באָד. יעדער אַרעסטירטער האָט דאַן באַקומען אַ שטיקל זייף מיט אַ נומער. און דאַן האָט מען זיי געפירט נאַקעטע

לענגאַויס גערוימע קאָרידאָרן, דרייט טויזנט פּערזאָן אויף איין מאָל. די טירן האָבן זיך געעפנט און זיי האָבן דערזען פאַר זיך די „באָד־צימערן“.

דאָס רוב מענטשן איז געווען מיד און אָפּגעטעמפּט און זענען אפילו נישט געווען אימשטאַנד זיך צו פאַרטראַכטן איבער דעם, וואָס עס קאָן מיט זיי פּאַסירן. שטילערהייט זענען זיי אַריין אין די „באָד־צימערן“. אייניקע אָבער האָבן באַקוקט דאָס שטיקל זייף און פעסטגעשטעלט, אַז זיי האַלטן אין האַנט בלויז אַ שטיק שטיין. אַנדערע האָבן אַנטדעקט, אַז די קעפּ פון די וואַסער־טושן אויפן סופיט זענען בלויז אַן אָפּנאַרעריי. זיי האָבן אפילו נישט געהאַט קיין רערן, וואָס זאָל צופירן וואַסער צו זיי.

אָפּטמאָל פלעגט אין לעצטן מאָמענט אויסברעכן אַ בהלה, אָבער די שטורם־גרופּן זענען געווען גרייט און זיי פלעגן מיט געוואַלט אַריינשטויסן די אַרעסטירטע אין די „באָד־צימערן“, שלאָגנדיק זיי אכזריותדיק מיט בייטשן און שטעקנס.

און דאַן פלעגן די אייזערנע טירן פאַרריגלט ווערן. אין יעדן „באָד־צימער“ פלעגט אַריינגעוואָרפן ווערן אַ בלעכענע פּושקע מיט „ציקלאָן בע“ און אין משך פון צען אָדער פופצן מינוט איז אַלץ געווען פאַרענדיקט...

נאָך דעם פלעגט קומען די „זאָנדערקאָמאַנדאָ“. דאָס זע־נען געווען קאַצעטלער, וואָס זענען געצוווּנגען געוואָרן דורך די דייטשן אויסצולייִדיקן די גאַז־קאָמערן און אָפּצופירן די טויטע קערפּערס צו דער קרעמאַטאָריע. די גאָלדענע ציין און די רינגען פלעגן צוגענומען ווערן פון די טויטע, איידער זיי זענען פאַרברענט געוואָרן. דאָס גאָלד איז איבערגעשמאָלצן געוואָרן אין שטאַבעס און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין בערלין.

וועגן די פאַמיליע־פאָטאָגראַפיעס אָדער בריוו, וואָס מען האָט געפונען אין די בגדים פון די קאַצעטלער, האָט מען זיך

ווייניק געזאָרגט. די ס.ס.־לייט זענען געווען מער פאַראינ־טערעסירט צו זוכן אינעם אונטערשלאַק פון די קליידער, ווו זיי פלעגן טיילמאָל געפינען אויסבאַהאַלטענע צירונג. אָפט פלעגט מען אויך געפינען אַ זויג־קינד, וועלכן די מוטער האָט אויסבאַהאַלטן צווישן די קליידער. אַזעלכע געפונענע קינדער פלעגן גלייך אָפּגעשיקט ווערן אין „באָד".

הויס האָט זיך זייער גוט באַציגן צו זיינע זעלנער. זיי האָבן שווער געאַרבעט ביים אָפּרייניקן די וואַגאָנען פון מענטשן און אַלס באַלוינונג האָבן זיי באַקומען אַ צוגאָב פון שפּייז און ווייַן. זיין אַפּאַראַט האָט געאַרבעט זייער עפעקטיוו און עס האָט געשיינט, אַז דער דאָזיקער מענטש קאָן קיינמאָל נישט זיין אין כעס. זיין רואיקייט איז נישט צעשטערט גע־וואָרן אפילו דאַן, ווען אייכמאַן האָט אים אומגעריכט צוגעשיקט אַ פערטל מיליאָן יידן פון אונגאַרן. הויס האָט זיך געוואָלט אַרויסשטעלן אַלס גוטער לאַגער־קאָמענדאַנט און ער האָט צוריקגעשיקט קיין בערלין די וויסנשאַפטלער און אינזשי־ניערן, כדי צו רעדוצירן די הוצאות פון זיין פאַרניכטונגס־טעטיקייט, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיינע אַרכיטעקטן געאַר־בעט איבער די פּלענער פון פאַרפולקאָמען די מאַסן־ליקווי־דאַציע פון די קאַצעטלער אין אָשוויענטשים. אויפן פאָרשלאַג פון די דאָזיקע אַרכיטעקטן, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גאַז־קאַמער, ווו די פּאַדלאָגע פלעגט ווי אַ ווינדע זיך אַראָפּלאָזן מיט די פאַרגאַזטע מענטשן גלייך צו די קרעמאַטאָריע־אויוונס.

דאָס שווערסטע פּראָבלעם אין בירקענאַו איז אָבער גע־ווען די פראַגע וואָס צו טאָן מיט די טויטע קערפּערס. צוערשט זענען די קערפּערס אָפּגעפירט געוואָרן דירעקט פון די גאַז־קאַמערן צו אָפענע מאַסן־קברים, ווו מען האָט די קערפּערס באַגאָסן מיט קאַלך. אָבער דער געשטאַנק איז געוואָרן אומ־דערטרעגלעך. די ס.ס.־לייט האָבן דאַן געצוווּנגען די יידישע

„זאָנדערקאָמאַנדאָס״ זיי זאָלן צוריק אַרויסנעמען די קערפּערס פון די גריבער. די קערפּערס זענען פאַרברענט געוואָרן און די ביינער זענען צעמאָלן געוואָרן. אָבער אויך דאָס פאַרברענען די טויטע אויפן פרייען פעלד האָט נישט באַזייטיק דעם געשטאַנק. הויס האָט דעריבער באַשלאָסן צו בויען פאַרמאַכטע קרעמאַטאָריעס.

דער צוג, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דב לאַנדאַו, איז דורכגעפאָרן אָשוויענטשים און האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער זייטיקער באַן־ליניע פון בירקענאַו.

קאַפּיטל 25

דב איז געווען האַלב־פאַרהונגערט און בלוי פון קעלט. אָבער די יאָרן פון שטענדיקן קאָנטאַקט מיט געפאַר און טויט האָבן אַזוי פאַרשאַרפט זיין אינסטינקט, אַז אפילו אין דעם דאָזיקן צושטאַנד איז ער געווען וואַכזאַם. ער האָט געוווסט, אַז די קומענדיקע שעהן וועלן אַנטשיידן וועגן זיין לעבן.

די טירן פון די לאַסט־וואַגאָנען זענען געעפנט געוואָרן און אַלע, וועלכע זענען פונקט ווי ער געשטאַנען צונויפגעפרעסט אין וואַגאָן, זענען באַפוילן געוואָרן אַראָפּצושפּרינגען. מיט גרויס מי האָבן די קרבנות גענומען קלעטערן פון די וואַגאָנען און זענען שטיין געבליבן צוזאַמענגעדריקטע אויף אַ לאַנגן באַן־פּעראָן. קעגנאיבער זיי איז געשטאַנען אַ קייט פון ס.ס.־לייט, וועלכע האָבן געהאַלטן אין די הענט בייטשן, גומי־שטעקנס און רעוואָלווערן. נעבן זיי זענען געשטאַנען גרייט בייזע, וואָרטשענדיקע הינט. די בייטשן האָבן גענומען פייפן דורך דער קאַלטער לופט און עס האָבן זיך גענומען הערן ווייטיקדיקע אויסגעשרייען פון די געטראָפענע מענטשן. די גומי־שטעקנס האָבן מיט טעמפּע קלעפּ גענומען פאַלן איבער די קעפּ פון די מענטשן און רעוואָלווער־שאָסן האָבן אַ סוף געמאַכט צום לעבן פון אַלטע און קראַנקע, וועלכע האָבן שוין נישט געקאָנט גיין.

די קרבנות האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן צו פיר און די ענדלאָזע מענטשן־מאַסע האָט זיך גענומען לאַנגזאַם און גלייכ־מעסיק באַוועגן אין דער ריכטונג פון אַ גרויסער געביידע ביים סוף פון פּעראָן.

דב האָט זיך אַרומגעקוקט. לינקס זענען געשטאַנען די באַנען. הינטער זיי, אויף דער גאַס פאַרן וואָקזאַל, האָט ער געזען שטיין אַ גרויסע ריי פון וואַרטנדיקע לאַסט־אויטאָס. דאָס זענען נישט געווען קיין פאַרמאַכטע לאַסט־אויטאָס און דב האָט אין געדאַנק גלייך אַ טראַכט־געטאָן: דאָס זענען נישט קיין גאַז־אויטאָס. רעכטס, הינטער דער קייט פון די נאַצישע וועכטער, האָט דב געזען די געפלעגטע גראָז־לאָנקעס און ביי־מער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די ציגל־געביידעס פון ביר־קענאַו. ער האָט באַטראַכט די פאָרם פון די געביידעס מיט זייערע הויכע קוימענס און עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָרט געפינען זיך די גאַז־קאַמערן און די אויוונס צום פאַר־ברענען.

דב האָט שיעור נישט אָנגעהויבן צו ברעכן פאַר שרעק, ער האָט אָבער מיט זיין גאַנגער ווילנס־קראַפט זיך איינגע־האַלטן. ער האָט געוווסט, אַז קיינער טאָר נישט באַמערקן, אַז ער האָט מורא.

די ריי פון פיר מענטשן, אין וועלכער עס האָט זיך גע־פונען דב, איז אָנגעקומען צום סוף פון באַן־פּעראָן און איז אַריינגעגאַנגען אין דער געביידע. די ריי האָט זיך געטיילט אויף פיר איינצל־רייען און יעדע ריי האָט גענומען פאַרביי־מאַרשירן פאַר באַזונדערע טישן, וואָס זענען געשטאַנען אין עק פון זאַל. ביי יעדן טיש איז געזעסן אַן ס.ס.־דאָקטאָר און הינטער יעדן דאָקטאָר זענען געשטאַנען אַ טוץ ס.ס.־לייט. דב האָט קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם טיש און זיך באַמיט קלאָר צו מאַכן, וואָס אַזוינס קומט דאָ פאָר.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעקוקט יעדן, וואָס איז צוגעקומען צו זיין טיש, מיט אַ שנעלן בליק, און אים דאַן אָפּגעשיקט אין איינער פון די דריי ריכטונגען.

דער ערשטער פון די דריי וועגן האָט געפירט דורך אַ טיר רעכטס. דב האָט אָנגעהויבן צו ציילן. אויף יעדע צען מענטשן זענען זיבן אָפּגעשיקט געוואָרן דורך דער דאָזיקער טיר. דאָס זענען געווען אַלטע לייט, קינדער אָדער קראַנקע. דב, וועלכער האָט זיך משער־געווען, אַז די געביידעס וואָס ער האָט געזען אויף דער רעכטער זייט, זענען די גאַז־קאַמערן, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז די יעניקע וועלכע ווערן געשיקט דורך דער רעכטער טיר, וועלן גלייך פאַרגאַזט ווערן.

דער צווייטער וועג האָט געפירט דורך אַ טיר לינקס. די דאָזיקע טיר האָט געפירט אויפן גאַס, וווּ עס זענען געשטאַנען די לאַסט־אויטאָס. אויף יעדע צען מענטשן, זענען קוים צוויי געשיקט געוואָרן דורך דער דאָזיקער טיר. דאָס זענען געווען גאָר געזונטע מענטשן און דב האָט פון דעם אַרויסגעדרונגען, אַז די מענטשן ווערן געשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

— די טיר רעכטס באַדייט אַלזאָ טויט, און די טיר לינקס — לעבן — האָט דב אַ טראַכט געטאָן.

עס איז געווען נאָך אַ דריטע גרופּע. צו דער גרופּע זענען געשיקט געוואָרן איינצלנע מענטשן. דאָס זענען געווען שיינע יונגע פרויען און מיידלעך, ווי אויך שיין־אויסזעענדיקע ייִנגלעך.

דב האָט עטלעכע מאָל טיף־אָפּגעאָטעמט גייענדיק לאַנג־זאַם אין דער ריי. ער איז געווען אַזוי אויסגעדאַרט, אַז ער האָט גישט געהאַט די מינדסטע האָפענונג, אַז מען זאָל אים שיקן אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

דער דאָקטאָר האָט געוואָרפן שנעלע בליקן אויף זיינע קרבנות און מאָנאָטאָן איבערגעחזרט:

— רעכטס — רעכטס — רעכטס — רעכטס.

דב לאַנדאַו איז צוגעקומען צום דאָקטאָרס טיש און געבליבן שטיין. אויך אים האָט דער דאָקטאָר שנעל אָנגע־קוקט און געזאָגט: — רעכטס!

דב האָט אַ שוואַכן שמייכל געטאָן און רואיק זיך אָפּגע־רופן:

— איך גלויב, הער דאָקטאָר, אַז איר האָט אַ טעות. איך בין נעמלעך אַ ספּעציאַליסט, אַ פאַכמאַן פאַר פעלשונגען. שרייבט דאָ אָן אויפן שטיקל פּאַפּיר אייער נאָמען און איך וועל אייך איבערצייגן.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַ פאַרוווּנדעטער צוריקגעלענט אויף זיין שטול. דעם ייִנגלס קאַלטבלוטיקייט האָט אים אימ־פּאָנירט. ווייזט אויס, אַז דאָס ייִנגל ווייס גענוי וואָס אים שטייט פאָר. דער מאַנאַטאָנער טויטן־מאַרש האָט זיך פּלוצים אָפּגע־האַלטן. דאַן האָט דער דאָקטאָר אַ כיטרען שמייכל געטאָן. צוויי ס.ס.־לייט האָבן אָנגעכאַפּט דבן און אים אַוועקגעשלעפּט פון טיש.

— האַלט! — האָט אויסגערופן דער דאָקטאָר. ער האָט נאָך אַמאָל אָנגעקוקט דבן און אים באַפוילן צוריקצוקומען צום טיש. — דאָס ייִנגל פּרובירט מיך צו בלאָפן — האָט דער דאָק־טאָר געטראַכט — ער וועט שוין ביי מיר גיין אויף רעכטס. אָבער וועלנדיק שטילן זיין נייגיר האָט דער דאָקטאָר גענומען אין האַנט אַ פּאַפּיר־בלאָק און זיך אונטערגעשריבן.

דב האָט גענומען דעם בלאָק אין האַנט און דאָרט זעקס מאָל נאָכאַנאַנד נאָכגעמאַכט דעם דאָקטאָרס אונטערשריפט.

— קאָנט איר איצט זאָגן, וועלכע אונטערשריפט איז אייערע? — האָט דב געפרעגט.

עטלעכע ס.ס.־לייט, וועלכע האָבן בייגעווווינט די דאָזיקע סצענע האָבן דערשטוינטע געעפנט די אויגן. דער דאָקטאָר

יפט-לאַגער, אַ בלאָק נעבן אַ בלאָק, אָפּגעטיילט מיט הויכע
ַרצוימונגען פון עלעקטריש-געלאָדענעם שטעכלדראָט. אין
דאָזיקע באַראַקן האָבן געלעבט די יעניקע אַרבעטער,
עלכע זענען שפּעטער איבערגעשיקט געוואָרן אַלס פּאַכלייט
ין די אַנדערע צוואַנציק אַרבעטס-לאַגערן. אַלע לאַגער-
ענטשן האָבן געטראָגן שוואַרץ-ווייס געשטרייפטע קליידער.
יף דער לינקער זייט ברוסט און אויפן רעכטן קני האָבן זיי
טראָגן אַ פּאַרביקן דריי-עק. יעדע אַרעסטאַנטן-גרופּע האָט
האָט אַן אַנדערע פאַרב. די יידן האָבן חוץ דעם נאָך גע-
גן אַ מגן-דוד. אויסערדעם האָט דב באַקומען, ווי אַלע
ירע אין אָשוויענטשים, נאָך אַ קען-צייכן: אַ נומער וואָס
יויסטאַטואירט געוואָרן אויף זיין לינקן אָרעם. דב לאַנדאַו
לזאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוואַרץ-ווייס-געשטרייפטן
יטן נומער 359195.

רבעט מאַכט פריי.

לאַנדאַו האָט אָנגעהויבן אין לאַגער זיין פּערצנטן
ז-טאָג. זיין געבורטס-טאָג-מתנה איז געווען דער פאַקט
איז געבליבן לעבן. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אַרעס-
איז זיין גורל נישט געווען פון די ערגסטע. צוזאַמען
איינציקע פעלשער האָט ער געהערט צו דער עליטע
ער. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין פעלשן איין-דאָ-
און פינף-דאָלאַרדיקע באַנקנאָטן, וועלכע די דיי-
בן געדאַרפט האָבן פאַר זייערע אַגענטן אין מערב.
ישט איינמאָל האָט דב געפרעגט זיך אַליין, צי עס וואָלט
בעסער געווען, ווען ער וואָלט געשטאָרבן אין
אַו.

ס עסן, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין לאַגער, האָט
עסטייעט אויפצוהאַלטן דאָס לעבן, און די שרעקלעך-
אָגערטע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן שוין אויסגעזען

האָט נאָך אַמאָל אָנגעקוקט דבן און דאַן שטיל עפּעס געזאָ
צו אַן ס.ס.־מאַן, וועלכער האָט זיך דערוויטערט.

— בלייב דאָ שטיין אין אַ זייט — האָט דער דאָקט
באַפוילן דבן.

דב איז געבליבן שטיין ביים טיש און זיך צוגעקוקט
דער ריי פון די פאַרבייגייענדיקע מענטשן פון וועלכע יעד
מינוט זענען פיר פון זיי פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט.

עס זענען פאַרביי פינף מינוט, צען מינוט, אָבער די
פון די גייענדיקע מענטשן האָט נישט גענומען קיין סוף.

דער ס.ס.־מאַן איז צוריקגעקומען מיט נאָך איינעם, וו
כער האָט געשיינט צו פאַרנעמען אַ הויכן אַמט. דער דאָ
האָט איבערגעגעבן דעם הויכן אָפיציר דעם בלאָק, וו
האָט אייניקע מינוט באַטראַכט די אונטערשריפטן.

— ווו האָסטו דאָס געלערנט ? — האָט ער געפרעג

— אין וואַרשעווער געטאָ.

— וואָס קענסטו נאָך ?

— איך קען פעלשן פּעסער, דאָקומענטן, געלט־ב
אַלץ !

— קום מיט !

דב איז אַרויס דורך דער לינקער טיר. ווען ער
געווען אין לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט געפירט צום ל
אָשוויענטשים, האָט ער זיך דערמאָנט די ווערטער
ברודער מונדעק : ווייניקסטנס איינער פון דער
לאַנדאַו מוז זיך ראַטעווען. אין אַ געוויסער צייט אַ
דער לאַסט־אויטאָ דורכגעפאָרן דורכן הויפּט־טויער פו
וויענטשימער לאַגער. איבער דעם טויער איז געהאָ
שילד : אַרבעט מאַכט פריי.

מיילנוויז האָבן זיך געצויגן די הילצערנע באַר

ווי סקעלעטן, זענען אָן רחמנות געטריבן געוואָרן צו דער אַרבעט. די פינף שעה, וואָס איז זיי צוגעטיילט געוואָרן צום שלאָפן, פלעגן זיי אָפּליגן אויף ענגע ברעטער־נאַרעס. די לאַגער־מענטשן פלעגן ווערן געפּייניקט, געשלאָגן און דער־נידריקט ביז משוגעת. זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אויף אַלע גרויזאַמקייטן, וואָס די נאַצי־מערדער האָבן נאָר געקאָנט אויסטראַכטן.

יעדן אינדערפרי פלעגט מען געפינען צענדליקער אַרעס־טירטע אויף די עלעקטריש־געלאָדענע דראָטן. די דאָזיקע מענטשן האָבן אַליין געמאַכט אַ סוף צו זייער פּיין. די שטראָף־קאָלאָנעס האָבן געלעבט אין אָפּגעזונדערטע, טונקעלע איינצל־צעלן און פלעגן באַקומען צום עסן געזאַלצענע גרינסן, וואָס פלעגט ביי זיי אַרויסרופן אַן אומשטילבאַרן דורשט.

אין אַ באַזונדערן בלאָק האָט דאָקטאָר ווירט דורכגע־פירט עקספּערימענטן, באַנוצנדיק פרויען אַלס „פּרווו־קראָ־ליקעס” און דאָקטאָר שומאַן האָט זיי סטעריליזירט דורך קאַסטראַציעס און רענטגען־שטראַלן. דאָקטאָר קלאַובערג פלעגט באַזייטיקן די אייער־שטאָקן און דאָקטאָר דעהנינג האָט דורכגעפירט זיבעצן טויזנט עקספּערימענטן אָן נאַרקאָז.

דאָס איז געווען אַשוויענטשים און אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן, וועלכן מען האָט דב לאַנדאַו געשענקט. אַרבעט מאַכט פריי!

אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ יאָר. אין בירקענאַו זענען אָנגע־קומען און אָפּגעפאָרן די צוגן. די צאָל פון די פאַרפּייניקטע אויף טויט אין די לאַגערן אַרום אָשוויענטים, זענען געווען אַזוי דערשרעקנד הויך ווי די רעקאָרד־צאָלן אין בירקענאַו. דאָך איז דב לאַנדאַו געלונגען נישט צו פאַרלירן זיין פאַר־שטאַנד און מיט דעם אינסטינקט און וואַכזאַמקייט פון אַ ווילדער חיה האָט ער זיך דערהאַלטןביים לעבן.

אין זומער 1944 איז דער גאַנצער לאַגער אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט עפּעס אַן אומרואיקייט. אַלץ אָפטער האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן רוסישע באָמבאַרדירער און עס זענען באַ־קאַנט געוואָרן די ידיעות וועגן דייטשע מפּלות אויפן פראָנט. דאָס פינצטערניש און דער פּיין זענען באַהעלט געוואָרן דורך דעם ערשטן, שוואַכן האָפענונגס־שימער. יעדער זיג פון די אַליאירטע כוחות פלעגט אַרויסרופן ביי די ס.ס.־לייט אַ ברע־נענדן כעס און אַ נאָך גרעסערן חשק צו מערדערייען. די אַרעסטירטע פלעגן פּשוט ציטערן ווען עס פלעגט אָנקומען אַ פרישע ידיעה וועגן דייטשע מפּלות. אין בירקענאַו זענען די גאַז־קאַמערן דערוייל געווען טעטיק כמעט טאָג און נאַכט.

אין האַרבסט איז שוין געווען קלאָר, אַז די דייטשן האָבן פאַרלאָרן די מלחמה. זיי זענען געשלאָגן געוואָרן אויף אַלע פראָנטן. אָבער וואָס מער מפּלות די דייטשן האָבן געליטן, אַלץ מער האָבן זיי זיך געפלייסט אויפן געביט פון מאַסן־מאָרד.

אין אָקטאָבער 1944 האָבן די „זאָנדערקאָמאַנדאָס" פון בירקענאַו דורכגעפירט אַ פאַרצווייפלטן אויפשטאַנד, בעת וועלכן זיי האָבן אויפגעריסן די קרעמאַטאָריע. אַלץ אָפטער האָבן פּאַסירט פאַלן, ווען די „זאָנדערקאָמאַנדאָס" האָבן זיך געוואָרפן אויף די ס. ס.־לייט און זיי צוזאַמען מיט זייערע הינט אַריינגעוואָרפן אין די ברענענדיקע אויוונס. אין רע־זולטאַט פון דעם זענען אייניקע מיטגלידער פון די „זאָנדער־קאָמאַנדאָס" דערשאָסן געוואָרן און עס זענען געשאַפן גע־וואָרן נייע.

אין נאָוועמבער איז דער פעלשער־וואַרשטאַט פלוצים געשלאָסן געוואָרן און אַלע, וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט, זע־נען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין בירקענאַו אַלס „זאָנדערקאָ־מאַנדאָ".

דבס נייַע טעטיקייט איז באַשטאַנען אין וואַרטן אויפֿן קאָרידאָר פֿאַר די גאַז־קאַמערן, ביז די פֿאַרגאַזונג איז דורכגעפֿירט געוואָרן. צוזאַמען מיט די אַנדערע, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אים אין דער זעלבער קאָמאַנדאָ, האָט ער געוואַרט ביז די געשרייען פֿון די שטאַרבנדיקע און דאָס ווילדע האַמערן אין די אייזערנע טירן פֿון די גאַז־קאַמערן האָט אויפֿגעהערט. זיי האָבן נאָך אָפּגעוואַרט פֿופֿצן מינוט, ביז דער גאַז איז אַרויסגעצויגן געוואָרן, און דאַן האָבן זיך די טירן פֿון די גאַז־קאַמערן געעפֿנט. צוזאַמען מיט די אַנדערע האָט דב געמוזט מיט שטריק און האָקנס פֿאַנאַנדעררייסן דעם שוידערהאַפֿטן געפֿלאָנטער פֿון פֿאַרקראַמפּטע הענט און פֿיס, אַרויסשלעפּן די טויטע און זיי אויפֿלאָדן אויף פּלאַטפֿאָרמעס, אויף וועלכע מען האָט די טויטע קערפּערס אָפּגעפֿירט אין די קרעמאַטאָריעס. ווען די מתים זענען דערווייטערט געוואָרן האָט ער געמוזט אַרייַנגיין אין די גאַז־קאַמערן און אָפּרייניקן די פּאָדלאָגע מיט אַ וואַסער־שטראָם, כדי צוצוגרייטן די „באָד־צימערן” פֿאַר די ווייטערדיקע קרבנות.

דריי טעג איז דב לאַנדאו געווען באַשעפֿטיקט ביי דער דאָזיקער שוידערלעכער אַרבעט. זי האָט פֿאַרשלונגען דעם רעשט פֿון זייַנע כוחות און דער אומבויגזאַמער און עקשנותדיקער ווילן צו בלייבן לעבן האָט אָנגעהויבן אין אים אויסגעלאָשן צו ווערן. ער האָט זיך געשראָקן פֿאַרן מאָמענט, ווען די אייזערנע טיר האָט זיך געעפֿנט. דער געדאַנק וועגן דעם, וואָס דאָרטן קומט פֿאָר אינעווייניק, איז געווען שרעקלעכער ווי אַלע זכרונות פֿון וואַרשעווער געטאָ אָדער פֿון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער האָט געוווסט, אַז לאַנג וועט ער נישט קאָנען איבערטראָגן דאָס דאָזיקע שרעקלעכע בילד.

און דאַן האָט פּאַסירט אַן אומדערוואַרטע זאַך!

די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו פֿאַרניכטן

די קרעמאַטאָריעס און אויפצורייסן די גאַז־קאַמערן! די מי־ליטערישע כוחות פון די פאַרבינדעטע האָבן זיך פאָרויסגע־רוקט פון מערב און די רוסן האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט פון מזרח. די נאַציס האָבן געמאַכט פאַרצווייפלטע באַמיאונגען צו פאַרווישן די שפורן פון זייערע שוי־דערלעכע פאַרברעכנס. אומעטום אין פוילן זענען געעפנט געוואָרן די מאַסן־קברים פון וואנען מען האָט אַרויסגענומען די אומגעבראַכטע און מען האָט די טויטע ביינער צעשטויבט און צעשפרייט אויף די פעלדער.

דעם 22־טן יאַנואַר 1945 זענען רוסישע אָפטיילונגען אַריין אין לאַגער פון אָשוויענטשים און בירקענאו און האָבן באַפרייט די קאַצעטלער. די אָרגיע פון מאָרד האָט זיך פאַר־ענדיקט. דב לאַנדאו, דאָס פופצן־יאָריקע יינגל, האָט געהאַלטן דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן זיין עלטערן ברודער. ער איז געבליבן לעבן. איינער פון די פופציק טויזנט, וואָס איז איבערגעבליבן פון דעם פריערדיקן דריי און אַ האַלב מיליאָ־ניקן פוילישן יידנטום.

קאַפּיטל 26

די רוסישע מיליטערישע דאָקטוירים, וואָס האָבן אונ־
טערזוכט דבן, האָבן געשטוינט און נישט געקאָנט פאַרשטיין,
ווי אַזוי דאָס ייִנגל האָט געקאָנט איבערשטיין די יאָרן פון פּיין,
נישט ליידנדיק קיין ערנסטן פיזישן שאָדן. ער איז בלויז
געווען שוואַך און צו קליין פאַר זיין עלטער. זיי האָבן פעסט־
געשטעלט, אַז ער וועט אַ לענגערע צייט זיך מוזן אָפּרוען און
באַקומען אַן אַנטשפּרעכנדע באַשפּייזונג, כדי ער זאָל צוריק־
קומען צו זיינע נאָרמאַלע קערפּערלעכע כוחות.

אָבער עפּעס אַנדערש איז געווען מיטן גייסטיקן און
פּסיכישן שאָדן, וואָס ער האָט געליטן געפינענדיק זיך אין
לאַגער. דאָס ייִנגל האָט אין משך פון די אַלע יאָרן זיך דער־
האַלטן ביים לעבן מיט איבערמענטשלעכער ענערגיע. איצט
אָבער, ווען די שטענדיקע שפּאַנונג האָט נאָכגעלאָזן, פלעגט
ער טאָג און נאַכט געפּייניקט ווערן דורך גרויזאַמע גע־
שפּענסט־בילדער. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער דעפּרע־
סיע און זיין גייסטיקער צושטאַנד איז דערגאַנגען צו אַ שטו־
פּע, וואָס האָט זיך געגרענעצט כמעט מיט אומנאָרמאַלקייט.

די פאַרצוימונגען פון שטעכל־דראָט זענען געווען צע־
ריסן, גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס זענען פאַרשוווּנדן,
אָבער די דערינערונגען וועגן די שוידערלעכע איבערלעבונ־

געז זענען געבליבן וואָך און עס האָט אים געשײַנט, אַז דער איבלדיקער געדוך הענגט נאָך אַלץ אין דער לופטן. יעדן מאָל, ווען ער פלעגט אַ קוק טאָן אויף דעם בלויען נומער, וואָס איז אויסטאַטואירט געוואָרן אויף זײַן לינקער האַנט, פלעגט ער דורכלעבן פון דאָס ניי דעם שרעקלעכן אויגנבליק ווען עס פלעגן זיך עפענען די טירן פון די גאַז־קאַמערן. פאַר זײַן דמיון פלעגט שטענדיק שטיין דאָס בילד, ווי פון אַ גאַז־קאַמער אין טרעבלינקע ווערן אַרויסגעשלעפּט די טויטע קערפּערס פון זײַן מוטער און שוועסטער רות. ווידער און ווידער פלעגט ער זיך זען אַ קניענדיקן אין בונקער פון וואַר־שעווער געטאָ און ווי דאָס טונקעלע פלעמל פון זײַן ליכט באַשײַנט די טויטע פּנימער פון די פאַרקוילטע „הבונים"־קעמפער.

די יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט אָשוויענטשים האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין אייניקע באַראַקן. דב האָט זיך, נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עס עקזיסטירט אַ וועלט אין וועלכער דאָס לעבן באַשטייט נישט נאָר פון פּײַן, עלנט און אונטער־דריקונג. אַ וועלט אין וועלכער מען הונגערט נישט און מען פרירט נישט. אַפילו די ידיעה, אַז די דײַטשן האָבן קאַפּיטו־לירט, האָט ביי די מענטשן אין אָשוויענטשים נישט אַרויס־גערופן קיין פרייד. דער זיג איז פאַר זיי נישט געווען קיין סיבה צו פרייען זיך.

דב לאַנדאַוס געדאַנקען־גאַנג איז געווען פאַרסמט פון האַס. אָפטמאָל האָט ער געטראַכט, אַז ס'איז אַ שאָד, וואָס די גאַז־קאַמערן זענען פאַרניכטעט געוואָרן, ווייל ער האָט זיך אין זײַן פאַנטאַזיע אויסגעמאָלט ווי מען וואַרפט דאָרטן אַריין רייען־ווייז דײַטשע ס.ס.־לייט מיט זייערע הינט.

די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געוווסט, וואָס ער זאָל אָנהייבן צו טאָן, און ווו

ער זאָל גיין, קיין וואַרשע? וואַרשע איז געווען צוויי הונדערט קילאָמעטער ווייט פון זיי און די וועגן זענען געווען פאַר־שטאָפּט פון פּליטים־שטראָמען. און אָפילו ווען עס זאָל אים געלינגען אָנצוקומען קיין וואַרשע, — וואָס דאַן?

דאָס געטאָ איז געלעגן אין חורבות און זיין מוטער, פאָ־טער, שוועסטער, מונדעק, זענען שוין דאָרטן נישט געווען. אַלע זענען זיי אומגעקומען. טאָג־איין, טאָג־אויס איז דב גע־זעסן ביים פענצטער אין שטוב און געקוקט אויפן פאַרוואָלקנטן הימל, וואָס האָט ווי תכריכים באַדעקט די גאַנצע לאַנדשאַפט.

ביסלעכווייז האָבן די לעבנגעבליבענע יידן אין אָשוויענ־טשים אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן דעם לאַגער, כדי זיך אומצו־קערן אין זייערע היימען, אָבער איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי אַנטוישטע און פאַרצווייפלטע צוריקגעקומען קיין אָשוויענ־טשים. די דייטשן זענען שוין געווען, וואָס אַן אמת, פאַרטריבן פון פּוילן, אָבער די פּאָלאַקן האָבן ממשיך געווען זייער אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציע. די פּוילישע באַפעלקערונג איז נישט געווען דערשיטערט און איבערגעבראַכט צוליב דעם, וואָס מען האָט דערמאָרדעט דריי און אַ האַלבן מיליאָן יידן. פּונקט פאַר־קערט: אין אַלע פּוילישע שטעטלעך און דערפער האָבן די פּאָלאַקן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין שרייען, אַז די יידן זענען שולדיק אין דער מלחמה, אַז די יידן האָבן אָנגעהויבן דעם קריג, כדי צו פאַרדינען געלט, און אַז אין גאַנצן אומגליק זענען שולדיק נאָר די יידן.

קיינער האָט נישט געלאָזט פאַלן קיין טרער איבער די אומגעקומענע, און מען האָט געקוקט פול מיט האַס אויף די יעניקע יידן, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון טויט. דער המון האָט צעראַבירט יידישע געשעפטן, וואָס זענען געעפנט גע־וואָרן נאָך דער מלחמה און האָבן פּאָגראָמירט די יידן, וואָס האָבן געוואָלט צוריק פאַרלייגן אַ היים אין זייערע פריערדיקע וווין־ערטער.

און אַזוי אַרום זענען אַלע קאַצעטלער, וואָס האָבן פאַרלאָזן דעם לאַגער, צוריקגעקומען קיין אָשוויענטשים. זיי האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די שמוציקע באַראַקן, פאַרצווייפלטע און מוטלאָזע, נישט זעענדיק פאַר זיך קיין צוקונפט. דאָס געשפענסט פון טויט איז געבליבן אין זייער סביבה און דער גערוך פון בירקענאַו איז נאָך אַלץ געהאָנגען אין דער לופטן.

אין זומער 1945 איז קיין אָשוויענטשים אַראָפּגעקומען אַ מענטש, וואָס איז צוערשט אויפגענומען געוואָרן דורך די לעבנגעבליבענע מיט אומצוטרוי. ער איז געווען אַ הויךגעוואַקסענער, שלאַנקער מאַן, איבער די צוואַנציקער, מיט גרויסע שוואַרצע וואָנסן. ער האָט געטראָגן אַ שניי־ווייס העמד מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל ביז איבער די עלנבויגנס און איז געגאַנגען דורכן לאַגער מיט אַן אומגעוויינלעכן, וווּנדערבאַרן טראָט פון אַ פרייען מענטש. עס איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג אונטערן פרייען הימל און די יידישע קאַצעטלער האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען אַרום אים. — מיין נאָמען איז בר־דרור, שמשון בר־דרור — האָט דער יונגערמאַן אויסגערופן. — איך בין געשיקט געוואָרן פון ארץ־ישראל, כדי אייך אַלעמען צו נעמען... אַהיים!

זיינע ווערטער זענען באַגלייט געוואָרן מיט יובלענדיקע אויסרופן און טרערן פון פרייד. בר־דרור איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט צענדליקער פראַגן. אַ סך קאַצעטלער זענען געפאַלן אויף די קני און אים געקושט די הענט. אַנדערע האָבן אים געוואָלט בלויז אָנרירן, אים הערן און זען. אַ פרייער ייד, פון ארץ־ישראל! שמשון בר־דרור — שמשון, דער זון פון פרייהייט — איז געקומען, כדי זיי צו פירן אַ היים.

בר־דרור האָט איבערגענומען אין זיינע הענט די ליטונג איבערן לאַגער און ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן

אײפּער אין דער אַרבעט. ער האָט אױפגעקלערט די קאַצעט־לער, אַז עס װעט נאָך דױערן אַ געװיסע צײט ביז זײ װעלן קאָנען פאַרלאָזן דעם לאַגער, אָבער אין דער צװישנצײט, ביז „מוסד עליה ב״ װעט פאַרענדיקן אַלע צוגרײטונגען, דאַרפן זײ אָנהױבן זיך צוגעװױנען צו אַ מענטשלעכן לעבן.

דער לאַגער האָט באַקומען אַ פולשטענדיק אַנדערן אױס־זען. די קאַצעטלער זענען באַהערשט געװאָרן דורך אַ האָפע־נונג. בר־דרור האָט אָרגאַניזירט גרופּן און קאָמיסיעס, װאָס האָבן געדאַרפט זאָרגן פאַר דער רײנקײט און אָרדענונג. עס איז געשאַפן געװאָרן אַ שולע, אַ טעאַטער־אַנסאַמבל, אַ קלײ־נער אָרקעסטער און אין די אָװנטן האָט מען געטאַנצט. מען האָט אָנגעהױבן צו דרוקן אַ טעגלעכן נײַעס־ביולעטין. אױף די פאַרזאַמלונגען האָט מען אומאױפהערלעך גערעדט נאָר װעגן ארץ־ישׂראל. בר־דרור האָט פאַרלײגט אַ לאַנדװירט־שאַפטלעכע מוסטער־פערמע פאַר הכשרה.

גלײַך נאָך דעם, װי בר־דרור האָט אײַנגעשטעלט די זעלבסטפאַרװאַלטונג אין לאַגער, איז ער אָפּגעפאָרן, כדי אױפ־צוזוכן נאָך ייִדן, װאָס זענען לעבן געבליבן און זײ ברענגען צו דער באַזע אין אַשװיענטשים.

אין דער זעלבער צײט אָבער, װען בר־דרור און אַנדערע מיטגלידער פון „מוסד עליה ב״ זענען געװען פאַרנומען מיט זײער אומדערמידלעכער טעטיקײט צונױפצוזאַמלען די ייִדן, כדי זײ אַרױסצופירן פון פױלן, האָבן אַנדערע כוחות זיך באַ־מיט צו פאַרהאַלטן די ייִדן אין פױלן. אומעטום אין אײראָפּע האָבן די ענגלישע אַמבאַסאַדעס און קאָנסולאַטן אױסגעאיבט אַ דרוק אױף די רעגירונגען, זײ זאָלן נישט אַרױסלאָזן די פּלי־טים און זאָלן פאַרמאַכן די גרענעצן. די ענגלענדער האָבן געטענהט, אַז די ציוניסטן פון אַלע לענדער האָבן אָרגאַניזירט אַן אַקציע, כדי אַרױפצװינגען אױף די ענגלענדער אַן אײגענע לײזונג פון פּאַלעסטינע־מאַנדאַט.

צו דער זעלבער צייט, ווען צווישן די ענגלענדער און דעם „מוסד עליה ב״ איז אָנגעגאַנגען דער דאָזיקער אונטער־ערדישער קאַמף, האָט די פּוילישע רעגירונג פאַרעפנטלעכט אַ פאַראָרדענונג וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע שטוי־נונג. אין דער דאָזיקער פאַראָרדענונג איז דערקלערט געוואָרן, אַז אַלע יידן דאַרפן בלייבן אין פּוילן. די פּוילישע רעגירונג איז משמעות אַרויס פון דער הנחה, אַז אויב די שארית־הפליטה וועט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועט די וועלט האָבן דעם איינדרוק, אַז די פאָלאַקן רודפן די יידן, אפילו נאָך דער דייטשער פאַר־ניכטונג. אַזוי אַרום זענען די יידן פאַרהאַלטן געוואָרן אין אַ לאַנד, אין וועלכן מען האָט זיי נישט געוואָלט האָבן און וואָס האָט זיי געשטערט אַרויסצופאָרן אין אַ לאַנד, ווו זיי האָבן געוואָלט פאָרן.

עס איז געוואָרן ווינטער אין אָשוויענטשים און די מאָראַל אין לאַגער איז ביסלעכווייז געפאַלן. אַלע באַמיאונגען, וואָס בר־דרור האָט געמאַכט, זענען געווען אומזיסט. די שליחים פון ארץ־ישראל האָבן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען און האָבן זיך באַמיט אויפצוקלערן די קאַצעטלער דעם זין פון פּאָלי־טישן קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אַרום זיי, אָבער די לעבן־געבליבענע האָבן פון גאָרנישט געוואָלט הערן. זיי האָבן זיך נישט אינטערעסירט מיט קיין פּאָליטיק. אַ געווויסן טאָג איז אין לאַגער אָנגעקומען אַ צווייטער מאַן פון „מוסד עליה ב״, וועלכער האָט צוזאַמען מיט בר־דרור אָנגענומען אַ דרייסטן באַשלוס. מען האָט צונויפגערופן די גרופן־לייטער און זיי האָבן באַקומען דעם אויפטראַג אַליין צוצוגרייטן צום אַרויס־פירן די קאַצעטלער פון אָשוויענטשים.

— מיר מוזן דערגיין ביז צו דער טשעכישער גרענעץ — האָט געזאָגט בר־דרור. — דאָס איז, וואָס אַן אמת, נישט ווייט,

אָבער מיר קאָנען נישט גיין שנעל צוליב דעם, וואָס אַ סך קאַצעטלער זענען נאָך אָפּגעשוואַכט און מיר מוזן אויך מאַר־שירן אויף זייטיקע וועגן.

בר־דרור האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט פאַר זיי אַ מאַפּע און אָנגעצייכנט דעם מאַרשרוט צווישן די קאַרפּאַטן־בערג דורכן „יאַבלונקאָוו־דורכגאַנג". דער וועג האָט באַטראָפן איבער הונדערט קילאָמעטער.

— און וואָס וועט זיין, אַז מיר וועלן שוין קומען צו דער גרענעץ? — האָט איינער פון די אָנוועזנדיקע געפרעגט.

— מיר האָבן אָוועקגעשיקט מענטשן פון „מוסד" זיי זאָלן אונטערקויפן די פּוילישע גרענעץ־וואַך. אויב אונדז וועט געלינגען אָנצוקומען קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלן מיר שוין דאָרטן זיין זיכערער. יאַן מאַסאַריק איז אונדזער פריינד און ער וועט נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל אונדז צוריקשיקן.

זיי האָבן פאַרלאָזן אָשוויענטשים אין מיטן נאַכט, אויס־מיידנדיק די הויפּט־וועגן. מיט מי האָבן זיי זיך דורכגעבראָכן אַ וועג דורך די פאַרשנייטע פעלדער. דאָס איז געווען אַ מאַרש אין וועלכן די שטאַרקע האָבן אונטערגעהאַלטן די שוואַכע און געטראָגן די קינדער אויף זייערע אַקסלען. זעקס לאַנגע און שרעקלעכע טעג האָבן די קאַצעטלער געשלעפּט זייערע אויסגעדאַרטע גופים דורך ווינטער־קעלט און האָבן געקעמפט קעגן שניידנדיקן ווינט. ווי דורך אַ נס איז געלונגען די מענטשן פון „מוסד עליה ב" צו ברענגען אַלעמען לעבעדי־קערהייט אַלץ נאָענטער און נאָענטער צו דער גרענעץ.

לענגאויס דער גרענעץ האָבן זיך שוין געפונען אַנדערע חברים פון „מוסד", וועלכע האָבן אונטערגעקויפט די פּוילי־שע גרענעץ־וועכטער און ווען די אָפּגעריסענע און אָפּגעשלי־סענע מאַסע פון אָשוויענטשים איז אָנגעקומען צו דער גרע־נעץ, איז שוין פאַר זיי געווען אָפן דער וועג קיין טשעכאָ־סלאָוואַקיע.

די קאַצעטלער פון אַשוויענטשים האָבן פאַרגעזעצט זייער מאַרש דורכן „יאַבלונקאָוו־דורכגאַנג", און זענען אָנגעקומען אויף דער אַנדערער זייט פון טאָל פולשטענדיק דערשעפטע פון הונגער און קעלט. אויפן אָרט האָט שוין אָבער געוואַרט אויף זיי אַ ספּעציעלער צוג פון „מוסד עליה ב". די פּליטים זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין וואַרעמע וואַגאָנען און האָבן דאָרטן באַקומען צו עסן, ווי אויך מעדיצינישע הילף. דער ערשטער עטאַפּ פון דער געפערלעכער אַקציע האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט דערפאָלג.

יעדער ייד, וואָס האָט עולה־געווען לעגאַל קיין ארץ־ישראל, האָט איבערגעגעבן זיין פּאַספּאָרט צום „מוסד", כדי אַ צווייטער עולה זאָל זיך אויך קאָנען באַנוצן מיטן דאָקומענט. פינף הונדערט אַזעלכע פּאַספּאָרטן זענען פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די קאַצעטלער אין אַשוויענטשים. חוץ די דאָזיקע פּאַספּאָרטן האָבן די קאַצעטלער אויך באַקומען אַריינ־פאָר־וויזעס קיין ווענעצועלאַ, עקוואַדאָר, פּאַראַגוויי און אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע מדינות. די דאָזיקע דאָקומענטן האָבן געזאָלט שיצן די יידן קעגן די רעפּרעסיעס מצד די ענגלענדער.

דער בריטישער געהיים־דינסט האָט זיך אָבער דערוווּסט וועגן די פינף הונדערט יידן, וואָס זענען געקומען פון פּוילן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און האָט וועגן דעם געמאָלדן אין ברי־טישן אויסערן־מיניסטעריום. דאָס בריטישע אויסערן־מיניס־טעריום האָט דאַן טעלעגראַפירט צום ענגלישן אַמבאַסאַדאָר אין פּראָג ער זאָל זיך תיכף שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן טשעכישן אויסערן־מיניסטער מאַסאַריק, כדי אָנצונעמען מיט־לען, אַז דער צוג מיט די פּליטים זאָל נישט אָפּפאָרן און אַז די יידן זאָלן צוריקגעקערט ווערן קיין פּוילן. מאַסאַריק האָט אָבער אָפּגעוואָרפן די ענגלישע פאָדערונג.

— איך בין נישט באַהאַוונט אין די ענינים פון די נאַפט־

רערן — האָט דערקלערט דער טשעכישער אויסערן־מיניסטער — דאַקעגן אָבער בין איך באַהאַוונט אין מענטשלעכע פּראָב־לעמען.

מאַסאַריק איז געווען באַקאַנט אַלס טרייער פריינד פון יידן און דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר האָט אים געגעבן אָנ־צוהערן, אַז די אומצופרידנקייט פון די ענגלענדער קאָן קומען צום אויסדרוק דורך „קאָנקרעטע מעשים".

— הער אַמבאַסאַדאָר — האָט אים מאַסאַריק דערויף געענטפערט — איך וועל זיך נישט אונטערוואַרפן קיין שום ענגלישע דראָאונגען. כל־זמן איך בין דער אויסערן־מיניסטער פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלן די גרענעצן פון מיין לאַנד בלייבן אָפן פאַר די יידן, כאָטש זיי האָבן נישט די געהעריקע אַריינ־פאַר־וויזעס און פּאַספּאָרטן.

דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר האָט דאַן מיטגעטיילט זיין אויסערן־מיניסטעריום, אַז מען קאָן נישט פאַרהאַלטן דעם צוג מיט די פּליטים. אין צווישנצייט איז דער צוג געפאָרן קיין בראַטיסלאַוואַ, וווּ עס האָבן זיך געקרייצט די גרענעצן פון אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע און עסטרייך.

די ענגלענדער האָבן דאַן באַנייט זייער פּרווו צו פאַר־האַלטן דעם צוג, אָבער דאָס מאָל האָט זיך פּערזענלעך אַריינ־געמישט אַ הויכער אַמעריקאַנער אָפיציר און אונטער זיין שוץ איז דער צוג אַריבערגעפאָרן די גרענעץ און אָנגעקומען קיין ווין.

אין ווין האָבן די פּליטים זיך פאַרהאַלטן און דאָרטן באַ־קומען מעדיצינישע באַהאַנדלונג און אָפּרו. זיי האָבן באַקומען נייע בגדים און געבראַכט געוואָרן אין אַ נייעם אָפּרו־לאַגער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער יידן, כדי צו העלפן דער שארית־הפּליטה פון אייראָפּעישן יידנטום.

פון עסטרייך זענען די פּליטים אָפּגעפאָרן קיין איטאַליע,

ווו דער „מוסד עליה ב״ האָט געגאָסן פון פולשטענדיקער אונטערשטיצונג מצד די איטאַליענישע באַאַמטע און עפנטלעכ־קייט, אָבער די באַוועגונגס־פרייהייט איז דאָרטן געווען אַ באַגרענעצטע צוליב דעם, וואָס דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אונטער דער ענגלישער אָקופּאַציע.

אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופן זענען די ענגלישע אָקופּאַ־ציע־כוחות אין איטאַליע באַשטאַנען פון אייגהייטן, אין וועלכע עס האָבן זיך ס׳רוב געפונען ייִדישע ארץ־ישראל־זעלנער. די אייגהייטן פון דער „ארץ־ישראל־בריגאַדע״ וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ סך טיילן פון אָקופּירטן איטאַליע, זענען דורך די ענגלענדער באַטראַכט געוואָרן אַלס מוסטערהאַפטע מיליטער־פאָרמאַציע. די חברים פון „מוסד״ אין ארץ־ישראל זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין די דאָזיקע אייגהייטן און גאָר שנעל זענען די ארץ־ישראל־זעלנער צוגעטראָטן אויפצושטעלן פּליטים־לאַגערן, צו דערטיילן הילף די מעפּילים־שיפן און האָבן געהאָלפן ביים אַרויסשמוגלען די פּליטים פון איטאַליע קיין ארץ־ישראל.

אָפיציעל האָבן די ארץ־ישראלדיקע אייגהייטן זיך געפו־נען אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון ענגלישע אַרמיי־אָפיצירן, פּראַקטיש אָבער, האָבן זיך די דאָזיקע אייגהייטן אונטערגע־וואָרפן די באַפעלן פון „מוסד״ און פון פּלמ״ח. שמשון בר־דרור האָט געדינט אַלס סערזשאַנט אין איינער פון די דאָזיקע אייגהייטן און ער האָט זיך באַנוצט מיט זיינע בריטישע מי־ליטערישע דאָקומענטן אויף צו פאָרן הין און צוריק פון אי־טאַליע קיין פּוילן, כדי צונויפצוזאַמלען די פּליטים.

אין פרילינג זענען די אָשוויענטשימער קאַצעטלער, צווי־שן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דב לאַנדאַו, אַפּגעפאָרן

צו די עסטרייכישע אַלפּן און זענען אַריבער די איטאַליענישע גרענעץ צום „ברענער דורכגאַנג״.

דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן דער אָזיערע קאָמאָ, צפונדיק פון מילאַן, אויף אַ זייטיקן באַן־וועג. טראָץ דעם, וואָס מען האָט געוואָרנט די פּליטים, אַז זיי קאָנען זיך אָנטרעפן אויף בריטישע זעלנער, איז כמעט אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ בהלה, ווען זיי האָבן דערזען סאָלדאַטן אין ענגלישע אוני־פאָרמען, וואָס האָבן געטראָגן אויף זייער אָרעם אַ מגן־דוד. דאָס איז געווען פאַר די לעבנגעבליבענע פון אַשוויענטשים אַן אומבאַגרייפלעכע זאַך. דער דאָזיקער סימבאָל איז ביי זיי גע־ווען אַ צייכן פון געטאָ. מיטן אויסנאַם פון די אויפשטאַנדן אין די געטאָס, האָט זינט 2000 יאָר קיין איין ייד נישט געקעמפט אונטערן צייכן פון מגן־דוד.

זיי זענען אַרויס פון צוג באַהערשטע פון פחד. די זעלנער אָבער האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַלס זייערע פריינד. אַ סך פון זיי האָבן אַפילו גערעדט יידיש. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן איידל און עס האָט געשיינט, אַז זיי געהערן גאָר צו אַן אַנדערע ראַסע יידן.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז אַ גרופּע פון הונדערט מאַן, צווישן וועלכער עס האָט זיך אויך געפונען דב לאַנדאַו, אַרויס־געפירט געוואָרן אין מיטן נאַכט פון לאַגער. מען האָט זיי אַלעמען אַרויפגעזעצט אויף בריטישע לאַסט־אויטאָס, וואָס זענען געפירט געוואָרן דורך די מענטשן פון דער ארץ־ישראל־בריגאַדע. דער עשאַלאָן פון די אויטאָס איז שנעל אָפּגעפאָרן צו אַ געהיימען טרעף־פונקט ביי דער בוכטע, ווו עס האָבן זיך שוין געפונען נאָך דריי הונדערט פּליטים פון אַנדערע לאַגערן. פון פאָרט לאַ ספּעציאַ, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט, איז אָפּגעשווומען אַ קליינע שיף, כדי אויפצונעמען די פּליטים.

די שיף האָט געאַנקערט נעבן ברעג און די פּאַסאַזשירן

זענען אָוועקגעפירט געוואָרן צו איר אין גומענע שיפלעך. שפּעטער איז די שיף אַרויסגעשווומען פון די טעריטאָריאַלע וואַסערן, אָבער זי האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן אין די שיפן פון ענגלישן פלאָט, וואָס האָבן אָן אויפהער געלויערט אויף די ברעגן פון מיטללענדישן ים.

מיט דער דאָזיקער שיף, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „שערי־ציון", האָט פּאַסירט אַן אומפאָרשטעלנדלעכע זאַך. זי איז נישט אָפּגעשווומען, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מעפּילים־שיפן אין דער ריכטונג פון ארץ־ישראל, נאָר צום ליאָנער אײַנגוס, וואָס געפינט זיך אויפן דרומדיקן ברעג פון פראַנק־רייך. די ענגלענדער, און אפילו די מעפּילים אַליין אויפן דעק פון „שערי־ציון", האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז די דאָזיקע קליינע רייזע איז אַ טייל פון אַ גיגאַנטישער אונטערנעמונג.

קאַפּיטל 27

ביל פּריי איז געזעסן אין „רעסטאָראַן פון די ברידער מילער" אין באַלטימאָר, שטאַט מערילענד און האָט געקוקט אויפן טעלער זופּ, וואָס אי זגעשטאַנען פאַר אים, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צום עסן. „איין גאָט ווייסט, צי איך וועל קאָנען אַריבערפירן דעם דאָזיקן נאַכט־טאָפּ איבער די וואַסערן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן" — האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן.

ביל פּריי האָט באַקומען דעם נאָמען פון בעסטן קאַפּיטאַן אין „מוסד עליה ב'". נאָכדעם ווי אים איז געלונגען אַריינצופירן די שיף „מגן־דוד" אין פּאָרט פון קיסריה, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער עטאַפּ אין קאַמף פאַר אַריינפירן מעפּילים קיין ארץ־ישראל. די ענגלענדער זענען געווען געצוווּנגען צו שאַפן נייע לאַגערן אין ציפּערן. דאָס איז געווען אַ ווענד־פּונקט, ווייל פריער האָט דער „מוסד" געפירט קיין ארץ־ישראל עולים אין אַזאַ צאָל, אַז די ענגלענדער האָבן זיי גע־קאָנט לייכט אָפּפירן קיין ציפּערן. איצט אָבער האָט זיך געשאַפן אַ נייער קריזיס. דער „מוסד" האָט אָנגעהויבן צו פירן אַזוי פיל פּליטים, אַז די לאַגערן אין ציפּערן זענען איבערפולט געוואָרן ביז איבער די ברעגן.

די מענטשן פון „מוסד עליה ב'" זענען געווען שטאָלץ מיט זייער דערפאָלג און כדי צונישט צו מאַכן די ענגלישע

בלאָקאַדע־פּאָליטיק האָבן זיי באַשלאָסן דורכצופירן אַ געוואַגטן פּלאַן. ביל פריי האָט געזאָלט דעם דאָזיקן פּלאַן רעאַליזירן.

די גרעסטע מעפּילים־שיף איז ביז יענער צייט געווען די שיף „מגן־דוד", וועלכע האָט אַריבערגעפירט ביז צוויי טויזנט פּערזאָן. די אַנדערע שיפן האָבן געפירט פון עטלעכע הונדערט ביז טויזנט פּערזאָן. די מענטשן פון „מוסד" זענען דעריבער געווען זיכער, אַז אין פאַל ווען עס וועט געלינגען דורכצוברעכן די ענגלישע בלאָקאַדע מיט אַ שיף, וואָס וועט פירן איבער פינף טויזנט מעפּילים, וועט דאָס זיין איינער פון די שווערסטע קלעפּ פאַר דער ענגלישער אייניוואַנדערונגס־פּאָליטיק.

ביל פריי איז באַאויפטראָגט געוואָרן צו געפינען אַ פּאַסיקע שיף, וואָס זאָל קאָנען מיטנעמען פינף טויזנט פּליטים פון די לאַגערן אין לאַ סיאָטאַ, אין דרום־פראַנקרייך. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל די שיף קויפן אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן אָדער אין דרום־אַמעריקע, כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד ביי די ענגלענדער. דער בריטישער געהיים־דינסט האָט באַוואַכט אַלע פּאָרטן אין אייראָפּע און ווען דער „מוסד" וואָלט געדונגען אַ גרויסע שיף אין אַן אייראָפּעאישן פּאָרט, וואָלטן די ענגלענדער זיך גלייך דערוווסט וועגן דעם.

די מענטשן פון „מוסד עליה ב'" זענען דורכגעפאָרן אַ ריי דרום־אַמעריקאַנישע מדינות, בעת ביל פריי האָט זיך פאַרנומען מיט זוכן אַ שיף אין דער מעקסיקאַנער בוכטע און ביים מזרח־ברעג פון אַמעריקע. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס געלט, וואָס דער „מוסד" האָט גע־האָט איז געווען צו ווייניק, כדי צו קויפן אַ פּאַסיקע שיף. ביל פריי האָט דעריבער געמאַכט אַ ריזיקאַלישן שריט און איצט איז ער געזעסן אַ פאַרדאַגהטער. ער האָט געקויפט זייער אַן

אַלט־מאָדישע, שטאַרק־אָפּגענוצטע דאַמף־שיף, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געשווומען איבערן אָקעאַן. די דאָזיקע שיף „גענעראַל סטאַנוואַל דזשעקסאָן" האָט בלויז געדינט אַלס שפּאַציר־שיף צווישן באַלטימאָר און נאָרפאָלק אין דער בוכטע פון טשעספּיק. בלויז איין מעלה האָט ביל פריי געפונען אין איר; דאָס איז געווען דער נידעריקער פּרייז, וואָס מען האָט געפאָדערט.

אַ קעלנער אין אַ ווייס רעקל איז צוגעקומען צו זיין טישל און געפרעגט:

— צי געפעלט אייך נישט די זופּ, מיסטער?

— וואָס? — האָט ביל פריי אויסגערופן, אַרויסרייסנדיק זיך פון די געדאַנקען. — די זופּ?... צום טייוול, זי איז זייער אַ גוטע...

ער האָט מאַכינאַל אַראָפּגעשלונגען אַ לעפל זופּ און ווידער פאַרזונקען אין מחשבות.

— צי איז דאָס קויפן די שיף געווען אַ טעות? — האָט ער געטראַכט. די שיף האָט זיך איצט געפונען אין איינעם פון די דאָקן אין ניופּאָרט ניוז, שטאַט ווירדזשיניאַ, ווו זי איז איבערגעבויט געוואָרן, כדי זי זאָל קאָנען אַרייננעמען 6850 פּאַסאַזשירן.

ביל פריי האָט אַ זיפץ־געטאָן. דער ענין האָט געהאַט אויך אַן אַנדערן אַספּעקט. ווען עס וואָלט געלונגען אַרויסצופירן פון אייראָפּע זיבן טויזנט פּליטים מיט איינמאָל, וואָלט דאָס אויפגעריסן די ביז־איצטיקע בריטישע פּאָליטיק.

ער האָט אָפּגערוקט דעם טעלער זופּ אין אַ זייט און געבעטן אַ רעכענונג. ווען דער קעלנער האָט זיך דערווייטערט האָט ביל פריי אַרויסגענומען פון אַש־בעכער דעם אויסגעלאָשענעם סיגאַרעט, פאַרויכערט און נאָכאַמאָל איבער־

געלייענט די טעלעגראַמע פון ניופאָרט ניוז: **דזשעקסאָן איז פאַרטיק!**

צומאָרגנס האָט ביל פריי צונויפגערופן אין ניופאָרט זיין מאַנשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון מיטגלידער פון פלמ״ח און „מוסד״, פון אַמעריקאַנער יידן, פון שפּאַנישע רעפּובליקאַנער, איטאַליענער און פראַנצויזן. ער האָט באַקוקט די שיף און געמאַכט אַ קורצע פּראָבע־רייזע דורך דער בוכטע. דאַן האָט ער אָנגעשטעלט די מאָטאָרן אויף דער גרעסטער שנעלקייט און איז אַרויסגעשווומען אויף די וואַסערן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן.

נאָך דריי שעה שווימען זענען די מאַשינען קאַליע־געוואָרן און מען האָט געמוזט אָפּפירן די שיף צוריק אין ניופאָרט־ניוז.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט ביל באַנייט זיינע פּרוון, אָבער ווי נאָר די שיף איז אַרויסגעפירט געוואָרן אויף די ברייטע וואַסערן פון אָקעאַן, פלעגט זי קאַליע־ווערן און מען האָט זי ווידער געמוזט אָפּפירן אין דאָק.

ביל פריי האָט זיך מודה־געווען פאַר די מענטשן פון „מוסד״, אַז ער האָט געמאַכט אַ פעלער. די שיף „דזשעקסאָן״ וועט פשוט נישט קאָנען אויספירן איר אויפגאַבע. זיי האָבן אים אָבער געעצהט ער זאָל זיך נישט מייאש־זיין און פּרוון נאָכאַמאָל. אַ וואָך שפּעטער האָט ער געמאַכט דעם לעצטן פּרווו.

ביי דער פינפטער פּראָבע פון דער שיף איז די גאַנצע מאַנשאַפט געשטאַנען אויף דעם דעק מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דער אַלטער קאַסטן איז פאַרבייגעשווומען דעם קייפּ העני און איז אַרויסגעשווומען אין אָקעאַן. איצט איז די שיף שוין געווען אין אָרדענונג. מיט פולן דאַמף האָט זי רואיק גע־שניטן די טיפע וואַסערן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן.

מיט צוויי און צוואַנציק טעג שפּעטער איז די שיף „סטאַנוואַל דזשעקסאָן" פאַרבײַגעשווומען דעם גאָלף פון ליאָן און זיך דערנענטערט צום פּאָרט פון טולאָן, פערציק מייל פון מאַרסעל און בלויז צוואַנציק מייל פון לאַגער אין לאַ סיאָטאַ. אין פראַנקרײַך איז גראָד צו יענער צייט אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון די טראַנספּאָרט־אַרבעטער און די מענטשן פון בריטישן געהיים־דינסט, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו אָבסערווירן דעם פּליטים־לאַגער, האָבן אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן געטראַכט, אַז כל־זמן די שאָפערן פון די לאַסט־אויטאָס שטרייקן, וועט קיינער נישט אַרײַנפאָרן אין לאַגער און נישט אַרויספאָרן פון אים. חוץ דעם האָבן זיי געוווּסט, אַז זינט די שיף „שערי ציון" האָט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געאַנקערט אין פּאָרט־דע־בוק, איז נישט אָנגעקומען קיין שום מעלדונג פון וועלכן עס איז אייראָפּעיִשן פּאָרט, אַז אַן אומלעגאַלע שיף דערנענטערט זיך. אַזוי אַרום איז דער אָנקום פון „דזשעקסאָן" געווען פאַר די ענגלענדער אַ גרויסע איבעראַשונג.

וועגן דער דאָזיקער שיף האָבן זיי בכלל קיין אַנונג נישט געהאַט, ווײַל זי איז געקויפט געוואָרן און צוגעגרייט געוואָרן צו דער רייזע אין אַמעריקע. חוץ דעם איז נאָך קיין עליה־שיף פון „מוסד" נישט געווען אַזוי גרויס, אַז זי זאָל קאָנען דורכשווימען דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. ווען „דזשעקסאָן" האָט זיך דערנענטערט צו טולאָן האָבן די מענטשן פון „מוסד" זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער אָנפירונג פון פראַנצויזישן טראַנספּאָרט־פאַראיין און אויפגעקלערט אין וואָס עס האַנדלט זיך. דער פאָרזיצער פון פאַראיין האָט אין געהיים אָרגאַניזירט אַ גרופּע שאָפערן און לאַסט־אויטאָס, און צו דער זעלבער צייט ווען דער שטרייק פון די טראַנספּאָרט־אַרבעטער האָט נאָך געדויערט, זענען פון לאַגער אין

לאַ סיאָטאַ אַרויסגעפירט געוואָרן 6500 פּליטים און זענען געבראַכט געוואָרן אין טולאָן. צווישן די דאָזיקע פּליטים האָט זיך אויך געפונען דב לאַנדאַו.

דער בריטישער געהיים־דינסט האָט זיך וועגן דער גאַנצער פּרשה דערוווּסט ערשט אין לעצטן מאָמענט און ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע מענטשן קיין טולאָן. די פּאָרט־באַאַמטע האָבן באַקומען פון די ענגלענדער גרויסע סומען כאַבאַר, כדי זיי זאָלן מינדעסטנס אויפהאַלטן דעם אָפּפאָר פון „דזשעקסאָן" אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן באַקומען אינסטרוקציעס פון לאָנדאָן, וואָס מען זאָל טאָן. אָבער דער „מוסד עליה ב'" האָט געגעבן גרעסערע סומען שוחד־געלט, כדי מען זאָל דערלויבן דער שיף אָפּצושווימען וואָס שנעלער און „סטענוואָל דזשעקסאָן", וואָס האָט שוין איצט געהייסן „הארץ המובטחת" איז אָפּן אָפּגעשווומען פון פּאָרט. אויף אירע מאַשטן האָט געפלאַטערט די בלוי־ווייסע פאָן מיטן צייכן פון מגן־דוד.

די ענגלישע אַדמיראַליטעט און דאָס בריטישע אויסערן־מיניסטעריום האָבן גלייכצייטיק אָפּגעהאַלטן פיבערהאַפטע געשפּרעכן. די בריטישע מלוכה־מענער האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פון די קאָנסעקווענצן, וואָס דראָען דער ענגלישער פּאָליטיק, אויב די שיף וועט אָנקומען מיט אַזאַ מאַסע עולים צו די ברעגן פון ארץ־ישראל. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן צו פאַרהאַלטן די שיף „הארץ המובטחת" פאַר יעדן פּרייז. די ענגלענדער האָבן געדראָט די פראַנצויזן און זיך באַמיט אויסצואיבן אויף זיי אַ דיפּלאָמאַטישן דרוק. בריטישע קריגס־שיפן האָבן זיך אויסגעשטעלט קעגנאיבער דעם פּאָרט אין טולאָן. אויף די דאָזיקע דראָונגען האָבן די פראַנצויזן רעאַגירט מיט דעם, וואָס זיי האָבן דערלויבט דער שיף „הארץ המובטחת" פריי אָפּצושווימען מיט די פּליטים.

אונטער יובלענדיקע געשרייען און פריידיקע אויסרופן פון די מעפּילים האָט די שיף „הארץ המובטחת" פאַרלאָזן דעם פּאָרט אין טולאָן. אָבער מיטן מאָמענט, ווען זי איז אַרויסגעשווומען מחוץ די פראַנצויזישע טעריטאָריאַלע וואַסערן, האָבן זיך צו איר דערנענטערט צוויי בריטישע קרייצער־שיפן: „אַפּעקס" און „דאַנסטאָן היל", וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו באַגלייטן די מעפּילים־שיף.

דריי און אַ האַלבן טאָג האָט דער קאַפּיטאַן ביל פריי געפירט די שיף „הארץ המובטחת" אין דער ריכטונג פון ארץ־ישראל. פון הויכן, שמאָלן קוימען פון דער שיף האָט געזעצט אַ געדיכטער רויך, די מאַשינען האָבן שווער געאַרבעט. דער דעק האָט זיך אַזש איינגעבויגן אונטער דער גרויסער מענטשן־מאַסע און די צוויי בריטישע קרייצער־שיפן האָבן ווי וואַך־הינט נאָכגעפאָלגט די גאַנצע צייט דעם קורס פון „הארץ המובטחת".

די ענגלישע קרייצער־שיפן „אַפּעקס" און „דאַנסטאָן היל" זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ ראַדיאָ־פאַרבינדונג מיט לאָנדאָן. ווען די שיף „הארץ המובטחת" האָט זיך דערנענטערט אַן ערך פופציק מייל פון די ארץ־ישראל־דיקע ברעגן האָבן די ענגלענדער פלוצים געענדערט זייער ביז־איצטיקע בלאָקאַדע־טאַקטיק. „אַפּעקס" האָט זיך דערנענטערט צו דער דאַמף־שיף און אַרויסגעלאָזט אין אירע אַלטע, הילצערנע באָרטן אַ סאַלווע פון אויטאָמאַטן. גלייכצייטיק האָט זי דורך אַ מעגאַפאָן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז „הארץ המובטחת" זאָל זיך דערנענטערן, כדי אַ בריטישע קאָמאַנדאָ־איינהייט זאָל קאָנען אַרויפגיין אויף איר דעק.

ביל פריי האָט אַרויסגעשפּיגן דעם סיגאַרעט, וואָס האָט שטענדיק געשטעקט אין ווינקל פון זיין מויל און נעמענדיק אין האַנט אַ מעגאַפאָן, איז ער אַרויס אויפן דעק.

— מיר געפינען זיך אויפן אָפענעם ים! — האָט ער אויסגערופן. — אויב איר וועט וואַגן אַרויפצוגיין אויף אונ־דזער שיף, וועט דאָס זיין אַ פּיראַטן־טאַט!

— עס טוט אונדז זייער לייד — האָט מען אים צוריק־געענטפערט פון דער ענגלישער „אַפּעקס". — באַפעל איז באַפעל. צי זענט איר גרייט אַרויפצולאָזן אָן אַ ווידערשטאַנד אַ קאָמאַנדאָ־איינהייט אויף אייער שיף?

ביל האָט זיך אויסגעדרייט צום קאָמאַנדיר פון פלמ"ח, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים און געזאָגט:

— מיר וועלן צוגרייטן פאַר די דאָזיקע ממזרים אַ געהעריקן קבלת־פּנים.

די שיף „הארץ המובטחת" האָט געלאָזט אין גאַנג די מאַשינען אויפן פולן דאַמף, כדי זיך אַרויסצודרייען פון די ענגלישע קרייצער־שיפן, אָבער די „אַפּעקס" האָט זיך אַ יאָג־געטאָן פאָרויס, געמאַכט אַ שאַרפן דריי און מיטן גאַנצן כוח פון איר שטאָלענעם שפּיץ איז זי אַריינגעפאָרן אין דער אַלטער מעפּילים־שיף, דורכבראָכנדיק דעם הילצערנעם באָרט. די שיף „הארץ המובטחת" האָט קאָנוולסיוו אַ ציטער־געטאָן אונטערן דרוק פון געוואַלדיקן שטויס. „אַפּעקס" האָט נישט וואַרטנדיק ווידער געעפנט אַ פייער פון מאַשין־געווער, כדי צו פאַרטרייבן די מעפּילים פון דעק און אים אָפּרייניקן פאַר די קאָמאַנדאָס.

ענגלישע מאַטראָסן, אויסגעשטאַט מיט גאַז־מאַסקעס און לייכטן געווער, האָבן זיך אַרויפבאַקומען אויפן דעק פון דער מעפּילים־שיף און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון קאַפּיטאַנס בריקל. די פלמ"ח־חברים האָבן דאָן אָנגעהויבן אויפצושטעלן פאַרצוימונגען פון שטעכל־דראָט און האָבן באַוואַרפן די ענגלישע זעלנער מיט אַ האָגל פון שטיינער. אַנדערע האָבן געלאָזט אויף די ענגלענדער שטאַרקע וואַסער־שטראָמען פון גומענע שלויכן.

די ענגלענדער זענען צוריקגעשטויסן געוואָרן צום שפּיץ פון דער שיף, אָבער זיי האָבן נישט צוגעלאָזט נאָענט צו זיך די פּלמ״ח־חברים דראָענדיק מיט אויטאָמאַטן. אין דער זעלבער צייט זענען אויף דער מעפּילים־שיף אַרויפגעקומען נאָך ענגלישע מאַטראָסן. אַ טייל פון זיי האָט געהאַט מיט זיך שערן איבערצושניידן דאָס שטעכל־דראָט. די ענגלענדער האָבן אָנגעגריפן צום צווייטן מאָל, אָבער אויך דאָסמאָל זענען זיי צוריקגעשטויסן געוואָרן דורך די וואַסער־שטראָמען. ווען די ענגלישע מאַטראָסן האָבן געוואָלט אָנגרייפן אַ דריטן מאָל און האָבן זיך שוין געהאַט דערנענטערט צו דער באַריקאַדע, כדי איבערצושניידן דאָס שטעכל־דראָט, האָבן די פּלמ״ח־חברים געלאָזט אויף זיי שטראָמען פון הייסן וואַסער־דאַמף.

דאַן זענען די פּלמ״ח־חברים צוגעטראָטן צו אַ קעגן־אָנגריף און צוריקגעשטויסן די ענגלישע מאַטראָסן צום שפּיץ פון דער שיף. איינער נאָכן אַנדערן זענען די בריטישע זעלנער אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין ים.

„אַפּעקס״ האָט איבערגעריסן דעם אָנגריף, כדי אַרויסצוציִען אירע מענטשן פון וואַסער. די שיף „הארץ המובטחת״, אַ דורכגעלעכערטע אין זייט, האָט באַנייט איר רייזע, לאָזנדיק הינטער זיך קנוילן רויך און דאַמף, אָבער דאַן איז אין דער אַקציע אַרייַנגעטראָטן די צווייטע ענגלישע קרייצער־שיף „דאַנסטאָן היל״.

די אָנפירונג פון דער ענגלישער קרייצער־שיף האָט זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. עס איז געווען צו ריזיקאַליש צו שיקן נאָכאַמאָל מאַטראָסן אויפן דעק פון „הארץ המובטחת״, אַ צווייטער שטויס וואָלט געקאָנט דערפירן די אַלטע שיף צום זינקען. דער קאַפּיטאַן פון דער ענגלישער שיף האָט דאַן באַשלאָסן צו עפענען אַ שווערן פייער פון מאַשין־געווער. ערשט דאַן ווען פון דעק פון „הארץ המובטחת״ זענען

סיי די פּלמ״ח־חברים און סיי די פּליטים אַראָפּ אונטן אין דעם צווישנדעק האָט ער אַרויסגעשיקט קאָמאַנדאָס מיט שטריק־לייטערס. אָבער ווי נאָר די ענגלישע מאַטראָסן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויפצודראַפּען אויף דער מעפּילים־שיף זע־נען די פּלמ״ח־חברים און די פּליטים ווידער אַרויסגעשפּרונ־גען און עס האָט זיך פּאַנאַנדערגעפּלאַקערט אַ העפּטיקער גע־שלעג אויף פויסטן. די ענגלענדער האָבן צוריקגעענטפערט מיט גומי־שטעקנס און אָנגעהויבן שיסן אין דער לופטן.

אין דעם מאָמענט איז צו דער מעפּילים־שיף צוגעשווו־מען די צווייטע בריטישע קרייצער־שיף „אַפּעקס". געשיצט דורך אַ פאַרהאַנג פון טרערן־גאַז האָבן די קאָמאַנדאָס פון „אַפּעקס" זיך אַ לאָז געטאָן אויפן דעק פון „הארץ המובטחת". די מאַטראָסן פון „דאנסטאָן היל" האָבן אָנגעגריפן פון דער אַנדער זייט און די פּלמ״ח־חברים זענען געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציען.

דב לאַנדאו האָט די גאַנצע צייט זיך באַטייליקט אין דער אַקציע. צוזאַמען מיט אַנדערע פּליטים האָט ער פאַרטיידיקט דעם צוגאַנג צום קאַפּיטאַנס בריקל. די ענגלענדער האָבן צו־ריקגעשטויסן זיין גרופּע מיט דער הילף פון טרערן־גאַז אַלץ נידעריקער און אויך די איבעריקע מעפּילים האָבן זיך געמוזט צוריקציען.

די ענגלענדער, וועלכע האָבן איצט באַהערשט דעם דעק פון דער שיף, זענען געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטן געווער, גרייט צו שיסן, בעת אַנדערע בריטישע מאַטראָסן האָבן זיך באַמיט אַריינצורייסן איר דער מאַשין־האַלע, כדי פולשטענ־דיק צו באַהערשן די שיף.

ביל פריי און פינף פון זיינע מאַנשאַפטס־מיטגלידער האָבן אויפגענומען די ענגלענדער מיט רעוואָלווערן־שאָסן און שפּעטער מיט פויסטן־קלעפּ. טראָץ דעם, וואָס דער קאַפּיטאַן

פון שיף איז געווען אָפּגעשניטן פון דער מאַנשאַפט, האָט ער דאָך נישט אויפגעהערט זיך קעגנצושטעלן, ביז עטלעכע בריטישע מאַטראָסן זענען אים באַפאַלן מיט גומי־שטעקנס און אים אָנגעהויבן צו שלאָגן. ביל פריי איז אַנידערגעפאַלן אַ באַוווסטלאָזער אונטער זייערע קלעפּ.

נאָך אַ קאַמף וואָס האָט געדויערט איבער 4 שעה, האָבן די ענגלענדער באַהערשט די שיף. אַכט ענגלישע מאַטראָסן זענען אומגעקומען און צוואַנציק זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. פון צווישן די פּליטים זענען פופצן געטויט געוואָרן, און צווישן זיי אויך דער קאַפּיטאַן פון דער שיף ביל פריי.

ווען די בריטישע קרייצער־שיף „דאַנסטאַן היל" האָט געבראַכט צו שלעפּן די מעפּילים־שיף קיין חיפה, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו האַלטן די גאַנצע געשעעניש אין שטרענגער געהיימעניש. דער אַלטער דאַמפער „הארץ המובטחת" איז געווען שווער באַשעדיקט. דער גאַנצער געביט פון פּאָרט האָט געווימלט מיט ענגלישע זעלנער. די זעקסטע פּאַראַשוטיסטן־בריגאַדע האָט געהאַלטן וואַך און אירע זעלנער זענען געווען באַוואָפנט ביז צו די ציין. די ענגלענדער האָבן זיך באַמיט צו האַלטן די זאַך בסוד. זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט, אַז די מעפּילים האָבן פון דער שיף אַרויסגעשיקט אַ ראַדיאָ־טעלעגראַפישע מיטיילונג וועגן דער גאַנצער פרשה, איבערגעבנדיק פרטים וועגן קאַמף מיט די ענגלענדער אויף „הארץ המובטחת".

ווען די שיפן האָבן זיך דערנענטערט צו חיפהער איינגוס האָט דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־שטרייק. די ענגלענדער האָבן געמוזט אַרומרינגלען דעם פּאָרט מיט גרויסע מיליטערישע אָפּטיילונגען און טאַנקען, כדי צו שאַפן אַ מויער צווישן די מעפּילים און דער אויפגערעגטער מאַסע פון די ארץ־ישראל יידן.

פיר בריטישע שיפן, וואָס זענען געווען באַשטימט אויף אַריבערפירן געפאַנגענע: „עמפּייער מאָניטאָר", „עמפּייער רע־נואָן", „עמפּייער גאַרדיאַן" און „מאַגנאַ קאַרטאַ", זענען גע־בראַכט געוואָרן, כדי אָפּצוטראַנספּאָרטירן די פאַרהאַלטענע מעפּילים פון דער שיף „הארץ המובטחת". אָבער אין מאָמענט, ווען דער אַלטער אַמעריקאַנער דאַמפער איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין פּאָרט איז די שטאָט חיפה אויפגעטרייסלט גע־וואָרן דורך אַ געוואַלדיקן אויפרייס: די שיף „עמפּייער מאָני־טאָר" איז אויפגעריסן געוואָרן אין דער לופטן! די דאָזיקע אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך אַ חבר פון פלמ"ח, וועלכער איז צוגעשווומען צו דער ענגלישער שיף און אונ־טערגעלייגט אַ מאַגנעטישע באָמבע.

די שיף „הארץ המובטחת" איז אָבער טראָץ דעם אַריינ־געשלעפּט געוואָרן אין פּאָרט און די ענגלענדער זענען גלייך צוגעטראָטן אַרויסצופירן פון דאָרט די מעפּילים. דאָס רוב פון זיי איז געווען צו מיד זיך קעגנצושטעלן און אָן אַ ווידער־שטאַנד האָבן זיי זיך געלאָזט פירן אין די סאַניטאַר־באַראַקן, וווּ מען האָט זיי אויסגעטאָן נאַקעט און זיך געהייסן אויס־באָדן. דאַן האָט מען דורכגעפירט אַ גענויע רעוויזיע אין זייערע בגדים זוכנדיק געווער און דערנאָך האָט מען זיי אין גרויס איילעניש אויפגעלאָדן אויף די איבעריקע דריי ברי־טישע טראַנספּאָרט־שיפן.

דב לאַנדאו האָט צוזאַמען מיט פינף און צוואַנציק אַנ־דערע מעפּילים זיך פאַרבאַריקאַדירט אין חלל פון דער מע־פּילים־שיף און נישט געוואָלט פון דאָרטן אַרויסגיין, קעמפנ־דיק מיט די ענגלענדער ביזן סוף. די ענגלענדער האָבן דאַן אַריינגעלאָזט טרערן־גאַז אין דער שיף און דב לאַנדאו איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון אינעווייניק דורך פיר ענגלישע מאַטראָסן. ער האָט זיך געריסן פון זייערע הענט, זיי גע־

שאָלטן, זיך געוואָרפן, אָבער צום סוף איז ער אַריינגעשליי־דערט געוואָרן אין אַ פאַרמאַכטער קאַבינע פון דער שיף „מאַגנאַ קאַרטאַ".

די טראַנספּאָרט־שיפן, וואָס זענען געווען פול־געפּאַקט מיט מעפּילים, זענען די זעלבע נאַכט אָפּגעשוואומען פון חיפה, אין דער באַגלייטונג פון די צוויי קרייצער־שיפן „דאַנסטאָן ...יל" און „אַפּעקס".

ווען די מעפּילים וואָלטן געשיקט געוואָרן קיין ציפּערן, אין די לאַגערן, וואָס זענען שוין געווען איבערפולט מיט פּליטים, וואָלט דאָס באַדייט נאָך אַ נצחון פון „מוסד". בייע טויזנט פינף הונדערט יידן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון אייראָפּע און מיט דעם איז געשטיגן די צאָל פּליטים, וואָס האָבן געוואָלט זיך אַריינבאַקומען אין ארץ־ישראל. אָבער — די פּליטים, וואָס זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער שיף „הארץ המובטחת" און זענען אַרויפגעבראַכט גע־וואָרן אויף די שיפן „עמפּייער גאַרדיאַן", „עמפּייער רעגאַון" און „מאַגנאַ קאַרטאַ" זענען צוריקגעשיקט געוואָרן צו פּאָרט טולאָן, פון וואַנען זיי זענען אָפּגעשוואומען. די בריטישע מאַכט האָט גלייכצייטיק מיט דעם פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אַז פון איצט אָן וועלן אַלע שיפן, וואָס וועלן זיך באַמיען אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן דורכברעכן די בלאָקאַדע, צו־ריקגעקערט ווערן צו די פּאָרטן פון וואַנען זיי זענען אַרויס.

די מענטשן פון פּלמ"ח און „מוסד", וואָס האָבן זיך גע־פונען מיט די מעפּילים אויף די דריי ענגלישע טראַנספּאָרט־שיפן, האָבן געוווסט וואָס צו טאָן. אויב זיי וועלן אַראָפּגיין פון די שיפן און זיך צוריקקערן קיין טולאָן, וואָלט עס באַדייט דער סוף פון דער אומלעגאַלער עליה. ווען די דריי ענגלישע טראַנספּאָרט־שיפן זענען אָנגעקומען קיין טולאָן האָבן דע־ריבער די פּלמ"ח־אָנפירער דערקלערט פאַר די ענגלישע קאַ־

פּיטאַנען, אַז „נאָר מיט כוח וועט איר אונדז אַרויספירן פון די שיפן אויפן ברעג".

דער ענגלישער קאָמענדאַנט פון די דריי שיפן האָט זיך געווענדעט צו דער אַדמיראַליטעט אין לאָנדאָן, בעטנדיק אָנ־ווייזונגען ווי אַזוי צו האַנדלען. דאָס בריטישע אויסערן־מי־ניסטעריום איז דאַן צוגעטראָטן אויסצואיבן אַ דרוק אויף דער פראַנצויזישער רעגירונג און ענגלאַנד האָט אַפילו גע־דראָט מיט איבעררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט פראַנקרייך. די ענגלענדער האָבן ערנסט געוואָרנט די פראַנ־צויזן, זיי זאָלן זיך נישט שטעלן אויף דער זייט פון די יידן און זאָלן נישט שטערן די אויסלאָדונג פון די טראַנספּאָרט־שיפן. פיר טעג האָט געדויערט דער טעלעגראַמע־אויסטויש צווישן לאָנדאָן און פּאַריז און צווישן לאָנדאָן און די שיף־קאָמענדאַנטן. צום סוף האָט די פראַנצויזישע רעגירונג מיט־געטיילט דער ענגלישער רעגירונג איר דראַמאַטישן באַ־שלוס:

„די פראַנצויזישע רעגירונג וועט נישט דערלאָזן, אַז די פּליטים פון די ענגלישע שיפן זאָלן אויסגעלאָדן ווערן מיט געוואַלט און זי וועט זיך אויך נישט באַטייליקן אין דער דאָ־זיקער אַקציע. אין פאַל ווען די פּליטים ווילן פרייוויליק זיך צוריקקערן קיין פראַנקרייך, וועלן מיר זיי צו יעדער צייט אויפנעמען מיט דער גרעסטער גאַסטפריינדלעכקייט".

די פראַנצויזן האָבן אָפן אונטערשטיצט די יידן, ריזיקי־רנדיק אַפילו מיט פאַרשאַרפן די באַציאונגען צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך.

נאָך דעם, ווי די ענגלענדער זענען אַביסל געקומען צו זיך פון פראַנצויזישן באַשלוס, האָבן זיי געמאָלדן די פּליטים, אַז זיי קאָנען אויסוויילן איינס פון די ביידע: אַראָפּגיין אין האַפן פון טולאָן אָדער צו בלייבן אויף דער שיף אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן אומקומען.

די יידן אויף די דריי שיפן „עמפּייער גאַרדיאַן", „עמפּייער
רענאָון" און „מאַגנאַ קאַרטאַ" האָבן זיך פֿאַרבאַריקאַדירט. די
פּלמחניקעס האָבן אָרגאַניזירט שולן, העברעאישע לעקציעס,
געדרוקט אַ צייטונג, געגרינדעט אַ טעאַטער, וועלנדיק אויף
אַזאַ אופן אויפהאַלטן די מאָראַל ביי די פּליטים. די פראַנ־
צויזישע רעגירונג האָט מיט דער הילף פון פּילצאָליקע שיפּ־
לעך געשיקט פרישע שפּייז און רפואות צו די שיפן אויף
וועלכע עס זענען פאַר דער צייט געבוירן געוואָרן אַ טוץ
קינדער. צום סוף פון דער ערשטער וואָך, זענען נאָך די
פּליטים אַלץ געווען פעסט אין זייער באַשלוס נישט אַראָפּ־
צוגיין פרייוויליק אין פּאָרט.

אינצווישן האָבן אַ סך פראַנצויזישע זשורנאַליסטן זיך אָנ־
געהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט די שיפן און האָבן אָנגע־
הויבן פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען אין וועלכע עס איז באַשריבן
געוואָרן מיט פאַרביטערונג די אוממענטשלעכע האַנדלונג פון
די ענגלענדער. גלייכצייטיק איז אַ געוויסע נאַכט אַרויסגע־
שווומען פון דער שיף „עמפּייער גאַרדיאַן" אַ מיטגליד פון
„מוסד עליה ב'" און האָט פאַר דער פראַנצויזישער פּרעסע
דערציילט אַלע איינצלהייטן פון דער געשיכטע. די באַריכטן
וועגן דער שיף „הארץ המובטחת" זענען פאַרעפנטלעכט גע־
וואָרן אין דער פּרעסע פון פראַנקרייך, איטאַליע, האָלאַנד און
דענעמאַרק. אין די אַלע פיר לענדער זענען דערשינען לייט־
אַרטיקלען אין וועלכע עס זענען געמאַכט געוואָרן די ענג־
לענדער ביטערע פאָרווורפן. די דאָזיקע אָנפאַלן אין דער פרע־
סע זענען פאַר די ענגלענדער נישט געקומען אומדערוואַרט.
אין לאָנדאָן איז מען געווען גרייט אויף דעם. מען האָט זיך
דאָרטן אַפילו גערעכנט אויף פיל מער. מען האָט אַלץ גענומען
אין חשבון, אָבער דאָס, אַז די פּליטים וועלן זיין אַזוי עקש־
נותדיק און נישט וועלן אַראָפּגיין פון די שיפן, איז זיי גאָר־

ניט אײַנגעפֿאַלן. די באַדינגונגען אויף די טראַנספּאָרט־שיפֿן זענען געווען זייער שלעכטע. פֿון דער שטיקנדער היץ זענען אַ סך פּליטים קראַנק געוואָרן, אָבער אַפֿילו דאַן האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט אַראָפּצוגיין אין פּאָרט. די ענגלישע מאַנשאַפֿט, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו די באַדינגונגען אויף דער שיף האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז ווערן נערוועז. צום סוף פֿון דער צווייטער וואָך האָבן די פּליטים אויף די שיפֿן נאָך אַלץ נישט געענדערט זייער באַשלוס און די אָנפֿאַלן אויף ענגלאַנד אין דער פּרעסע זענען געוואָרן אַלץ שטרקער און שטאַרקער.

עס איז אַדורך נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך און די אויפֿרעגונג אין דער עפֿנטלעכקייט האָט זיך ביסלעכווייז גענומען איינשטילן. דאַן איז אָבער אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון אַ שיף דער ערשטער ייִד, פֿרייוויליק און אָן געוואַלט. ער איז געווען טויט. די אויפֿרעגונג האָט אויפֿגעפֿלאַמט פֿונדאָסניי. די קאַפּיטאַנען פֿון די דריי שיפֿן האָבן געמאָלדן דער מאַכט אין לאָנדאָן, אַז די פּליטים זענען איצט נאָך מער ווי פֿריער אַנטשלאָסן נישט אַראָפּצוגיין פֿרייוויליק פֿון די שיפֿן. דער דרוק אויף די ענגלישע פֿירער האָט זיך געשטאַרקט פֿון שעה צו שעה. אַ ווייטערדיקער פֿאַל פֿון אַראָפּפֿירן אַ טויטן פֿון די שיפֿן, וואָלט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם אין דער עפֿנטלעכקייט. דעריבער האָבן די ענגלישע פּאָליטיקער באַשלאָסן צו מאַכן אַ נייעם פּרווו. זיי האָבן אויפֿגעפֿאָדערט די פּליטים צו שיקן דעלעגאַציעס, כּדי אַרומצורעדן די לאַגע און געפֿינען אַן אויסוועג. זיי האָבן געהאָפֿט צו דערגרייכן אַ קאָמפּראָמיס־לייזונג, וואָס זאָל זיי דערלויבן אַרויסצודרייען זיך פֿון דער סיטואַציע נישט פֿאַרלירנדיק זייער פּרעסטיזש. אָבער פֿון אַלע דריי שיפֿן איז דערהאַלטן געוואָרן דער זעלבער ענטפֿער: „מיר פֿאָדערן נישט מער און נישט ווייניקער ווי ארץ־ישׂראל“.

אויף דער זעקסטער וואָך איז אַראָפּגענומען געוואָרן נאָך איין טויטער און דאַן האָבן די ענגלענדער געשטעלט די יידן אַן אולטימאַטום: אָדער זיי גייען אַראָפּ פון די שיפן, אָדער זיי וועלן טראָגן די קאָנסעקווענצן. ס׳איז נישט געווען קלאָר אין וואָס עס וועלן באַשטיין די קאָנסעקווענצן, אָבער די פּליטים האָבן אויך דעם אולטימאַטום אָפּגעוואָרפן. די ענגלענדער האָבן דאַן אַנטפּלעקט זייער באַשלוס: די שיפן „עמפּייער גאַרדיאַן" און „עמפּייער רענאָון" שווימען אָפּ צוריק קיין דייטשלאַנד און די פּליטים וועלן דאָרט מיט גוטן אָדער מיט בייזן אַראָפּגענומען ווערן פון די שיפן און אינטערנירט ווערן אין אַ לאַגער אין דער ענגלישער זאָנע, ביז עס וועט קומען פון ענגלאַנד אַ צווייטער באַשלוס.

די דריטע טראַנספּאָרט־שיף, „מאַגנאַ קאַרטאַ", האָבן די ענגלענדער באַשלאָסן אָפּצופירן קיין ציפּערן און די פּליטים פון דער דאָזיקער שיף אינטערנירן אין לאַגער קאַראַאָלאָס. דב לאַנדאַו האָט געהאַט דאָס גליק נישט צו פייערן זיין זעכצנטן געבורטסטאָג אין דייטשלאַנד, נאָר אין קאַראַאָלאָס, אָבער אין אים האָט נאָך אַלץ געברענט דער האַס.

קאַפּיטל 28

דב לאַנדאו האָט אויך זיין זיבעצנטן געבורטסטאָג פאַר־בראַכט אין לאַגער און הינטער שטעכל־דראָט. ער האָט דעם טאָג פאַרבראַכט געגנוי אַזוי ווי אַלע אַנדערע טעג. ער איז געלעגן אויף זיין בעטל, געקוקט פאַר זיך מיט אַ שטאַרן בליק און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט נישט גע־רעדט מיט קיינעם, זינט מען האָט אים מיט געוואַלט אַראָפּ־גענומען פון דער שיף „הארץ המובטחת". אין משך פון די לאַנגע וואָכן אין פּאָרט פון טולאָן איז זיין האַס געוואָרן נאָך ביטערער.

דאָ, אין קאַראַאַלאָס, האָבן פאַרשיידענע מענטשן ווי פּלמ"ח־חברים, סאָציאַלע טוער, דאָקטוירים און לערער גע־פּרוּווט צעברעכן די וואַנט פון זיין פאַרביטערונג און זיך מיט אים באַפריינדן. אָבער דב האָט קיינעם נישט געטרויט און געוואָלט בלייבן איינזאַם. גאַנצע טעג פלעגט ער אַזוי ליגן אויף זיין געלעגער אַ שווייגנדיקער. ביינאַכט פלעגט ער זיך מיט אַלע כוחות באַמיען נישט איינצושלאָפן, ווייל אין שלאָף פלעגן קומען צו אים שרעקלעכע חלומות. אים פלעגט זיך ווידער און ווידער חלומען ווי די טירן פון די גאַז־קאַמערן אין ביר־קענאַו עפענען זיך און דאַן... דב פלעגט זיך דאַן אויפכאַפּן אין אַנגסטן און נאָכדעם זיצן שעהן־לאַנג און קוקן אויף דעם

נומער, וואָס איז געווען אויסטאָטואירט אויף זיין לינקן אָרעם: 359195.

פונקט קעגנאיבער, אויף דער צווייטער זייט פון דער געצעלטן־גאַס, האָט געווינט אַ מיידל. דאָס איז געווען דאָס שענסטע מיידל, וואָס ער האָט ווען עס איז געזען. דאָס איז נישט געווען קיין ווונדער, ווייל אין די ערטער, ווו ער האָט געלעבט ביז איצט, האָבן די מיידלעך נישט געקאָנט זיין שיין. זי אַרבעט אין קינדער־גאָרטן און האָט דאָס אויפזיכט אויף אַ גרויסער מאַסע קליינע קינדער. יעדעס מאָל ווען זי זעט אים, גיט זי צו אים אַ שמייכל און עס ווייזט אויס, אַז זי איז גאָרנישט בייז אויף אים, ווי די אַלע אַנדערע. דאָס דאָזיקע מיידל הייסט קאָרען האַנסען־קלעמענט.

קאָרען האָט זיך אַנגעפרעגט, וואָס איז אייגנטלעך מיט דבן, וואָס ער קומט נישט צו די לעקציעס און נעמט נישט אַנטייל אין די שפּילן. מען האָט זי דאַן געוואָרנט און געראָטן זיך מיט אים נישט אַריינצולאָזן, ווייל ער איז אַן „האָפענונגס־לאָזער פאַל", נאָך מער, ער איז אַ געפערלעכער בחור. די דאָזיקע וואָרענונג האָט אויף קאָרען געהאַט פונקט אַ פאַר־קערטע ווירקונג. זי האָט געוווּסט, אַז דבן איז געווען אין אַשוויענטשים און זי האָט געפילט צו אים אַ גרענעצלאָזן רחמנות. עס איז איר שוין נישט איין מאָל געלונגען צו גע־ווינען דעם צוטרוי פון יוגנטלעכע, מיט וועלכע אַנדערע האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן און כאָטש זי האָט זיך אַליין געזאָגט, אַז עס איז בעסער צו לאָזן דבן צורו, האָט זי דאָך אָנגעהויבן זיך מער און מער צו אינטערעסירן מיט אים.

אַ געוויסן הייסן טאָג איז דבן געלעגן ווי געוויינלעך אויף זיין בעטל, קוקנדיק פאַר זיך אין איין פונקט. ער האָט שטאַרק געשוויצט. פלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען. ער האָט דער־

פּילט, אַז עמעצער קוקט אויף אים. ווען ער האָט דערזען קאַרען שטיין פאַר זיך, איז ער געבליבן ווי אַ פאַרשטיינער־טער.

— איך האָב דיך געוואָלט פרעגן, צי דו קאָנסט מיר באָרגן דיין וואַסער־עמער — האָט קאַרען זיך אָפּגערופן. — מיינער רינט אַ ביסל און דער וואַסער־וואָגן דאַרף באַלד אָנקומען.

דב האָט זי אָנגעקוקט נערוועז, פינטלענדיק מיט די אויגן.

— איך האָב דיך געפרעגט צי איך קאָן באָרגן דיין עמער.

דב האָט עפּעס אַ בורטשע־געטאָן.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן — יאָ, אָדער ניין? צי קאָנסטו אייגנטלעך אויך ריידן?

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט ווי צוויי העגער. קאַרען האָט שוין באַדויערט, וואָס זי איז איבערהויפּט אַריין צו אים. זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— איך הייס קאַרען און איך וווין קעגנאיבער.

דב איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ שווייגנדיקער און נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר זיין בליק.

— אַלזאָ, מעג איך נעמען דיין עמער אָדער נישט?

— וואָס ווילסטו אייגנטלעך? — האָט דב זיך ענדלעך אָפּגערופן — ביסט אויך געקומען אַהער מיר פריידיקן שיינע רייד?

— ניין — האָט קאַרען געזאָגט — איך בין אַהערגעקו־מען, ווייל איך וויל אויסבאָרגן דיין עמער. דו ביסט גאָר נישט אַזאַ, וועמען עס לויענט צו פרעדיקן שיינע רייד.

דב האָט זיך אומגעדרייט, זיך אַוועקגעזעצט אויפן קאַנט פון זיין בעטל און גענומען בייסן די נעגל. איר ענטפער האָט אים אַנטוואָפנט. ער האָט מיטן האַנט אָנגעוויזן אויף דעם

עמער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אויף דער ערד. ווען קאַרען איז צוגעגאַנגען, כדי צו נעמען דעם עמער, האָט דב פון דער זייט געוואָרפן אויף איר אַ קורצן בליק.

— ווי רופט מער דיך אייגנטלעך? — האָט קאַרען זיך אָפּגערופן — איך וויל וויסן דיין נאָמען, ווען איך וועל צוריק־ברענגען דעם עמער.

דב האָט נישט געענטפערט.

— נו, ווי הייסטו? זאָג!

— דב!

— און איך הייס קאַרען. אפשר וועסטו שוין איצט מיר זאָגן „שלום”, ווען דו וועסט מיך באַגעגענען. און אפשר וועסטו זיך אויך אויסלערנען אַ שמייכל צו טאָן?

דב האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט, אָבער קאַרען איז שוין אין געצעלט נישט געווען. ער איז צוגעגאַנגען צום אַרויסגאַנג פון געצעלט און נאָכגעקוקט ווי זי גייט מיטן עמער צו דעם ענגלישן וואַסער־טאַנק, וואָס איז אָנגעקומען דורכן הויפּט־טויער. זי איז זייער אַ שיינע — האָט דב גע־טראַכט.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל זינט אַ סך חדשים, אַז עפּעס אַ דרויסנדיקע פּאַסירונג זאָל אַרויסרייסן דבן פון זיין אַפּאַטיע. די דאָזיקע קאַרען איז געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי די איבעריקע, וועלכע האָבן זיך באַמיט אָנצוקניפּן מיט אים אַ געשפּרעך. זי האָט מיט אים נישט געמאַכט קיין צע־רעמאָניעס און גערעדט צו אים שאַרף, כאָטש מיט אַ ביסעלע מורא. גלייכצייטיק האָט אָבער פון איר אויסגעשטראַלט עפּעס אַ צערטלעכקייט. זי האָט צו אים נישט דעקלאַמירט קיין שיינע רייד, ווי די אַנדערע און נישט געבעטן אַזוינס, וואָס זי האָט נישט געהאַט בדעה צו בעטן. זי איז פּונקט ווי ער געווען אינטערנירט אין קאַראַלאָס, אָבער זי האָט זיך אויף

דעם נישט באַקלאָגט און איז ווייזט אויס אויך נישט פּאַרבי־טערט דערפון ווי אַלע אַנדערע דאָ. זי האָט אַ וווּנדערשיינע שטימע, וועלכע קאָן אָבער אויך זיין זייער ענערגיש.

— שלום, דב, — האָט קאַרען געזאָגט צוריקקומענדיק מיטן עמער — און אַ דאַנק פאַר אויסבאָרגן מיר דיין עמער.

דב האָט אָנגשטאָט אַן ענטפער, ווי זיין שטייגער, אַ ברום־געטאָן עפּעס אונטער דער נאָז.

— אַך, יאָ, דאָס ביסטו דאָך דער יעניקער, וואָס בור־טשעט אָנשטאָט צו ריידן. אין מיין קינדער־גאָרטן האָב איך אַ קליין יינגל, וועלכער איז פּונקט אַזוי ווי דו. ער אָבער האַלט, אַז ער איז אַ לייב.

— שלום!!! — האָט דב אַרויסגעברילט מיטן גאַנצן כוח.

דב האָט שוין געוווּסט ווען קאַרען שטייט אויף אינדערפרי, ווען זי גייט זיך וואַשן און ווען זי גייט און קומט פון איר קינדערגאָרטן. אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין איר געצעלט און באַקוקט איר עמער. ער איז געווען גאַנץ און האָט נישט געדרונען, ווי זי האָט עס אים געזאָגט. ער פלעגט ווייטער ליגן גאַנצע טעג אויף זיין בעטל און וואַרטן, ביז ער פלעגט דערהערן אירע טריט אויפן וועג צו איר גע־צעלט. ער פלעגט דאַן צולויפן צו דער עפענונג פון זיין גע־צעלט און וואַרפן אַ פאַרגנבעטן בליק אין איר ריכטונג. אָפט פלעגט אויך קאַרען וואַרפן אַ בליק צו זיין געצעלט אין זייערע אויגן פלעגן זיך באַגעגענען אויף אַ קורצער ווילע. דב פלעגט דאַן ווערן אין כעס אויף זיך אַליין, פאַר זיין שוואַכקייט.

די טעג זענען פאַרביי ווי פריער, אָבער זיי זענען עפּעס געוואָרן אַנדערע. דב איז נאָך אַלץ געווען פאַרשלאָסן אין זיך און נישט גערעדט מיט קיינעם, אָבער ער האָט שוין נישט אַזוי אָפט געטראַכט וועגן טויט און וועגן זיין האַס. ער

האָט געגומען דערהערן די שטימען פון די קינדער אויף דעם נאָענטן שפּיל־פּלאַץ און ווי אַזוי קאַרען רעדט צו זיי. דאָס איז דבן אויסגעקומען זייער אויסטערליש. די גאַנצע צייט, וואָס ער געפינט זיך אין קאַראַאַלאָס האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט די שטימען פון די זיך שפּילנדיקע קינדער. ער האָט זיי אָנגעהויבן הערן זינט ער האָט זיך באַקענט מיט קאַרען.

אַ געוויסן אָוונט איז דב געשטאַנען נעבן דעם צוים פון שטעכל־דראָט און זיך צוגעקוקט ווי דער ליכט־קרייז פון פּראָזשעקטאָר גליטשט זיך איבער די געצעלטן. זייער אָפט פלעגט ער אַזוי שטיין אין די נעכט נעבן שטעכל־דראָט און זיך צוקוקן צו די פּראָזשעקטאָרן־שטראַלן. ער האָט נאָך אַלץ מורא־געהאַט פאַרן איינשלאָפן. אויף דעם שפּיל־פּלאַץ האָבן די פּלמ״ח־חברים געמאַכט אַ קומזיץ ביי אַ שייטער און האָבן דאָרט געזונגען און געטאַנצט. דב האָט אַמאָל געזונגען די דאָזיקע לידער און געטאַנצט די זעלבע טענץ, אָבער איצט האָט ער זיי מער נישט געוואָלט הערן. דעמאָלט זענען נאָך מונדעק און רות געווען דערביי.

— שלום, דב.

דב האָט זיך אומגעדרייט און דערזען פאַר זיך קאַרען.

— האָסט נישט קיין חשק מיטצוגיין צום קומזיץ? — האָט קאַרען געפרעגט. זי איז צוגעקומען צו אים נענטער, אָבער דב האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן.

— דו האָסט דאָך מיך נישט פיינט, נישט אמת? מיט מיר קאָנסטו דאָך ריידן. פאַרוואָס ווילסטו קיינמאָל נישט אָנ־טיילנעמען אין אונדזערע צוזאַמענקומען?

ער האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ.

— דב — האָט קאַרען געזאָגט מיט אַ שטילער שטימע.

ער האָט זיך אומגעדרייט און זי אָנגעקוקט מיט כעס.

— אַרעמער דב! — האָט ער אויסגערופן. — דער אָרע־מער נאַר! דו ביסט געני ווי אַלע אַנדערע! דו רעדסט בלויז אַביסל צאַרטער!

ער האָט זי אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט פאַרן האַלדז, ווי ער וואָלט זי געוואָלט דערשטיקן.

— לאָז מיך צורו! דו הערסט! זאָלסט מיך לאָזן צורו! — האָט ער אַרויסגעצישעט.

קאַרען האָט אים שאַרף אַרײנגעקוקט אין די אויגן און געזאָגט:

— נעם אַוועק דײנע הענט פון מײן האַלדז... די מינוט...

דב האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט און זיך אָפּגערופן:

— איך האָב דיר גאָרנישט געוואָלט טאָן, איך האָב דיך נאָר געוואָלט איבערשרעקן.

— דו האָסט מיך נישט איבערגעשראָקן — האָט קאַרען געזאָגט און איז אַוועק.

אַ גאַנצע וואָך האָט קאַרען נישט געוואָרפן קײן בליק אויף אים אָדער זיך אָפּגערופן מיט אַ וואָרט. דבן האָט גע־נומען פײניקן אַן אומרו און עס איז אים שוין געווען אוממעג־לעך צו ליגן ווי פריער שעהן־לאַנג און קוקן פאַר זיך אַן אַ ציל. גאַנצע טעג פלעגט ער איצט אַרומגײן אין זײן געצעלט אַרויף און אַראָפּ און נישט געקאָנט צונויפנעמען זײנע געדאַנקען.

אַ געוויסן אָוונט איז קאַרען געווען מיט אירע קינדער אויפן שפּיל־פּלאַץ. אַ קלײן ײנגל איז געפאַלן בײם שפּיל און אָנגעהויבן װײנען. קאַרען האָט נעבן אים אַנידערגעקניט, אים אַרומגענומען און אָנגעהויבן טרײסטן און באַרויקן. צוליב עפּעס אַ סיבה האָט זי אויפגעהויבן איר בליק און דערזען, אַז דב לאַנדאו שטײט פאַר איר.

— שלום, קאַרען, — האָט ער זיך אָנגערופן און איז ווידער שנעל אַוועק.

מען האָט קאַרען געוואָרנט זיך נישט אַריינצולאָזן מיט דבן, אָבער זי האָט געוווּסט עפּעס אַנדערש. זי האָט געוווּסט, אַז דב איז פאַרצווייפלט און אַז ער דאַרף האָבן אַ נאָענטן מענטשן. זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער קורצער „שלום, קאַרען" איז ביי אים אַן אופן פון בעטן ביי איר אַנטשולדיקונג. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זי אין אָוונט געפונען ביי איר אויפן בעט אַ צייכענונג פון אַ קניענדיק מיידל, וואָס האַלט אין אירע אָרעמס אַ קליין יינגעלע. דער הינטערגרונט פון דער צייכענונג איז געווען אַ צוים פון שטעכלדראָט. קאַרען איז אַריבער דעם וועג און איז אַריין אין דבס געצעלט, אָבער ווען ער האָט זי דערזען האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן.

— דו ביסט אַ גוטער צייכענער — האָט זי זיך אָפּגערופן.

— איך האָב געמוזט זיין — האָט ער זיך בייסיק אָפּגערופן — איך האָב געהאַט אַ סך פּראַקטיק. מיין ספּעציאַליטעט איז צו צייכענען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און אייבראַהאַם לינקאָלן.

ער איז געזעסן אויף זיין בעטל און זיך געביסן די ליפּן. קאַרען האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים און אים איז באַפאַלן אַ מאָדנער געפיל, ווייל ער איז נאָך קיינמאָל נישט געזעסן אַזוי נאָענט נעבן אַ מיידל, אויסער נעבן זיין שוועסטער. זי האָט מיר איר פינגער באַרירט דעם בלויען נומער אויף זיין אָרעם און געפרעגט:

— אַשוויענטשים?

— פאַרוואָס אייגנטלעך פאַרדרייסטו זיך דעם קאָפּ מיט מיר?

— איז דיר גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז מען קאָן דיך אפשר ליב האָבן?

— מיך ליב האָבן?

— דו זעסט נישט שלעכט אויס, ווען עס פאַרשווינדט פון דיין פּנים די זויערע מינע, וואָס טרעפט ביי דיר, מוז איך צוגעבן, זייער זעלטן. האָסט אויך אַ זייער שיינע שטימע, ווען דו בורטשעסט נישט.

זיינע ליפּן האָבן גענומען ציטערן און ער האָט זיך אָפּ־גערופן:

— איך... איך האָב דיך אויך ליב. דו ביסט נישט אַזוי ווי אַלע אַנדערע. דו פאַרשטייסט מיך. מונדעק, מיין ברודער האָט מיך אויך פאַרשטאַנען.

— ווי אַלט ביסטו?

— זיבעצן — האָט דב געענטפערט. דאַן איז ער פּלוצ־לונג אויפגעשפּרונגען, געמאַכט אַ פּאָר שריט איבערן גע־צעלט און ווילד אויסגעשריען:

— איך האָס זיי די פאַרשאָלטענע ענגלענדער, זיי זענען נישט בעסער פאַר די דייטשן!

— דב!

דער שטורמישער אויסברוך איז פאַרשוווּנדן אַזוי שנעל, ווי ער איז געקומען, אָבער דאָס איז געווען אַן אָנהויב, אַז דב זאָל צוריק אָנהויבן ריידן. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט דאָס פאַרגאַנגענע יאָר, אַז ער זאָל אויסריידן אַ גאַנצע פראַזע אויף איין מאָל.

דב האָט גערן פאַרבראַכט מיט קאַרען. ער האָט זיך גע־פרייט, ווען זי פלעגט אַריינקומען צו אים, ווייל זי איז געווען צו אים צערטלעך און אים געקאָנט אויסהערן. זי האָט אים פאַרשטאַנען. טיילמאָל פלעגט ער קאָנען איר רואיק דערציילן עפּעס אַ געשיכטע, אָבער אויף איין מאָל פלעגט אין אים אויסברעכן צוריק די פאַרביטערונג און דער האַס. ער פלעגט

זיך דאָן ווידער פֿאַרטיפֿן אין זײַנע געדאַנקען און זיך נישט אָפּרופֿן מיט קיין וואָרט.

פֿונדעסטוועגן האָט דב געוווּנען קאָרענס צוטרוי און זי האָט אים גענומען דערציילן, ווי עס וועט אויסזען, ווען זי וועט אין ארץ־ישׂראל צוריק אָפּגעפֿינען איר פֿאָטער. די גאַנצע צייט, זינט קאָרען איז אַוועקגעגאַנגען פֿון די האַנסענס האָט זי שטענדיק געהאַט אַזויפֿיל אַרבעט ביי די קינדער, אַז זי האָט נישט געפֿונען קיין צייט זיך מיט עמעצן ריכטיק צו באַפֿריינדן. עס האָט געשיינט, אַז דב איז שטאָלץ דערויף, וואָס קאָרען רעדט מיט אים וועגן די אַלע זאַכן, און זי, — יאָ דאָס איז געווען מאָדנע, אויך איר איז געווען אָנגענעם, וואָס זי קאָן עס אים דערציילן.

אַ געווויסן טאָג האָט פּאַסירט זייער אַ באַדייטונגספֿולע זאַך: דב לאַנדאו האָט זיך צעלאַכט. צום ערשטן מאָל זינט אַ לאַנגער, לאַנגער צייט.

קאַפּיטל 29

עס איז נאָך געבליבן בלויז פיר און צוואַנציק שעה ביז צו דער לעצטער, אַנטשיידענער פאַזע פון דער „אָפּעראַציע גדעון”. ארי בן־כנען האָט צונויפגערופן זיינע מענטשן אויף אַ זיצונג אין הויז פון גריך מאנדריא. דוד בן־עמי האָט איי־בערגעגעבן ארי׳ן די ליסטעס און די דאָקומענטן, וועלכע דב לאַנדאו האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט. ארי האָט אַ לענגערע ווײַלע באַקוקט די פּאַפּירן און צום סוף דערקלערט: — דאָס יינגל איז אַן אמתער קינסטלער. קיינער וועט נישט צווייפלען אין דער עכטקייט פון די דאָזיקע דאָקומענטן.

דוד האָט דאַן אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם איבערבוי און אויסשטאַטונג פון „עקסאָדוס” ווי אויך וועגן הונדערטער אַנדערע זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט געדאַרפט זאָרגן, אָנ־הויבנדיק פון די זיכערהייטס־מאָסמיטלען אויף דער שיף ביז צוגרייטן כשר עסן פאַר די רעליגיעזע קינדער.

יואב ירקוני, דער מאַראָקאַנער, האָט געמאָלדן, אַז אַלע לאַסט־אויטאָס זענען אין גוטן צושטאַנד און וועלן אין משך פון צוואַנציק מינוט קאָנען אָנקומען פון דער 23־סטער טראַנ־ספּאָרט־קאָמפּאַניע קיין קאַראַאָלאָס. דערביי האָט ער אויך אָנגעגעבן דעם פאָר־פּלאַן און די גענויע צייט פאַר דער רייזע פון די אויטאָס פון קאַראַאָלאָס קיין קירעניאַ.

זאב גלבוע האָט געמאָלדן, אַז די דריי הונדערט און צוויי קינדער, וועלן אויפגעלאָדן ווערן אויף די אויטאָס אין משך פון מינוטן און אַז ער וועט די קינדער דערציילן וועגן ציל פון דער רייזע, דירעקט פאַרן אָפּפאָר.

האַנק שלאָסבערג, דער אַמעריקאַנער שיפסקאַפּיטאַן פון „עקסאָדוס" האָט געזאָגט, אַז ער וועט אינדערפרי אַרויסשווי־מען פון לאַרנאַקאַ און נעמען דעם קורס אויף קירעניאַ, כדי אָנצוקומען אַ שעה אָדער צוויי אײדער די לאַסט־אויטאָס מיט די קינדער וועלן דערגרייכן דעם פּאָרט.

מאַנדריאַ האָט פון זיין זייט באַריכטעט, אַז לענגאויס דער גאַנצע שטרעקע, דורך וועלכער די אויטאָס מיט די קינ־דער וועלן דורכפאָרן, זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן ספּע־ציעלע מענטשן, וועלכע וועלן אין פאַל פון געפאַר גלייך וואָ־רענען די שאָפערן און אַז ער אַליין וועט, ווי עס איז אים באַפוילן געוואָרן, בלייבן ביי זיך אין הויז אין פאַמאַגוסטאַ. ווי נאָר דער עשאַלאָן מיט די קינדער וועט פאַרבייגיין, וועט ער גלייך מעלדן וועגן דעם מאַרק פארקערן אין קירעניאַ.

ארי איז אויפגעשטאַנען און אָנגעקוקט זיינע מענטשן. אַלע זענען זיי איצט געווען אין אַ נערוועזן צושטאַנד און אפילו ירקוני, וועלכער האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָרן זיין רואיקייט האָט איצט איינגעגראָבן זיין בליק אין דער פאָ־דלאָגע. אַרי האָט נישט געליבט זיינע מיטאַרבעטער און נישט געוווּנטשן זיי קיין דערפאָלג. פאַר לויב־ווערטער איז אין דעם מאָמענט נישט געווען קיין צייט און אַז די אַקציע זאָל געלונגען איז אָפּהענגיק פון מזל.

— איך האָב געהאַט בדעה צו ברענגען די קינדער קיין קירעניאַ, אין דריי טעג אַרום — האָט אַרי געזאָגט, — איך האָב געוואָלט וואַרטן ביז די ענגלענדער וועלן אַליין אָנהויבן אַריבערצופירן די קינדער פון קאַראַאָלאָס אין דעם נייעם

לאַגער. אינצווישנצייט האָבן מיר זיך אָבער דערוווסט, אַז מאַיאָר אַליסטייר האָט אונדז אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן און עס איז אַפילו פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיט לאָנדאָן איבערן קאָפּ פון סאַטערלענדן און געבעטן אָנווייזונגען. דעריבער מוזן מיר גלייך דורכפירן אונדזער פּלאַן. אונדזערע לאַסט־אויטאָס וועלן מאָרגן ביין אינדערפרי זיין אין קאַראַאַלאָס. איך האָף, הער מאַנדריאַ, אַז ביז אַרום צען, וועלן מיר האָבן אויפגעלאָדן די קינדער און פאַרבייפאָרן מיט די אויטאָס פאַרביי אייער הויז. מיר האָבן אַבסאָלוט נישט קיין גרונט מורא צו האָבן, אַז מען וועט אונדזער אויטאָ־עשאַלאָן פאַרהאַלטן. די אויטאָס פון דער „23־טער טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע" זענען באַקאַנט אין גאַנץ ציפּערן. פונדעסטוועגן מוזן מיר זיך רעכענען דערמיט, אַז מיר שטייען אונטער אַ פאַרדאַכט. זענען נאָך דאָ פראַגן?

דער סענטימענטאַלער דוד בן־עמי האָט נישט געקאָנט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו טרינקען אַ לחיים.

— לחיים! — האָט דוד אויסגערופן אויפהויבנדיק אַ גלאָז וויין.

— לחיים! — האָבן אַלע געענטפערט.

— איך הער זייער אָפט פון אייך דאָס וואָרט „לחיים" — האָט געזאָגט מאַנדריאַ. — וואָס באַדייט דאָס דאָזיקע וואָרט?

דוד האָט אים אויפגעקלערט און צוגעגעבן: לחיים איז זייער אַ גוט וואָרט פאַר יידן...

— לחיים! — האָט אויסגערופן דער גריך מאַנדריאַ — דאָס איז זייער אַ גוטער ווונטש.

ארי איז צוגעגאַנגען צום גריך מאַנדריאַ און אים צוגע־דריקט צו זיך.

— ביסט געווען פאַר אונדז אַ גוטער פריינט — האָט

ער געזאָגט. — און איצט מוז איך גיין אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט פאַרקערן.

מאַנדריאַ איז געשטאַנען אַ פאַרבליפטער. פון זיינע אויגן זענען געגונען טרערן. ער האָט געוווסט, אַז די סימ־פאַטיע וואָס מען האָט אים אַרויסגעוויזן איז אַן אויפריכטיקע און פריינטלעכע. איצט, ווען ארי בן־כנען האָט אַרויסגעוויזן צו אים אַזאַ פריינטשאַפט, האָט ער זיך געהאַלטן ווי איינער פון זיי.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט ארי בן־כנען, איבערגעטאָן אין דעם ענגלישן מונדיר אַלס קאַפּיטאַן כלב־מור, זיך געטראָפן מיט מאַרק פאַרקערן אויף דער טעראַסע פון האָטעל „קינג דזשאָרדזש”. מאַרק איז געווען אויסער־געוויינלעך דער־נערווירט. ארי האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אים און באַ־שטעלט אַ געטראַנק.

— אַלזאָ? — האָט מאַרק אומגעדולדיק געפרעגט.

— מאָרגן, ניין אַזייגער אינדערפרי, וועלן מיר אָנקומען קיין קאַראַאַלאָס.

— איך האָב געמיינט, אַז איר וועט צווואַרטן, ביז די ענגלענדער אַליין וועלן אָנהויבן ארויסצופירן די קינדער אין לאַגער.

— יאָ, דאָס וואָלט זיכער געווען אַ סך בעסער, אָבער מיר קאָנען לענגער נישט וואַרטן. אַ פריינט אונדזערער, פון ענגלישן אינפאָרמאַציע־דינסט, האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז מאַיאָר אַליסטייר פאַרדעכטיקט אונדז. אָבער עס איז נישטאָ קיין שום גרונט זיך אויפצורעגן, אַלץ איז שוין כמעט פאַר־ענדיקט. די ענגלענדער ווייסן נאָך נישט, וואָס זיי זוכן. אַלזאָ? פאַרשטייט איר שוין אַלץ?

מאַרק האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער וועט אַרויס־

שיקן אַ טעלעגראַמע קיין לאָנדאָן און וועט בעטן מען זאָל אים פֿאַרלענגערן דעם אורלויב. פֿון דער אונטערשריפֿט „מאַרק" וועט ברעדבורי וויסן, אַז די „אַקציע גדעון" האָט זיך איינגעגעבן און דאַן וועט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן מאַרקס קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט מיט אַ וואָך פֿריער דורך אַ בריטישן לופֿט־פּליער.

— און וואָס וועט זיין, אויב מאַנדריאַ וועט נישט טעלעפֿאָנירן צו מיר ביז צען אַזייגער? וואָס דאַן?

ארי האָט אַ שמייכל־געטאָן.

— דאַן וואָלט איך אייך פֿאַרגעלייגט איר זאָלט פֿאַר יעדן פּרייז וואָס שנעלער פֿאַרלאָזן ציפּערן, סיידן איר וואָלט געוואָלט שרייבן, ווי אַזוי די ענגלענדער האָבן מיך אויפֿגעהאָנגען...

— דאָס וואָלט געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע צייטונגס־געשיכטע — האָט מאַרק געזאָגט און אויסגעטרונקען זיין וויסקי.

— אגב האָב איך געוואָלט וויסן — האָט ארי געזאָגט קוקנדיק כלומרשט אומפֿאַראינטערעסירט אויפֿן ים — פֿאַר וואָס קיטי איז נישט געווען אין לאַגער. זינט מיר האָבן אַריינגעשריבן קאַרען אויף דער רשימה פֿון די פּאַסאַזשירן פֿון „יציאת אייראָפּע" קומט זי נישט מער.

— דאָס איז ריכטיק. — האָט מאַרק געזאָגט — זי וווינט מיט מיר אין „דאָם־האָטעל".

— ווי פֿילט זי זיך?

— ווי שטעלט איר זיך פֿאָר? זי איז, פֿאַרשטייט זיך, אומגליקלעך. זי וואָלט נישט געוואָלט, אַז קאַרען זאָל אַוועקפֿאָרן. צי קאָן מען איר דאָס נעמען פֿאַר אומגוט?

— איך באַשולדיק זי נישט — האָט ארי בן־כנען געזאָגט. — עס טוט מיר לייד.

— דאָס איז זייער שײַן פֿון אײַער זײַט — האָט מאַרק געזאָגט מיט אַ קוים באַמערקבאַרער איראָניע — איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר קאָנט עמיצן מיטפֿילן.

— איך באַדויער זייער, וואָס זי לאָזט זיך מיטרײַסן מיט אירע געפֿילן.

— איך האָב גאָר פֿאַרגעסן — האָט פֿאַרקער ווײַטער גערעדט אין זעלבן טאָן — פֿאַר אײַך עקזיסטירן דאָך נישט קיין מענטשלעכע געפֿילן. איך האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן וועגן דעם.

— איר זענט הײַנט עפּעס אויפֿגערעגט, פֿאַרקער.

אריס רואיקייט האָט פֿאַרקערן נאָך מער צערייצט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי קיטי איז געווען פֿאַרצווייפֿלט בעת זי האָט זיך צוריקגעקערט קיין קירעניאַ און אים איבערגעגעבן, אַז קאַרען וועט אָפּשווימען מיט דער שיף.

— וואָס ווילט איר פֿון איר? קיטי האָט אין איר לעבן געליטן אַ סך מער, ווי אַ מענטש קאָן עס איבערהויפּט פֿאַרטראָגן — האָט פֿאַרקער אויסגערופֿן.

— געליטן? — האָט ארי בן־כנען אַ פֿאַרוווּנדערטער געזאָגט — איך צווייפֿל בכלל צי קיטי פּרעמאָנט ווייסט, וואָס דאָס באַדײַט אַזוינס לײַדן.

— גייט צום טײַוול, בן־כנען! צום טײַוול גייט! פֿאַרוואָס מיינט איר, אַז בלויז די ייִדן האָבן אַ מאָנאָפּאָל אויף לײַדן? — האָט מאַרק אָן אויפֿגערעגטער אויסגעשריען און זיך אויפֿגעשטעלט, כּדי אַוועקצוגיין.

ארי בן־כנען האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם. צום ערשטן מאָל האָט מאַרק פֿאַרקער דערזען, ווי בן־כנען פֿאַרלירט זײַן רואיקייט און אין זײַנע אויגן האָבן אויפֿגעבליצט פֿונקען פֿון ווילדן כּעס.

— צי פֿאַרשטייט איר נישט וועגן וואָס דאָ האַנדלט

זיך? — האָט אַרי אויסגעשריען — צי מיינט איר אַז מיר גייען דאָ איינאָרדענען אַ פּאַרוויילונג? מיר פאַרמעסטן זיך מאָרגן מיט דער בריטישער אימפּעריע!

ער האָט אָפּגעלאָזט מאַרקס אָרעם און זיך תיכּף באַ־הערשט. אויף איין אויגנבליק האָט מאַרק פאַרקער אָפּגעפילט אַ רחמנות צו אַרי בן־כנען. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אַרי האָט גוט געקאָנט פאַרמאַסקירן זיינע אמתע געפילן, אָבער אויך אויף אים, אויף דעם דאָזיקן שטענדיק־רואיקן מענטש, האָט מען געזען, אַז די שפּאַנונג פון די לעצטע טעג האָט אויך אים באַווירקט.

עטלעכע שעה שפּעטער האָט זיך מאַרק צוריקגעקערט אין „דאָם־האָטעל" אין קירעניאַ. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון קיטיס צימער. זי האָט זיך געצוואונגען אַ שמייכל צו טאָן, אָבער פון אירע רויטע אויגן האָט מען געזען, אַז זי האָט געוויינט.

— מאָרגן הויבט זיך דאָס אָן — האָט ער געזאָגט.

קיטי איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשטיינערטע.

— אַזוי שנעל? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, זיי האָבן מורא, אַז די ענגלענדער קאָנען צוגישט מאַכן די אַקציע.

קיטי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. עס איז געווען אַ קילער, לויטערער אָוונט. זי האָט געזען פון ווייטן דעם מאָלאָ אין פּאָרט.

— איך האָב זיך באַמיט צוזאַמענצונעמען אַלע מיינע כוחות און איך האָב געוואָלט פאַרפּאַקן מיינע זאַכן און אָפּ־פאָרן — האָט קיטי געזאָגט. — אָבער איך קאָן עס נישט טאָן.

— הער אויס, קיטי, — האָט מאַרק געזאָגט — ווי נאָר

דער שטורעם וועט פאַרביי, וועלן מיר ביידע אַוועקפאָרן אויף עטלעכע וואָכן זיך אָפּרוען אויף דער ריוויערע.

— איך האָב געמיינט, אַז דו דאַרפסט פאָרן קיין ארץ־ישראל?

— איך בין נישט זיכער, צי די ענגלענדער וועלן מיר דערלויבן אַריינצופאָרן קיין פּאַלעסטינע נאָך דער דאָזיקער מעשה. — האָט מאַרק געזאָגט אַ צוק־טוענדיק מיט די אַקסלען. — קיטי, דאָס געוויסן פּייניקט מיך צוליב דעם, וואָס איך האָב דיך אַריינגעשלעפּט אין דאָזיקן גאַנצן ענין.

— דאָס איז נישט דיין שולד, מאַרק.

— דאָס זאָגסטו סתם אַזוי, אָבער די זאַך איז אַנדערש. צי וועסטו דאָס אַלץ קאָנען פאַרגעסן?

— יאָ, איך גלויב, אַז איך וועל קאָנען — האָט קיטי זיך אָפּגערופן — איך האָב עס געדאַרפט פּאָרויסזען. דו האָסט זיך באַמיט מיר צו וואָרענען. איך האָב מינדעסטנס געוווּסט, אַז איך גיי אויף אַ גליטשיקן וועג. צי געדענקסטו יענעם אָוונט, מאַרק, ווען דו האָסט מיר באַקענט מיט ארי בן־כנען? איך האָב דיר דעמאָלט געזאָגט, אַז די יידן זענען דאָך אַנדערש ווי מיר.

— אויף יעדן פאַל האָבן זיי גרויסע פעאיקייטן זיך צו פאַרפּלאָנטערן אין צרות. דאָס איז זייער באַליבטער ספּאָרט — האָט מאַרק געזאָגט. — אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין... איז בעסער מיר זאָלן גיין עפּעס עסן, ווייל איך בין הונגעריק ווי אַ וואָלף.

קיטי איז געשטאַנען אָנגעלענט אין פראַמוגע פון טיר, ווען מאַרק האָט אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיט אייז־קאַלטן וואַסער. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, זוכנדיק אַ האַנטוך און קיטי האָט עס אים דערלאַנגט.

— מאַרק, די אַקציע מיט „יציאת אייראָפּע״ איז זייער אַ געפערלעכע, נישט אמת? — האָט זי געפרעגט.

אַ רגע האָט ער אָפּגעוואַרט מיטן ענטפער. ער האָט זיך אָבער באַטראַכט, אַז עס האָט נישט קיין זין זי אָפּצונאַרן און ער האָט זיך אָפּגערופן:

— „עקסאָדוס״ איז אַ שווימענדיקע באָמבע.

— זאָג מיר דעם אמת, מאַרק. צי וועט זיך זיי איינגעבן דער גאַנצער ענין? — האָט זי געפרעגט, פילנדיק, ווי אין איר האַרצן וואָלט זיך עפעס אָפּגעריסן.

— מיט דער גאַנצער אַקציע פירט אָן דער געפיללאָזער מאָנסטער ארי׳ בן־כנען. עס איז דעריבער אָנצונעמען, אַז זיי האָבן גוטע אויסזיכטן...

די זון איז אונטערגעגאַנגען און עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. מאַרק און קיטי זענען שווייגנדיקע געזעסן אין האָטעל־צימער.

— עס האָט דאָך נישט קיין זין צו זיצן די גאַנצע נאַכט און וואַרטן — האָט מאַרק זיך אָפּגערופן.

— בלייב דאָ — האָט קיטי געזאָגט. — איך וועל זיך אַביסל צולייגן.

זי האָט פון נאַכט־טישל אַרויסגענומען צוויי שלאָף־טאַבלעטן, האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און זיך אויסגעצויגן אויפן בעט.

מאַרק האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם פענצטער און אַרויס־געקוקט אין דרויסן.

עס זענען פאַרביי צוואַנציק מינוט. מאַרק האָט זיך אומ־געדרייט און אַריבערגעקוקט צו קיטי. עס האָט געשיינט, אַז זי שלאָפט, אָבער זי האָט זיך אומרואיק געוואָרפן פון איין זייט אויפן אַנדערן. מאַרק איז צוגעגאַנגען צום בעט און

זי אַ ווײַלע אָבסערווירט. ער האָט זי צוגעדעקט מיט אַ קאָל־דרע און איז ווידער־אַוועק צום פֿענצטער.

אין קאַראַלאָס זענען קאַרען און דב געזעסן אויף אַ בעטל. זיי זענען בײדע געווען צו שטאַרק אויפֿגערעגט, כּדי זיך צו לייגן שלאָפֿן. זיי האָבן שטיל געפֿליסטערט צווישן זיך, ווײַל פֿון אַלע קינדער זענען זיי געווען די איינציקע, וואָס האָבן געוווּסט, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען.

קאַרען האָט זיך באַמיט צו באַרויִקן דבן, ווײַל ער האָט אָן אויפֿהער איר געהאַלטן אין איין דערציילן, וואָס ער וועט אַלץ טאָן, אָנקומענדיק קיין ארץ־ישראל. ער וועט זיך זיכער אָנשליסן צו אַ טעראָריסטן־גרופּע און הרגענען ענגלישע זעלנער. עס איז איר געלונגען, אויף איר שטייגער, אים צו באַרויִקן און אײַנריידן ער זאָל זיך לייגן שלאָפֿן.

ווען ער האָט צוגעמאַכט די אויגן האָט קאַרען זיך אויפֿ־געשטעלט. עס האָט זי באַהערשט אַן אויסטערליש געפֿיל, פֿאַר וועלכן זי האָט זיך אַליין דערשראָקן. דב איז איר געווען טײַערער, ווי זי האָט זיך עס אַליין פֿאָרגעשטעלט ביז־איצט. צוערשט האָט זי אויף אים רחמנות באַקומען, און איצט האָט ער גאָר זי באַהערשט. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדײַט. ווי גוט וואָלט געווען, ווען זי קאָן זיך דורכריידן וועגן דעם מיט קיטי. אָבער קיטי איז נישטאָ.

— קאַרען? — האָט דב געפֿרעגט.

— איך בין נעבן דיר, דב...

די נאַכט איז שנעל פֿאַרבײַ און עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.

אין דער „23־טער טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע" פֿון המכ"ק, זענען דריי מענער געלעגן אויף זייערע פֿעלד־בעטלעך מיט

אָפּענע אויגן. זאב גלבוע האָט צום ערשטן מאָל, זינט אַ יאָר צייט, זיך ווידער דערמאָנט וועגן פּרילינג אין גליל, וועגן די פעלדער פון זיין דאָרף, וועגן זיין פרוי און קינד. זיין קינד איז אַלט געווען בלויז עטלעכע חדשים, ווען ער איז דורכן פּלמ״ח געשיקט געוואָרן קיין ציפּערן.

יואב ירקוני האָט געטראַכט וועגן שדות־ים, דאָס פישער־דאָרף, וואָס האָט זיך געפונען ביים ים־ברעג אין שרון. ירקוני האָט ליב־געהאַט אַרומצובלאָנקען שעהן־לאַנג צווישן די חורבות פון קיסריה און נישטערן אין אירע אַל־טערטימלעכקייטן. ער האָט געהאָפט, אַז פּלמ״ח וועט אים דערלויבן זיך צוריקצוקערן אַהין און ער וועט ווידער זען זיין ברודער און שוועסטער און וועט מיט זיין פישער־שיפל אַרויספאָרן אין ים.

...און דוד בן־עמי האָט געטראַכט וועגן ירושלים. ער האָט געליבט די דאָזיקע שטאָט כמעט אַזוי ווי ער האָט גע־ליבט זיין ירדנה, ארי בן־כנענס שוועסטער. איצט וועט ער זיי ווידערביידן זען, ביז מען וועט אים אַרויסשיקן אויף אַ נייער שליחות.

די דאָזיקע דריי מענטשן האָבן געוווסט, אַז זיי וועלן ווילן אין ארץ־ישראל בלויז אַ קורצע צייט, ווייל זיי זענען געווען מיטגלידער פון פּלמ״ח און „מוסד״ און צו יעדער צייט האָט מען זיי געקאָנט שיקן צו עפּעס אַן אַרבעט. אָבער אין דער דאָזיקער נאַכט זענען זיי מיט די געדאַנקען געווען ביי זיך אין דערהיים...

גענעראַל ברוס סאַטערלענד האָט אין דער דאָזיקער נאַכט זיך ווידער אויפגעכאַפּט פון זיין אומרואיקן שלאָף. ער האָט זיך אָנגעטאָן, איז אַרויס פון זיין שטוב און זיך געלאָזט איינער אַליין איבער די פינצטערע גאַסן פון פאַמאַגוסטאַ.

ער איז געווען מיד, זייער מיד און דערשעפּט. ער האָט זיך געפרעגט, צי וועט ער נאָך אַמאָל האָבן אַזאַ נאַכט, ווען ער וועט קאָנען רואיק שלאָפן.

מאַיאָר אַליסטייר האָט איינגעדרימלט ביי זיין טיש. כמעט די גאַנצע נאַכט איז ער אָפּגעזעסן ביים דורכקוקן די באַ־ריכטן און אינפאָרמאַציעס און ער האָט זיך באַמיט פון זיי אַרויסצודרינגען, וואָס די יידן האָבן בדעה צו טאָן אין קאַראַלאָס.

מאַנדריאַ איז נערוועז אַרומגעגאַנגען הין־און־צוריק איבערן צימער, אין וועלכן די מענטשן פון „מוסד עליה ב״ און פּלמ״ח פלעגן אָפט אָפּהאַלטן זייערע זיצונגען. מאַנדריאַ, און די אַנדערע גריכן אויף ציפּערן, וואָס האָבן צוזאַמענגע־אַרבעט מיט די יידן, האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַ־נעמען די מעגלעכקייט, אַז אויך זיי קאָנען שאַפן אַ ווידער־שטאַנדס־באַוועגונג קעגן דער ענגלישער הערשאַפט אויף ציפּערן.

איין מענטש איז אָבער פעסט און רואיק געשלאָפן. דאָס איז געווען ארי בן־כנען. ער איז געלעגן אין בעט ווי אַ זויג־קינד, וואָס האָט זיך אָנגעגעסן צו דער זעט און קיין שום זאַך אינטערעסירט אים נישט מער.

אַ ליכט־שטראַל האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן פּנים פון מאַרק פּאַרקער. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און זיך אַרומ־געקוקט אַ דערשטוינטער. ער איז איינגעשלאָפן ביים פענצטער, האַלטנדיק די פיס אויפן פּאַראַפּעט. זיין קערפּער איז אינגאַנצן פאַרשטייפט געוואָרן און עס האָט זיך פון אים געטראָגן אַ שווערער גערוך פון סיגאַרעטן־רויך און וויסקי.. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז קיטי שלאָפט רואיק אין איר בעט. ער האָט דאַן אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג, איז אַרויס אויף די שפּיץ פינגער פון צימער און איז אַריין אין באָד־

צימער, ווו ער האָט זיך אָפּראַזירט און זיך דערנאָך אַרונ־טערגעשטעלט אונטער אַ קאַלטן טוש. ער האָט זיך גלייך געגומען פילן בעסער.

ער האָט זיך אָנגעטאָן, איז צוריק אַריין אין קיטיס צימער און זיך דאָרטן אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון איר בעט. ער האָט דעליקאַט אַ גלעט געטאָן איבער אירע האָר. זי האָט אַ ציטער געטאָן און לאַנגזאַם געעפנט די אויגן. דערזעענדיק מאַרקן האָט זי אַ שמייכל געטאָן, אָבער גלייך איז דער שמייכל פאַרשוווּנדן פון איר פּנים און זי איז צוריק געוואָרן ערנסט. אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון פאַרבאָרגענעם פּחד.

צוואַנציק מינוט פאַר ניין האָט ארי בן־כּנען זיך איבער־געטאָן אין זיין ענגלישן מונדיר פון קאַפּיטאַן כּלב מור און איז אַריין אין דזשיפּ, וואָס איז געשטאַנען בראש פון עשאַלאָן פון די צוועלף לאַסט־אויטאָס, וועלכע האָבן געהערט צו דער „23־טער טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע”. ביים רודער פון יעדן לאַסט־אויטאָ איז געזעסן אַ פּלמ״ח־חבר, איבערגעטאָן אַלס בריטישער זעלנער. דער עשאַלאָן האָט גערירט פון אָרט און נאָך צוואַנציק מינוט האָבן זיך די אויטאָס פאַרהאַלטן ביי דער רעגירונגס־געביידע אין קאַראַאַלאָס, וואָס האָט זיך גע־פונען מחוץ די שטעכל־דראָט פאַרצוימונגען, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער.

אַרי איז אַריינגעגאַנגען אין דער געביידע, ווו עס האָט זיך געפונען די פאַרוואַלטונג איבער די לאַגערן און אָנגעקלאַפּט אין טיר פון לאַגער־קאָמענדאַנט, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט נאָך מיט דריי וואָכן צוריק.

— גוט מאָרגן, סער! — האָט ארי אויסגערופן.

— גוט מאָרגן, קאַפּיטאַן מור, וואָס האָט אייך געבראַכט צו מיר?

— מיר האָבן באַקומען אַ ספּעציעלן אויפטראַג פון הויפּט־שטאַב, סער. דער לאַגער אין לאַרנאַקאַ איז פּאַרטיק געוואָרן אַ סך שנעלער ווי מען האָט עס פאָרויסגעזען. זיי ווילן, אַז איך זאָל שוין היינט אַריבערפירן אַהין אַ טייל פון די קינדער.

אַרי האָט אַוועקגעלייגט די געפעלשטע דאָקומענטן אויפן טיש פון לאַגער־קאָמענדאַנט.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט געבלעטערט די פּאַפּירן און דורכגעקוקט די ליסטעס.

— דאָס אַריבערפירן די קינדער דאַרף זיך אָנהויבן ערשט אין דריי טעג אַרום — האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט — איך זע נישט אין די דאָזיקע רשימות, אַז מען דאַרף די קינדער אַריבערפירן שוין איצט.

— דער הויפּט־שטאַב וויל אָבער אַזוי — האָט ארי זיך רואיק אָפּגערופן.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט זיך פאַרטראַכט, האָט אָנגעקוקט ארין און נאָך אַמאָל קאָנטראָלירט די פּאַפּירן. דאַן האָט ער אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

— האַלאָ, דאָ רעדט פּאָטטער. קאַפּיטאַן מור האָט באַקומען אַן אָנווייזונג אַרויסצופירן דריי הונדערט קינדער פון בלאָק נומער פופציק אין נייעם לאַגער. שיקט אַרויס אַ גרופּע מענטשן, וואָס זאָל העלפן אָרגאַניזירן דעם טראַנספּאָרט.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט גענומען אַ פעדער אין האַנט און אונטערגעשריבן די דאָקומענטן. ער האָט גלייכצייטיק אונטערגעשריבן אַ האַלבן טוץ אַנדערע פּאַפּירן און האָט באַפולמעכטיקט זיינע מענטשן אַריינצוגיין אין דער קינדער־אָפּטיילונג און אַרויסנעמען פון דאָרטן די קינדער.

— זייט אַזוי גוט, קאַפּיטאַן מור, און העלפט זיי צו. — האָט דער קאָמענדאַנט זיך געווענדעט צו ארי בן־כנען. —

אין אַ שעה אַרום דאַרפֿן מיר אַריבערפֿירן נאָך אַ טראַנספּאָרט און די וועגן וועלן זיין פֿאַרשטאָפּט.

— יעס, סער, — האָט ארי געענטפֿערט.

— איך האָב אייך פֿאַרגעסן צו דאַנקען, קאַפּיטאַן מור — האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט געזאָגט, — פֿאַרן וויסקי וואָס איר האָט אונדז צוגעשיקט.

— איך האָב עס געטאָן מיט פֿאַרגעניגן, סער.

ארי האָט צונויפֿגענומען די פּאַפּירן פֿון טיש. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— יידן קומען און יידן גייען.

— יעס, סער! — האָט ארי געענטפֿערט. — זיי קומען... און זיי גייען...

קיטי און מאַרק זענען געזעסן ביים טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער פֿרישטיק. זיי האָבן אָבערביידע כמעט גאָרנישט געגעסן. מאַרקס אַש־בעכער איז געווען פֿול ביז איבער די ברעגן.

— ווי שפּעט איז איצט? — האָט קיטי געפֿרעגט שוין צום פֿופֿצנטן מאָל.

— עס איז שוין באַלד האַלב צען.

— וואָס קומט איצט פֿאָר?

— אויב אַלץ גייט כשורה, ברענגען זיי איצט אַרויף די קינדער אויף די לאַסט־אויטאָס. קוק זיך צו — האָט מאַרק אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויפֿן ים. פֿונדערווייטנס האָבן זיי געזען ווי די שיף „אַפּראָדיטע — יציאת איירָאָפּע” האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צום אַריינגאַנג אין פּאָרט.

— מיין גאָט! — האָט קיטי אויסגערופֿן — צי איז דאָס די שיף „עקסאָדוס”?

— יאָ, דאָס איז זי — האָט מאַרק געענטפֿערט.

— אָבער מאַרק, עס זעט דאָך אויס ווי די שיף וואָלט געהאַלטן ביים פאַנאַנדערפאַלן זיך.

— דאָס איז ריכטיק.

— יוי אַזוי, אַלזאָ, ווילן זיי אַרויפברענגען אויף איר דריי הונדערט קינדער?

מאַרק האָט פאַרויכערט אַ נייעם סיגאַרעט. ער האָט גע־האַט חשק זיך אויפצושטעלן און אָנהויבן אַרומלויפן איבערן צימער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז קיטי זאָל זען ווי שטאַרק ער איז באַאומרואיקט.

ניין אַזייגער מיט דרייסיק מינוט...

ניין אַזייגער מיט פערציק מינוט...

די שיף „יציאת איירָאָפּע" איז דורכגעשוואומען צווישן לייכט־טורעם און דער פעסטונג דורכן שמאָלן אַריינגאַנג צווישן די ביידע אָרעמס פון די מאָלאָס און פון דאָרטן איז זי אַריינגעשוואומען אין פּאָרט פון קירעניאַ.

ניין אַזייגער מיט פופציק מינוט...

— מאַרק, איך בעט דיך, זעץ זיך אַנידער. דענערווירסט מיך.

— מיר וועלן באַלד באַקומען אַ טעלעפאָן פון מאַנדריאַ. דאָס קאָן פּאַסירן יעדע מינוט... יעדע מינוט...

צען אַזייגער...

פינף מינוט נאָך צען...

זעקס מינוט נאָך צען...

זיבן מינוט נאָך צען...

— צום טייוול! — האָט מאַרק אויסגערופן — וווּ איז דער קאַפע, וואָס איך האָב באַשטעלט? קיטי, איך בעט דיך, קלינג אָן פון דיין צימער און זאָג זיי, אַז מען זאָל דאָ ברענ־גען דעם קאַפע.

פופצן מינוט נאָך צען... מען האָט אַרייַנגעטראָגן דעם קאַפּע.

זיבעצן מינוט נאָך צען... מאַרקס נערוועזיטעט האָט נאָכגעלאָזן. ער האָט געוווסט, אַז אויב ער וועט נישט באַקומען פון מאַנדריאַ קיין מיטטיילונג אין משך פון די נאָענטסטע צען מינוט, איז אַ סימן, אַז זיי זענען דורכגעפאַלן.

צוואָנציק מינוט נאָך צען... דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען!

מאַרק און קיטי האָבן זיך שנעל אָנגעקוקט. מאַרק האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון זיין האַנט, האָט טיף אָפּגעאָטעמט און אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

— האַלאָ!

— מיסטער פּאַרקער?

— ביים טעלעפאָן...

— איין מאָמענט, מען רופט אייך טעלעפאָניש פון פּאַמאַגוסטאַ.

— האַלאָ... האַלאָ... האַלאָ....

— פּאַרקער?

— ביים טעלעפאָן!

— דאָ רעדט מאַנדריאַ.

— יאָ.

— זיי זענען נאָר וואָס פאַרבייגעפאָרן.

מאַרק האָט לאַנגזאַם אָפּגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

— ער האָט זיי אַרויסגעפירט פון קאַראַאָלאָס מיט דערפּאָלג. זיי פאָרן איצט קיין לאַרנאַקאַ. אין פופצן מינוט אַרום וועלן זיי אָפּווייכן פון וועג און וועלן שנעל אָנהויבן צו פאָרן אין דער ריכטונג צו צפון. זיי דאַרפן דורכפאָרן די שטרעקע פון אַן ערך פופציק מייל, וואָס ציט זיך דאָס רוב דורכן פלאַכלאַנד. בלויז איין מאָל וועט זיי אויסקומען דורכצופאָרן

דעם באַרג־דורכגאַנג, אויב זיי וועלן נישט זיין געצווונגען זיך צו באַנוצן מיט זייטיקע וועגן. עטלעכע מינוט נאָך צוועלף דאַרפן זיי דאָ זיין, אויב אַלץ וועט פאַרשטייט זיך גיין כשורה.

— איך האָב אַ שוואַכע האָפענונג, אַז עס זאָל נאָך עפּעס פּאַסירן — האָט קיטי זיך אָפּגערופן.

— קום, קיטי, עס האָט נישט קיין זין דאָ צו שטיין.

ער האָט מיטגענומען זיין פעלד־לאָרנעטע, איז אַראָפּ צוזאַמען מיט קיטי אין האָטעל־ביוראָ און געבעטן אַ טעלע־גראַמע־בלאַנק.

קענעט ברעדבורי
אַמעריקען ניוז סינדיקאַט
לאָנדאָן

איך אָרדן־איין אַן אויפנאַמע איך בעט פאַר־לענגערן מיין אורלויב אויף צוויי וואָכן ענטפערט גלייך.
מאַרק

— שיקט אָפּ די טעלעגראַמע אַלס דרינגענד — האָט מאַרק געזאָגט. — ווי לאַנג וועט דויערן ביז די טעלעגראַמע וועט דערגיין קיין לאָנדאָן?

— אין צוויי שעה אַרום וועט זי זיין אין לאָנדאָן — האָט געענטפערט דער פּאָרטיער, וועלכער האָט איבערגעלייענט דעם אינהאַלט פון דער טעלעגראַמע.

מאַרק און קיטי האָבן פאַרלאָזן דעם האָטעל און זענען אַוועק צום פּאָרט.

— וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ טעלעגראַמע? — האָט קיטי געפרעגט.

— דאָס איז געווען דער אָפּגערעדטער צייכן, אַז מיין באַריכט זאָל נאָך היינט אין אָוונט דערשיינען אין דער פרעסע.

זיי זענען ביידע שטיין געבליבן ביים מאָלאָ און זיך צו־

געקוקט ווי די אַלטע שיף ווערט צוגעבונדן צו דער ראַמפּע. דאַן האָט מאַרק געמומען קיטין אונטערן אָרעם און זיי זענען ביידע אַריבער אויף דער אַנדערער זייט פון פּאָרט. זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף די טרעפּ פון דעם "יונגפרוי-טורעם", פון וואַנען זיי האָבן געקאָנט זען סיי דעם פּאָרט און סיי דעם ווייטן ברעג־שאָסיי, אויף וועלכן דער אויטאָ־עשאַלאָן מיט די קינדער האָט געדאַרפט אָנקומען.

פופצן מינוט נאָך עלף האָט מאַרק אָנגעהויבן אָבסערווירן דורך זיין פעלד־לאָרנעטע דעם ברעג־שאָסיי. ער האָט לאַנגזאַם געפירט די לאָרנעטע איבער דער לאַנדשאַפט אָבער ער האָט גאָרנישט באַמערקט. דער דורכגאַנג צווישן די בערג איז געווען צו ווייט, כדי מען זאָל עפּעס קאָנען זען. אָבער פּלוצים איז אַ ציטער דורכגעגאַנגען דורך זיין גוף! ער האָט באַמערקט אַ קליינעם וואָלקן־שטויב און אַ ריי פון לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן פון דער ווייטנס אויסגעזען קליין, ווי מוראַשקעס. ער האָט אָנגערירט קיטין ביים אָרעם און איר געגעבן די לאָרנעטע אין האַנט. זי האָט אַ קוק־געטאָן אין דער ריכטונג, וווּ מאַרק האָט איר אָנגעוויזן און דערזען ווי איבערן שאָסיי שלענגלט זיך דער אויטאָ־קאַראַוואַן, וועלכער האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט צו קירעניאַ.

— זיי געפינען זיך נאָך אַן ערך אַ האַלבע שעה רייזע פון אונדז.

זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פון טורעם און זענען ווידער אַוועק אויף דער אַנדערער זייט פון פּאָרט. זיי זענען שטיין געבליבן ביים סוף פון מאָלאָ. פון דאַנען איז געווען בלויז פינף מינוט גאַנג צום "דאָם־האָטעל". ווען דער עשאַלאָן מיט די אויטאָס איז פאַרבייגעפאָרן דעם שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט, האָט מאַרק גענומען קיטין פאַר אַ האַנט און איז מיט איר אַוועק צוריק אין האָטעל.

אין האָטעל האָט מאַרק פון אַ טעלעפאָן־קאַבינע באַ־שטעלט אַ דרינגענדן געשפרעך מיטן בריטישן אויסשפיר־ביורא אין פאַמאַגוסטאַ.

— צי קאָן איך ריידן מיטן מאַיאָר אַליסטייר? — האָט מאַרק געפרעגט אין טעלעפאָן. ער האָט דערביי אַרויפגעלייגט אַ טאַשן־טיכל אויפן טעלעפאָן־טרייבל און געענדערט זיין שטים, ריידנדיק מיט אַן ענגלישן אַקצענט.

— ווער רעדט דאָרטן? וועגן וואָס ווילט איר ריידן מיטן מאַיאָר אַליסטייר?

— הערט אויס, וואָס איך זאָג אייך — האָט מאַרק אויסגערופן. — דריי הונדערט יידן זענען אַנטלאָפן פון קאַ־ראַאָלאָס און איצט, הערט אויף צו שטעלן נאַרישע קשיות און גיט מיר אַליסטיירן.

דער טעלעפאָן אויפן טיש פון מאַיאָר אַליסטייר האָט זיך צעקלונגען.

— דאָ רעדט אַליסטייר — האָט ער זיך אָפּגערופן מיט זיין לאַנגזאַמער, פליסטערנדיקער שטימע.

— דאָ רעדט אַ פריינט — האָט מאַרק געזאָגט. — איך וויל אייך מעלדן, אַז אַ פּאָר הונדערט יידן זענען אַנטלאָפן פון קאַראַאָלאָס און אין דער מינוט זעצן זיי זיך אַרויף אויף אַ שיף אין פּאָרט פון קירעניאַ.

אַליסטייר האָט גענומען אומגעדולדיק קלאַפּן אין טע־לעפאָן און רופן:

— האַלאָ?... האַלאָ!... ווער רעדט עס? איך פרעג... האַלאָ!...

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, אָבער ער האָט עס גלייך צוריק אויפגעהויבן.

— דאָ רעדט אַליסטייר. איך האָב באַקומען אַ ידיעה וועגן דעם, אַז יידן זענען אַנטלאָפן. עס שיינט, אַז אין דער

מינוט זעצן זיי זיך אַרויף אויף אַ שיף אין קירעניאַ. גיט אַן אַלאַרם־סיגנאַל. מעלד גלייך דעם קרייז־קאָמענדאַנט פון קירעניאַ, ער זאָל תיכף אויספאָרשן דעם ענין. אויב די ידיעה וועט זיך אַרויסווייזן אַלס ריכטיקע, זאָלסטו צווויסן געבן די פלאָט־איינהייטן, זיי זאָלן אַרויסשווימען אין אָפענעם ים.

אַליסטייר האָט שנעל אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און גענומען לויפן דורכן קאָרידאָר צום קאַבינעט פון גענעראַל סאַטערלענד.

דער אויטאָ־עשאַלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן מאָלאָ. ארי בן־כנען איז אַרויס פון דזשיפּ, אָבער זיין שאָפער איז געפאָרן ווייטער. איינער נאָכן אַנדערן זענען די לאַסט־אויטאָס אָנגעקומען צו דער שיף „יציאת איראָפּע". די יונגע חברה האָט געאַרבעט פּלאַנמעסיק, אונטער דער אָנפירונג פון זאבן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיי פון פריער אויסגעלערנט. די קינדער האָבן שטיל און שנעל פאַרלאָזן די אויטאָס און אַוועק צו דער שיף. יואב, דוד און האַנק שלאָסבערג, דער קאַפּיטאַן, וועלכע זענען געווען אויף דער שיף, האָבן אָפּגע־פירט די קינדער אויף זייערע ערטער אין די אונטערשטע רוימען פון דער שיף. די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן שטיל און אָן שום גערייד.

לענג־אויס דעם מאָלאָ זענען געשטאַנען אייניקע נייגע־ריקע צושויער און האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. עטלעכע בריטישע זעלנער האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און זיך געוווּנדערט איבער דעם, וואָס זיי זעען. גלייך ווי מען האָט אויסגעלאָדן די לאַסט־אויטאָס זענען זיי אָפּגעפירט געוואָרן אין די בערג אַרום דער פעסטונג סענט־הילאַריאָן און זיי זענען דאָרט איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר. אין דער זעלבער צייט האָט די „23־טע טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע פאַרענדיקט איר אויפגאַבע און זי האָט אויפגע־

הערט צו עקזיסטירן. יואב האָט איבערגעלאָזט אין זיין לאַסט־אויטאָ אַ צעטעלע אין וועלכן ער האָט געדאַנקט די ענגלענדער פאַר דער מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט זייערע אויטאָס.

ארי איז אַרויף אויפן דעק פון דער שיף „יציאת איירא־פע" און איז דערגאַך אַראָפּ אין דער מאַשין־אָפּטיילונג. דאָס אַריבערפירן די קינדער אויף דער שיף האָט געדויערט פונקט צוואַנציק מינוט. זאב, דוד, יואב און האַנק שלאָסבערג האָבן געמאָלדן וועגן דעם, אַז די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן און אַז די קינדער געפינען זיך שוין אויף דער שיף. ארי האָט געגעבן אַ באַפעל דעם קאַפּיטאַן איבערצושניידן די שטריק, מיט וועלכע די שיף איז געווען צוגעבונדן צום ברעג און לאָזן אין גאַנג די מאָטאָרן.

— גייט צו די קינדער! — האָט ארי זיך אָפּגערופן — און דערציילט זיי געגנוי, וואָס מיר טוען און וואָס מיר דער־וואַרטן פון זיי. יעדער איינער, וואָס וועט פילן, אַז די אויפגאַבע איז נישט פאַר זיינע כוחות, זאָל מיר וועגן דעם מעלדן און ער וועט צוריקגעפירט ווערן קיין קאַראַלאָס. דערקלערט זיי, אַז אויב זיי וועלן באַשליסן צו בלייבן דאָ אויף דער שיף, שטעלן זיי אין סכנה זייער לעבן. נישט איר, און נישט קיינער פון די קינדער, טאָרן נישט אויסאיבן אַ דרוק אויף קיינעם, וואָס וועט זיך וועלן צוריקקערן.

ווען די פלמ"ח־מענטשן זענען אַראָפּ צו די קינדער און זיי דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, איז „יציאת איי־ראָפּע" אַרויסגעשוווּמען צום צענטער פון פּאָרט־באַסיין און איז דאָרטן געבליבן שטיין.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער גאַנצער שטח פון קירעניאַ איז אויפגעטרייסלט געוואָרן דורכן געוואָי פון אַלאַרם־סירענעס. אַרי האָט אַ קוק־געטאָן דורך זיין לאָר־נעטע צו די בערג און צום ברעג־שאָסיי און געזען ווי צענ־

דליקער בריטישע לאַסט־אויטאָס און דזשיפּן יאָגן זיך קיין קירעניאַ. ער האָט זיך געמוזט הויך צעלאַכן ווען ער האָט דערזען, ווי די אויטאָס פון דער געוועזענער „23־טער טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע", וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין די בערג, האָבן זיך באַגעגנט מיט דער אויטאָ־קאָלאָנע פון די ענגלישע סאָלדאַטן, וועלכע איז אָנגעקומען פון דער צווייטער ריכטונג.

ארי בן־כנען האָט אַראָפּגעקוקט אונטן, אין דער שיף. די קינדער וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען האָבן זיך פאַר־האַלטן רואיק.

די ענגלענדער זענען אָנגעקומען און האָבן גלייך אַ שטראָם־געטאָן צום שטח פון פּאָרט. אין אויטאָ נאָכן אַנדערן האָט זיך פאַרהאַלטן ביים מאָלאָ און פון זיי זענען אַרויס־געשפּרונגען באַוואָפנטע בריטישע זעלנער. אייניקע אָפיצירן האָבן מיט נערוועזע באַוועגונגען געוויזן אויף דער שיף „יציאת אייראָפּע" און האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן באַפעלן. די סאָלדאַטן זענען שנעל געלאָפן לענגאויס די צוויי זייטן פון די מאָלאָס און האָבן אַוועקגעשטעלט ביים שמאָלן איינגאַנג אין פּאָרט מאַשינען־געווער און מינען־וואַרפערס, כדי נישט דערלאָזן, אַז „עקסאָדוס" זאָל אָפּשווימען.

קיין קירעניאַ זענען אינצווישנצייט אָנגעקומען אַלץ מער און מער אויטאָס מיט בריטישע זעלנער. דער מאָלאָ איז אָפּ־געצוימט געוואָרן מיט שטריק און די נייגעריקע צושויער זענען באַזייטיקט געוואָרן פון שטח. אין משך פון אַ האַלבער שעה האָבן זיך אין פּאָרט געפונען פינף הונדערט שווער־באַוואָפנטע סאָלדאַטן. ביים אַרויסגאַנג פון פּאָרט האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צוויי טאָרפּעדאָ־שיפן. אויפן האָריזאָנט האָט ארי געזען ווי דריי צעשטערער־שיפן שווימען אייליק צו קירעניאַ. צום גרוואַי פון די סירענעס האָט נישט גענומען

קיין סוף. דאָס קליינע, פאַרשלאָפענע שטעטל האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ באַוואָפנטן מיליטערישן לאַגער. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אָנגעקומען טאַנקן און אויפן אָרט פון מאַשינען־געווער און מינען־וואַרפערס איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן שווערע אַרטילעריע.

אונטער אַ באַנייטן געהויל פון סירענעס איז אין פּאָרט דערשינען אַן אויטאָ פון וועלכן עס זענען אַרויסגעגאַנגען גענעראַל סאַטערלענד, זיין אַדיוטאַנט קאָלדוועל און מאַיאָר אַליסטייר. מאַיאָר קוק, דער קרייז־קאָמענדאַנט פון קירעניאַ האָט איבערגעגעבן דעם גענעראַל סאַטערלענד אַ באַריכט וועגן די געשעענישן.

— דאָס איז די שיף, סער. זי שטייט דאָרטן פונדער־ווייטנס. זי איז פול געלאָדן מיט יידן. אָבער עס איז אויסגע־שלאָסן, אַז זיי זאָלן פון דאַנען קאָנען אָפּשווימען.

סאַטערלענד — האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— דער מיליטערישער כוח, וואָס געפינט זיך דאָ, וואָלט געסטייעט צו באַקעמפן אַ פּאַנצער־דיוויזיע. די מענטשן פון דער שיף זענען משמעות משוגע־געוואָרן. אינסטאַלירט מיר תיכף איין אַ מעגאַפאָן־איינריכטונג.

— יעס, סער!

— ווען מען וואָלט מיך געפרעגט — האָט זיך קאָלדוועל אָפּגערופן — וואָלט איך געהייסן אויפרייסן די שיף אין דער לופטן.

— איך האָב אייך אָבער נישט געפרעגט — האָט סאַטער־לענד שאַרף אָפּגעענטפערט. — מאַיאָר קוק! — גיט אַרויס אַ פאַראָרדענונג אָפּצוצוימען דעם גאַנצן שטח פון פּאָרט מיט פּאָליציי. באַשטימט אַ גרופּע סאָלדאַטן, וואָס זאָל זיך אַרויפ־באַקומען אויף דער שיף. גיט זיי באָמבעס מיט טרערן־גאַז און לייכט געווער, אין פאַל ווען די יידן וועלן נישט וועלן פּרייווי־

ליק פֿאַרלאָזן די שיף. פֿרעדי, לויפֿט שנעל אַריבער צום „דאָם־האָטעל" און טיילט מיט אײן שטאָב, אַז איך פֿאָדער אַ פֿול־שטענדיקן פֿאַרבאָט אַרויסצושיקן וועלכע עס איז ידיעות פֿון ציפּערן.

אַליסטייר איז געשטאַנען און שטילערהייט אָבסערווירט די שיף.

— וואָס קומט דאָ פֿאָר לויט אייער מיינונג, אַליסטייר? — האָט גענעראַל סאַטערלענד געפֿרעגט.

— דער גאַנצער ענין געפֿעלט מיר נישט — האָט אַליס־טייר געענטפֿערט — איך בין זיכער, אַז זיי ווילן איבערהויפּט נישט אַנטלויפֿן אין מיטן העלן טאָג און נאָך דערצו אויף אַזאַ אופֿן. דאָ מוז עפּעס זיין אַ באַהאַלטענע כוונה.

— לאָזט צורו, אַליסטייר — האָט סאַטערלענד געזאָגט.

— אומעטום זעט איר באַהאַלטענע כוונות.

מאַרק פּאַרקער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך די פּאָליציסטן און איז צוגעקומען צו די צוויי אָפֿיצירן.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט פּאַרקער געפֿרעגט.

אין דעם מאָמענט ווען מאַיאָר אַליסטייר האָט דערזען מאַרקן האָט ער תיכף פֿאַרשטאַנען, אַז זיין חשד איז אַ באַרעכ־טיקטער.

— באמת, פּאַרקער — האָט אַליסטייר זיך אָפּגערופֿן — זייט אַ מענטש און דערציילט אונדז, וואָס דאָ קומט פֿאָר. איבעריקנס, פּריינט, ווען איר וועט קלינגען צו מיר אַ צווייט מאָל, זאָלט איר זען אויסצובעסערן אייער בריטישן אַקצענט...

— איך פֿאַרשטיי נישט וועגן וואָס איר רעדט, מאַיאָר! — האָט פּאַרקער רואיק געזאָגט.

גענעראַל סאַטערלענד האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין דעם גאַנצן ענין. ער האָט געוואָרפֿן בליקן צו דער שיף און צו פּאַרקערן, דאַן האָט ער אַ קוק־געטאָן אויף אַליס־

טיירן און אין דער זעלבער מינוט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דער „מוסד עליה ב׳״ האָט אים אומדערוואַרט איבערגעקליגלט. ער איז אַזש רויט געוואָרן פאַר כעס. מאַיאָר קוק, דער קרייז־קאָמענדאַנט פון קירעניאַ, איז אינצווישנצייט אָנגעקומען און איבערגעגעבן אַ באַריכט וועגן זיין אַקציע.

— אין צען מינוט אַרום וועט זיין פּאַרטיק אַ ספּעציעלע קאָמאַנדאָ. זי באַשטייט פון צוויי הונדערט פּערזאָן און זיי וועלן אויף פישער־שיפלעך אָפּשווימען צו דער שיף.

סאַטערלענד האָט אַפילו נישט געהערט קיין איין וואָרט פון דאָס אַלץ, וואָס מאַיאָר קוק האָט אים געזאָגט.

— ווו איז דער מעגאַפאָן, צו אַלדי טייוול! — האָט דער גענעראַל אויסגעשריען.

צען מינוט שפּעטער האָט סאַטערלענד שוין געהאַלטן דעם מעגאַפאָן אין האַנט. אין פּאָרט איז פּלוצים שטיל געוואָרן. די קאָמאַנדאָ איז געשטאַנען גרייט אָפּצושווימען צו „יציאת אייראָפּע״, וואָס האָט געאַנקערט אין מיטן פון פּאָרט־באַסיין.

— האַלאָ, הערט מיך אויס, איר, וואָס געפינט זיך דאָרטן אויף דער שיף! דאָ רעדט גענעראַל ברוס סאַטערלענד, דער קאָמענדאַנט פון ציפּערן. צי הערט איר מיין שטימע?

אין דער מאַשינען־האַלע פון „יציאת אייראָפּע״ האָט אַרי בן־כנען געעפנט דעם מעגאַפאָן און האָט זיך אָפּגערופן:

— האַלאָ, סאַטערלענד! דאָ רעדט קאַפּיטאַן כלב מור פון דער „23־טער טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניע״, פון זיין מאַיעסטעט, די באַוואָפנטע יידישע מיליטער־כוחות אויף ציפּערן. אויב איר זוכט אייערע לאַסט־אויטאָס, קאָנט איר זיי געפינען ביי דער פּעסטונג סענט הילאַריאָן.

סאַטערלענד איז בלאַס געוואָרן. אַליסטייר איז פאַר שטוי־נונג שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל.

— האַלאָ, הערט מיך אויס — האָט גענעראַל סאַטערלענד

אויסגערופן מיט אַ שטימע, וואָס האָט אַזש געציטערט פון כעס — מיר גיבן אייך צען מינוט צייט זיך צוריקצוקערן צו דער ראַמפּע. אויב איר וועט עס נישט טאָן פרייוויליק, וועלן מיר זיין געצוווּנגען צו שיקן צו אייך אַ באַוואָפנטע קאָמאַנדאָ, כדי אייך צוריק צו ברענגען מיט כוח.

— האַלאָ, סאַטערלענד! דאָ רעדט „יציאת אייראָפּע״. מיר האָבן אויף דער שיף דריי הונדערט און צוויי קינדער. די מאַשינען־האַלע איז אָנגעפילט מיט דינאַמיט. אויב עמיצער פון דיינע זעלנער וועט אַרויפשטעלן זיין פוס אויף דער שיף, אָדער אויב עס וועט אָפּגעגעבן ווערן אַפילו איין שאָס פון דיינע האַרמאַטן, וועלן מיר אַלע אויפגעריסן ווערן אין דער לופטן.

אין זעלבן אויגנבליק איז מאַרק פּאַרקערס אַרטיקל אַרויס־געשיקט געוואָרן טעלעגראַפיש פון לאָנדאָן אין אַלע עקן פון דער וועלט.

סאַטערלענד, אַליסטייר און די פינף הונדערט בריטישע זעלנער זענען דערשטוינטע געשטאַנען אויפן מאָלאָ פון פּאָרט און זיך צוגעקוקט ווי אויפן מאַשט פון „יציאת אייראָפּע״ איז אַרויפגעצויגן געוואָרן אַ פאָן. דאָס איז געווען די בריטישע פאָן און אין איר צענטער איז אויפגעמאָלט געוואָרן אַ ריזיקער האַקנקרייץ.

דער קאַמף פון „יציאת אייראָפּע״ האָט זיך אָנגעהויבן!

קאַפּיטל 30

ספּעציעלער באַריכט!

דוד קעגן גליתן, נוסח 1946

פון אונדזער ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט מאַרק פּאַרקער

קירעניאַ, ציפּערן (א. נ. ס.) איך שיק די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ פון קירעניאַ, אַ קליינע מאַלערישע פּאָרט־שטאָט אויפן צפון־ברעג פון דער ענגלישער קרוין־קאָלאָניע ציפּערן.

ציפּערן האָט זייער אַ רייכע געשיכטע. דער אינדזל איז פול מיט דענקמעלער פון אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט, אָנגעהויבן פון די חורבות פון דער שטאָט סאַלאַמיס, ביז צו די קאַטעדראַלעס פון פאַמאַגוסטאַ און ניקאָסיאַ. דער אינדזל פאַרמאָגט אויך צאָלרייכע פעסטונגען פון דער צייט פון די קרייץ־ריטער. אָבער די דאָזיקע גרויסע פאַרגאַנגענהייט קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער דראַמאַטיק פון די געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין דעם אויגנבליק אין דער דאָזיקער קליינער, פאַרוואָרפענער און אומבאַקאַנטער שטאָט. זינט עטלעכע חדשים האָט ציפּערן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינטערנירונגס־צענטער פאַר יידישע פּליטים, וואָס באַמיען זיך דורכצוברעכן די ענגלישע איינוואַנדערונגס־בלאָקאַדע, כדי עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

אויף אַן אופן, וואָס איז נאָך ביז איצט נישט אויפגע־

קלערט געוואָרן, זענען היינט דריי הונדערט קינדער, אין עלטער צווישן צען און זיבעצן יאָר, אַנטלאָפֿן פֿון אינטערנירונגס־לאַגער ביי קאַראַאָלאָס, — זענען דורכגעפֿאָרן דעם גאַנצן אינדזל און אָנגעקומען קיין קירעניאַ ווו אויף זיי האָט שוין געוואַרט אַ טראַנספּאָרט־שיף פֿון צוויי הונדערט טאָן, כדי אָפּצופֿירן די קינדער קיין ארץ־ישראל. די פּליטים זענען כמעט אַלע לעבנגעבליבענע פֿון די דייטשע קאָנצענטראַציע־און פֿאַרניכטונגס־לאַגערן. די שיף, וואָס האָט באַקומען דעם סימבאָלישן נאָמען „יציאת אייראָפּע” איז אַנטדעקט געוואָרן דורכן ענגלישן אינטעלידזשענס־סערוויס.

די שיף מיט די דריי הונדערט פּליטים־קינדער ליגט אָן אַרומגערינגלטע אין מיטן פֿון האַפֿן, ווערענס לענג איז נישט מער ווי דריי הונדערט מעטער.

אַ וואָרטזאָגער פֿון „יציאת אייראָפּע” האָט מיטגעטיילט, אַז די מאַשינען־האַלע פֿון דער שיף איז אָנגעפֿילט מיט דינאַמיט. די קינדער זענען אַנטשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד און זיי וועלן אויפֿרייסן די שיף אין פֿאַל ווען די ענגלענדער וועלן מאַכן אַ פּרווו אַראָפּצונעמען זיי פֿון דאָרטן מיט כוח.

לאָנדאָן

גענעראַל סער קלאַרענס טעוואָר־בראַון, וועלכער איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש אין לאָנדאָן האָט אַ שליידער געטאָן די צייטונג מיט מאַרק פּאַרקערס קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט פֿאַרויכערט אַ סיגאַרעט און זיך פֿאַרטיפֿט אין די באַריכטן, וואָס זענען אים צוגעשטעלט געוואָרן. מאַרק פּאַרקערס קאָרעספּאָנדענץ האָט אַרויסגערופֿן אַ סענסאַציע נישט נאָר אין אייראָפּע, נאָר אויך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. גענעראַל סאַטערלענד האָט אים געבעטן אָנווייזונגען וואָס צו טאָן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן באַפֿעל צו שיקן בריטישע זעלנער אויף דער שיף „יציאת אייראָפּע”.

גענעראַל טעוואָר־בראַון האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון דערפון אַז ער איז טיילווייז שולדיק אין די דאָזיקע געשעענישן. ער אַליין האָט פאָרגעלייגט דעם גענעראַל סאַ־טערלענד אַלס קאָמענדאַנט פון ציפּערן און ער האָט נישט רעאַגירט אויפן בריוו פון מאַיאָר אַליסטייר, וועלכער האָט אים געוואָרנט, אַז עס קאָן געשען אַן אומאָנגענעמע זאַך, אויב מען וועט נישט שיקן אָרט פון גענעראַל סאַטערלענד אַ צווייטן מענטש. אין דער זעלבער רגע איז אין קאַבינעט פון גענעראַל טעוואָר־בראַון אַריינגעקומען האַמפריי קראָו־פאָרד. קראָופאָרד, אַ מענטש מיט אַ בלייכן פּנים, איז געווען אַ הויכער באַאַמטער אין דער אָפּטיילונג פאַרן מיטעלן מזרח ביים ענגלישן קאָלאָניע־מיניסטעריום. ער האָט געדינט אַלס פאַרבינדונגס־מאַן צווישן דער אַרמיי און די פּאָליטיקער פון אויסערן־מיניסטעריום.

— גוט מאָרגן, סער קלאַרענס — האָט קראָופאָרד זיך אָפּגערופן אַ נערוועזער — עס איז צייט צו גיין צום צוזאַ־מענטרעף מיט סער ברעדשאָו.

גענעראַל טעוואָר־בראַון איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און גענומען איניקע דאָקומענטן פון שרייבטיש.

— ביסט גערעכט, מיר דאַרפן נישט לאָזן דעם אַלטן סעסיל ברעדשאָו וואַרטן אויף אונדז.

דער קאַבינעט פון סעסיל ברעדשאָו האָט זיך געפונען אין „אינסטיטוט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען". זינט דרייסיק יאָר איז ברעדשאָו געווען פאַרעכנט צו די העכסטע באַאַמטע, וואָס האָבן געגעבן דעם טאָן אין דער ענגלישער פּאָליטיק אויפן מיטעלן מזרח.

גלייך צום סוף פון ערשטן וועלט־קריג האָט זיך צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ וועגן דער השפּעה אין מיטעלן מזרח. ווען די ענגלענדער האָבן באַקומען

דעם מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל איז ברעדשאָו געווען איינער פון די, וועלכער האָט צוזאַמען מיט ווינסטאָן טשערטשיל געשטויסן צו שאַפן אויפן שטח פון מאַנדאַט אַ האַלב־אַראַבישע מדינה. מיט זייער הילף איז געשאַפן געוואָרן עבר־הירדן. דער עיקר־ציל ביים שאַפן די ירדנישע מדינה איז געווען צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ בריטישער מיליטערישער באַזע. מיט דער הילף פון בריטישער פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג איז געשאַפן געוואָרן דער ענגלישער „אַראַבישער לעגיאָן" און עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קעניג פאַר עבר־הירדן. דאָס איז געווען אַבדאַללאַ, פון דער האַשעמיטישער דינאַסטיע, אַ פאַרביסענער שונא פון איבן־סאַוד.

ווען דער צווייטער וועלט־קריג האָט זיך פאַרענדיקט און צו דער מאַכט איז געקומען די לייבאָר־פאַרטיי, האָט זי צווישן אַנדערן אויך צוגעזאָגט צו העלפן אויפשטעלן אַ יידיש היימלאַנד אין ארץ־ישראל, וווּ עס זאָלן זיך קאָנען באַזעצן די ניצול־געוואָרענע פון דער אייראָפעישער קאַטאַסטראָפע. סעסיל ברעדשאָו איז געשטאַנען בראש פון די איינפלוסרייכע קרייזן, וואָס האָבן איבערצייגט דעם נייעם אויסערן־מיניסטער, אַז די הבטחות זענען בלויז פרינציפן אָבער זענען נישט רעאַל, ווייל די אינטערעסן פון ענגלאַנד זענען אידענטיש מיט די אינטערעסן פון די אַראַבער. די אַראַבישע שטחים, וואָס ציען זיך אויף צענדליקער מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער, זענען רייך אין נאַפט, און דורך זיי גייט דורך אַ וויכטיקער קאַנאַל.

גענעראַל סער קלאַרענס טעוואָר־בראַון און האַמפריי קראופאָרד זענען אַריינגעקומען אין קאַבינעט פון סעסיל ברעדשאָו. ער איז געווען אַ דיקער מאַן אין די זעכציקער יאָרן. ער איז געשטאַנען צו זיי אויסגעדרייט מיט דער פלייצע און געקוקט אויף דער וואַנט. האַמפריי קראופאָרד האָט זיך אַ נערוועזער אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון שטול. טעוואָר־בראַון

האָט זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט אין אַ לעדערנעם פאָטעל און פאַרויכערט אַ סיגאַר.

— איך גראַטולירט איך, מיינע העררן — האָט ברעדשאָו זיך אָפּגערופן איראָניש מיט אַ שטימע וואָס האָט געציטערט פון אויפרעגונג.. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויסגעדרייט צו זיי און געדעדט צו דער וואַנט. — ווי איך האָב היינט געזען אין די צייטונגען געפינען מיר זיך אין צענטער פון די נייעס.

אַ ווײַלע איז ער נאָך געשטאַנען אויסגעדרייט צו זיי מיט דער פּלייצע און דאַן האָט ער זיך פּלוצים אומגעדרייט און מיט אַ געלעכטער זיך אָפּגערופן:

— איר האָט זיכער געמיינט, אַז איך וועט מיך טרעפן אַן אויפגערעגטן פון כעס. אָבער עס איז נישט אַזוי. איך האָב היינט באַקומען אַ טעלעפאָנישע מיטטיילונג פון אויסערן־מיניסטעריום. ווי עס איז געווען פאָרויסצוזען האָט דער מיניסטער אַרויפגעלייגט אויף מיינע פּלייצעס דעם ענין „יציאת אייראָפּע״.

ברעדשאָו האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און געוואָרפן אַ בליק אויף די באַריכטן, וואָס זענען געלעגן פאַר אים. מיט אַ שנעלער באַוועגונג האָט ער אַראָפּגענומען די דיקע ברילן פון פּנים און אָנקוקנדיק דעם גענעראַל טעוואָר־בראַון האָט ער זיך אָפּגערופן:

— זאָגט מיר, סער קלאַרענס, צי זענען אייערע מענטשן פון אינטעליגענס־סערוויס אין ציפּערן געווען טויט, אָדער זיי האָבן געשפּילט טעניס? חוץ דעם שיינט מיר, אַז איר זענט אונדז שולדיק אייניקע אויפקלערונגען וועגן דאָזיקן סאַטערלענד. דאָס איז דאָך געווען אייער אידייע צו שיקן סאַטערלענדן קיין ציפּערן.

גענעראַל טעוואַר־בראַון האָט זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר זיינע רייד.

— מיר שיינט — האָט ער געזאָגט — אַז דאָס אויפשטעלן די אינטערנירונגס־לאַגערן אין ציפּערן איז געווען אייער אידייע. וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דעם?

— מיינע הערן — האָט זיך אַריינגעמישט שנעל קראָו־פאָרד, וועלכער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן צו אַ צוזאַמענ־שטויס צווישן גענעראַל און דעם הויכן מיניסטעריאַלן באַ־אַמטן. — צוליב דעם ענין פון דער שיף „יציאת אייראָפּע" געפינען מיר זיך אין זייער אַן אומאָנגענעמער סיטואַציע. צום ערשטן מאָל האָט די אַמעריקאַנער פּרעסע געשריבן וועגן דעם אין אַזאַ טאָן.

ברעדשאָו האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— טראָץ דאָס גאַנצע גערייִדעריי פון טרומאַנען האָבן די אַמעריקאַנער אַריינגעלאָזן אין זייער לאַנד, זינט דער קריג איז פאַרענדיקט געוואָרן, בלויז צען טויזנט יידישע פּליטים. עס איז זיכער. טרומאַן שטיצט אונטער דעם ציוניזם כל־זמן פאַלעסטינע ליגט נישט אין פּענסילוואַניע. דאָס אַלץ וואָס מען רעדט איז בלויז פּראָפּאַגאַנדע. פּונקט ווי פריער זענען מיר אויך איצט די איינציקע אויף וועמענס פּלייצעס עס ליגט אַ מיליאָן יידן. אַ מיליאָן, וואָס קאָן רואינירן אונדזער גאַנצע פּאָזיציע אין מיטעלן מזרח.

ברעדשאָו האָט צוריק אָנגעטאָן די ברילן.

— „מגן־דוד", „משה", „פלמ"ח", „שערי ציון", „פתח־תקוה", און איצט — „יציאת אייראָפּע". די ציוניסטן זענען זייער קלוגע מענטשן. זינט פינף און צוואַנציק יאָר לאָזן זיי אונדז אין פּאַלעסטינע נישט צורו. זיי דרינגען אַרויס פון דער מאַנדאַט־באַשטימונג און פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע אַזעל־כע זאַכן, וואָס זענען דאָרטן בכלל נישטאָ. אין זייערע טענות

זענען זיי מסוגל דורכצושטופן אַ העלפאַנט דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל. באמת... עס איז גענוג זיך צו געפינען צוויי שעה אין דער געזעלשאַפט פון חיים ווייצמאַן, כדי צו ווערן אַ ציוניסט...

סעסיל ברעדשאָו האָט ווידער אויסגעטאָן זיינע ברילן.

— מיר ווייסן, טעוואָר־בראַון, מיט וועמען איר סימפּאַטיזירט.

— איך ווייס וואָס איר ווילט זאָגן דערמיט, ברעדשאָו — האָט טעוואָר־בראַון שאַרף צוריקגעענטפערט — איך וואַרף אָבער אָפּ די אָנצוהערעניש. עס קאָן זיין, אַז איך געהער צו די ווייניקע, וואָס האַלטן, אַז די איינציקע מעגלעכקייט אָפּצוהיטן אונדזער פּאָזיציע אין מיטעלן מזרח איז דאָס שאַפן אַ שטאַרקע יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל. אָבער ווען איך זאָג דאָס, מיין איך נישט דערמיט צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די יידן, נאָר איך רייד וועגן די אינטערעסן פון ענגלאַנד...

— לאָמיר בעסער ריידן וועגן דער אַפּערע מיט „יציאת אייראָפּע" — האָט ברעדשאָו איבערגעריסן זיינע רייד. — עס איז פולשטענדיק קלאָר אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. אין פאַל מיט דער שיף „הארץ המובטחת" האָבן מיר נאָכגעגעבן, אָבער דאָס מאָל וועלן מיר נישט נאָכגעבן. די שיף „יציאת אייראָפּע" געפינט זיך אין די בריטישע וואַסערן און נישט אין די פראַנצויזישע. מיר וועלן נישט אַרויסשיקן קיין זעלנער אויף איר דעק, מיר וועלן אויך נישט שיקן די שיף צוריק קיין דייטשלאַנד און מיר וועלן זי אויך נישט פאַרטרינקען. זאָלן זיי זיצן אויף דער שיף אין קירעניאַ אַזוי לאַנג ביז זיי וועלן דאָרט פאַרפוילט ווערן. איר האָט געהערט, טעוואָר־בראַון? ביז זיי וועלן פאַרפוילט ווערן.

ברעדשאָו האָט גערעדט מיט אַזאַ כעס, אַז די הענט האָבן אים אַזש גענומען ציטערן פאַר אויפרעגונג.

גענעראַל טעוואַר־בראַון האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיך אָפּגערופן:

— מיר האָבן נישט קיין שום רעכט צו פאַרמיידן, אַז די דריי הונדערט קינדער, וואָס זענען אויפגעוואַקסן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זאָלן אַריינפאָרן קיין פּאַלעסטינע. נאַפּט, סועץ־קאַנאַל, אַראַבער — זאָל דאָס אַלץ גיין צום טייוול! מיר האָבן נישט קיין שום רעכט דערצו. מיר האָבן זיך שוין גענוג לעכערלעך געמאַכט, ווען מיר האָבן די שיף „הארץ המובטחת" צוריקגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

— אייער איינשטעלונג איז מיר גוט באַקאַנט! — האָט ברעדשאָו צוריק געשריען.

— מיינע הערן!... — האָט קראָופאָרד זיך באַמיט זיי צו באַרואיקן.

גענעראַל טעוואַר־בראַון איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען נאָענט צום שרייבטיש פון סעסיל ברעדשאָו.

— מיר האָבן נאָר איין מעגלעכקייט צו זיגן אינעם ענין מיט דער שיף „יציאת איראָפּע". די יידן האָבן דעם גאַנצן אינצידענט פּלאַנמעסיק אינסצעניזירט, כדי צו מאַכן פאַר זיך פּראָפּאַגאַנדע. לאָמיר צונישט מאַכן זייערע פּלענער. לאָמיר דערלויבן דער שיף „יציאת איראָפּע" אָפּצושווימען.

— אויף קיין שום פאַל וועל איך אויף דעם נישט איינגיין!

— צי פאַרשטייט איר נישט, סער, אַז מיר גיבן די יידן אַ געווער אין די הענט?

— כל־זמן איך זיץ אויפן דאָזיקן אַמט, וועט „יציאת איראָפּע" נישט אָפּשווימען!

קאַפּיטל 31

מאַרק פּאַרקער, „דאָס־האָטעל".
קירעניאַ, ציפּערן.

דער באַריכט האָט אַרויסגערופן אַ שטורם. שיק ווייטער־דיקע מאַטעריאַלן.

קען ברעדבורי, א.נ.ס. לאָנדאָן.

קירעניאַ, ציפּערן

ספּעציעלער באַריכט פון אַמעריקען ניוז־סערוויס, צוגע־שיקט דורך מאַרק פּאַרקער.

עס איז באמת אַ קאָמעדיע: טויזנט שווער־באַוואָפנטע זעלנער, טאַנקען, אַרטילעריע און איינהייטן פון ים־פלאָט שטייען הילפלאָז אַנטקעגן אַן אומבאַוואָפנטער שלעפּ־שיף.

דער קאַמף אַרום „עקסאָדוס" איז אין דער ערשטער וואָך געבליבן נישט אַנטשיידן. סיי די ענגלענדער און סיי די פּלי־טים האָבן נישט בדעה נאָכצוגעבן. ביז איצט איז נאָך קיינער נישט אַרויף אויף „עקסאָדוס", וועמענס מאַנשאַפט האָט געדראָט, אַז זי וועט אויפרייסן די שיף אין דער לופטן, טראָץ דעם, וואָס די שיף ליגט נאָר עטלעכע הונדערט מעטער פון מאַלאַ און מען קאָן זי זען דורך אַ לאָרנעטקע, ווי אויפן האַנט.

די מאַראַל פון די דריי הונדערט קינדער אויפן דעק פון „עקסאָדוס" איז צום באַוווּנדערן. די גאַנצע וואָך, וואָס זיי געפינען זיך אין פּאָרט, האָבן זיי פאַרבראַכט אין זינגען לידער און אין מאַכן אויסרופן קעגן די בריטישע זעלנער.

מאַרק פאַרקער האָט יעדן טאָג אַרויסגעשיקט זיינע באַריכטן און יעדע נייע קאָרעספּאָנדענץ האָט געהאַט נייע און אינטערעסאַנטע פּרטים.

ווען סעסיל ברעדשאָו האָט באַשלאָסן נישט אַרויסצולאָזן די שיף „יציאת אייראָפּע" („עקסאָדוס") פון פּאָרט אין קירעניאַ, האָט ער געוווּסט, אַז זיין שריט וועט אַרויסרופן אַ שאַרפע קריטיק. די פראַנצויזישע פּרעסע האָט רעאַגירט מיט אויפרעגונג, אָבער מיט אַזאַ באַליידיקנדיקן טאָן, וואָס האָט נאָך ביז־איצט קיין אָרט נישט געהאַט אין די פראַנצויזיש־ענגלישע באַציאונגען. די גאַנצע אייראָפּעישע פּרעסע האָט זיך פאַרנומען מיטן פאַל „עקסאָדוס" און אַפילו אין ענגלאַנד גופא זענען די מיינונגען געווען צעטיילט. אייניקע ענגלישע צייטונגען האָבן קריטיקירט די רעגירונג צוליבן פאַרהאַלטן „עקסאָדוס" און זיי האָבן געשטעלט די פראַגע, צי עס איז בכלל געווען קלוג נישט צו דערלויבן דער שיף אָפּצושווימען קיין ארץ־ישראל.

סעסיל ברעדשאָו איז געווען אַ דערפאַרענער פּאָליטיקער און ער האָט אין זיין קאַריערע זיך שוין אַרויסגעדרייט פון אַ סך שווערע סיטואַציעס. אין פאַל מיט „עקסאָדוס" איז ער געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז בלויז אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער, וואָס וועט שנעל פאַרבייגיין. ער האָט אַוועקגעשיקט דריי פריינטלעך־געשטימטע זשורנאַליסטן קיין קירעניאַ, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּשוואַכן דעם רושם פון מאַרק פאַרקערס אַרטיקלען. גלייכצייטיק זענען צענדליקער ספּעציאַליסטן,

געזעסן און זיך באַמיט אויפצוקלערן און באַרעכטיקן די ענגלישע שריט.

די ענגלענדער האָבן געהאַט לאָגישע אַרגומענטן און זיי האָבן אויף אַ געשיקטן אופן אויסגענוצט זייער פּראָפּאַגאַנדע, אָבער עס איז אוממעגלעך געווען צו איגנאָרירן די סימפּאַטיע, וואָס די דריי הונדערט פּליטים־קינדער האָבן אַרויסגערופן צו זיך מצד דער עפנטלעכער מיינונג אויף דער וועלט. די בריטישע צייטונגען האָבן געשריבן:

„אויב די ציוניסטן זענען אויפריכטיקע מענטשן, טאָ פאַרוואָס שטעלן זיי אין סכנה דאָס לעבן פון דריי הונדערט אומשולדיקע קינדער? דער גאַנצער ענין איז אַ בייזוויליקער און קאַלטבלוטיק־אינטענציזירטער אינצידענט, כדי אַרויסצורופן צו זיך די סימפּאַטיע פון דער עפנטלעכקייט, ווי אויך כדי צו שיטן זאַמד אין די אויגן, וואָס שייך די אמתע באַשטימונגען פון ארץ־ישראל־מאַנדאַט. עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט פאַנאַטיקער. אַרי בן־כנען איז אַ פּראָפעסיאָנעלער ציוניסטישער אַגיטאַטאָר, וואָס פאַרנעמט זיך זינט לאַנגע יאָרן מיט אומלעגאַלער טעטיקייט“.

זשורנאַליסטן פון צענדליקער מדינות זענען אַראָפּגעקומען קיין ניקאָסיאַ און האָבן געבעטן דערלויבענישן צו באַזוכן קירעניאַ. אַ סך גרויסע צייטשריפטן האָבן אַרויסגעשיקט זייערע קאָרעספּאָנדענטן, כדי זיי זאָלן באַקומען אינפאָרמאַציעס און מאַכן פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס פון דער שיף מיט די קינדער.

דער „דאָם־האָטעל“ האָט זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ פּלאַץ, ווי עס וואָלט דאָרט פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס.

אין די פּאַריזער קאַפע־הייזער האָט מען געשאָלטן די ענגלענדער.

אין די לאָנדאָנער רעסטאָראַנען האָט מען פאַרטיידיקט די ענגלישע פּאָליטיק.

אין שטאָקהאָלם האָט מען געהאַלטן רעדעס.

אין רוים האָט מען נישט אויפגעהערט צו דיסקוטירן.

און אין ניו־יאָרק איז מען געגאַנגען אין געוועט, פיר קעגן איינס, אַז די שיף „יציאת איראָפּע" וועט נישט אָפּשווימען פון ציפּערן.

צום סוף פון דער צווייטער וואָך האָט מאַרק פּאַרקער באַקומען אַ דערלויבעניש פון אַרי בן־כנען צו באַזוכן די שיף „יציאת מצרים". היות ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויפצוגיין אויף דער שיף, זענען זיינע דריי קאָרעספּאָנדענצן דערשינען גלייכצייטיק אין אַלע צייטונגען אויף דער ערשטער זייט.

ספּעציעלער באַריכט פון אַמעריקען ניוז־סערוויס (א.נ.ס.).

ערשטער אינטערוויו מיט אַרי בן־כנען, דעם וואָרטזאָגער פון דער שיף „יציאת איראָפּע" („עקסאָדוס").

היינט בין איך געווען דער ערשטער קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט באַקומען אַן אינטערוויו פון אַרי בן־כנען, דעם וואָרט־זאָגער פון די קינדער אויף „יציאת איראָפּע". איך האָב אָנ־געוויזן אַרי בן־כנען אויף אַ ריי בריטישע מיטטיילונגען און אויף די פאָרווורפן, וואָס ווערן אים געמאַכט, אַז ער איז אַ פּראָפעסיאָנעלער אַוואַנטוריסט. אונדזער געשפּרעך איז פאָר־געקומען אין דער מאַשינען־האַלע פון שיף, דאָס איינציקע אָרט אויף דער שיף, וווּ עס הערשט נישט קיין ענגשאַפט. אויך היינט האָבן נאָך די קינדער אויסגעזען געזונט און באַגייסטערט, אָבער זיי הויבן שוין אָן אַרויסצווייזן אַ געוויסע פיזישע שוואַכקייט אין רעזולטאַט פון דער בלאָקאַדע, וואָס דויערט שוין צוויי וואָכן.

אַרי בן־כנען איז אַ דרייסיק־יאָריקער מאַן, אַ פעסטער

בחור פון איבער אַ מעטער אַכציק די הויך. ער האָט שוואַרצע האָר און העל־בלויע אויגן און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ הויפּט־העלד אין אַ פילם. ער האָט אויסגעדריקט זיין דאַנק פאַר אַלע מענטשן אויף דער וועלט וואָס ווינטשן גוט די קינדער אויף „יציאת אייראָפּע״ און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז די קינדער האַלטן זיך פעסט. ענטפערנדיק אויף מיין פראַגע האָט ער מיר געזאָגט: „די פּערזענלעכע אָנפאַלן אויף מיר גייען מיך נישט אָן. עס אינטערעסירט מיך אָבער גלייכציי־טיק, צי די ענגלענדער האָבן דערמאָנט, אַז בעתן צווייטן וועלט־קריג האָב איך געדינט אַלס קאַפּיטאַן אין בריטישן מיליטער. איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַ ציוניסטישער „אַוואַנטוריסט״, אָבער איך וועל עס זיין אַזוי לאַנג, ביז די ענגלענדער וועלן מקיים־זיין זייערע הבטחות לגבי ארץ־ישראל. אויב מיין טעטיקייט איז לעגאַל אָדער אומלעגאַל — איז דאָס אַן ענין פון מיינונגס־פאַרשידנהייטן״.

אויף מיינע וויטערדיקע פראַגן וואָס שייך די ענגלישע טענות און די וויכטיקייט פון „יציאת אייראָפּע״, האָט ער מיר געזאָגט: „אונדז יידן וואַרפט מען פאָר זייער אַ סך זאַכן, אָבער מיר זענען שוין צו דעם געוווינט. ביי יעדן פּראָבלעם, וואָס האָט אַ שייכות צום ארץ־ישראל־מאַנדאַט און וואָס לאָזט זיך נישט אויפקלערן מיט לאָגיק און אַרגומענטן, קומען די ענג־לענדער מיטן אַלטן תירוץ, אַז עס האַנדלט זיך דאָ עפּעס וועגן אַ בונט מצד דעם ציוניזם. איך בין באמת דערשטוינט, וואָס די ענגלענדער האָבן נאָך נישט באַשולדיקט די ציוניסטן אין דעם, וואָס ענגלאַנד האָט שוועריקייטן אין אינדיע. צו אונדזער מזל איז גאַנדי נישט קיין ייד.

די ענגלישע רעגירונג באַנוצט זיך מיטן אַלטן שעיר לעזאזל — די געהיימנישפולע ציוניסטן —, כדי צו פאַרטושן אירע דרייסיק־יאָריקע מאַכינאַציעס אַרום דעם מאַנדאַט־

פראָבלעם. אין משך פון די דאָזיקע זדרייסיק יאָר האָט מען סיי די יידן און סיי די אַראַבער אָפּגענאַרט, באַשווינדלט און פאַרקויפט. דעם ערשטן צוזאָג, וואָס די ענגלענדער האָבן נישט געהאַלטן איז געווען די באַלפור־דעקלאַראַציע פון 1917, אין וועלכער עס איז צוגעזאָגט געוואָרן די יידן צו שאַפן אַ היימלאַנד אין ארץ־ישראל. זינט דאַן האָבן זיי שטענדיק געבראָכן זייערע אייגענע צוזאָגן. דעם לעצטן פאַראַט איז באַגאַנגען די לייבאָר־פּאַרטיי, וועלכע האָט פאַר די וואַלן צוגעזאָגט צו עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר די יידן וואָס זענען ניצול־געוואָרן פון די היטלערישע רדיפות.

מיט שטוינונג האָב איך אויפגענומען די מיטטיילונג, אַז די ענגלישע רעגירונג פאַרגיסט קראָקאָדיל־טרערן איבער דעם, וואָס מיר שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון דריי הונדערט קינדער. יעדעס קינד איז פרייוויליק געקומען אויפן דעק פון „יציאת אייראָפּע". יעדעס קינד איז געוואָרן צוליבן היטלער־רעזשים אַ יתום. כמעט יעדעס קינד האָט זעקס לאַנגע יאָר פאַרבראַכט אין אַ דייטשן אָדער בריטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אויב אין לאָנדאָן איז מען באמת באַזאָרגט צוליבן גורל פון די דאָזיקע קינדער, פאָדער איך זיי אויף זיי זאָלן דערלויבן די זשורנאַליסטן צו באַזוכן קאַראַאָלאָס. דאָרטן געפינט זיך נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער: שטעכלדראָט, וואַך־טורעמס מיט מאַשינען־געווער, נישט גענוגנדיקע דערנערונג, צו ווייניק וואַסער, שלעכטע סאַניטאַרע באַדינגונגען. קעגן די דאָזיקע מענטשן, וואָס געפינען זיך הינטערן שטעכלדראָט, האָט מען נישט אַריינגעטראָגן קיין שום אָנקלאַגע, פונדעסטוועגן ווערן זיי געהאַלטן מיט כוח אין לאַגער פון קאַראַאָלאָס.

אין לאָנדאָן רעדט מען וועגן דעם, אַז מיר באַמיען זיך

אַרויפֿצוצווינגען אויף די ענגלענדער אַן אומגערעכטע לייזונג פֿון ארץ־ישׂראל־מאַנדאַט. היינט־צו־טאָג געפֿינט זיך אין איי־ראָפּע אַ פֿערטל מיליאָן יידן, וואָס איז איבערגעבליבן פֿון זעקס מיליאָן. די ענגלישע עמיגראַציע־קוואָטע פֿאַר ארץ־ישׂראל באַשטייט פֿון זיבן הונדערט יידן אַ חודש. צי איז דאָס די „גערעכטע״ לייזונג פֿון די ענגלענדער? און צום סוף: איך נעגיר בכלל דאָס רעכט פֿון די ענגלענדער זיך צו געפֿינען אין ארץ־ישׂראל. צי האָבן זיי מער רעכט דאָרטן צו זיין ווי די אָפּגעראַטעוועטע פֿון היטלער־רעזשים? דערלויבט מיר איבערצולייענען פֿאַר אייך אַ געוויסע זאַך. און דאָ האָט אַרי בן־כנען גענומען אַ תנ״ך, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש אין דער מאַשינען־האַלע, האָט אויפֿגעעפֿנט דעם ספר יחזקאל און האָט איבערגעלייענט:

„כה אמר ה׳ אלוהים, בקבצי את בית ישראל מן העמים אשר נפוצו בם ונקדשתי בם לעיני הגויים, וישבו על אדמתם אשר נתתי לעבדי יעקב; וישבו עליה לבטח ובנו בתים ונטעו כרמים וישבו לבטח״.

אַרי בן־כנען האָט צוריק אַוועקגעלייגט דעם תנ״ך אויפֿן טיש און זיך אָפּגערופֿן: „די הערן פֿון דער ענגלישער רעגי־רונג דאַרפֿן רעווידירן זייערע באַהויפּטונגען. איך זאָג דאָס זעלבע צום ענגלישן אויסערן־מיניסטער וואָס עס האָט געזאָגט מיט דריי טויזנט יאָר צוריק אונדזער גרעסטער נביא — שלח את עמי!

אַ טאָג נאָך דעם, ווי מאַרק פּאַרקער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זיין אַרטיקל „שלח את עמי״, האָט ער איבערגעשיקט אַ צווייטע קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער ער האָט אויפֿגעדעקט די סודות פֿון דער „אַקציע גדעון״.

ער האָט אויך אויפגעדעקט אַלע פּרטים וועגן פאַרכאַפּן די בריטישע לאַסט־אויטאָס און דער פּרעסטיזש פון ענגלאַנד האָט פון דעם אַ סך געליטן. אויף דער עצה פון מאַרק פאַר־קערן האָט אַרי בן־כנען דערלויבט אַרויפצוגיין אויף דער שיף „יציאת אייראָפּע" אויך אַנדערע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן דערנאָך אָנגעהויבן צו פאָדערן פון די ענגלענדער מען זאָל זיי דערלויבן צו באַזוכן די לאַגערן אין קאַראַאָלאָס.

סעטיל ברעדשאָו האָט זיך גערעכנט דערמיט, אַז זיינע שריט וועלן אַרויסרופן אַ שאַרפע קריטיק. ער האָט אָבער נישט דערוואַרט, אַז דער אויפברויז וועט זיין אַזאַ גרויסער. אין לאָנדאָן זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויסער־אָרדנטלעכע זיצונגען און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די אויגן פון דער גאַנצער וועלט זענען איצט געווענדעט צום פּאָרט פון קירעניאַ. ווען ער וואָלט איצט דערלויבט „יציאת אייראָפּע" אָפּצו־שווימען, וואָלט עס אָן ספק באַדייט אַ שווערע מפּלה פאַר ענגלאַנד. גענעראַל קלאַרענס טעוואַר־בראַון איז אין געהיים אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ציפּערן, כדי איבערצונעמען אין זיינע הענט די אָנפירונג און זיך באַמיען צו ליקווידירן די פּשרה.

זיין עראָפּלאַן האָט געלאַנדעט אויפן פלי־פּלאַץ אין ניקאָסיאַ פאַרטאָג, נאָך דעם ווי עס זענען אָנגענומען געוואָרן פאַרזיכטס־מיטלען כדי אָפּצוהיטן זיין זיכערקייט. מאַיאָר אַליסטייר איז געקומען אים מקבל־פּנים זיין. זיי זענען ביידע שנעל אַריין אין אַן אויטאָ פון שטאַב און זענען אָפּגעפאָרן צו דער קאָמענדאַנטור פון פאַמאַגוסטאַ.

— איך וואָלט געוואָלט צוערשט ריידן מיט אייך, אַליס־טייר, איידער איך נעם איבער די אָנפירונג פון גענעראַל סאַ־טערלענד. איך האָב באַקומען אייער בריוו און איר קאָנט ריידן מיט מיר גאַנץ אָפן.

— יעס, סער — האָט אַליסטייר געענטפערט. — איך מוז

זאָגן, אַז גענעראַל סאַטערלענד איז פּשוט נישט געווען צוגע־פּאַסט צום דאָזיקן אַמט. מיטן דאָזיקן מענטש האָט עפּעס פּאַ־סירט. מאַיאָר קאַלדוועל האָט מיר דערציילט, אַז ער שרייט פון שלאָף, מסתמא האָט ער שרעקלעכע חלומות. ער וואַרפט זיך אַ גאַנצע נאַכט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. אָפּט שפּאַצירט ער אַ גאַנצע נאַכט ביז פאַרטאָג און דאָס רוב שעהן פון טאָג איז ער פאַרנומען מיט לייענען דעם תנך.

— באמת אַ שאַנדע — האָט טעוואָר־בראַון זיך אָפּגערופן.

— ברוס סאַטערלענד איז דאָך געווען אַזאַ גוטער זעלנער. איך האָף, אַז דאָס וואָס מיר האָבן גערעדט וועט בלייבן אַ סוד בלויז צווישן אונדזביידן. מיר מוזן אים באַשיצן.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, סער — האָט אַליסטייר שטיל געענטפערט.

קירעניאַ, ציפּערן (א.פּ.).

ספּעציעלער באַריכט.

גענעראַל סער קלאַרענס טעוואָר־בראַון, וועלכער איז באַ־רימט געוואָרן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער אַקציע אין מערבדיקן מדבר, האָט נעכטן ביינאַכט אין געהיים געלאַנדעט אויפן פלי־פּלאַץ אין ניקאָסיאַ. סער קלאַרענס איז געווען אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער און זיין אָנקום איז גע־האַלטן געוואָרן אין דער שטרענגסטער געהיימעניש. דאָס דער־שיינען פון טעוואָר־בראַון אויפן האָריזאָנט באַשטעטיקט די מורא פון דער בריטישער רעגירונג וואָס שייך דעם ענין פון „יציאת אייראָפּע״. מעגלעך, אַז דאָס איז אַן אָנדייט אויף אַן ענדערונג אין דער ענגלישער פּאָליטיק, אָדער אפשר אויף אַן ענדערונג אין דער מיליטערישער אָנפירונג אויף ציפּערן.

מאַרק פּאַרקער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן דעק פון „יציאת

איירעפּע״ און האָט געבעטן מען זאָל צושיקן צום אים אין דער מאַשינען־האַלע דאָס מיידל קאַרען. ער איז געווען אומרואיק, ווען ער האָט זיך מיט מי דורכגעבראָכן אַ וועג אויפן דעק פון שיף, וואָס איז געווען איבערפולט מיט קינדער. די קינדער האָבן אויסגעזען בלאַס און אויסגעדאַרט. עס האָט זיך געטראָגן פון זיי אַ שלעכטער ריח, ווייל עס האָט שוין אָנגעהויבן אויס־צופעלן וואַסער צום וואַשן זיך.

אַרי בן־כנען איז געזעסן אין דער מאַשינען־האַלע. ער איז געווען אַזוי רואיק און געלאַסן ווי שטענדיק. מאַרק האָט אים געגעבן סיגאַרעטן און עטלעכע פלעשער בראַנדי.

— וואָס הערט זיך דאָרטן אין דרויסן ? — האָט אַרי בן־כנען געפרעגט.

— עס שיינט, אַז דער אָנקום פון גענעראַל טעוואָר־בראַון באַדיינט נאָך נישט קיין ענדערונג אין דער פּאָליטיק. די גאַנ־צע וועלט־פּרעסע שרייבט נאָך אַלץ וועגן „יציאת איירעפּע״. דער ענין האָט אַרויסגערופן אַ גרעסערן שטורעם, ווי איך האָב זיך עס פאָרגעשטעלט. באמת, אַרי, די זאַך אַנטוויקלט זיך לטובת דיר און לטובת מיר. דו האָסט דערגרייכט דאָס וואָס דו האָסט געוואָלט דערגרייכן. די ענגלענדער האָבן באַקומען אַ געזונטן זעץ איבערן קאָפּ. אָבער לויט די אינפאָרמאַציעס, וואָס איך באַזיץ, האָבן נישט די ענגלענדער בדעה נאָכצוגעבן.

— דעריבער איז וואָס ? — האָט אַרי געפרעגט.

— איך בין ביי דער מיינונג, אַז איר דאַרפט ליקווידירן די גאַנצע פרשה דורך מאַכן אַ מענטשלעכן זשעסט — האָט פּאַרקער געזאָגט. — איר דאַרפט צוריקפירן די שיף צום פּאָרט. מיר וועלן אָנשרייבן אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם, ווי אַזוי די ענגלענדער פירן צוריק די קינדער קיין קאַראַאָלאָס. מיר וועלן מאַכן פון דאָזיקן ענין אַ גרויסע צייטונגס־סענסאַ־ציע. זי וועט צערייסן די הערצער פון די לייענער.

— צי האָט קיטי פרעמאָנט איך געשיקט מיטן דאָזיקן פאָרשלאָג? — האָט אַרי געפרעגט.

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן. קוקט זיך צו צו די קינדער. זיי זענען שוין אַזוי דערשעפּט, אַז זיי וועלן לענגער נישט אויסהאַלטן.

— זיי האָבן געוווּסט, וועגן וואָס עס גייט — האָט אַרי בן־כנען געזאָגט.

— דער ענין האָט אויך אַן אַנדערע זייט, אַרי. איך האָב מורא, אַז מיר האָבן איבערגעצויגן דאָס שטריקל. עס איז קלאָר, אַז איצט געפינען מיר זיך נאָך מיט אונדזער ענין אויף די ערשטע צייטונגס־זייטן, אָבער מאָרגן קאָן פראַנק סינאַטראַ געבן עמעצן פון די זשורנאַליסטן אַ נאָק־אַוט און מיר וועלן פאַרשטופּט אויף די לעצטע זייטן.

אין זעלבן מאָמענט איז אין צימער אַריינגעקומען קאַרען.

— האַלאָ, מיסטער פאַרקער — האָט זי אויסגערופן מיט אַ שטילער שטימע.

— האַלאָ, קליינע. דאָ האָסטו אַ בריוו און אַ פּעקל פון קיטי פרעמאָנט.

קאַרען האָט צוגענומען דעם בריוו פון זיינע הענט און אים געגעבן אַ בריוו פאַר קיטי, אָבער דאָס פּעקל האָט זי זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען, פּונקט ווי די פריערדיקע פּעקלעך וואָס קיטי האָט געשיקט.

ווע קאַרען איז אַוועקגעגאַנגען האָט מאַרק פאַרקער זיך אָפּגערופן:

— איך קאָן עס פּשוט נישט זאָגן קיטין, אַז קאַרען וויל נישט אָננעמען פון איר קיין פּעקלעך. דאָס מיידל איז קראַנק. צי האָט איר געזען די טונקעלע רינגען אונטער אירע אויגן? אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר דאָ האָבן גרויסע שוועריקייטן אויף דער שיף.

— מיר האָבן גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי אויפצוהאַלטן אין דער עפנטלעכקייט די פאַראינטערעסירונג מיט אונדזער ענין — האָט זיך אָפּגערופן אַרי בן־כנען. — איך וואָלט גע־וואָלט איין מאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר מאַכן, פאַרקער: צוריק קיין קאַראַאָלאָס גייען מיר נישט. אין אייראָפּע זיצט אַ פערטל מיליאָן יידן, וואָס וואַרט אויף אַ תשובה, און מיר זענען די איינציקע, וואָס קאָנען זיי די דאָזיקע תשובה געבן. פון מאָרגן הויבן מיר אָן אַ הונגער־שטרייק. יעדעס קינד, וואָס וועט חלילה אויסגיין פון הונגער, וועלן מיר אַרויפלייגן אויבן אויפן דעק, כדי די ענגלענדער זאָלן עס קאָנען זען.

— דו בלוטדורשטיקער טייוול!... דו בלוטדורשטיקע פאַרשטונקענע בעסטיע! — האָט מאַרק פאַרקער אָנגעהויבן ווילד צו שרייען.

— איר קאָנט מיך רופן ווי איר ווילט, פאַרקער — האָט אַרי רואיק זיך אָפּגערופן. — צי מיינט איר, אַז איך האָב פאַר־געניגן אין אויסהונגערן אַ גרופּע פון יתומים? גיט מיר אַן אַנדער געווער, כדי איך זאָל קאָנען פירן מיין מלחמה. גיט מיר עפּעס אַזוינס, פון וואָס איך וואָלט געקאָנט שיסן צו די דאָזיקע טאַנקען און צעשטערער־שיפן! מיר האָבן נישט קיין אַנדער געווער ווי נאָר אונדזער מוט און אונדזער גלויבן. צוויי טויזנט יאָר האָט מען אונדז געשלאָגן און דערנידעריקט. פון דער דאָזיקער אַקציע וועלן מיר אַרויסגיין אַלס זיגער...

הונגער־שטרייק אויף „יציאת אייראָפּע״!

די קינדער ווילן בעסער שטאַרבן פון הונגער, איידער זיך אומקערן קיין קאַראַאָלאָס!

נאָכדעם ווי דער קאַמף פון „יציאת אייראָפּע״ האָט מיט יעדן טאָג אַרויסגערופן אַן אַלץ גרעסערע פאַראינטערעסירונג ביי דער עפנטלעכער מיינונג האָט אַרי בן־כנען איבעראַשט די גאַנצע וועלט מיט זיין נייעם שריט: ער איז אריבערגעגאַנ־

געז אין ענגריף. איצט איז שוין מער נישט געווען מעגלעך אפצוווארטן. דער גורל פון די קינדער האט ארויפגעצוווּנגען אנצונעמען א באַשלוס.

צום באַרט פון דער שיף איז צוגעפעסטיקט געוואָרן אַ גרויסער טאַוול אויף וועלכן מען האט געקאַנט לייענען אין ענגליש, פראנצויזיש און העברעיש:

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין אַ שעה!

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין פופצן שעה!

צוויי יינגלעך און איין מיידל, אין עלטער פון צען, צוועלף און פופצן יאַר, זענען אַרויפגעבראַכט געוואַרן אויפן פאָדערשטן דעק פון „יציאת איירָאָפּע“. זיי זענען געווען באַוווסטלאָז.

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין צוואַנציק שעה!

צען קינדער זענען שוין געלעגן איינס נעבן אַנדערן אויפן פאָדערשטן דעק פון „יציאת איירָאָפּע“.

*

— איך בעט דיך, קיטי, לויף נישט אַרום איבערן צימער ווי אַ ווילדע. זעץ דיך אַנידער!

— עס זענען שוין פאַרביי צוואַנציק שעה. ווי לאַנג האָט אַרי בן־כנען בדעה פאַרצוזעצן די דאַזיקע שרעקלעכע שפּיל? איך האָב פּשוט נישט קיין מוט צו גיין אין פּאַרט און אַ קוק טאָן אויף דער שיף. צי געפינט זיך קאַרען צווישן די, וואָס ליגן באַוווסטלאָז אויפן דעק?

— איך האָב דאָך דיר שוין צען מאָל געזאָגט, אַז זי איז דאָרטן נישטאָ.

— די קינדער זענען אַזוי אויך געווען אָפּגעשוואַכט און איצט, נאָכדעם ווי זיי זענען שוין צוויי וואָכן פאַרשפּאַרט אויף דער שיף, האָבן זיי זיכער נישט מער קיין ווידערשטאַנדס־כוח.

קיטי האָט נערוועז פאַרצויגן דעם רויך פון סיגאַרעט.

— דער דאָזיקער אַרי בן־כנען איז נישט קיין מענטש — האָט זי אויסגערופן — ער איז אַ חיה, אַווילדע בעסטיע...

— איך האָב אויך וועגן דעם געטראַכט — האָט מאַרק פּאַרקער געזאָגט — איך גלויב אָבער, אַז מיר פאַרשטייען נישט, וואָס עס פאַרוואַנדלט די דאָזיקע מענטשן אין אַזעלכע פאַנאַטיקער. צי ביסטו געווען אַמאָל אין ארץ־ישראל? אין דרום איז דאָרטן אַ מדבר, אין מיטן לאַנד איז אַלץ פאַרלאָזט און אין צפון געפינען זיך זומפּן. אויסגעטריקנט פון דער זון און אַרומגערינגלט מיט אַ ים פון שונאים, פון פופציק מיליאָן פאַרביסענע פיינט. און טראָץ דעם מאַכן זיי די גרעסטע באַמיאונגען זיך דאָרטן צו באַזעצן. זיי רופן עס אַ לאַנד, וווּ עס פליסט מילך און האָניק, זיי זינגען לידער וועגן באַוואַסערונג און אויפבוי. מיט צוויי וואָכן צוריק האָב איך אויפגעקלערט דעם דאָזיקן אַרי בן־כנען, אַז ליידן און צרות איז נישט קיין יידישער מאָנאָפּאָל, אָבער איך היִב אָן ביסלעכווייז צו צווייפלען. איך שטעל מיר אַליין די פראַגע: וואָס באַגייסטערט דאָס די דאָזיקע מענטשן, אַז זיי ווערן אַזוי פאַנאַטיש?

— באַמי זיך נישט זיי צו פאַרטיידיקן, מאַרק — האָט קיטי זיך אָפּגערופן.

— פאַרגעס אָבער נישט, קיטי, אַז אַרי בן־כנען וואָלט עס נישט געקאָנט טאָן, ווען די קינדער וואָלטן עס נישט געוואָלט. זיי שטייען הונדערט פראָצענט הינטער אים.

— אין דעם גייט עס טאַקע — האָט קיטי טרוקן געזאָגט — די דאָזיקע לאָיאַלקייט, דער דאָזיקער פאַנאַטישער געפיל פון געמיינזאַמקייט, וואָס פאַרבינדט זיי איינער מיטן אַנדערן...

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. מאַרק האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייבל, געזאָגט איין וואָרט: „איך דאַנק” און צוריקגעלייגט דאָס טרייבל.

— וואָס האָט פּאַסירט, מאַרק? איך פרעג דאָך דיך.

— זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויפן דעק נאָך אַ טוץ קינדער. זיי זענען אַלע באַוווסטלאָז.

— צי געפינט זיך אויך קאַרען צווישן זיי?

— איך ווייס נישט, איך וועל גיין אַ קוק טאָן.

— מאַרק...

— וואָס ווילסטו?

— איך וויל אַרויפגיין אויף דער שיף „יציאת אייראָפּע".

— דאָס איז אוממעגלעך.

— איך קאָן פּשוט מער נישט אויסהאַלטן — האָט קיטי געזאָגט.

— אויב דו וועסט עס טאָן, ביסטו דערליידיקט.

— נייך, מאַרק... דאָס איז עפּעס אַנדערש. ווען איך וואָלט געוווסט, אַז זי לעבט, אַז זי איז נישט ערנסט קראַנק, וואָלט איך עס נאָך אויסגעהאַלטן. איך שווער דיר. איך ווייס דאָס אויף זיכער. אָבער איך קאָן דאָ נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אין שטענדיקער מורא, אַז אפשר פאַרלאָזן איר שוין די כוחות. איך קאָן דאָס פּשוט נישט אַריבערטראָגן.

— ווען איך וואָלט אַפילו געקאָנט אויספּועלן ביי אַרי בן־כנען ער זאָל דיר דערלויבן אַרויפצוגיין אויף דער שיף, וועלן די ענגלענדער דאָס פאַרבאָטן.

— דו מוזט דאָס דערליידיקן פאַר מיר, מאַרק — האָט זי פעסט געזאָגט — דו מוזט...

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר און פאַרצוימט פאַר אים דעם וועג. אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון עקשנות. מאַרק האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל זיך אָפּגערופן:

— איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קאָנען.

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין פינף און דרייסיק שעה!

אין פּאַריז און אין רוים זענען פאָרגעקומען שטורמישע דעמאָנסטראַציעס נעבן די ענגלישע אַמבאַסאַדעס. אין אויפ־געגעגטע רעדעס און אין גרויסע טראַנספּאַרענטן איז געפּאָ־דערט געוואָרן צו באַפרייען „יציאת אייראָפּע". אין פּאַריז האָבן די פּאָליציסטן זיך באַנוצט מיט גומענע שטעקנס און מיט טרערן־באָמבעס, כדי פאַנאַנדערצוטרייבן די דעמאָנסטראַציעס. אין קאָפּענהאַגען, שטאָקהאָלם, בריסעל און האַג זענען אויך פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס, אָבער זיי זענען געווען אַ סך מעסיקערע, ווי אין פּאַריז.

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין אַכט און דרייסיק שעה!

אין ציפּערן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ גענעראַל־שטרייק אַלס פּראָטעסט קעגן דער ענגלישער האַנדלונג. די קאָמוניקאַציע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און די געשעפטן זענען געשלאָסן געוואָרן. אין די פּאָרטן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַרבעט און די טעאַטער־זאַלן און רעסטאָראַנען זענען געווען ליידיק.

דער הונגער-שטריק דויערט שוין פערציק שעה!

אַרי בן־כנען איז געשטאַנען נעבן זיינע מיטאַרבעטער. ער האָט געקוקט אויף די פינצטערע פּנימער פון יואב, דוד, און האַנק שלאָסבערג. זאב, דער לאַנדווירט פון גליל האָט זיך אָפּגערופן דער ערשטער:

— איך בין אַ זעלנער. איך קאָן אָבער נישט שטיין און זיך רואיק צוקוקן, ווי די קינדער גייען אויס פון הונגער.

— אין ארץ־ישראל — האָט אַרי העפטיק אויסגעשריען — געהערן שוין אַזעלכע קינדער צו גדנ"ע.

— איין זאַך איז קעמפן און אַ צווייטע זאַך איז — שטאַרבן פון הונגער.

— דאָס איז נאָר אַן אַנדערע פאָרם פון קאַמף — האָט אַרי זיך אָפּגערופן.

יואב ירקוני האָט געאַרבעט מיט אַרי בן־כנען אַ סך יאָרן און זיי האָבן צוזאַמען געקעמפט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

— דו ווייסט, אַרי — האָט ער זיך איצט אָפּגערופן — איך האָב שטענדיק געהאַלטן מיט דיר, אָבער אין פאַל ווען איין קינד וועט שטאַרבן פון הונגער, וועט דער גאַנצער ענין זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בומעראַנג, וואָס וועט אונדז אַליין טרעפן.

אַרי האָט אַ קוק געטאָן אויפן קאַפּיטאַן האַנק שלאָסבערג. דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן האָט אַ צוק־געטאָן מיט די אַקסלען:

— דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ענינים, אַרי — האָט ער געזאָגט — אָבער די מאַנשאַפט הויבט זיך אָן צו דענערווירן. זיי האָבן דאָס לגמרי נישט דערוואַרט.

— מיט אַנדערע ווערטער — האָט אַרי געזאָגט — באַ־דייט דאָס, אַז איר ווילט זיך אונטערגעבן.

זיי האָבן געשוויגן און דאָס איז געווען דער בעסטער ענטפער.

— און וואָס זאָגסטו, דוד? איך האָב נישט געהערט דיין מיינונג.

— זעקס מיליאָן יידן זענען געשטאָרבן אין די גאַז־קאַ־מערן, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס זיי זענען אומגעבראַכט גע־וואָרן — האָט דוד געענטפערט. — ווען אָבער דריי הונדערט פון אונדז וועלן איצט שטאַרבן אויף דער שיף „יציאת איי־ראָפּע", וועלן מיר וויסן געווען פאַרוואָס און פאַרוואָס מיר זענען אומגעקומען. אויך די וועלט וועט עס וויסן. ווען מיר זענען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געווען אַ נאַציע, און מיר זענען אויפגעשטאַנען קעגן דער הערשאַפט פון די רוימער

אָדער גריכן, האָבן מיר, יידן, איינגעשטעלט אַ טראַדיציע צו קעמפן ביזן לעצטן מאַן. אַזוי האָבן מיר געטאָן אין ארבל און אין ירושלים. אַזוי האָבן מיר געטאָן אין ביתר, אין הערהדיום און מכוור. אין מצדה זענען מיר געשטאַנען קעגן די רוימער אין משך פון פיר יאָר און ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער פעסטונג האָבן זיי אונדז געפונען אַלעמען טויטע. אין ערגעץ־נישט און קיינמאָל נישט האָט אַ פאָלק געקעמפט פאַר זיין פרייהייט, אַזוי ווי מיר האָבן געקעמפט. מיר האָבן פאַר־טריבן פון אונדזער לאַנד די רוימער און די גריכן, ביז מיר זענען צעשפּרייט געוואָרן אין אַלע עקן וועלט. אין משך פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו קעמפן אַלס נאַציע. ווען אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן מיר געקעמפט אין איינקלאַנג מיט אונדזער טראַדיציע ביזן לעצטן מאַן. אויב מיר וועלן איצט אַראָפּגיין פון דער שיף און זיך צוריקקערן פרייוויליק הינטער די שטעכלדראָטן, וועט עס באַדייטן, אַז מיר האָבן געבראָכן אונדזער טרייהייט צו גאָט.

— צי וויל נאָך עמיצער עפּעס פרעגן? — האָט אַרי בן־כנען זיך אָפּגערופן.

*

דער הונגער־שטרייק דויערט שוין צוויי און פערציק שעה!

אין אַמעריקע, אין דרום־אַפריקע און אין ענגלאַנד האָבן די יידן זיך פאַראייניקט אין איין תפילה. אויך אין אַ סך קריסטלעכע קירכן האָט מען געבעטן פאַר די קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן דעק פון „יציאת אייראָפּע".

דער הונגער־שטרייק דויערט שוין פינף און פערציק שעה!

די יידן אין אַרגענטינע האָבן דערקלערט אַ תענית־ציבור אַלס צייכן פון סימפּאַטיע מיט די קינדער פון „יציאת אייראָפּע".

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין זיבן און פערציק שעה!

*

עס איז שוין געווען טונקל, ווען קיטי איז אַרויפגעקומען אויפן דעק פון דער שיף „יציאת איירָאָפּע“. עס האָט איר אַזש פאַרשטיקט דער אָטעם פון איבלדיקן ריח, וואָס האָט זיך גע־טראָגן אַרום. די קינדער זענען געלעגן אומעטום אויסגעצויגענע אויפן דעק. זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, כדי נישט צו פאַרלירן קיין איבעריקע כוחות.

— איך וויל זען די קינדער, וואָס האָבן פאַרלאָרן דאָס באַוווסטזיין — האָט קיטי געזאָגט.

דוד האָט זי אַוועקגעפירט צום פאָדערשטן טייל פון דעק, ווו עס זענען געלעגן אין דריי רייען זעכציק קינדער. ער האָט באַלויכטן זייערע פּנימער מיט אַ טאַשן־לעמפּל, בעת קיטי איז געגאַנגען פון קינד צו קינד און האָט געטאַפּט ביי זיי דעם פּולס. אַ סך מאָל האָט זי געמיינט, אַז זי וועט אַליין באַלד פאַלן אין חלשות, ווען זי האָט באַקוקט דעם קערפּער פון אַ קינד, וואָס איז געווען ענלעך צו קאַרען.

דוד האָט זי דערנאָך אַרומגעפירט איבערן דעק, ווו די קינדער זענען געלעגן ענג איינס נעבן אַנדערן. זיי האָבן אָנ־געקוקט קיטין מיט טעמפּע בליקן. זייערע האָר זענען געווען צעשויבערט און די פּנימער באַדעקט מיט אַ שיכט פון שמוץ.

דאַן האָט דוד זי אַראָפּגעפירט אין אונטערשטן שיף־רוים. קיטין איז נישט גוט געוואָרן פון געשטאַנק, וואָס האָט איר אַ שלאָג־געטאָן אין נאָז. אין טונקעלן ליכט האָט זי באַמערקט, ווי די קינדער ליגן אויסגעצויגן אויף שמאָלע היל־צערנע נאַרעס. אין אַ ווינקל האָט זי געפונען קאַרען, וועלכע איז געלעגן אין אַ געפּלאָנטער פון הענט און פיס. נעבן איר איז אַ שלאָפנדיקער געלעגן דב לאַנדאַו. זיי זענען אַלע געלעגן אויף שמאַטעס און די פּאָדלאָגע אונטער זיי איז געווען פייכט.

— קאַרען — האָט קיטי אָנגעהויבן צו פּליסטערן — קאַרען, דאָס בין איך, קיטי...

קאַרען האָט לאַנגזאַם געעפנט די אויגן. זי האָט געהאַט טיפע, טונקעלע רינגען אונטער די אויגן. די ליפּן זענען איר געווען צעשפּאָלטן פון טריקעניש. קאַרען איז געווען צו שוואַך, כדי זיך אויפצוהויבן.

— קיטי ?...

— יאָ, דאָס בין איך...

קאַרען האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט און קיטי האָט זי גענומען אין אירע אָרעמס.

— גיי נישט אַוועק, קיטי — האָט קאַרען אַרויסגעפּליס־טערט. — איך האָב אַזוי מורא...

— איך וועל בלייבן נעבן דיר — האָט קיטי שטיל זיך אָפּגערופן און זי אַרויסגעלאָזן פון אירע הענט. קיטי איז אַוועק אין דער אַמבולאַטאָריע. זי האָט טיף אָפּגעזיפצט ווען זי האָט דערזען דעם קליינעם זאַפּאַס פון רפואות.

— מיט דעם וועלן מיר קיין סך נישט אויפטאָן — האָט זי זיך אָפּגערופן צו דודן. — אָבער איך וועל זיך באַמיען צו פאַרלייכטערן דעם מצב פון די קינדער. צי קאָנט איר און יואב מיר העלפן אין דעם ?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך...

— פון צווישן די באַוווסטלאָזע קינדער געפינען זיך אַ סך אין זייער אַן ערנסטן צושטאַנד. מיר מוזן זיך באַמיען זיי צו מאַכן קאַלטע קאָמפּרעסן, כדי צו פאַרטרייבן די היץ. אָבער אויבן אויפן דעק איז צו קיל. מען דאַרף זיי צודעקן. איך וויל אויך, אַז יעדערער זאָל זיך נעמען צו דער אַרבעט ביים אָפּריי־ניקן די שיף.

קיטי האָט זיך מיטן גאַנצן אייפער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, כדי צו קעמפן קעגן טויט. עס האָט אָבער אויסגעזען, ווי מען וואָלט געוואָלט אויסשעפּן דעם אָקעאַן מיט

אַ לעפּל. ווי נאָר עס איז געלונגען צו העלפן אַ קינד, האָט זיך פאַרערגערט דער צושטאַנד ביי אַ צווייטן. עס האָבן אויסגעפעלט מעדיקאַמענטן, וואַסער, און דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי געקאָנט העלפן — געבן עסן — האָט מען נישט געטאָרט.

*

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין איין און אַכציק שעה!

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין צוויי און אַכציק שעה!

קאָרען האַנסען-קלעמענט איז אַ באַוווסטלאָזע אַרויפגעטראָגן געוואָרן אויפן פאָדערשטן דעק פון דער שיף.

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין דריי און אַכציק שעה!

*

קיטי איז אַריינגעגאַנגען אין דער מאַשינען-האַלע און זיך אַראָפּגעלאָזט אַ דערשעפּטע אויפן שטול. אין משך פון פינף און דרייסיק שעה האָט זי געאַרבעט אָן איבערייס. זי איז געווען האַלב באַטויבט. אַרי האָט איר אָנגעגאָסן אַ גלאָז מיט שטאַרקן ברענדי.

— טרינקט — האָט ער געזאָגט — איר דאַרפט נישט מיטמאַכן דעם הונגער-שטרייק.

זי האָט אויסגעטרונקען איין גלאָז און דערנאָך אַ צווייטס. זי איז געקומען אַ ביסל צו זיך און לאַנג אָנגעקוקט אַרי בן-כנען מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק. ער איז געווען אַ מאַן פון אויסערגעוויינלעכער קראַפט. עס האָט געשיינט, אַז די בלאָקאַדע האָט אויף אים לגמרי נישט געהאַט קיין ווירקונג. זי האָט געקוקט אין זיינע קאַלטע אויגן און זיך אַליין געפרעגט וואָס פאַר אַ געדאַנקען, פּלענער, איינפאַלן עס גייען אים דורכן קאָפּ. זי האָט זיך געפרעגט, צי ער האָט מורא, אָדער צי ער ווייס בכלל וואָס דאָס באַדייט אַווינס מורא. זי

האָט זיך געפֿרעגט, צי ער איז דענערווירט אָדער דערשיטערט.

— איך האָב דערוואַרט, אַז איר וועט קומען צו מיר אַ סך פֿריער — האָט אַרי זיך אָפּגערופֿן.

— איך בין נישט געקומען, כדי אייך עפּעס צו בעטן, אַרי בן־כנען. איך וויל אייך נאָר איבערגעבן אַ באַריכט, ווי אַ גוטער פּלמ״ח־חבר, וואָס פֿירט אויס זיין פֿליכט... בן־כנען און גאָט... לויטן דאָזיקן סדר... נישט אמת? אַלזאָ, מינדעסטנס צען קינדער געפֿינען זיך אין אַ טויט־געפֿאַר. אויב דער הונ־גער־שטרייק וועט ווייטער אָנהאַלטן, וועלן זיי אַלע שטאַרבן... וואָס איז אייער באַשלוס אַלס העכסטער ריכטער איבערן לעבן און טויט פֿון די דאָזיקע קינדער?

— דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, ווי מען באַליידיקט מיך, קיטי — האָט אַרי זיך אָפּגערופֿן. — דאָס אַרט מיך נישט. ווי זעט אָבער אויס די זאַך ביי אייך? צי איז אייער מענטשלעכער מיטגעפֿיל אַזוי גרויס, אַז דאָס האַרץ טוט אייך וויי פֿאַר אַלע קינדער, אָדער איר האָט רחמנות בלויז אויף איין קינד?

— איר האָט נישט קיין שום רעכט מיר צו שטעלן אַזעלכע פֿראַגן.

— אייך גייט עס אין לעבן פֿון איין מיידל און מיר גייט אין לעבן פֿון אַ פּערטל מיליאָן מענטשן.

קיטי האָט זיך אויפֿגעשטעלט.

— איך גלויב, אַז ס׳וועט זיין בעסער איך זאָל צוריק־גיין צו מיין אַרבעט — האָט זי געזאָגט. אַ ווײַלע איז זי גע־שטאַנען שטיל און דאַן האָט זי זיך ווידער אָפּגערופֿן:

— אַרי, איר האָט געוווּסט צוליב וועלכע סיבות איך בין געקומען אויף דער שיף. פֿאַרוואָס האָט איר עס מיר דער־לויבט?

אַרי בן־כנען האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט דער פּלייצע און אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער צום ים, ווו די

צעשטערער־שיפן און די קרייצערס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך.

— אפשר האָב איך זיך פאַרבענקט נאָך אייך?

*

דער הונגער-שטרייק דויערט שוין פינף און אַכציק שעה!

גענעראַל סער קלאַרענס טעוואָר־בראַון איז אומרויִק אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אין ביוראָ פון גענעראַל סאַטערלענד. די לופט אין צימער איז געווען בלוי פון סיגאַ־רעטן־רויך. פון צייט צו צייט האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביים פענצטער און אַ געשפּאַנטער אַרויסגעבליקט דורך די שמו־ציקע שויבן אינדרויסן, אין דער ריכטונג פון קירעניאַ.

גענעראַל סאַטערלענד האָט אויסגערייניקט דעם רעשט טאַבאַק פון זיין לולקע און נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פון די רייך־סערווירטע סענדוויטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויפן טיש.

— זעצט זיך, סער קלאַרענס און טרינקט אַ גלאָז טיי — האָט סאַטערלענד געזאָגט. — אפשר ווילט איר עפּעס עסן?

גענעראַל טעוואָר־בראַון האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל און טיף אָפּגעזיפצט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, גענומען אַ סענדוויטש און איינגעביסן, אָבער ער האָט אים שנעל צוריקגעלייגט אויפן טיש.

— ווי איך הויב נאָר אָן צו עסן באַהערשט מיך אַ געפיל פון שולד — האָט ער זיך אָפּגערופן.

— דאָס איז זייער אַן אומאָנגענעמער ענין פאַר אַ מענטש, וואָס האָט אַ געוויסן — האָט סאַטערלענד געזאָגט. — צוויי מלחמות, עלף פּאָסטנס אין די קאָלאָניעס, זעקס אויסצייכענונ־גען און דריי אָרדערס... און איצט פאַל איך דורך צוליב אַ מחנה אומבאַוואָפנטע קינדער. דאָס איז באמת אַ פּרעכטיקער סוף פון אַ דרייסיק־יאָריקער קאַריערע, נישט אמת, סער קלאַרענס.

גענעראַל טעוואָר־בראַון האָט אַראָפּגעלאָזן זיינע אויגן.

— איך ווייס אַלץ איינס, אַז איר האָט געוואָלט ריידן מיט מיר וועגן דעם — האָט סאַטערלענד זיך אָפּגערופן, באַמער־קנדיק זיין פאַרלעגנהייט.

גענעראַל טעוואָר־בראַון האָט זיך אָנגעגאָסן טיי. דאַן האָט ער שטיל געזאָגט:

— ווען דער ענדגילטיקער באַשלוס וואָלט געלעגן אין מיינע הענט...

— אומזין, סער קלאַרענס. איר דאַרפט זיך נישט מאַכן קיין פאָרווורפן. דאָס דאַרף איך זיך מאַכן אַ פאָרוווּרף, ווייל איך בין נישט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך און אַנטוישט אייער צוטרוי צו מיר...

גענעראַל סאַטערלענד איז אויפגעשטאַנען פון אָרט. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

— איך בין מיד... זייער מיד... — האָט ער געזאָגט.

— מיר וועלן אייך איבערלאָזן פולן געהאַלט און אייער פענסיאָנירונג וועט דורכגעפירט ווערן אויף אַ שטילן אופן, כדי קיינער זאָל עס נישט מערקן. איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן — האָט גענעראַל טעוואָר־בראַון זיך אָפּגערופן. — הערט נאָר, ברוס, ווען איך בין געפאָרן אַהער, האָב איך זיך פאַרהאַלטן אין פאַריז און איך האָב דאָרטן זייער לאַנג גערעדט מיט נעדי, אייער געוועזענע פרוי. איך האָב איר דערציילט וועגן אייערע שוועריקייטן. שיקט איר איבער אַ גוט וואָרט און איר קאָנט ווידער זיין צוזאַמען. נעדי וואָלט גערן זיך צוריקגעקערט צו אייך און אויך איר, ברוס, נויטיקט זיך אין אייער פרוי.

סאַטערלענד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— צווישן נעדי און מיר איז שוין זינט יאָרן נישטאָ קיין שום געמיינזאַמעס — האָט געזאָגט סאַטערלענד. — די איינ־

ציקע פאַרנונפטיקע פאַרבינדונג, וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט צווישן אונדז, איז געווען די אַרמיי.

— צי האָט איר וועלכע עס איז פלענער אויף דער צו־קונפט?

— די חדשים, וואָס איך האָב זיך געפונען אין ציפערן האָבן געהאַט אויף מיר אַ געוויסע השפעה, סער קלאַרענס. מעגלעך, אַז איר וועט מיר נישט גלויבן, אָבער איך האַלט נישט, אַז איך האָב דאָ געליטן אַ מפּלה. פאַרקערט, איך גלויב, אַז איך האָב דאָ געפונען זייער אַ ווערטפולע זאַך. אַ זאַך, וואָס איך האָב פאַרלאָרן מיט אַ סך יאָרן צוריק.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך? — האָט סער קלאַרענס געפרעגט.

— דעם אמת. — האָט סאַטערלענד געזאָגט. — צי געדענקט איר וואָס איר האָט מיר געזאָגט, ווען איך האָב איבער־גענומען דעם פּאָסטן אויף ציפערן? איר האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איינציקע קעניגרייך, וואָס פירט זיך לויט די פּרינציפּן פון יושר און גערעכטיקייט איז דאָס הימלישע קעניגרייך. אין דער צייט, ווען די קעניגרייכן פון דער ערד, שטיצן זיך אויף נאָפט...

— איך געדענק דאָס זייער גענוי — האָט טעוואָר־בראַון זיך אָפּגערופן.

— איך האָב זייער אָפט געטראַכט וועגן דעם — האָט סאַטערלענד ווייטער גערעדט — און באַזונדערס זינט דעם פאַל מיט דער שיף „יציאת אייראָפּע". מיין גאַנץ לעבן האָב איך געוווּסט דעם אונטערשייד צווישן רעכט און אומרעכט. די מייסטע פון אונדז ווייסן עס. עס איז אָבער נישט גענוג צו וויסן, מען דאַרף אויך קאָנען לעבן לויטן דאָזיקן פּרינציפּ. זייער אָפט מוז אַ מענטש טאָן זאַכן, וואָס זענען אין ווידער־שפּרוך צו זיין געוויסן, כדי נישט צו שעדיקן זיין עקזיסטענץ. איך האָב שטאַרק באַוווּנדערט די מענטשן, וואָס האָבן

געהאַט געגוג קראַפט צו קעמפן פאַר זייער איבער־צייגונג, אפילו דאַן ווען זיי האָט געדראָט שאַנדע, יסורים אָדער טויט. די דאַזיקע מענטשן זענען זיכער באַהערשט דורכן וווּנדערלעכן געפיל פון אינערלעכער רו. איר האָט מיך גע־פרעגט וועגן מיינע פּלענער. איך האָב בדעה אַוועקצופאָרן אין דאָזיקן צעפּיצלטן לאַנד, וועלכן די יידן באַצייכענען אַלס זייער הימלישן קעניגרייך אויף דער ערד. איך וויל זיך באַ־קענען מיטן דאָזיקן לאַנד... איך וויל באַזוכן דעם גליל, ירושלים... דאָס גאַנצע לאַנד.

— איך בין אייך מקנא, גענעראַל סאַטערלענד.

— אפשר וועל איך זיך באַזעצן נעבן צפת... אויפן הר־כנען...

אין צימער איז אַריינגעקומען מאַיאָר אַליסטייר. ער איז געווען בלייך און זיינע הענט האָבן געציטערט, ווען ער האָט איבערגעגעבן דעם גענעראַל טעוואַר־בראַון אַ מעלדונג.

— זאָל אונדז גאָט אַלעמען אָפּהיטן — האָט ער אַרויס־געשטאַמלט, איבערלייענענדיק די מעלדונג, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון ברוס סאַטערלענד.

דרינגענד!

אַרי בן־כנען, דער וואָרטזאָגער פון „יציאת איראָפּע" האָט מיטגעטיילט, אַז אָנהייבנדיק פון מאָרגן נאָכמיטיק וועלן יעדן טאָג צען פרייוויליקע באַגיין זעלבסטמאָרד אויף דער שיף „יציאת איראָפּע" פאַר די אויגן פון די ענגלישע זעלנער. די דאָזיקע פּראָטעסט־אַקציע וועט דויערן אַזוי לאַנג ביז די שיף וועט נישט באַקומען קיין דערלויבעניש אָפּצושווימען קיין ארץ־ישראל, אָדער ביז אויפן דעק וועט נישט בלייבן קיין איין לעבעדיקער מענטש.

ברעדשאָו האָט אין באַגלייטונג פון האַמפריי קראופאָרד און אַ טוץ אַדיוטאַנטן פאַרלאָזן לאָנדאָן און שנעל אָפּגעפאָרן אין אַ פאַרוואָרפן הויז, הינטער לאָנדאָן. עס זענען אים נאָך געבליבן פערצן שעה. סעסיל ברעדשאָו האָט ביים גאַנצן ענין געמאַכט אַ שווערן פעלער. קודם כל האָט ער לגמרי נישט פאָרויסגעזען, אַז די קינדער אויף „יציאת אייראָפּע״ וועלן אַרויסווייזן אַזאַ אַנטשלאָסנקייט. צווייטנס, האָט ער נישט געטראַכט, אַז דער גאַנצער ענין וועט אַרויסרופן אַזאַ טומל אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט אויך נישט געגלויבט, אַז בן־כנען וועט איבערכאַפּן די איניציאַטיוו און אים שטעלן אין אַ געצוווּנגענער סיטואַציע. ברעדשאָו איז געווען אַ פאַרעקשנטער מענטש, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט פאַרלאָרן און ער איז געווען איצט געצוווּנגען צו זוכן אַ קאָמפּראָמיס, וואָס זאָל דערמעגלעכן די ענגלענדער זיך אַרויסצודרייען מיט כבוד פון דער פרשה „יציאת אייראָפּע״.

ברעדשאָו האָט געגעבן קראופאָרדן און זיינע אַדיוטאַנטן אַן אויפטראַג זיי זאָלן זיך שטעלן טעלעגראַפיש אָדער טעלעפאָניש אין פאַרבינדונג מיט אַ ריי אָנגעזעענע יידישע פערזענלעכקייטן אין ענגלאַנד, ארץ־ישראל און אַמעריקע און זיי בעטן צו אינטערווענירן ביי אַרי בן־כנען. באַזונדערס האָבן די אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן פון ישראל געקאָנט באַווירקן אַרי בן־כנען ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין פּלאַן, אָדער ער זאָל מינדעסטנס אָפּלייגן דעם טערמין פון זיין אַקציע, ביז עס וועט געפונען ווערן אַ קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג. ווען אים וואָלט געלונגען צו באַקומען די הסכמה פון אַרי בן־כנען אויף פאַרהאַנדלונגען, וואָלט ער אַזוי לאַנג געפירט די געשפּרעכן, ביז די מענטשן אויף דער שיף „יציאת אייראָפּע״ וואָלטן אַלע אויסגעשטאָרבן. אָבער נאָך זעקס שעה האָט ברעדשאָו באַקומען דעם ענטפער אויף וועלכן ער האָט געוואַרט. אַלע יידישע

פּערזענלעכקייטן האָבן דערקלערט איינשטימיק: מיר וועלן נישט אינטערווענירן.

ברעדשאָו האָט זיך פֿאַרבונדן מיטן גענעראַל טעוואָר־בראַון, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין ציפּערן. ער האָט געבעטן דעם גענעראַל מיטצוטיילן די מענטשן פֿון „יציאת אייראָפּע", אַז די ענגלענדער זענען איצט פֿאַרנומען מיט אויסאַרבעטן אַ קאָמפּראָמיס־פֿאָרשלאָג. זיי בעטן דעריבער אָפּצולייגן די אַקציע אויף פֿיר און צוואַנציק שעה.

גענעראַל טעוואָר־בראַון האָט אויסגעפֿירט דעם אויפֿטראַג און האָט מיטגעטיילט אין לאָנדאָן דעם ענטפֿער פֿון אַרי בן־כנען.

דרינגענד!

בן־כנען האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז ער האָט נישט וועגן וואָס צו דיסקוטירן. די איינציקע פֿראַגע פֿאַר אים איז, צי „יציאת אייראָפּע" וועט אָפּשווימען אָדער נישט. ער פֿאָדערט אויך פֿולע אַמנעסטיע פֿאַר אַלע ארץ־ישראלים, וואָס געפֿינען זיך אויף דער שיף. בן־כנען רעזומירט: לאָזט אַרויס מיין פֿאָלק!

סעסיל ברעדשאָו האָט נישט געקאָנט מער איינשלאָפֿן. ער איז געגאַנגען הין און צוריק איבער זיין וווינונג און נישט געקאָנט געפֿינען קיין רו. עס זענען געבליבן נאָר זעקס שעה און דאַן האָבן די קינדער פֿון „יציאת אייראָפּע" געזאָלט אָנהייבן זייער אַקציע. דריי שעה זענען אים נאָך געבליבן, כדי אָנצונעמען אַ באַשלוס און אים פֿאָרלייגן דער ענגלישער רעגירונג. אַ קאָמפּראָמיס האָט געשיינט צו זיין אויסגעשלאָסן.

— צי קעמפֿט ער קעגן אַ וואַנזיניקן? אָדער אפֿשר איז דער דאָזיקער אַרי־בן־כנען אַ כיטרער פֿאַרשוין, וואָס האַנדלט לויט אַ קאַלטבלוטיק־אויסגערעכנטן פּלאַן, כדי אים אַריינצושלעפּן אין אַ פּאַסטקע.

לאָזט אַרויס מיין פאָלק!

ברעדשאָו איז צוגעגאַנגען צו זיין שרייבטיש און אָנגע־צונדן דעם לאָמפּ.

דרינגענד!

אַרי בן־כנען, דער וואָרטזאָגער פון „יציאת איראָפּע" האָט מיטגעטיילט, אַז פון מאָרגן צוועלף אַזייגער פאַרמיטאָג וועלן יעדן טאָג צען פריייייליקע באַגיין זעלבסטמאָרד...

זעלבסטמאָרד... זעלבסטמאָרד... זעלבסטמאָרד...

ברעדשאָוס הענט האָבן אַזוי שטאַרק געציטערט, אַז דאָס פּאַפּיר איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. אויף זיין שרייב־טיש זענען געלעגן צענדליקער אָפיציעלע דערקלערונגען פון פאַרשידענע רעגירונגען אין איראָפּע און אַמעריקע. אין אַ פאַרשטעלטער דיפּלאָמאַטישער פאָרם, אָבער אויף אַ גענוג קלאָרן אופן האָבן זיי אויסגעדריקט זייער זאָרג צוליבן אינצי־דענט מיט „יציאת איראָפּע". גלייכצייטיק האָט ער געהאַט פאַר זיך מעמאָראַנדומס פון די אַראַבישע מדינות, וועלכע האָבן געפּאָדערט נישט צו דערלויבן דער שיף „יציאת איי־ראָפּע" אָפּצושווימען פון ציפּערן.

סעסיל ברעדשאָו איז געווען צעטומלט. די לעצטע טעג האָבן זיך פאַר אים פאַרוואַנדלט אין אַ גהינום. ווי אַזוי איז דאָס אייגנטלעך געקומען צו דעם? דרייסיק יאָר איז ער געווען מאָסגעבנד אין די פראַגן פון דער פּאָליטיק אויפן מיטעלן מזרח און איצט איז ער געזעסן אין קלעם צוליב אַן אומבאַוואָפנטער שלעפּ־שיף... וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר? צי ווערן די מענטשן פון „יציאת איראָפּע" געטריבן דורך מיסטישע כוחות? ניין, ער איז געווען אַ רעאַלער פּאָליטיקער און האָט נישט געגלויבט אין קיין איבערנאַטירלעכע זאַכן.

און דאָך — צו זיין דיספּאָזיציע איז געשטאַנען אַן אַרמיי און אַ פלאָט. ער האָט געקאָנט, ווען ער וואָלט געוואָלט, אויפ־

רייסן „יציאת איראָפּע" און אַנדערע שיפן, וואָס האָבן געוואָלט דורכברעכן די בלאָקאַדע. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט אַנטשליסן אויף אַזאַ שריט.

אויך פּרעה פון מצרים האָט געהאָט די מאַכט אויף זיין זייט. ברעדשאָו האָט זיך באַגאָסן מיט אַ שווייס. דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטן — האָט ער זיך באַמיט צו טרייסטן. איך בין פּשוט איבערמידעט. וואָס פאַר אַ טפּשות!

לאָזט אַרויס מיין פאָלק!

ברעדשאָו איז אַריין אין ביבליאָטעק־צימער און דאָרט געפונען א תנ"ך. ער האָט שנעל, ווי אין אַ פּאַניק, גענומען לייענען די קאַפּיטלעך וועגן יציאת מצרים און וועגן די צען מכות, מיט וועלכע גאָט האָט געשטראָפט די מצרים.

צי אויך ער וועט פאַרעכנט ווערן אַלס פּרעה? צי וועט אויפן קאָפּ פון ענגלאַנד פאַלן אַ קללה? ער האָט זיך צוריק־געקערט אין צימער און זיך באַמיט צו פאַרגעסן דאָס געלייענטע, אָבער אין זיין מידן מוח האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן:

לאָז אַרויס מיין פאָלק... לאָז אַרויס מיין פאָלק...

— קראופאָרד! — האָט ברעדשאָו אויסגעשריען. — קראופאָרד!

קראופאָרד איז שנעל אַריינגעלאָפן אין קאַבינעט.

— איר האָט מיך גערופן?

— קראופאָרד, פאַרבינד זיך שנעל מיטן גענעראַל טער־וואָר־בראַון אין ציפּערן. זאָג אים... זאָג אים, אַז ער זאָל דערלויבן דער שיף „יציאת איראָפּע" אָפּצושווימען קיין ארץ־ישראל.

(סוף פון ערשטן בוך)